STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02364

# DOS HSIDISHE YUNGEL

Isaac Joel Linetzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס

# חסידישע יונגעל.

דיא לעבענס-בעשרייבונג פון א פוילישען יודען, פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען.

צו דער צייט פונ'ם אנפאנג דעם פאריגען יודישען יאהרהונדערט.

פון עלי-קצין האצחקואלי מק"ק וציוני.

דיא דריטע פאלקאמען איבערגעארבייטע אויסגאבע. פאן מיין

## פוילישען יונגעל.

בהוצאת האחים בלעטניצקי באדעססא.

ווילנא, תרסט.

ХАСИДСКIЙ ЮНОША.

Сочиненiе И. I. Линецкаго.

3-ое изданiе.

Изданiе и собственность Бр. Блетницкихъ въ Одессѣ.

1909.

ВИЛЬНА. Типографія «Вдова и бр. Роммъ».
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1-2.

# דיא פאררעדע צו דער 1-טער אויסגאבע.

## פונ'ם זעליגען ר' אלכסנדר צעדערבוים.

אינ'ם פאריגען יאהרגאנג „קול מבשר“ איז געגאנגען א פעלליטאן „דאס פוילישע יונגעל“. דיעזע ערצעהלונג האט אזוי שטארק פערטאינטע־רעססירט דעם עולם, אז מ'האט מיט אונגעדולד ערווארטעט פון איין וואך צו דער אנדערער דיא פארטזאטצונג. יעדער האט זיך פריער געחאפט לעזען דעם פעלליטאן פאר אללע פרישעסטע נייאיגקייטען, אפילו אזעלכע, וואס זענען גאר ניט אבאננירט אויפ'ן „קול מבשר“, האבען געקויפט, צו לעזען דאס בלאטט אום נאר דיעזע ערצעהלונג צו לעזען. נאך מעהר! — חסידים, וואס זענען גאר טויט ברוגז אויף דעם „קול מבשר“, ווער שמיעסט אויף דיעזער ערצעהלונג — גאר להרוג ולאבד! האבען אויך יעדער וואך געזוכט דאס בלאטט און האבען מיט פרגניגען געלעזען „דאס פוילישע יונגעל“, חאטשע אין זיך האבען זיי דעם שרייבער דערפון פערשאלטען דיא ביינער

פאר וואס „דאס פוילישע יונגעל“ האט אזוי שטארק נושא חן געוועהן ביא יודען — קענן יעדער פערשטעהן, אז ער בעטראכט, וויא נאטירליך דער פערפאססער האט אין דעם געשילדערט דאס פויליש-יודישע לעבען מיט דער דארטיגער ערציעהונג דיא קינדער, אזו, אז יעדער האט דאראינען געפונען א וואהרען שפיעגעל פון זיין יוגענד, און ווער עס האט אפילו אליין ניט דורכגעמאכט אזא לעבענסווייזע, האט ער עס בייגעוואהנט ביי זיינע בעקאנטע; אוודאי זענען אזעלכע זכרונות פון דער יוגענד ביא יעדען זעהר ליעב און טהייער! — גאר דיעזע ערצעהלונג האט אבער א סך פערלוירען דער מיט, וואס זיא איז צערריססען געוועהן אין פארטזאטצונגען, און וואס זיא האט נאך דעם צווייטען טהייל ניט געהאט, און מיר האבען געהארט און געזעהן, אי מינדליך, אי בריפליך, דעם אללגעמיינען וואונש, צו האבען דיעזע בעשרייבונג אין א זעלבסטשטענדיג בוך צוזאממען מיט'ן צווייטען טהייל. אויך דיא געבילדעסטע מבינים, אונטער וועלכען אויך דער וועלטבעריהמטער ה' חיים זעליג סלאנימסקי, האבען דאס זעלבע געאייסערט.



לכן

לכן האבען מיר יעטצט — וויא מיר האבען נאר וואס ערהאלטען פינ'ם פערפאססער דען צווייטען טהייל — זיך גענעהמען אבדרוקקען „דאס פוילישע יונגעל“, ביידע טהייל אין א זעלבסטשטענדיגען בוך און מיר זענען פעסט פערזיכערט, אז דאס וועט ביי אללע אונזערע אבאנענטען און פראוואט-לעזער שטארק אנגעלעגט זיין! און אפילו דיא, וואס האבען דעם ערשטען טהייל געלעזען אין „קול מבשר“ וועללען אונז אויך זאגען אגרויסען יישר כח.

דיא רעדאקציאן.

Одесса 15-го мая 1868 г.

(חס״א)

# א פאררעדע צו דער 2־טער אויסגאבע *)

אויסצודרוקען דאס אללעס, וואס איך האב יעטצט, ביי דער צווייטער אויסגאבע, אויפגעטיהן אין דעם „פוילישׁ יונגעל“, איז אזוי מאגליך, וויא עס איז מאגליך אין קורצען צו פערשׁטעהן גיבען גאנץ דארווין'ס שׁטה, וויא אזוי פין איין אביעזיאנע איז געווארען א מענטשׁ! אונ ווען איך זאל אייך דאס וועללען ערקלעהרען אין ווארטער, וואללט דיא פארעדע אויסגעקוממען גראסער פינ'ם ביך אליין ··· נאר דער יעניגער, וואס וועט א בהלן זיין נעהמען דיא ערשׁטע אדעססער אויסגאבע פין מיין „פוילישׁ יונגעל“ אונ זיא פערגלייכען מיט דיעזער צווייטער „אויסגאבע“, דער וועט זיך איבערצייגען אין מיין שׁווערער ארבייט, וואס איך האב יעטצט געהאט פאר זיך, איבערצוארבייטען ווירקליך פין איין אביעזיאנע— א מענטשׁען!...

אונ פאר וואס דאס איז אזוי שׁווער געוועהן, איז גאנץ איינפאך: דיא אדעססער אויסגאבע האט דיא רעדאקציע פינ'ם „קול מבשׂר“ געדרוקט אונטער מיינע אויגען אונ כמעט אהן מיין וויססען, נאר אזוי וויא דער ערשׁטער טהייל איז שׁוין געהאט געדרוקט געוועהן אין קול מבשׂר פריער, וועלכעס דיא רעדאקציע האט, וויא עס איז, געמוזט אנקוממען יעדער וואך צו מיין רעוויזיאן, איז— חאטשׁע זיא איז שׁוין אויך, ארטער וויים סקאווערקעט געווארען פין דער רעדאקציע— דאך ארויסגעקוממען אינ'ם ביך נאך עטוואס צו דערליידען ··· דעם צווייטען טהייל אבער, אזוי וויא איך האב איהם אוועקגעשׁיקט אין רעדאקציע — אזוי האט זיא איהם באלד, אהן מיין וויססען, געגיבען אין דרוקק, אום ביידע טהייל צוזאממען אבצודרוקען אין איין ביך, פין איהרע אבאנענטען וועגען, אונ איך האב עס שׁוין אין מיינע אויגען ניט געזעהן, ביז א צייט נאכ'ן אבדרוקען···· אודאי האבען זיך דערצינען געפאצקעט צעהנער פרעמדע האנד פין דער רעדאקציע, וועלכע האבען אזא בעגריף געהאט אינ'ם פוילישׁ־חסידישׁען לעבען, פונקט וויא דער פוילישׁער חסיד האט אבעגריף

געהאט

---

*) „2־טע אויסגאבע“ מיין איך נאך דער אדעססאר אויסגאבע, ניט רעכענענדיג דיא 10 אויסגאבען, וואס לעמבערג האט געדרוקט בגנבה וגזלה, אונ אללע זענען ניט ווערטה דיא רעד.

המחבר.

גֶעהָאט אִין בִּיסְמַארְקְס פָּאלִיטִיק .... הַיינְט קֶענְנְט אִיהר שׁוֹין פֶערְשְׁטֵעהְן, וָואס פַאר אַיין אַרְבַּייט אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיים אִיבֶּערְלִיפְטֶערְן דָעם גַאנְצֶען חֲלֹאם פוּן צוּרִיקק מִיט 3 יָאהר, אוּנ מְתַקֵן זַיין אַללֶעס, וָואס פְרֶעמְדֶע, אוּנְגֶעגִיהטֶע הָאבֶּען ־קָאלְיֶע גֶעמַאכְט, אוּנ דֶערְבַּיי נָאךְ נִיט אָבְּטְרֶעטֶען פִינ׳ם אָרִיגִינַאל אֲפִילוּ כְּחוּט הַשַׂעְרָה! ?... אִיהר ווַייסְט נִיט דָעם וַוייטֶען חִלוּק פִין אִיבֶּערְנֵייעֶן, בִּיז מַאכֶען אַ נַיי מַלְבּוּשׁ .... ?

וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אִינְטֶערֶעססִירֶען צוּ וִויססֶען, וִויא וַוייט אָרֶענְטְלִיךְ אוּנ קוּנְסְטְלִיךְ אִיךְ הָאבּ דִיעזֶע שְׁוֶוערֶע אוֹיפְגַאבֶּע אִיסְפֶעלְנֶעט — זָאל פֶערְגְלַייכֶען בֵּיידֶע אוֹיסְגַאבֶּען אֵיינֶע גֶעגֶען דֶער אַנְדֶערֶער, וֶועט עֶר זֶעהֶען, אַז אִיךְ הָאבּ דָא ווִירְקְלִיךְ נִיט גֶעשְׁעֶפֶּעט אֲפִילוּ דָאס מִינְדְסְטֶע אָדֶערֶעל פִין דֶער אָבְּיֶעזְיַאנֶע: דֶער זֶעלְבֶּער סְקֶעלֶעט, דִיא זֶעלְבֶּע אֵבָרִים אוּנ גִידִים, מִיט אֵיינֶעם וָוארְט: דֶער גַאנְצֶער אָרְגַאנִיזם פִין דֶער אָרִיגִינַאלֶער אָבְּיֶעזְיַאנֶע ווִיא עֶר שְׁטֶעהְט אוּנ גֶעהְט — אוּנ דָאךְ פִין אֵיין אָבְּיֶעזְיַאנֶע אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ פָאלְקָאמֶענֶם מֶענְטְשׁ! —

**המחבר.**

Одесса 20-го января 1895 г

# ערשטער טהייל.

---

דערצעהל ניט איז ביטטער — עס דרוקקט דאס הארץ וויא א שטיין;
דערצעהל יא איז זאווער — א שאנדע פאר זיך אליין —
נישמעהר שאנד אויף א זייט, וואס שפיעלט כבוד פאר אראלל,
געגען דער טובה, וואס קענן ארויסקוממען דעם כלל!

---

וויא מיטשען דאס דארף, וויא קראנקען דאס מוז,
אז מע ווייסט ניט, צי איז מען דאס, וואס מע איז?!

---

דער טאטע זאל געוועהן פיהלען חאטשע א טויזענד-חלק'טעל פון די צרות, וואס איך טראג היינט איבער — וואלט ער זיך ניט אזוי געשמאלצען אין יענעם תחלת-הלילה, ווען די מאמע האט ביי איהם גענעהמען די שליססעליך פון די האנד ··· נישמעהר די זאך איז פערפאללען! אוודאי וועלל איך אייביג וועגען אויף יענער וויסטער מינוט, אין וועלכער איך בין געבראכען געווארען פון אייביגע קעסט אין גן עדן, אונ האב, פון אזא ליטערען, ברייטען הימעל, געמוזט אריינפאללען אין א פינסטערען, ענגען בויך אריין, אונ זיך דארט אבמיטשען, וויא אויפ'ן טויט, 9 חדשים כסדר, אונ דערנאך ערשט פיהרען א לעבען פון א לאנגער, שווערער גסיסה, נאמט, דער האדר, ווייסט נאך, ביז וואנעט אונ פאר וואס ····? אמת, די תורה, וואס דער מלאך האט מיט מיר געלערענט ביי דער מאמען אין בויך, האט מיך אביססעל געטישעט אין מיין פינסטערער לאגע דארט, צום אונגליקק איז אבער מיין מלאך געוועהן א גרויסער פייפער, בעזאנדערס נאך שבת נאכ'ן טשולענט, ווען דער טאטע מיט דער מאמען זענען שוין לאנג אויפגעשטאנען אונ האבען זיך שוין געקוויקט מיט'ן געזאטענעם ארבעס אונ באהרליך-יאך, אונ איך האב בעדארפט אויסהארען זייער שמים וועגען מיר פון וועלכען איך האב ניט פערשטאנען, וואס פאר ברואים זייא זענען ···· אונ וואס מיך ערווארטעט ביי זיי אינ'ם לעבען ···· א מאל, אין א ערב תשעה-באב ביינאכט, איז זיך מיין מלאך אזוי בעזאפטשנע געשלאפען — ווייל תשעה באב טאר מען דאך ניט לערנען — אונ איך האר פינ'ם טאטען מיט דער מאמען — בעת זיי

זָענֶען גֶעזֶעסֶען אוֹיף דֶער פְּרִיזְבֶּע אוּנ אַרוֹיסְגֶעקִיקְט וֶוען דֶער הִימֶעל וֶועט זִיךְ שְׁפַּאלְטֶען — אַזַא מִין שָׁמַיִם וֶועגֶען מִיר: „וִויא מֵיינְסְטִי, יָאסִי — זָאגְט אַזוֹי דִיא מַאמֶע צוּם טַאטֶען — זָאל עֶס טַאקֶע זַיין אַ יוּנְגֶעל, הַא?“ — „וָואס פְּלוּידֶערְסְטִי, שְׁטִיא אֵיינֶע — עֶנְטְוֶוערְט דֶער טַאטֶע מִיט אַ בֵּייזֶער — אַז דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט „אַ מֵאדֶעל“, פְרֶעגְסְטִי נָאךְ שְׁאֵלוֹת?“ — „גֵעה שׁוֹין גֵעה, דִיא בַּאזֶער נַארר אֵיינֶער — זָאגְט דִיא מַאמֶע מִיט אַ וֵוייךְ שְׁמֵייכֶעלְדִיגֶער שְׁטִימֶע — אִיךְ טְרֵייבּ קַאטוֹעֶס, נֶעהמְסְטִי עֶס שׁוֹין אַן פַּאר אֵיין אֶמֶת? אִיךְ זָאג עֶס גְלָאטְט אַקֶעגֶען דֶעם, וָואס דֶער יָאקְטֶער הָאט עֶפִּיס גֶערֶעטְעֶן אַ בּוֹרְטְשֶׁע גֶעטִיהָן, אַז אִיךְ טְרָאג אַ יוּנְגֶעל .... נָא, וֵוייסֶען זַייא, אַ דִיא לַייט, פוּן זַייעֶר חַיוּת צוּ זָאגֶען?“ .... „טְפוּשְׁ'אֶכֶע אֵיינֶע — הָאט שׁוֹין דֶער טַאטֶע אַ זָאג גֶעטִיהָן מִיט אַ וֵוייכֶער מוּנֶע — מָאהל דִיר, וֶוען עֶס זָאל אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת זַיין אַ יוּנְגֶעל, וָואלְט עֶס אוֹיךְ דֶער צַדִיק מְהַפֵּךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ מֵאדֶעל, בִּפְרַט, אַז עֶר הָאט אוּנְז, מִיט זַיין פֶּה קָדוֹשׁ, בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט „אַ מֵיידֶעל“ נָאךְ אֵיידֶער בִּיסְט פֶערְגַאנְגֶען אִין טְרָאגֶען! .... נָא, אִיז נָאךְ דָא וָואס צוּרֶעדֶען?“ .... „בִּיסְט טַאקֶע זֶעהר גֶערֶעכְט, בֶּנֶאֱמָנוּת — זָאגְט דִיא מַאמֶע וִויא פֶערְשֶׁעהמְט — מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶעזֶעהְן, נִיט אֵיין מָאל, אַזֶעלְכֶע וְוינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂים פוּנ'ם צַדִיק, זָאל מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זַיין!“ — „אַזֶעלְכֶע וְוינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂים“ — זָאגְסְטִי — הָאט דֶער טַאטֶע גֶעאֶנְטְוֶוערְט מִיט אַיין עֶרֶענְסְט-חוֹזֶק'דִיגֶער מוּנֶע — אוֹיךְ מִיר וְוינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂים! .... אַ קְלֵיינִיגְקַייט! ... אַ וָוא! .... מָאהל דִיר, שְׁטִיא אֵיינֶע, אַז עֶר הָאט דֶעם פַארְצֶעלַיוּוקֶער דוּכְס פֶערְהָארְפֶּען אִין אַ וָואלְפְקוּלַאק, צִי אַז עֶר הָאט מִיט אֵיין פָּאךְ מִיט זַיין שְׁטֶעקֶען, צוּטְרֵייבֶּען דִיא שְׁוַוארְצֶע כְּמַארֶעס אִין אַשְׁטָאק-פִינְסְטֶערֶער נַאכְט, פוּן קִדוּשׁ-לְבָנָה וֶועגֶען — אִיז עֶפִּיס מֶעהר גְדוֹלוֹת דֶערְפוּן, הָאט מֶען נָאךְ וָואס צוּרֶעדֶען פוּן אַזַא נִישְׁטִיגֶען מוֹפֵת? הַא?..“ — „דֶער רוּחַ וֵוייסְט זַיי, אַ דִיא וַואבֶּערִיעס — הָאט דִיא מַאמֶע אַ זָאג גֶעטִיהָן עֶפִּיס וִויא מִיט אַ קְוֶוענְקֶעלְדִיגֶער שְׁטִימֶע, שֶׁעהמֶענְדִיג זִיךְ פַאר זִיךְ אַלַיין — וָואס זַיי זֶענֶען אַזוֹי פֶערְקָאכְט אִין דֶעם אַלְטֶען שְׁטוּרְמַאק, דֶעם יָאקְטֶער, אַז אַ כְּלָל, וָואס עֶר זָאגְט נָאר, אִיז בַּיי זַיי תּוֹרַת-לָאקְשֶׁען, אוּנ אַזוֹי — זָאגֶען זַיי — מוּז מְקוּיָם וֶוערֶען, וִויא עֶר הָאט גֶעזָאגְט... וָואס הָאסְטוּ מִיר דָא פֶערְאִיבֶּעל צוּא הָאבֶּען? אַ יוּדֶענֶע הָאט לַאנְגֶע הָאאר אוּנ קֶערְצֶען שֵׂכֶל... אָט, וֵוייסְטִי גָאר וָואס, יָאסִי סֶערְדְצֶע, — הָאט זִיא, נָאךְ אַ מִינוּט פֶערְטִיעפְּטֶעס שְׁוַוייגֶען, אַ זָאג גֶעטִיהָן, וִויא מִיט אֵיין אַיינְשְׁטֶעלֶענְדִיגֶער מוּנֶע — בְּשַׁעַת דֶער הִימֶעל וֶועט זִיךְ שְׁפַּאלְטֶען, לָאמִיר בֵּיידֶע אִין אֵיין קוֹל אוֹיסְשְׁרַייעֶן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַ יוּנְגֶעל! וֶועט זִיךְ עֶס שׁוֹין אַוַדַאי אַזוֹיא מְקוּיָם וֶוערֶען!...“ נָאר דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ וִוילְד צוּבַּאזֶערְט אוֹיף אִיהר פַאר אַזַא הָעָזָה,

צו געהען געגען דעם צדיק'ס רצון, און האט אויסגעלאזט מיט דיא ווארטער: „ביסט געוועהן א בהמה און וועסט בלייבען א בהמה! און מעהר האב איך מיט דיר ניט וואס צו רעדען!...“

דערהערענדיג אזא שמים, איז אין מיר פערקיהלט געווארען איטלעכס אבר: וועה איז מיר, וואס וועלל איך טיהן, אז איך וועלל חלילה ווערען א מאדעל!? איך האב זיך דערמאהנט דיא וויסטע קארטינעס, וואס איך פלעג אפט זעהן דורך מיין פענסטער אין גן-עדן, וויא מען צאפקעט אין גהנים אריין דיא פוילישע דריפקעס, פערשמאנדערטע, פערקויטיגטע, מאמעטליווע און דערשלאגענע, מיט דיא נאקעט-געגאלטע קאפ און אויס-געפארצטע ציין און אז מע האט זיי עפים אפריג געטיהן מכוח זייערע חפצית אויף דער וועלט, פלעגען זיי אויסגלאצען א פאאר פערקיסנעטע אויגען, וויא אמויז נאך ערד-ציטערניש, און פליגען אנקוקען וויא לעהמענער גולם — אוודאי פלעג נאך דעמעלט אויף מיר ציטערען דיא הויט פאר דעם איינציגען פחד: טאמער וועל איך נאך חלילה אמאל דארפען זיין א מאדעל ביי א פוילישען חסיד? נאר דעמעלט האט מיך נאך דיא האפפנונג געטרייסט: הא, אפשר וועל איך נאך דיא זכיה האבען צו זיין א ליטווישעס פרויענצימער אין איידעל-אריסטאקראטישעס הויז אזוי וויא, אשטייגער, דיא אלטע בכבוד'ע דאממען, וואס מע פלעגט זעלטען ברענגען אין גן-עדן אריין, אזוי ריין, שיין, זויבער, צעקעמט און קלוג, אז ס'האט פשוט דערקוויקט איטלעכס אבר — ציגד אבער, אז איך האב שוין, צום אונגליקק, דערוויסט, וויא הין איך האב מיך פאפאדעט... קענט איהר שוין פערשטעהען דאס פלאמעניש מיינס: טאמער וועלל איך טאקע איין אמת גאך ווערען חלילה אמיידעל צו דיא אללע גילדענע צייטען! — אמת, פון דיא פוילישע יודעלעך אין גהנים האב איך אויך גאר ווייניג וואס נחת געזעהן; אויך פערדריפעטע, קוטיגע, פערביסענע און פערגיפטעטע וויא דיא לצים, וואס פון אונטערען שאול תחתיה ארויס — נאר דאך ניט דאס וואס דיא פוילישע דריפקעס; טאקע א לא יצלח, א נמאס ומאוס'דיגע בריאה, איין אויסגעמאטשעטער וויכעס, איין אויסגעקוועטשטע גרוגרת ד"ר צדוק — נאר אבער א מאנסביל... איהר פערשטעהט, וואס ביי פוילישע חסידים זנאטשעט דאס ווארט „מאנסביל“?... א מאנסביל — א פערשטינקענע וואנץ, א שטימעלעלע, א לעהמענער גולם — איז מושל און דעספאט איבער דער שענסטער, קלוגסטער און געראטהענסטער נקבה!... נישמעהר אז איך וועל מיך אפילו שרעקקען פון היינט ביז איבער איאהר — בין איך דאך ביים צדיק אין דיא הענד און וועט מיר העלפען אזוי וויא אטויטען באנקעס!

ס'איז מיר אפילו אגרוים חידוש געוועהן; פאר וואס איך האב אין גן־עדן גאר קיין מאל ניט געהערט דיא נאמען, „רבי, מגיד, גוטער יוד כדומה? — נאר אקשיא אויף אמעשה, אפשר זענען זיי נאר פערטיהן אין גהנים, וועגען מתקן זיין דיא נארריש־זונדיגע נשמות פון דיא פוילישע דריפקעס... א קצור, איך האב דיא 9 חדשים קאם מיט דיא צאן דערשלעפט, פלאטערענדיג אללע מינוט: אט, אט ווער איך א מאדעל. — איהר דארפט מיר ניט פעראיבעל האבען, ליעבע לעהזער, פאר מיין אומזיסטיג שרעקעניש איבער אזא פוסט נארערשקייט, דען איהר מוזט דאך בערעכנען, אז בייא דער מאמען אין בויך האב איך דאך דארט דעם שכל ניט געהאט צובערעכענען, אז דאס, וואס דיא נאטור מאכט איין מאל אב, קענען עס שוין אייביג, אין קיין שום פאלל ניט איבערגעאנדערשט ווערען! עס זאלען זיך אפילו צונויפנעהמען אללע פוילישע גוטע־יודען, מיט אללע ליטווישע ראש־ישיבה'ניקעס און מיט אללע 36 למ״ד־וא״וניקעס אונטערגעשלאגען — וועלען זייא ניט איבערמאכען אפילו דאס מינדסטע אדערעל, וואס אונטערען אויערעל פון א מילב!... מע זאל אפילו מאכען א פלאג פון דעם זאזולעניצער־מגיד'ס שטעקען מיט'ן נאזארעניצער־צדיק'ס טלית־קטן און צוגעבונדען מיט'ן ראכמעסטריווקער־רבינ'ס יום־כפורדיגען גארטעל, און דער ראש למ״ד־וא״וניקעס אליין זאל מיט איהם פאכען ביז משיח'ס צייטען — וועט ער ניט אבטראגען דאס קלענסטע שטיקעל כמארע פון זיין ארט ובפרט א מענש, וואס איז דיא ערשטע און לעטצטע קונסט אין דער נאטור, זאל מען זיך איינרעדען, אז א פויליש גוטע־יודעל וועט קענען איבערמאכען פון א יונגעל א מיידעל!!! אודאי האב איך נאך דעמאלט דעם שכל ניט געקענט האבען, נאר דאס האב איך יא אויף זיך גענעהמען: באם, אז השי״ת וועט מיר העלפען, איך זאל מיך אויסדרייען א יונגעל — וועל איך דערוייזען דער וועלט, אז דיא גוטע־יודען האבען א סך וועניגער באם רבונו של עולם, פון א מינדסטע יאקטערעל אין סטריזשעווקע... צום אונגליק אבער, האט מיך־בעת געהן אויף דער וועלט־דער מלאך א שנאל געטיהן אויף דער אייבערשטער לופ, און איך האב גאר פארגעססען אין הכל פאקעל... ערשט אז דער טאטע איז געפאהרען צום רבי'ן נאך א נאמען און איך האב נאכ'ן ברית דערהערט מיין נאמען „יצחק" — בין איך ערשט געוואר געווארען, אז איך בין א בנים א יונגעל... און דער צדיק האט נאך פון זיין ליגען גאר א נייעם מופת געמאכט: „א־א־א" — האט ער מיט פארגלאנצטע אויגען צום הימעל וויא געקרעכצט פאר'ן עולם — „א־א־א! דאס קינד איז זעהר א הויכע נשמה, און בכדי מיין כבוד ניט צו לעגען, האט דיא שכינה כביכול געמאכט א רמאות, און מיר געוויזען אין חלום דאס ווארט „בת" במקום „בן"..."

נישמעהר, איך מעג שוין אפילו זיין א נידריגע נשמה — אבי ניט קיין פוילישע דריפקע! — אונ יעטצט וועל איך מיך אומקעהרען צו מיין געבוירען:

## 1.

## ווען הייב איך אן צופיהרען מיין געשפרעך פון זייט מיין געבורט ביזן אויסנאנטשען מעך.

---

דיא ערשטע מינוט פון מיין קוממען אויף דער וועלט, האב איך בעמערקט ליגען ביא דער מאמען אין בעט א קאלאדאטש מיט איין אלט ספר'ל, אונ אין עטליכע שעה ארום נאך מיין געבוירען, האב איך דערזעהן עפּיס מינים בריוולעך, אנגעהאנגען אויפ'ן פירהאנג אונ אויף אללע טיער אונ פענסטער פון מיין קינפּעט־חדר. דערזעהענדיג דעם קאלאדאטש, איז מיר ממש פרחא נשמתי געווארען, עפּיס האט זיך מיר נאך וויא אין חלום, געמערעשטשעט דיא מעשה, וואס דער מלאך אין בויך האט מיט מיר געלערענט פון יצחק'ס־עקידה־האב איך געמיינט, אז דאס וויל מען מיר, א פנים, אויך מאכען דיא שפּיעל מיט דעם קאלאדאטש, נאר אזוי וויא קינדערשע פארשטעללונגען פליהען דאך איבער כהרף־עין, ובפרט נאך ביא א א נפל'ע וויא איך, האב איך באלד פארגעססען דעם קאלאדאטש אונ זיך גענעהמען בעטראכטען דאס ספר'ל, אונ אזוי, קלעהרענדיג: וואס קענן דאס זיין? האט זיך עס גראדע אליין אויפגעעפענט, אונ איך האב עס באלד דערקאנט מיטן ערשטען קוק: „גוואלד! האב איך אויס'געבטל'ט חלומות אין זיך — דאס איז דאך אות באות דאס זעלבע חמוש'ל, וואס דער מלאך האט מיט מיר געלערענט אין בויך, אונ וועלכעס מען האט אזוי הייליג געאכט אונ געשאטצט ביא אונז אין גן־עדן, וויזשע דערוואגט מען זיך עס צו לעגען אין אזא אומריין בעט פון אללערלייא מיתה־משונה קאהלירען!?"... נאר אינמיטטען דעראינען בין איך אנטשלאפען געווארען, אונ אויפכאפענדיג זיך, האב איך שוין בעמערקט דיא קינפּעט־בריוולעך ארום מיר. איך זעה עפּיס א קעסטעלע אויסגעמאהלט, אינווענדיג דיא נאמען פון דיא אבות מיט דיא אמהות, אונ אויווען א שיר־המעלות פון דוד המלך עליו השלום; אוודאי איז דאס ביא מיר משונה אנגעלעגט געוועהן: דיא גאנצע חברה האב איך פערזאנליך געקענט אין גן־עדן, אונ דעם שיר־המעלות האב איך דארט ניט איין מאל געהארט אויף קאנצערטען פון דוד'ס מויל אליין, מיט א כאהר פון מלאכי השרת; אוודאי האב איך

מיך עפיס געפיהלט וויא אין דער היים ... נישמעהר וויא טאר מיר עפיס וואיל בעקוממען ? — מוז מיר דאס שטיקעלע נחת אויך אויספאללען באקאם : נא דיר גאר, פונקט איבער דעם קעסטעלע, דעם פיינעם בחור׳ס נאמען מיט גרויסע אותיות : „שטן“! אונטער דעם קעסטעלע — די זיססע בחור׳טע „מכשפה“, נאך אין דרייערלייא פאכען געדרייט !?... דאס האט דאך מיך געקריינקט אין דער זיבעטער רופ : גוואלד, אזעלכע קליפות, מחבלים שטעלט מען גאר אויס, וויא שומרים, ארום אזעלכע הויכע, הייליגע הימעל-מענשען, דיא ערשטע אונ גרעססטע אין דער וועלט !?... היינט וואס בעטייט עפיס דיא אונטערשטע שורה : חאטש צוריים זיך פערשטעה איך ניט איין ווארט !... ס׳איז דאך נאריש, אויף יענער וועלט האב איך דאך געקענט אללע שבעים לשונות וויא א וואססער. נא ? ס׳זאל אפילו זיין טוטעריש, צו טערקיש, וואללט איך דאך אויך בעדארפט פערשטעהען חאטש א רמז דרמיזא ? ענדליך האב איך געפריווט דיא ווערטער איבערלעגען אויף תשר״ק, אויף א״ת-ב״ש, אויף אח״ס-בט״ע — ס׳געהט ניט ! נאך א מינוט וואללט מיר מיין קליין מוח׳ל געוועהן צושפרינגען געווארען טראכטענדיג, ווען דיא באבע זאל מיך ניט פליצעם געוועהן אריינגעטצען אין א מילטער היים וואססער...

אבער ניט מיט׳ן קינפעט אליין בין איך שוין אבגעקוממען : נא דיר איין אלטע מכשפה, א באבע אויף מיין קאפ ! 3-4 מאל א טאג האט זיא מיך, וויא א פאימאניק, וויא איין נעווילניק, געבונדען האנד אונ פיסס ארונטער, געשטיקט אין א קישען וויא דעם אתרוג אין קלאטשע, כמעט אללע מינוט אויף מיר געבלאזען, געשעפטשעט אונ געגענעצט, אונ אז איך האב, אויף איהר קיקענדיג, אויך א גענעץ געטיהן, פלעג זיא מיר אנשפייען א פיל מויל... אונ אז איך בין שוין דיא אלטע מכשפה, צו־אמען מיט׳ן שלישי-למילה פטור געווארען, האט זיך אנגערוקט נייע צרות, נייע שרעקקען : אז ס׳האט מיך געריזעט אין בייכעל, צי געפרייעט דיא היטץ, צי געביססען א פלוי, א וואנץ, אונ איך פלעג נעביך א וויין טיהן פאר וועהטיג-האט מיך דיא מאמע אדער דאס דינסט-מאדעל אזוי אנגעהייבען קאדוישעשען אין קישען, אז שיר שיר האבען זיך מיר אללע וויאזעס אויסגעקרימט, אונ דיא געהירען איבערגעקעהרט, אונ שוין גאר אין בעסטען פאלל האט מען מיר דאס מויל פערשטאפט מיט דער בריסט, אז איך בין שיר דערווארגען געווארען ; נאך ניט, וואס דיא ברוסט — אז דיא מאמע פלעג אבער אוועקגעהען אשת-חיל׳ן אין קראהם, פלעג מען מיר גאר פארשטיפען דעם פיסק מיט עפיס א קויטיג-זיססליך שטאקקעלע, מיט וועלכען איך פלעג מיך אבווארגען שעה ען-וויים בסדר. — צו 2 חדשים אלט, האט מען מיך שוין אריינגעלעגט אין א וויעגעלע, — א׳ דאס האב איך די זכיה ניט געהאט זיך צולעגען אין דעם,

ביז מע האָט ניט פֿריער אויסגעוויינט אַ קאַטץ — נאַ? און וויענעלע וואָלט מיר שוין אַפֿילו נישט קשה געווען, כלעבען: מע שאַקעלט זיך, מע הוידעט זיך, אַוודאַי אידאָס בעסער ווי צו ליגען אַ קלימפּע אין קישען — נאָר ווי טאָר איך הנאה האָבען פֿון מיין פֿערשטינקען לעבען: אַוודאַי איז ניט געווען דער טאָג כמעט, וואָס איך בין ניט אַרויסגעפֿאַללען פֿונ׳ם וויענעלע; היינט האָט זיך איינס פֿון די 4 שטריקלעך איבערגעריסען, מאָרגען האָט זיך דער צוויאַק אין באַלקען אָבגעבראָכען, איבערמאָרגען האָט זיך אַ קניפּ אויפֿגעבונדען, און פֿונ׳ם שטענדיגען איבערבינדען און איבערקניפּען די שטריקלעך, בין איך אַללע טאָג אַלין אויסגעקימען העכער און העכער, ביז אין אַ משך פֿון אַ פּאָאָר חדשים בין איך שוין געווען כמעט לייבען דער סטעלי... ניט אומזיסט האָט דער צדיק געזאָגט, אַז איך בין אַ הויכע נשמה... דערפֿאַר אָבער, וואָס העכער מיין נשמה איז אויסגעקימען — דעסטאָ גרעסער איז מיין פֿאַלל געווען... ווידער אַז ס׳פֿלעג זיך מיר, אַ מאָל מאַכען אין די צרות, פֿערגלימטען זיך אַ שפּיעל טיהן מיט׳ן שטן אויף דער סטעלי, צו קוקען אינ׳ם לעבט אַריין, צי זיך אַזוי אַ ביססעל באַלעווען ביינאַכט, און די מאַמע, צו דאָס דיענסט-מאָדעל האָבען אָבער געוואָלט, איך זאָל אָהן תּרוץ נאָר האַלטען אין איין שטיק שלאָפֿען, כדי זייא זאָלען אויך קענען ריהען-פֿלעגען זייא מיך שטענדיג שרעקען מיט אַ שד, אַ באַבאַי, אַ רוח, אַ דאָמאָוויק, אַ בעטלער מיט דער טאָרבע וכדומה אַזעלכע מוראַשידלעס, ביז איך האָב שוין מורא בעקימען פֿאַר זיך אַליין, און עד היום, אַז איך דערזעה ביינאַכט מיין שאָטען געגען דער לבנה, צי אַ ווייסע ציעג שלעפּט די שטרויא פֿון אַ שטריבע, צי אַז אַ שיין פֿון דער לבנה שלאָגט זיך אָב אין אַ פֿענסטער פֿון אַ פֿינסטערער שטיב, וכדומה — מיין איך שוין, אַז ס׳איז אַוודאַי אַ שד, אַ לץ, אַ מת, אַ באַבאַי... און מיין לעבען איז דעמעלט ניט ווערטה אַ גראָשען!...

אַקיצור, ניט אַזוי גיך טיהט זיך ווי עס רעדט זיך, איך בין יאָקאָם אַלט געוואָרען אַיאָהר; איך קריעך שוין אויס אַללע ווינקעליך, איך נאַרע מיך שוין אויס אין אַללע פּאָסקודסטוועס, איך עסס שוין דאָס אַש פֿון דער הריבע, איך נהרג מיך שוין 18 מאָל אַטאָג, און נאָך איטליכען פֿאַלל צערייסט מיר די מאַמע דעם סטאַהן, גיעססט אויס אַביססעל וואַססער און שפּרעכט אָב דאָס אָרט מיט אַ קאָלאַדאַטש... און טאַקע ממש ווי מיט די האַנד צוגענעהמען!.. איך בלייב אַלין מעהר מיט׳ן ווי-הייסט-מען-עס אין דרויסען, און פֿאַלל שוין אויף איין אַנדער אָרט... ווען די ווענד פֿון דער שטיב זאָלען חלילה געווען זיין בעהאַנגען מיט שפּיעגלען, וואָלט איך, פֿין שרעקק אויף מיר קוקענדיג, געווען

געשטארבען 10 מאל א טאג: איין אנגעבראקנעטע טימענעצע איבערען גאנצען קאפעל: איין אויסגעניארעט פנים'ל אין סאזשע מיט פלאטע, א פילל מיילעכען מיט סמארק און סלינע: אויפ'ן ארט פונ'ם מלאך'ס שנאל, אויף דער איבערשטער לופ, אפוילבליך-רויט גארעלע פון דיא שטענדיגער אבגעריגענע סטרעמפליך פונ'ם נאזעל; דיא האנדליך מיט דיא פיסלעך קויטיג, נאסס און גליטשיג, און דאס באלף-מחילות'ל וויא אין אַיארמעלקע פון אלט-פערגעהלטען-פערשמאלצעוועטען שפאניער... און באמת, ווער האט זיך געוואלט אבגיבען מיט מיר? דאס דיענסט-מאדעל, וואס פלעג בעקוממען 6 קערבליך איאהר מיט אפאאר אלטע שקראבעס פונ'ם טאטענס יאלעוויטשענע פאנטעפעל, האט געביך בעדארפט ראמען, ניאנטשען, שמירען, הייצען דיא הריבע, פערזארגען דיא בהמה, טרייבען אין טשערעדע, טראגען פאמייניצעס, פליקקען פעדערען, ווישען דיא נאז און קראצען זיך מיט ביידע האנד אין קאפ... און דער מאמען נעביך איז דאך אודאי ניט געוועהן פעראיבעל צו האבען: אחוץ איהר קראהמען און בעל-הבית'טען און לאטען און מארעוושען און תחנות-לייענען און קעבלען דעם טאטען פון אחלק עולם-הבא וועגען... האט זיא שוין דעמעלט נעביך געבראכען און ניט געקענט קוקען אויף קיין פלייש... איהר ווייסט דאך אליין, אז צווישען יא און ניין ווערט געבוירען אשאק חסידים'לעך, עס זאל חאטש אנקוממען יעדען גיטען-יודען אפאלק פליאסקעדריגעס אויף זיין חלק... און וואס מעהר דיא צדיקים סטארען זיך, צו פאבריקירען קליינע פיד-רבינטשעקליך — דעסטא מעהר סטארעט זיך דער עולם, אנצופלאדען פון זייערעט וועגען קליינע חסידים'לעך... נא, וואזשע זאל מיין טאטע נעביך ערגער זיין פון אללע? ובפרט אז ער איז דאך גאר דעם רעבי'נס לייב-אדיטאנט, און דאס איבערשטע פונ'ם שטאססעל ביי איהם!...

ובכן, מאג איך אפילו צוריסטען ווערען וויינענדיג, גע'נהרג'ט און גע'נזק'ט ווערען פאללענדיג, אויסגעניקערט ווערען הינגערענדיג און פרירענדיג און אויסגערויעט זיין אין טנוף, סמארק און בלאטע — איז דאס קיינעמס דאגה ניט, און אזא לעבען האב איך פאוואלי פערבראכט ביז איך בין אלט געווארען 3 פערשריגענע יאהר, און בין, ענדליך, איבערגעגאנגען אויפ'ן טאטענס פאמפעטשעניע...

(הס״א)

דער

2.

## דער טאטע הייבט מיך אן פיהרען אויף זיין סליעד און ווילל איך זאל שוין טאקע זיין א פאלנע יוד.

---

ווי איך בין נאר אלט געווארען 8 יאהר, האט מיך דער טאטע גענעהמען אין דיא האנד אריין, און האט מיך אנגעהייבען מחנך זיין מיט מצות און מעשים-טובים .... נאר טאמער וועט איהר אפשר מיינען, אז ער האט מיך געלעהרענט אזעלכע פיסטע מדות, ווי דיא דאטשונעס לעהרנען זייערע קליינע קינדער, למשל: דעם פסוק „תורה צוה לנו"; קישען עלטערען דיא האנד אויפשטעהענדיג און לעגענדיג; דאנקען פאטער און מוטטער פאר יעדען עססען און טרינקען, וכדומה? האט איהר אמיאס'ן טעות! פע, אזעלכע מצות הייסען ביי עהרליכע יודען, אין פוילען, עבירות, און מע לייכט זיך אויס אויף זיי דאס גרעססטע געלעכטער; אדרבא, פינקט פערקעהרט, אין א זעלכע זאכען פלעג מיך דער טאטע תמיד לעהרנען דעם היפך; ער פלעג מיר תמיד הייסען שטעללען דער מאמען א פייג, און דיא מאמע פלעג מיר תמיד ווייזען, איך זאל רייססען דעם טאטען ביי דיא פאלעס, און קוים איז איימעצער אריינגעקוממען אין שטיב אריין — אזוי פלעגען זייא מיך שוין ביידע מיטשען און טארען: „א נא, איציקעל, זאג איהם .... נא, גיכער! ...." דאס האבען זיי געוואללט, איך זאל זאגען דעם אורח: „שלום עליכם א גיטער-יוד אהאלבען ת . . . אבגעבריהט", און נאך אזעלכע געשאדיגטע חכמות . . . נא, מילא, איז דאך פין יענע מצות, וואס א יוד, א זקן, איז זיי אויך ניט מחויב צו טיהן על פי התורה, און מוז זייא דאך טיהן על פי מוסר און דרך-ארץ . . . למשל: ער האט מיך געלעהרענט, נישט ציבינדען דעם קאלנער פינ'ם העמדעל אזוי ווי א חארט .... ציהאלטען דיא גאנצע נאכט דיא יארמעלקע מיט ביידע האנד, זיא זאל חלילה ניט אראפפאללען, אין שלאף, פינ'ם קאפ ... פורים זאל איך מיך איבערקעהרען 18 מאל אויפן טיש הין און צוריקק כדי מקים צו זיין דעם „ונהפוך הוא" .... פסח זאל איך מיט איהם אויסזיטצען ביים סדר ביז דיא האנען קרייען; יום-כפור זאל איך ביז 12 אזייגער ניט טועם טעם אכילה זיין, און אגאנצע טאג ארומלויפען אין דיא זאקען; סוכות שלאפען אין סוכה אפילו אין דער גרעססטער קרירא; זיך ניט קאממען דיא פאות נאר פין פרייטאג צו פרייטאג; אללע ערב שבת געהן מיט איהם אין מרחץ אריין און אבגאלען דאס קאפעל ביז אין דער הויט אריין וכדומה אזעלכע מצות .... נישמעהר, וואס מיט דיא אללע מצות איז געוועהן — רעד איך שוין ניט

נאָר דאָס מרחץ אַללע פֿרײַטאָג — דאָס איז מיר דערגאַנגען מײַנע יאָהרליך, אונ ווײַל איך וועלל לעבען קענן איך עס ניט פֿערגעסען, אונ ווען איך דערמאָהן זיך אין דעם געהט מיר איבער אַגרויל איבערן לײַב! — שטעללט אייך פֿאָר דאָס פֿינסטערע, ברענענדיגע יודישע מרחץ אין פּוילען וויא עס קעהר צו זײַן, אונ דאָרט פֿלעג מיך דער טאַטע אַללע פֿרײַטאָג אַרויפֿשטאָפּקען אויף דער אייבערשטער באַנק אונ קאַטעווען מיט'ן פֿערזעווע באַזעמעל אַפּערטיל שעה כסדר פֿאַר דער מקוה אונ אַמינוט נאָך דער מקוה .... אונ דאָס איז נאָך ערשט אַשפּיעלעכען געוועהן אַקעגען דער קאַמעדיע אַליין, איך מיין דיא כשר'ע מקוה זאָל לעבען! יענץ האָט מיר נאָר וועה געטהאָן — אונ דאָס האָט מיר טויט-שרעקקען געמאַכט ... אונ איהר ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז אַ קינד איז לײַכטער איבערצוטראָגען וועהטיגען איידער איין שרעקק! שטעללט אייך פֿאָר אַדרײַ-יעהריג יונגעל, וואָס ווייסט נאָר אַרומלויפֿען גאַנצענע-טאָג אויף דעם שאָגעס, שפּיעלענדיגען, לעכטיגען דרויסען, האָט ער מיך פֿליצעם ביים האַנדעל אונ פֿיהרט מיך, אויף דרייסיג פֿערציג שמאָהלע, קרומע, צעבראָכענע, גליטשיגע טרעפּ, אַראָפּ, אַראָפּ, אין אַפֿינסטערען קאַלטען, מיעפֿען גריב אַראָפּ, וויא אויף דעם גאַנצען מהלך, שטיפּען זיך, היין אונ צוריק, נאַקעטע, גליטשיגע מענשען, יודען, איהר פֿערשטעהט: יודען! ניט מיין גלייכען יונגלעך ... וואָס מיט יעדען גליטשיגען ריהר זייערען אין מיין לײַב, האָט מיך אַמין גרויל, וואָס איך קענן נאָר דעם טעם ניט איבערגיבען ... דעמאָ שרעקקליכער נאָך, וואָס ס'איז אין אַפֿינסטערען תהום ... אונ דערציא האָרט זיך נאָך אַללע רגע אַמין פֿערבאָרגענער, ווייטער, טויבער פֿליוסק אין וואַססער, אונ אַפֿערדומפּטען קול, וויא עפּיס אַשרעקקליך ווידער-קול אין אַפֿינסטער-געדעכטען ווילדען וואַלד, מיט אַפֿיסטע, כמאַרנע, וויסטע מדבר הערום, פֿין וואַנען מע קענן, דאַכט זיך, אייביג ניט אַריין, ניט אַרויס ... אונ אַט אין אַ דיא אַללע גרויליכע, שוידערענדיגע שרעקקען, האָט ער מיך פֿליצעם ביי בײַדע האַנדליך, וויא אַ רוח אַ מלמד, אונ טוהט מיך אַפּוטין ראשא ורובא אין וואַססער אַריין אַזוי, אַז הערויסנעהמענדיג מיך ווייסט איך לחלוטין גאָר ניט, וואָס מיט מיר טוהט זיך, נאָר איך פּלאַטער וויא אַ פֿער'סמ'טע מויז, איך פֿערפּעשטשע מיט הענד אונ פֿיס, נאָר וויא איך זיך אינדערפֿינסטער מיין נשמה ... איהר האָט ליעבע לעזער, אַבעגריף אין מײַנע טויט-שרעקקען? ... „יאָ!“ — אַ ליגען, וויא איך בין אַ יוד! וויפֿיעל איהר שטעללט אייך פֿאָר, איז נאָך בלעבען קיין טויזענד-חלק ניט דערפֿין, וואָס איך האָב איבערגעפֿיהלט אין דער מינוט! ... חוץ דער עפּוש'דיגער ריח, מיט'ן טערפּקע-ביטטערליכען טעם פֿון דער מקוה-וואַססער. אָדער, בעססער געזאָגט; פֿון דער פֿאַמאַנער-יאַמאַ ... איין אמת בין איך טאַקע

פוּן דֶעם טָאטֶענְס מִרְחָץ'עֶן אוּנ מִקְוָהוֹת אַזוֹ רֵיין אוּנ זוֹיבֶּער גֶעוָוארֶען, אַז אִיךְ קֶענְ מִיךְ נָאךְ עַד הַיוֹם נִיט אָבְּוַואשֶׁען מִיט דִיא בֶּעסְטֶע זֵייפֶען אִין דִיא לוֹיטֶערְסְטֶע פְרִישֶׁע וַואססֶערֶען... אִיךְ הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ סַךְ אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת צוּ שְׁרַייבֶּען, נָאר אִיךְ וַוייס דָאךְ, אַז אִיהר וֶועט זִיךְ נָאר מַאכֶען דֶערְפִין אַ פַּאטְיֶעכַא — אוּנ בַּיים טָאטָען אִיז דָאס גֶעוֶועהן דֶער גַאנְצֶער יְסוֹר פוּנ'ם יוּדֶעשְׁקַייט!...

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָבְּגֶעמִיטְשֶׁעט נָאךְ אַ יָאהר אִין דֶער הֵיים, בִּיז אִיךְ הָאבּ דֶערְהֶארְט, אַז מֶע רֶעדְט שׁוֹין מִכּוֹחַ אָבְּגִיבֶּען מִיךְ אִין אַ חֵדֶר. אִין פְלִיק בִּין אִיךְ אֲפִילוּ זֶעהר צוּפְרִידֶען גֶעוֶועהן דֶערְפִין, כְּ'לֶעבֶּען, מִיר אִיז שׁוֹין טַאקֶע אַלֵיין נִמְאָס וּמָאוּס גֶעוָוארֶען דִיא הֵיים, אַז אִיךְ זֶעה אִיךְ בִּין הֶפְקֵר וִויא אַ הוּנְד אוּנ סְ'אִיז נִיטָא, וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקִיקֶען אוּיף מִיר חָאטְשׁ אַמָאל אִין דֶער וָואךְ: דֶער טָאטֶע אִיז יוֹמָם וָלַיְלָה פֶערְטִיהְן מִיטְ'ן צוּנוֹיף-נֶעהמֶען דָאס מַעֲמָדוֹת-גֶעלְד פוּנ'ם רֶבִּי'נְס וַועגֶען אַזוֹי, אַז, אַ חוּץ נָאר דִיא מִצְוֹת, הָאט עֶר מִיךְ אִין זִינֶען וִויא דֶעם פַארַאיָאהרִיגֶען שְׁנֵעה... אוּנ דִיא מָאמֶע אִיז נֶעבִּיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען מִיטְ'ן קְרָאהמֶעל, מִיט דֶער שְׁטִיבּ אוּנ, וְעַל כֻּלָם, מִיט דִיא פִּיטְצְלֶעךְ קִינְדֶערְלִיךְ: אֵיינְס הָאט זִיךְ אִיהר נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט בַּיים פַאַרְטוּךְ, דָאס אַנְדֶערֶע אוּיף דִיא הַאנְד אוּנ מִיטְ'ן דְרִיטֶען אוּיף דֶער צַייט... אַוַדַאי וָואלְט מִיר שׁוֹין דָאס חֵדֶר אַ סַךְ נִיחָא'ר גֶעוֶועהן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, אַז דָארְט וֶועט מֶען אוּיף מִיר הַשְׁגָחָה גִיבֶּען, אִיךְ זָאל חָאטְשׁ וֶוערֶען אַ שְׁטִיקֶעלֶע מֶענְשׁ, אִיךְ מֵיין שׁוֹין נִיט וִויא דִיא נְגִיד'שֶׁע קִינְדֶער-אָבֶּער חָאטְשׁ וִויא דִיא פְּרָאסְטֶע-בַּעֲלֵי-בַּיִת'שֶׁע קִינְדֶער אִין שְׁטָאדְט... נָאר אַז אִיךְ הָאבּ פְּלִיצְעם גֶעהֶארְט אַ שְׁמוּעָה, וִויא דֶער טָאטֶע זָאגְט אַזוֹי צוּ דֶער מָאמֶען: „דִיא זֶעהסְט דָאךְ, ווִיטְיֶע, אַז אִיךְ בִּין שְׁטֶענְדִיג פֶערְטְרָאגֶען אִין דַאגוֹת פַּרְנָסָה, טָא נֶעהם דִיא אוּנ גִיבּ אִיהם אָבּ אִין חֵדֶר אַרֵיין. כְּ'לֶעבֶּען, מֵילָא אַ גְמָרָא-מְלַמֵד אִיז עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער נָאךְ מִיט אַ דַרְדְקִין מְלַמֵד זָאל אִיךְ הָאבּ צוּטִיהְן, הַא? פֶערְשְׁטֶעהסְט דָאךְ אַלֵיין, אַז סְ'אִיז נִיט פַאר מִיר!" — „בִּיסְט טַאקֶע זֶעהר גֶערֶעכְט, כְּ'לֶעבֶּען — זָאגְט דִיא מָאמֶע — אִיךְ וֶועל אַוַדַאי נִיט זְשַׁאלֶעוֶועז מַיין טְרוּד; נָאר זָאג זְשֶׁע דִיא מִיר, יַאסִי, צוּ וַועהמֶען זָאל אִיךְ אִיהם אָבְּגִיבֶּען? הָאסְט זִיךְ הֵיעַ מֶעהר נִיט וִויא 2 דַרְדְקִי מְלַמְדִים: נַחְמֶן טְרָאסְק אוּנ נְחֶמְיָה מִיטְצֶעל, צוּ צוּ וַועהמֶען זְשֶׁע אִיז נָאךְ דַיין חַוַת-דַעַת גְלַייכֶער?" — „אִיךְ וַוייס...? — זָאגְט דֶער טָאטֶע — מִיטְ'ן דֶרֶךְ הַטֶבַע אִיז גְלַייכֶער צוּ נַחְמָן טְרָאסְק"... — „עֶר אִיז דָאךְ אָבֶּער אַ ווִילְדֶער קַאט אוּיף קִינְדֶער אוּנ חוּץ לָזֶה הָאט מִיר וֶועכְנֶע דִיא פִירְזָאגֶערֶען אַנִימֶעלְט דֶערְצֶעהלְט, אַז זִיא וַוייסְט פוּן אַ סַךְ לַייטִישֶׁע יוּדֶען, אַז נְחֶמְיָה קֶען אַ סַךְ בֶּעסֶער לֶערְנֶען פוּן נַחְמָן'עֶן!" „מֵילָא, אַלְ'ץ אִיז רֶעכְט — זָאגְט דֶער טָאטֶע — נְחֶמְיָה

אִיז דָאךְ אָבֶּער נִיט מַיין רֶבִּי׳נְס חָסִיד . . . !״ — „נָא, וָואזְשֶׁע אִיז־אָנְט דִיא מָאמֶע מִיט אַ וַוייךְ שְׁמֵייכֶעלֶע — פָּאהְרְט עֶר צוּם זָאדְקִיוֶעצֶער צַדִיק, אָבֶּער אַ חָסִיד אִיז עֶר דָאךְ . . .״ „אִי, שַׁטִיא! — רִיהְפְּט זִיךְ אָן דֶער טַאטֶע מִיט אַ שְׁוַואכֶען בֵּאזֶער — דִיא וַוייסְט טַאקֶע גָאר נִיט מַה דְקָאמְרִי רֶבִּי׳צֶען, וִויא הֵייסְט? דֶער זָאדְקִיוֶעצֶער אִיז דֶען אוֹיךְ אַ גִיטֶער יוּד? אִיךְ הָאבּ פוּנ׳ם רֶבִּי׳נְס פֶּה קָדוֹשׁ אַלֵיין גֶעהָארְט אַז דֶער זָאדְקִיוֶעצֶער אִיז נָאר גָאטְס׳ם מַארְשֶׁעלִיק, וַוייל זַיין נְשָׁמָה אִיז גֶענֶעהְמֶען גֶעוָוארֶען פִינְ׳ם עוֹלָם־הַלֵצָה, אַ סִמָן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז דֶער זִוּג מִיט אִיהם אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנְקְט אִין דֶער בְּלִינְדֶער נַאכְט, וָוארֶען זַיין בְּרִית אִיז גֶעוֶועזֶן אוּם יוֹם־כִּפּוּר . . . דִיא פֶערְשְׁטֵעהְסְט אַ טַייט פוּן אַזַא הִימֶעל מֶענְשֶׁען, הַא? . . .״ — „אִיךְ וַוייס? — זָאגְט דִיא מַאמֶע, וִויא אַ פֶערְשִׁיל־דִיגְטֶע — אִיךְ זֶעה, אַ וָועלְט פָּאהְרְט צוּ אִיהם, אִיז בַּייא מִיר, נַארִישֶׁע יוּדֶענֶע, זֶעהר רֶעכְט״ — „אֶ אֶ! — זָאגְט דֶער טַאטֶע — אַ קַשְׁיָא וָואס מֶע פָּאהְרְט! אֶלָא־מַאי מֶע פָּאהְרְט אִין דִיא לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבוֹת אַרַיין אוֹיךְ — נָא? הָאט עֶס דֶען עֶפִּיס אַ מַמָשׁ? אוֹיךְ נָאר אַ פֶערְפִיהְרְטֶע זַאךְ! . . . קָארְג הָאט דֶער רֶבִּי, הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת־שִׁירָה, גֶעקְרֶעכְצְט אוֹיף דִיא יְשִׁיבוֹת? עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז דִיא יְשִׁיבוֹת מִיט דִיא רַאבִּינֶער־שׁוּהלֶען זֶענֶען בֵּיידֶע אוֹיף אֵיין מַדְרֵגָה: פוּן דָארְט וַואקְסֶען גְרֵייטֶע אַפִּיקוֹרְסִים, אוּנ פוּן דִיא לִיטְווִישֶׁע מִתְנַגְדִים וֶוערֶען שְׁפֶּעטֶער אַפִּיקוֹרְסִים . . . אוּנ דִיא יְשִׁיבָה־בָּחוּרִים זֶענֶען נָאר בְּחִינַת „וְגַם עֵרֶב־רַב עָלוּ אִתָּם״ . . . אוּנ דָא הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַ תּוֹרָה, וָואס ס׳אִיז מַמָשׁ בּוֹקֵעַ רְקִיעִים . . . נִישְׁמֶעהר, וָואס וַוייסְטִי? בִּיסְט נִיט מֶעהר וִויא אַ כְּשֵׁר׳עַ בְּהֵמָה״ . . .

„נָא, — זָאגְט דִיא מַאמֶע מִיט אַ רַחֲמָנוּת׳דִיג פָּנִים — וָואס קֶענְסְטִי פָאדֶערֶען פוּן אַ־נ־אִשָׁה! ? אוֹדַאי פֶערְשְׁטֵעהְסְטִי אִין נָאגֶעל מֶעהר וִויא אִיךְ אִין קָאפּ, מַא טִיה זְשֶׁע וִויא דִיא פֶערְשְׁטֵעהְסְט . . .״ פוּן אַזַא זִיסֶען שְׁמִיסְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט שְׁטוּיסֶען, וָואס חֵדֶר בֶּעטַייט? אוּנ אַז אִין חֵדֶר וֶועט נָאךְ אֶפְשַׁר עֶרְגֶער זַיין וִויא אִין דֶער הֵיים . . . אוּנ כַּךְ הֲוָה! :

3.

## נִישְׁטָא דֶער רֶעדְנֶער, דֶער מַאהְלֶער, דִיא פֶעדֶער, וָואס קָאנֶן אָפְּמָאהְלֶען אַ פּוֹילִישׁ־יוּדֶעשׁ חֵדֶר!

אַז דִיא מַאמֶע הָאט מִיךְ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אַרַיינְגֶעפִיהְרְט צוּ נַחְמָן טְרָאסְק אִין חֵדֶר אַרַיין — אִיז מִיר פִינְסְטֶער אוּנ וַויסְט גֶעוָוארֶען אִין

(חס״א מיינע

מיינע אויגען: אין שטיב א בלאטע איבערען גארטעל; ביא דער טיער
א דייזשקע וואסער און לעבען איהר א פערשימעלטע פאמיניצע מיט
א ווערך, און פון אויווען איז ארימגעשווימען דאס, וואס ס'איז המן'ען
געפאללען אין קאפ אריין ... דיא קליינע 4-טאפלדיגע פענסטערליך זענען
פעריאגט געוועהן פינ'ם פראסט אפשר אויף א פינגער דיא גראב און
ער פראסטיגער מאך אויף זייא איז צעררינצעלט געוועהן מיט פיגורען
אין מגן-דוד'ס, איקס-מיקס-דריקסען, קאטשערעט מיט לאפעטעס און
נאך פערשיעדענע קרימע און ציקעגדיגע ריגעלעך מיט פאסקעלעך,
וועלכע טיעפער און שמאהלער איינגעגראבען, און וועלכע ברייטער
און נאר פון אויווען-אפ געקריצט; וועלכע זענען נאך פריש און העללבליך
געוועהן, און וועלכע שוין עלטער און פעריאגטער; זעלטען איז צו=
בעמערקען געוועהן נאך גאר א פריש ריידעלע ביז אין גלאז אריין, וואס
א יונגעל האט, א פנים, נאר וואס געמאכט מיט א קאפיקע, און פון
אללע פענסטערליך איז גערוננען אויף דיא וואנד ביז אין דער ערד אראפ.
3 קליינע קינדערליך מיט פערשפיליעטע העמדליך אונטער דיא ארעמליך
האבען זיך געראיעט אין דער בלאטע און געקראכען ראטשקאם און כמעט
שטענדיג זענען זייא אויסגעקיממען מיט דיא באלף מחילות'לעך צום
פראנט ... א לאנגער שמאהלער טיש מיט א הוידעוודיקען שטאלען, מיט
שטריקלעך איבערגעבינדען און איבערגעקניפט, און מיט א אויסגעפלעקטער,
אויסגעברעננטער און צוקארדאשעטער דעקק, ארום וועלכען, אויף
געמאכטע באנק פון א שמאהלער, סיקעוואטער ברייט אויף 2 האלבע
קלאטצליך, זענען געזעסען פערשיעדען-וויקסיקע יונגלעך, איינס אין-עס-
אנדערע איינגעוואקסען, און אלע מיט דיא פלייצעס איינגעקלעבט אין
דער נאסער, פראסטיגער וואנד, און כמעט אויף יעדע 10 יונגלעך איז
געליגען איין סדור, און דאס איינע איז שוין אויך דריי מאל אזוי
גראב און געשוואללען וויא פינ'ם דרוקק ארויס ... אויפ'ן עק טיש איז
געשטאנען איין אלטער גרויסער קאשעק מיט טעפליך, לייבען וועלכען
ס'איז געשטאנען א גרויסער ראבער קאטער און האט געלעקקט,
קלאפענדיג מיט'ן ווידעל איבער א תלמיד'ס קאפעל. אין ווינקעל צום
אויווענאן איז געוועהן א שמאהל טיהרעל אן א טיער, דורך וועלכען עס
האט זיך געזעהן אין שטיב אריין דיא אונטערשטע האלב-לאנג רבי'צען,
בייגענדיג און שטערבענדיג מיט אקאטשערע אהין, א פנים אין אויבען
אריין, און ביא יעדען עפפען דיא פעדערשטע טיער, האט זיא ארויס-
געשטעקט דעם קאפ אין א פערשמאלציוועטער קופקע מיט א גליטשיג,
פערשווייסיגט פנים, נאר עפיס וויא וואנקע רא-טיו-טיו אין פאלאטקע פינ'ם
פענסטערעל ארויס ... דער רבי איז געזעסען אויווענאן ביא דער הריבע,
אהן א קאפאטע, מיט א פערגעהלטען טלית-קטן, דיא אונטערשטע

העלפט איבערגעווארפען פין פארענט אונ האט זיך געטשעפעוועט אין דער הריבע; א צעשפאלטענע פערסאלעטע יארמעלקע אין פעדערען, וואס איז פין פערעלטערטע קנייטשען שוין אזוי איינגעשרימפען, אז זיא איז שוין מעהר איינליך אויף א פאקרעשקע וויא אויף יארמעלקע, איז געליגען פערריקט אויף זיין פליכעוואטע געגאלטען קאפ וויא אגרויסער קיילעכדיגער מיליוטען-מיט-ציקוטען-פלאסטער אויף אגרויסער גוליע; אין איין האנד האט ער געהאלטען אגראבען קאנטשיק אונ מיט דער אנדערער האט ער זיך, דורכ'ן צעבראסטעט-קויטיגען העמד, געקראצט אינ'ם וואלד געגרייזעלטע האאר אויף זיין ברוסט. אריינקומענדיג אין שטיב, האבען מיר געטראפען דיא קארטינא, וויא דער רבי מיט'ן בעהעלפער האבען געקנאקט מיט דיא קאנטשעקים, דיא חדר-יונגלעך האבען געגאנערט וויא א סטייע גאנז, דיא קינדערליך זענען איבער-געריסען געווארען פין געוועהן אונ אינמיטען דעראינען איז דיא רביצין איבערגעלאפען דיא שטיב וויא א וויכער, האלטענדיג, אין א האנטשערקע, א האלאוועשקע אין דער האנד, אונ פוטין אין פאמיינצע אריין! א דא אידאס געווארען א פארע מיט א זשוזשעריא איבער דער גאנצער שטיב, וויא מ'גיסט אויף אויפ'ן קעססעל אין באד!...דיא מאמע האט גערעדט א פאאר ווארטער מיט'ן פראפעססאר אונ איז אוועקגעגאנגען, אונ איך בין אליין געבליבען אין דעם נייעם אינסטיטוט.

דיא מאמע איז נאר וואס ארויס פון דער שטיב, איז דער רבי אפירגעגאנגען פין אונטערען טיש גלייך צו מיר מיט דיא ווארטער: „דיא זעהסט א דעם קאנטשיק? דער מיט שמייסט מען א יונגעלע, וואס וויל ניט לערנען“ . . . אונ דערבייא האט ער שוין דערלאנגט א יונגעל מיט'ן קאנטשיק איבער'ן קאפ, כדי מיר צו ווייזען, וואס „קאנטשיק“ בעטייט?... מיט דיא רעד האט ער מיך א שלעפ געטיהן צום טיש, האט געעפענט דאס געוויססע געשוואלענע סדור, אונ האט מיך א פרעג געטיהן: „קענסטי עפיס לערנען?“ — „נ-נ-נ-י-י-ן“ האב איך, אין איין פלאטערניש געאנטווערט אונ האב מיך צו וויינט, „ציט!“ האט ער א האלבען געשרייא געטיהן „וואס האסטי זיך שוין אזוי צוואכמערט?“ אונ דערבייא האט ער מיר געטיהן א קניפ אין בעקקעל, אז עס האט מיך אזש אנגעחאפט ביים הארצען... אונ איך האב מיך נאך מעהר צו וויינט. א דא האט ער מיך אנידער געזעטצט בייא זיך אויף דער קניע, אונ האט מיר אנגעהייבען ווייזען מיט'ן טייטעל: איין אלף, א בית, נאר בייא דער בית האב איך פערגעססען דיא אלף אונ בייא דער אלף — דיא בית. ער האט א קיק געטיהן, ס'איז שלעכט, האט ער מיר אנגעהייבען איינרעדען, אז קוים איך וועל בעגעהרען לערנען, וועט מיר דער מלאך ווארפען א גראשען פון דער סטעלי. . .

דערהארענדיג אזא גדולה, האב איך שוין גאר לחלוטין פערגעססען דאס סדור און האב אליין פעררייססען דעם קאפ צו דער סטעלי... א דא האט ער מיך אנגעהייבען סטראשען מיט אללערלייא פחדים: אז איך וועל ניט בעגעהרען לעהרנען, וועט מען מיך אויף יענער וועלט שמייסען מיט אייזערדיגע קאקעריזעס: מלאכי-חבלה'ניקעס וועלען מיך אנוועקטאסקען אונטערן ארון-חושך (הרי חושך); שדים וועלען מיך פערקויפען צו דיא ציגיינערס; ביינאכט וועלען זיך מיר חלום'ען מתים, ובדומה אזעלכע שרעקליכע סטראשידלעס, פון וועלכע ס'איז אין מיר פערקיהלט געווארען דער מאמעס מילך, עס האט זיך מיר שוין אויסגעוויזען: דיא אל"ף איז א שד און דיא בי"ת — איין אייזערדיגע קאקעריזע און דאס גאנצע סדור - א ארון חושך... ביז איך האב מיט א מאל אויסגעפלאצט אין א יאממערליך געוויין, און מע האט מיך געמוזט אבפיהרען א היים; נאר דיא גאנצע נאכט האט זיך מיר שוין אלין פירגעשטעלט: אז רוחות און מתים, מיט אייזערדיגע קאקעריזעס אין דיא האנד גלאנצען אויף מיר דיא אויגען און שרייען אויף קולי-קולות: „זאג אל"ף! זאג בי"ת!..." און בין א חודש געליגען אין א גאראטשקע צווישען לעבען און טויט... איך וויים שוין פאראויס, אז ווען א פוילישער יוד, צי א יודענע וועט לייענען דיא ווערטער, וועלען זייא צושמייכלען אין זיך, מיינענדיג, אז איך דערציהל זייא עס נאר פאר א פאטיעכע, און מיין גאר ניט זיי... אין אמת אריין וויים איך, אז אזוי וויא איך האב מיך דעמעלט געשראקען פאר דיא רוחות, מתים און אייזערדיגע קאקעריזעס, אזוי האבען אללע פוילישע יודלעך נאך עד היום מורא אימת-מות פאר שדים, לצים און מתים, אז דער רוח נעהמט זיי אזש צי, און זיי בערעכענען עס גאר ניט, אז דאס האבען זיי גאר בירושה פינ'ם זיסען חדר, און האבען קיין רחמנות ניט אויף זייערע קליינע קינדער, זיי זאלען זיי שוין ערציהען אויף א בעססערען אופן, אום זיי זאלען שוין פערשפארען פערברענגען זייער לעבען אין אנקסטען און שרעקק. נישמעהר וויא זאלען זיי דיא קינדער אבגעוואהנען דערפון — אז זיי אליין גלעבען נאך דעראינגען וויא אין גאטט?... קארג גיבט עס מעשות אין פוילען מיט א לץ אין קעהלער, מיט מתים אין שיהל, מיט א וואלפקולאק, א דבוק און א ניט-גיטער?... און טאקע דאריבער בעוואהרען זייא דיא קינפעט-קינדער מיט דיא אללע טערפקע נאמען, וואס אונטער דיא שיר-המעלות'ן אויף טיער און פענסטער; דאריבער שלאגען זייא אן שמירות מיט קמעות אין דיא קעהלערס און קאממערען... און וואס מעהר זיי בעוואהרען זיך — מעהר האבען זיי מורא... און דאך פיהרען זיי דיא קינדער אויף דעם אייגענעם דרך, וואס זייערע פאנאטישע טאטעס האבען זיי געפיהרט; און צום אמת איז דאך עס פארט ניט מעהר וויא נאר

א פערפיהרטע זאך! מע האט נאך דערווייל קיין מאל ניט פערבוטטען א קינפעט-קינד אויף א שד... מע האט נאך דערווייל קיין מאל ניט געזעהען מיט דיא אויגען א לץ אין קעהלער... מע האט נאך עד היום ניט געהערט דאוועגען מתים אין שיהל... נא, און אז דער קברות-יוד אליין גנב'עט דיא תכריכים פון דיא מתים אראפ — האלט ער דען דעמעלט א שיר-המעלות, צי א שמירה, צי א קמיע אין קעשעניע...? און וואס טראכט זיך דעם רבי'נס גבאי, בעת ער פערנארט וועהמען איך ווייסס אין בית-הכסא אריין ביינאכט? — דארט איז דאך געוויס ניטא קיין שמירות מיט קמיעות!... און וואס דענקט זיך טאקע דער רבי מחילה אליין, ווען מען ריהפט איהם צום סטאנאוואי, אדער צום ספראווניק...? דארט איז דאך אויך קיין שמירות ניטא-נא? האט ער זשע דען מורא דארט פאר א שד, א לץ? אסור, בנאמנות! דארט האט ער גאר מורא, דאכט זיך, פאר'ן וויא-הייסט-מען-עס... נאך מעהר חדוש. ווען א פויליש יודע, לייענט עפיס א יודעש ביכעל, ציא א גאזעטע וועגען אזעלכע נארישע פאנאטיזמוס און אבערגלויבעריי, שמייכעלט ער נאך אונטער און טיהט א זאג דערביא: „וואזשע? ער איז דען ניט גערעכט דער שרייבער? האבען דען ניט אונזערע יודען אין זיך א דיא אללע שטותים און דומהייטען, וואס ער שרייבט?“ און אליין בערעכענט ער זיך גאר ניט, אז דאס איז ער טאקע אליין דער יוד פון זיינע „אונזערע יודען“... און פערבעססערט זיך ניט אפילו אויף א האאר! — איך ווייסס אזוי זיכער וויא איך לעב, אז איטלערס פויליש יודעל, נאכ'ן אפלייענען א דאס ביכעל מיינס, וועט אויך ניט איין מאל, קיממענדיג צו רעד, א זאג טיהן: „אפשר ניט גערעכט דאס פוילישע יונגעל, וואס זאגט דארט דאס און דאס, צי וואס שרייבט דארט אזוי און אזוי?...“ און וועט גאר בסך הכל פערגעססען, אז דאס אללעס לייענט טאקע אין איהם אליין, נאך אפשר מעהר וויא אין אללע... און וועט זיך אלץ אזוי טשוואניען, גלייך וויא איהם מיינט מען עס גאר ניט... און איך זאג אייך בפירוש, אז דיא בעשרייבונג מאך איך ניט פון א מעשה וועגען! איך מיין פשוט, טאמער וועל איך חאטש קענגען דערמיט אבראטעווען איין פויליש יודעל, ער זאל אויסקווארפען א דיא אללע פאנאטישע גאנג וואס פערפאמערען איהם זיין לעבען, און זאל ווערען א שטיקעל מענש! און דעם איינעם מיין איך יעדען... און אויב דיא טאטעס זענען שוין פערפאללען, לאזען זיי חאטשע זייערע קינדער ניט פערוויסטען זייער וועלט! — נישמעהר איך בין שוין צו ווייט פערקראכען; לאס איך מיך שוין אומקעהרען צו מיין דרדקין חדר:

## 4.

# וויא נאך גיבט עס אזעלכע צדיקים און לומדים וויא אין פוילען דיא יודישע בעהעלפער און מלמדים!?

---

אין א קערצער צייט בין איך וויא געוואהנט געווארען מיט'ן חדר; איך האב זיך שוין פין דיא יונגלעך אנגעהערט א סך מעשות פין מתים, פין מלאכים פין שרייטעליך: דאס יונגעל האט מיר דערצעהלט, אז זיין טאטע געהט אללע באנאכט אויפ'ן הימעל ארויף אין לעהרענט דארט תורה מיט דיא מלאכים, נאר אז ער חאפט זיך אויף פערגעססט ער ביז איין אות... דער דערצעהלט, אז ווען זיין טאטע פאהרט ערגעץ אוועק, קיממט באנאכט דער דאמאנוק צו זיין מאמען און ווארגט זיא... יענץ יונגעל שווערט, אז זיין עלטערע שוועסטער חאפט אפט שרייטעליך אין קעהלער און רייסט זייא אראב דיא קאפעלושלעך, ברענגען זייא איהר געלט... א-נ-אנדער יונגעל דערצעהלט, אז זיין טאטע האט א שפרוך צו מכשפות איידער זייא בעקיממען גראווע האאר... איינער האט גאר דערצעהלט, אז זיין טאטע דערקענט דיא מתים וואס געהען ארום אויפ'ן עולם התועה, און זייא ברענגען איהם געלט, ער זאל זייא ניט אויסגיבען... און נאך אזעלכע מעשות, פין וועלכע עס שטעללען זיך דיא האאר קאפויר, און זענען דאך זעהר ציקאווע צום הארען... היינט האב איך מיך אויסגעלערענט דיא אללע ליעדעלעך, וואס זענען פשוט מחיה דיא נשמה, א זטייגער: אבינו מלך; ציגעלע-מיגעלע; איינגע-דעביינגע, שאטש-פאטש; מיזעלע-מאזעלע; בערעלע-בערעלע; פי פי, פי פייגעלע; ארענע-בארענע; אפיי-אנע-פאסעק-אנע; איינם-איינם-אה, וכדומה. א כלל, עס וואלט שוין גאר נישט-קשה געוועהן אין חדר — ווען ניט א דער עכבריש, דער בעהעלפער, קיין גיטען סוף זאל ער ניט האבען! ער איז מיר דערגאנגען דעם עק! ביים לעהרנען האב איך געמוזט אבשטעלן פאר איהם שעהן'ן-וויים דאס העמדעל פערשפיליעט, און ער האט געפיצקעט, ווען ס'האט זיך איהם נאר פערוואללט; דעם איבערבייסען מיט'ן ווארעמעס האט ער כמעט אינגאנצען ביי מיר אויפגענאשט — האב איך ניט אויסגעזאגט דער מאמען — בין איך געשטארבען פאר הינגער, האב איך יא אויסגעזאגט — האט ער מיך גע'הרג'עט, גע'ממית'ט; שוין גלייבער ניט אויסזאגען און בעססער היטען דיא ביינער! און איך וועל טאקע ניט אויסזאגען, אז ווען ער געהט זיך מיט אונז באדען, לאזט ער זיך אראב גרונטעווען אונטערען וואססער

אונ קוממט תמיד ארויס דארט, וויא דיא ווייסע גאנז... באדען זיך. ווארען ס׳איז ניט מיין עסק — אביא ער טשעפעט מיך ניט!...

איהר מוזט וויססען, אז מיט מיין בעהלפער האט מען גאר ניט גע-קענט מאכען, ווארען ער איז מיט ווילדע תקיפות א בעהלפער געווארען, אונ אלע מאמענס וואלטען פאר איהם דיא אויגען ארויסגענעהמען! דיא מעשה איז אזו געוועזען: אז ער איז נאך אלט געוועזען א יאהר 10-12, האט ער געהאט א טיהכטיגס צו חאפען פליגען אונ הרג׳נען, אונ פערקויפען זיי דיא ריבאקעס אויפ׳ן פינט פאר א קאפיקע, אדער א לעבעל ברויט. דורך דיא ריבאקעס איז ער פערנאנט געווארען ביים באדער פאר א יונג מיט שפארען, אונ ער האט איהם צוגענעהמען פאר באד-גוי, צוקלינגען אין באד אריין אונ היטען דאס אנטיהן; דיא דאזיגע שטעלע האט איהם בעקאנט געמאכט מיט אלע שמש׳טעס פינ׳ם ווייבערשען באדעל אונ פון דיא ווייבערשע שיהלעכליך, וועלכע האבען איהם אביססעל אויס-געשוויטשעט, אונ ער איז, מיט דער צייט, געווארען א גאנצער ביוואלע אין שטאדט-זאכען; ער האט שוין געוויסט למשל, וועלכע בעל-הבית׳טע איז א גאשערין; וועלכער מקבל איז א לאטהער, וויפיעל יעדער בעל-הבית האט זיך ליעב צושמייסען אין באד; ווען דיא קהל׳ס-לייט וועלען מאכען א וועטשערינקע; וועלכע ווייבער גנב׳נען ביי דיא מאנגען, ווער וואו [illegible] אויף דיא יונגע ווייבלעך ביי תשליך; ביי וועלכער בעל-הבית׳טע איז פעטערע לאטקעס אום חנוכה אונ וויפיעל פאארליך הונדעקעס האדעווען זיך ביי יעדער גביר׳טע אויף פסח... וכדומה; דער-צו האט ער זיך שוין אויסגעלערנט היבשע עטליכע לשון-קודש ווארטער; ער האט שוין געקענט אויסרעדען: „א פאאר תפלים“, „מילעך הוווילאם“, „וקלקלקות“, „יכנס א רופא“, „תנה-תקף“, וכדומה... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ער איז געווארען א שאלאטען-שמש אין שטאדט, סע הייסט: נאכטראגען דעם לאמטערען, דעם שוחט צו דיא כפרות, אונ דעם חזן נאכ׳ן חנוכה-געלט; ערב-שבועות אנטראגען שאוועור אין דיא שוהלען אונ בתי מדרשים; אשלוח אויף באזע בשורות אנזאגען; אין א גרויסען טוואנן אריבערטראגען ווייבער אויף דיא פלייצעס; לויפען פאר דער מטה ביי אריכען בר-מינן; יום כפור טראגען היי אין שיהל אריין; בייא דיא מצות זיין א רעגלער; סוכות ברענגען סכך צום רב׳ס סוכה; ביי אשרפה טרייבען מע זאל ראטעווען, וכדומה... בעת דיא אלע מיני שליחות׳ן, פלעג ער, אין איין וועגס, עפעס אבטראגען פון א שטיב, וויא א לעפעל, וויא א מעססער, א שטייסעל, א לאכטער, אלץ אזעלכע חפצים, וועלכע ער האט געוויסט, אז ביי יענער אונ יענער בעל-הבית׳טע פעהלט עס, זאל ער עס יענער פערקויפען פאר א שבוש... איבער-

הויפּט פְלֶעג עֶר דִיא אַלֶע גְנֵבוֹת אָפְּזֶעטְצֶען בַּיי דֶער שְׁטָאדְט-גַבָּאִי'טֶע , אַ בֶּעגָאטְטֶעשְׁטֶע גֶעזוּנְטֶע יוּדֶענֶע , וָואס פְלֶעג אַלֶע טָאג גֶעהֶען אִין שִׁיהל אַרַיין מִיט'ן גְרֶאבְּסְטֶען קָרְבַּן-מִנְחָה אוּנ אַ גַאנְצֶען פַּאק תְּחִנוֹת . . . אוּנ אַלֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעוואוּסְט, אַז אִיהר בְּרֶענְגְט מֶען תָּמִיד רְפוּאוֹת פוּנ'ם גַן-עֶדֶן . . . זִיא פְלֶעגְט בַּיי אִיהם דִיא אַלֶע חֲפֵצִים אוֹיפְהָאפֶּען וִויא אַיין אֶבֶן-טוֹב , אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעהָאט דָאס אָרְט וִויא דָאס צוּפֶּער-צוּקֶערֶען . . . אִיהם , דֶעם בֶּעהֶלְפֶער , פְלֶעג זִיא אָבְּקוּמֶען מִיט גָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, הַיְינוּ : עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ ווִילְדֶער נַאשֶׁער אוֹיף אַיינְגֶעמַאכְטְס , אוּנ דִיא מִין גַבָּאִי'טֶע פְלֶעג שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעהֶען קְלוֹיבֶּען אַיינְגֶעמַאכְטְס בַּיי דִיא וַוייבֶּער , צוּ דֶערְקְווִיקֶען דִיא חֲלוּיִם אִין הֶקְדֵשׁ . . . נָא , נָא ! הָאט עֶר בַּיי אִיהר גֶעלֶעקְט אַיינְגֶעמַאכְטְס אוּנ זִיא הָאט אָבְּגֶעלֶעקְט אַגִיט בֵּיינְדֶעל . . . . דֶערְפַאר אָבֶּער פְלֶעגְט זִיא אָפְּט אוֹיף אִיהם זָאגֶען אַגִיט וָוארְט בַּיי דִיא וַוייבֶּער , אַשְׁטֵייגֶער ; „טַאקֶע נֶעבִּיךְ אַגְרָאבֶּער פְלִיעגֶעל — נָאר זֶעהר אַכָּשֵׁר'ע בְּהֵמָה" . . . צִי לְמָשָׁל : „אַזַא גֶעטְרַייֶע זַאךְ אִיז צוּ זִיכֶען אִין דֶער וַוייטֶער וֶועלְט !" וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע פְלֶעסְטֶערְלִיךְ , בִּיז זִיא הָאט אִיהם , מִיט'ן אַיינְשְׁפַּארֶענִישׁ פוּן אַסַךְ מָאמֶעס, אַרַיינְגֶעדְרֵעהט פַאר אַבֶּעהֶלְפֶער צוּא נחמן טראסק אוּנ דִיא טָאטֶעס הָאבֶּען גֶעמוּזְט נָאכְ-זָאגֶען : אָמֵן ! . . .

קוּרְץ , אִיךְ הָאבּ מִיךְ מִיט'ן אַלֶ"ף-בֵּי"ת אָבְּגֶעמוּטְשֶׁעט אַקֶעגֶען אַהַאלְבּ יָאהר אוּנ הָאבּ שׁוֹין יַאקָאס נִיט גֶעקֶענְט ! וָוארֶען מַיין מְלַמֵד הָאט דָאךְ בַּיים טָאטֶען קֵיין מָאל נִיט גֶעזֶעהן אַגְרָאשֶׁען שְׂכַר-לִמוּד-גֶעלְט אִין דִיא אוֹיגֶען , וַוייל וִויפִיעל עֶר הָאט אִיהם צוּגֶעזָאגְט , הָאט עֶר עֶס אִיהם אַלְץ אָבְּגֶערֶעכֶענְט אוֹיף דֶעם צַדִיק'ס מַעֲמָדוֹת-גֶעלְט . נִישְׁמָעהר , וָואס הָאט מַיין מְלַמֵד בְּסַךְ הַכֹּל בֶּעדַארְפְט דֶעם שְׂכַר-לִמוּד ? אִין אַ טְרוּנְק בְּרָאנְפֶען אִיז עֶר , בָּרוּךְ הַשֵּׁם , אִין קְלֵייזֶעל קֵיין מָאל נִיט זְשֶׁעדְנֶע גֶעוֶועהן ! אִיהר וֵוייסְט דָאךְ , אַז אַזוֹי וִויא אַשְׁנֵיידֶערְשֶׁער צֶעךְ גֵעהט זִיךְ נִיט אוֹיס אַטָאג אָהן פֶּעטְץ — אַזוֹי גֵעהט זִיךְ אַחְסִידִישׁ קְלֵייזֶעל נִיט אוֹיס אַטָאג אָהן תִּקוּן ! : הַיינְט הָאט דִיא רֶבִּי'צִין אַיינְגֶעל גֶעהַאט , מָארְגֶען הָאט דֶער רֶבִּי בֶּעקוּמֶען מַגִידוֹת אִיבֶּער'ן גַאנְץ בְּרַאנִיצְקֶעס שְׁלִיסֶעל . . . אִיבֶּערְמָארְגֶען הָאט מֶען דֶעם רֶבִּ'ין גֶעטְרֶעבֶּעוֶעט צוּם סְפְּרַאוְונִיק — קוּמְט דָאךְ אַבִּיסֶעל בְּרָאנְפֶען , מֶע זָאל חָלִילָה נִיט אַרַיינְ-פַאלֶען אִין עַצְבוּת , בְּחִינַת מוֹחִין-דְקַטְנוּת . . . אָט הָאט אִיהם דֶער סְפְּרַאוְונִיק פְרַיי גֶעלָאזְט — קוּמְט דָאךְ אַוַדַאי אַבִּיסֶעל בְּרָאנְפֶען ! אָט הָאט מֶען דֶעם רֶבִּ'ין גֶעשֵׁיינְקְט אַקַארֶעטֶע ; אָט אִיז יָאסֶעלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵחָתָן גֶעוָוארֶען ; אָט הָאט וַוארְכִיוְוקֶער קָהָל גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּ'ין אַיי-בֶּערְגֶעם הָאוּ אוֹיף כַּפָּרוֹת . . . אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער . . . הַיינְט יָאהְרְצַייטֶען אִיז דָאךְ אִין קְלֵייזֶעל מֶעהר וִויא אִין אַלֶע שִׁיהְלֶען אוּנ בָּתֵּי-מִדְרָשִׁים ! וָוארֶען

אַסךְ קְרַאנְקֶע חֲסִידִים, וָואס וָואלְטֶען אֶפְשַׁר גֶענֶעזֶען גֶעוָוארֶען, נָאר אַז זַייא הֵייבֶּען זִיךְ אָן פָּארֶען מִיט׳ן רֶבִּי׳ן, הָאבֶּען זַייא בַּאלְד דִּיא רְפוּאָה אוֹיף אֵייבִּיג... אוּנ ס׳אִיז גַאנְץ פָּשׁוּט: אַז מֶע בְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן דָאס קְוִויטֶעל פִינ׳ם מְסוּכָּנ׳ם חוֹלֶה — וֵוייסְט עֶר דָאךְ גֶעוִויךְ נִיט, וָואס עֶר זָאל דָא זָאגֶען... אִיז עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב אוּנ טִיהט אַגְלַאנְץ מִיט דִּיא אוֹיגֶען, אַ קְנֵייטְשׁ מִיט׳ן שְׁטֶערֶען אוּנ אַ טִיעפֶען, צֶעבְּרָאכֶענֶעם זִיפְצֶען.... אוּנ דֶערְמִיט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוִויסס יוֹצֵא לְכָל הַדֵּעוֹת, וָוארֶען מִמָּה נַפְשָׁךְ: וֶועט דֶער חוֹלֶה שְׁטַארְבֶּען — הֵייסְט דָאךְ, עֶס, אַז דֶער רֶבִּי הָאט עֶס נָאךְ פְרִיעֶר גֶעוִויסְט, אוּנ הָאט גֶעוִויךְ גֶעגְלַאנְצְט, גֶעקְנֵייטְשְׁט אוּנ גֶעזִיפְצְט.... אֶלָּא וֶועט עֶר גֶענֶעזֶען וֶוערֶען, הֵייסְט דָאךְ עֶס אַוַדַּאי דֶעם רֶבִּי׳נְס מוֹפֵת, וִויא אֵיינֶער רֶעדְט: עֶר הָאט אִיהם מִיט זַיין גְלַאנְצֶען, קְנֵייטְשֶׁען אוּנ זִיפְצֶען אַרוֹיסְגֶערִיסֶען מִיט גְוַואלְד פִינ׳ם מַלְאַךְ־הַמָּוֶת הָאנְד אַרוֹיס.... נָאר דֶער וַוייל, אַז דֶער שָׁלִיחַ קִימְט אוּנ דֶערְצֶעהְלְט דֶעם חוֹלֶה, וִויא דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעקְנֵייטְשְׁט, גֶעגְלַאנְצְט מִיט דִּיא אוֹיגֶען אוּנ גֶעזִיפְצְט — פַאלְט עֶר גֶעוִויךְ שׁוֹין טָאקֶע אַרָאבּ בַּיי זִיךְ.... אוּנ פִין אֵיינְצִיגֶען פַּחַד וֶוערְט עֶר נָאךְ עֶרְגֶער קְרַאנְק בִּיז עֶר מַאכְט אַ שְׁטַארְבּ.... מֵילָא וִויא עֶס אִיז שׁוֹין דִּיא מַעֲשֶׂה — דֶערְוַוייל וֶוערְט אַ נַייעֶר יָאהְרְצַייט אוּנ מַיין מְלַמֵּד הָאט אַ נַייעֶם טְרִינְק בְּרָאנְפֶען! .... אִין אֵיין אָנְבַּייסֶען אִיז עֶר אוֹיךְ נִיט זֶעהר זְשֶׁעדְנֶע, וָוארֶען מַיין מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אִין שְׁטָאדְט גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ מְקַבֵּל אוֹיךְ.... אוּנ וֶוען אֲפִילוּ אוֹיפ׳ן הוּנְדֶערְטֶען פַאלל, אַ טָאג אָהן אַ קֶערְמֶעשֶׁעל — הָאט עֶר דַארוֹיף גֶעהָאט אַ סַךְ אַנְדֶערְעֶרְלֵייא פַּרְנָסוֹת; נִיסָן הָאט עֶר אַרִימְגֶעטְרָאגֶען זֶעקְסְטְלִיךְ מַצָּה־שְׁמוּרָה צוּ דִּיא נְגִידִים: אֱלוּל פְלֶעגְט עֶר גֶעהֶען לֵייגֶען דִּיא וַוייבֶּער מַצֵּבוֹת אוֹיפ׳ן בֵּית־עָלְמִין; סוּכּוֹת הָאט עֶר אַרִימְגֶעטְרָאגֶען אֵיין אֶתְרוֹג מִיט אַ לוּלָב צוּ זַיינֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים; אוֹיף הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז עֶר גֶעוֶועהן דֶער הָארְטָאוְונִיק פִין הוֹשַׁעְנוֹת, וֶועלְכֶע טָאקֶע זַיינֶע חֶדֶר־יוּנְגְלֶעךְ הָאבֶּען גַאנְץ חוֹל־הַמּוֹעֵד אָנְגֶערִיסֶען פִין זַיינֶעטְוֶועגֶען אוֹיף דֶער גֶעמְפֶּע; כִּסְלֵיו הָאט עֶר גֶעגָאסֶען חֲנוּכָּה־לֶעכְטְלִיךְ צוּם פֶערְקוֹיפֶען; דֶער צִיא הָאט עֶר נָאךְ אַבִּיסֶעל צוּגֶעשַׁדְכָנ׳ט, אַבִּיסֶעל צוּגֶעדָאוֶוענְט פַאר׳ן עַמּוּד יָמִים נוֹרָאִים אִין אַ שְׁנֵיי־דֶערְשׁ שִׁיהְלְעכְעל, אַבִּיסֶעל גֶעזָאגְט קַדִּישׁ נָאךְ בֶּעזְדִיטְנִיקֶעס, אַבִּיסֶעל פִין תְּהִלִּים־זָאגֶען אוֹיף אַ רַייכֶען חוֹלֶה; אַבִּיסֶעל פִין בְּרִיוֶולֶעךְ שְׁרַייבֶּען פַאר סָאלְדַאטְקֶעס צוּ זֵייעֶרֶע מַאנֶען אִין פָּאלְק אַרַיין, אוּנ נָאךְ אַלֶלְעמֶען פְלֶעג עֶר נָאךְ מַאכֶען בִּגְנֵבָה פִין קָארֶענְצִיעס שְׁמֶעק־טַאבַּאק אוּנ פֶערְקוֹיפֶען אִין קְלֵייזֶעל, אַ גְרָאשֶׁען אַ פִּישְׁקֶעלֶע; נָא, וָואס נָאךְ דַארְף עֶר דֶעם טָאטֶענְס שְׂכַר־לִמּוּד־גֶעלְט? — אַבִּיא עֶר הָאט גֶעהָאט זַיין אוֹיסְקִימֶענִישׁ, מַאג דָאךְ שׁוֹין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער אֲפִילוּ פֶּעגְרֶען פַאר הוּנְגֶער! .... אֵיין מָאל אִיז דָאךְ עֶס קֵיין נַייעֶס נִיט, אַז אַ חָסִיד הָאט וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער

וויא

ווי דעם פּאַר-אַ-יאָהריגען שנֵעה, וְהַשׂגת האָט מיין מלמד בּלויז פֿיינד געהאַט זיין רבּי'צען ווי אַ שטיק חזיר און אויך איבּער אַ מעשׂה:

מיין מלמד, פֿערשטעהט איהר, איז, אַ צייט מיט יאָהרען, געוועהן אַ בּעהעלפֿער-יונג בּיי אַ פֿריערינגען מלמד, בּיי וועלכען ס'איז געוועהן אַ דערוואַקסענע בּתולה, זעהר אַ מיאוסע בּריאה. נאָר אַ גראָבּע, און דער בּעהעלפֿער האָט אויף איהר אַיין אויג געוואָרפֿען.... אַזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, בּיז ער האָט זיך מיט איהר איינגעצוואָרען, און אין אַ חדשים 5 אַרום איז אויף איהר העֶנג געוואָרען דאָס לייבּטעקענאַשעל.... איהר פֿאָטער האָט די גאַנצע שפּיעל זעהר ניט בּעמערקט, נאָך פֿון דער התחלה אָן — און האָט זיך דייקע ניט געמאַכט וויסענדיג.... און ערשט בּיים 6-טען חודש האָט ער דעם סוד איבּערגעגיבּען זיינעם אַ בּרידער, וואָס איז געוועהן דעמעלט סטאַרעסטע אין שטאָדט, און די בּיידע האָבּען דעם בּחור אַריינגענעמען אין אַ בּעזונדער חדר און האָבּען איהם מודיע געוועהן קערץ און שאַרף, „אַז די וועסט ניט חתונה האָבּען תו"מ אויף מיין בּרידערס מיידעל — גיבּ איך דיך שוין טאַקע אָבּ פֿאַר אַ סאָלדאַט, און ס'וועט דיר ניט העלפֿען קיין טאַטער און קיין דאָקטאָר!...." פֿערשטעהט זיך, אַז דעם בּעהעלפֿער איז פֿרחא נשמתו געוואָרען, און מע האָט בּאַלד געשטעללט אַ חופּה, און צו זיין טרף גליקק איז דער מלמד דאָס יאָהר געשטאָרבּען און דער בּרידער, דער סטאַרעסטע, האָט זיך אַ סטאַרע געטיהן, ער זאָל ממלא מקומו זיין דעם בּרידער, כּדי זיין מיאוס'ע פּלימעניצע זאָל האָבּען אַ שטיקעל בּרויט.... די שטאָדט האָט זיך אפֿילו אַביסעל געקווינקעלט, נאָר מיין בּחור האָט זיך מיישב געוועהן און איז געוואָרען אַ הייסער חסיד דעם רבּי'נס — און די זאַך איז שוין געגאַנגען ווי אויף פּיטער.... דאָס איז דאָך אין פּוילען די גרעסטע סגולה, מכפּר צו זיין אויף כּל עבירות שבּעולם.... און אונזער נחמן טראַסק איז למזל געוואָרען אַ דרדקי'ר מלמד — און זיין מלמד'קע קען ער עד היום ניט אָנקוקען!...

קורץ געזעגט: אויפֿ'ן צווייטען זמן האָבּ איך אָנגעהייבּען לערנען טראַף, און האָבּ מן הסתּם אַזוי געטראָפֿען, אַזוי ווי דער צדיק האָט געטראָפֿען, אַז איך בּין אַמיידעל.... אַ כּלל, אַללערדינג אין דער וועלט האָבּ איך געטראָפֿען — נאָר שוא פּאַר'ן וואָרט האָבּ איך בּאין ענין ואופֿן ניט געקענט טרעפֿען!.... קוים מיט אַנקסטען, מיט צרות, האָבּ איך געטראָפֿען: פּתח קי"ף-ק, ק-אַ קי"ף-קאַק.... און אַזוי האָבּ איך אָבּגע-בּידעוועט נאָך אַ זמן און האָבּ שוין יאָקאָם קיין טראָף אויך ניט געקענט.... און אַזוי האָט מען מיך טאַקע אָבּגענעהמען פֿון נחמן טראַסק און אָבּגעגיבּען, אויפֿ'ן דריטען זמן, צו אַ חומש-מלמד, און איך האָבּ אָנגעהייבּען חומש צו מזל!...

וואָס

## 5.

## דאס וועט שוין פערשטעהען פין אייך א יעדער, אז דאס נייע איז ניט בעססער פי'נ'ם אלטען חדר!

---

וואס זאל איך אייך זאגען, מיינע ליעבע יודען, וואס פאר צרות איך האב איבערגעטראגען נאך איידער איך האב גאר דערלעבט אנצוקוקען א חומש אין דיא אויגען! ? אחדש דורכאנאנד האט מען מיך אבגעמוטשעט אויף עפעס א מין דרשה צום חומש, וועלכע איך האב בעדארפט האלטען ביים טאטען אין שטיב פאר א גאנץ קהל מאנגער און ווייבער. צו דער דרשה האט זיך געפאדערט נאך 2 חדר יונגלעך, פין וועלכע איינער איז געוועהן מיינער א פראגער און דער צווייטער — א בענטשער; אללע טאג האט מען אין חדר געמאכט דיא ריפעטיציע 3 שעה כסדר: דער פראגער האט מיך אלץ געקוועטשט ביי דער בארד און מיר פארריססען דיא מארדע, ביז איך האב בעקוממען עד היום א קנאפ אין גארגעל, וויא א געגזען איי דיא גראסס, און דער בענטשער האט מיר אלץ געהאלטען דעם קאפ אין דרייען געבויגען. ביז איך בין עד היום געבליעבען א סטעלעוואטער .... נישמעהר ס'איז דאך אלעס כדאי געוועהן צוליעב אזעלכע פויגעלדיגע קשיות, וויא דער פראגער האט מיר פארגעלעגט! למשל; „שטייטש חומש?" — ענפער איך: 5 — „וואס 5? 5 בייגעל פאר א גראשען?" — ענפער איך: ניין! 5 ספרים אין דער תורה — „וואסער זשע א ספר לעהרענסטו, מיין יונגעלע?" — ויקרא — „שטייטש ויקרא?" — ער האט גערופען — „ווער האט גערופען? דער שמש אין שיהל אריין?" — ניין! גאטט האט גערופען צו משה'ן — „וואסער משה? משה דער בלינדער פון אונטער דיא בערטעם?" — ניין! צו משה רבינו אויף'ן בארג סיני — „זאג זשע, מיין יונגעלע, א סדרא געהט, צי א סדרא פאהרט?" און כדומה אזעלכע אייזערנע קלאטץ-קשיות.... נאר א נגון איז געוועהן דערצו, אז איטליכע פראזע האט זיך געצויגען לאנגער פי'נ'ם יודישען גלות און פיסקעס האבען מיר דערביי געמאכט פונקט וויא דיא פעטשערער גבאי'טע ביי קנייטליך לעגען, און וויא דער טיוועריוער שוחט ביים שטעלען דעם חלף .... קורץ, דער ערווארטעטער שבת פין דער דרשה איז געקוממען! פרייטאג האט מיר דיא מאמע אנגעטהין א יארמעלקע מיט שפאניער, איבערגעניעט פין א טשעפטשעקיל וועלכעס זיא האט, נאך צוריקק מיט א יאהר פינעף, אויף'ן צדיק'ס הבטחה, צוגעגרייט פי'נ'ם מיידעלע וועגען .... און האט מיך אוועקגעפיהרט צום רבי'ן, ער זאל מיך בענטשען*)

מיר

---

*) פינקט אויף דעם שבת איז דער סירקעווער רבי, צו וועלכען דער טאטע פלעגט פאהרען, געוועהן אין וצוני.

מיר האט זיך גראדע דעמעלט צו שפיעלט דאס בייכעל, אונ אז דער רבי האט מיך אנגענעהמען ביים בעקעל אונ האט מיך א פרעג געטיהן: „וואס ווילל׳סטי, מיין קינד?“ האב איך איהם פשוט געאנטווארט דעם אמת: איך ווילל ארויס! .... נא, נא, האב איך עס געלעזט באכענציעס פון דער מאמע, אז ניט ליעב אונ ניט ניחא איז מיר געוועהן! אונ ווען זיא דערצעהלט עם חלילה דעם טאטען — וואלט מיין לעבען ניט ווערט געוועהן א גראשען .... נא, פרעג איך אייך, רבותים, וואס האב איך דא אזעלעכם חוטא בעגל געוועהן, וואס מע זאל מיך אזוי שמעכטען אונ שלאגען, נאך אין דער יארמעלקע מיט שפאנייער! ? ....

שבת נאכ׳ן טיש זענען זיך צונויפגעקוממען אללע שטאדט בעלי־בתים, גיטע פריינד, קרובים תוי׳ן חברה פליאסקעס; דער סירקעווער צדיק איז אויך געוועהן אויף מיין דרשה, אונ פאר דעם כבוד האט זיך שוין דער טאטע מוסר־נפש געוועהן פאר זיינע מעמדות .... דער מלמד מיט דיא 2 חדר־יונגלעך זענען אויך געקוממען, אללע האבען זיך ארומגעזעצט הערום טיש, דיא מאמע מיט איהרע ווייבער אינמיטטען שטיב, אויס־געשלאערט אין יאמפערקעס, שטערענטיכלעך אונ פליערליך, אונ איך מיט דיא 2 יונגלעך האבען מיר אנגעהייבען ארויפקריכען אויפ׳ן טיש, אונ בין טאקע אין איין וועגס ארארבגעפאללען, אז איך האב שיר דיא צאן געקליבען, א גליקק וואס אין שטוב איז געוועהן א בלאטע איבער׳ן גארטעל! דאך ניט אזוי הארט פאר א קלאפ ... א כלל, מיר זענען שוין אללע 3 אויפ׳ן טיש, איך שטעה אין דער מיטט, וויא חזן אין גן־עדן, דער פראגער שיט מיט זיינע קשיות, דער בענטשער פישטשעט אויף א געליינקעל, דער מלמד ארבעט אויף אללע כלים וויא נאר א פערסם׳טע מויז פאר דער מגירה, אונ דיא מאמע מיט דיא ווייבער האבען זיך אזוי צוּאכמערט פאר פרייד, גלייך איך וואלט עפעס גע׳דרשה׳ט אין אללע שיהלען! .... נאך דער דרשה האט מען אנגעשטעללט א טיש מיט אלערליי מעדני־מלכים: געזאטענעם ארבעס, קיכלעך, עפעל־קוואס, פלעצעליך מיט מאן אונ 3 טשולענט־קיגלען: א לאקשענער, א געקנייטענער אונ א געבלעטערטער .... נאר לייבען צדיק אויוועגאן איז געשטאנען א היבשע פלאש ווימאראזעק מיט 2 ביטעלקים אלטער מייד מיט א געפילעכצעל, גאר א גאטט׳ס וואנדער ....

אינ׳ם חמוש־חדר איז מיר צוגעקוממען שפאגעל נייע מעשות מיט ווילדע תנועות אונ הויות, אשטייגער: שעלטען זיך אין טאטענס־טאטען, אין מאמענס־מאמען אריין, אונ וואס מעהר א מאל „טאטענס“ „מאמענס“ הרי זה משובח! — איין אלטען בעטלער, ציא א בעטלערען זאל מען נאכ־ווארפען שטיינער; חאפען משה רבינו׳ס פערדעליך; שפיעלען אין תלין־מלך־שלך־גנב; מאכען פון דער צינג א פלאם, פון דער ליפ — א וואנשעל,

פון א איבערגעקעהרטער בריים — א מת און פון דיא פינגער א געפלאבטענעם קוילעטש .... היינט בין איך געוואהר-געווארען פון כשוף-מאכערם, פון לצים, שדים און מזיקים; פון דעם מלאך-המות אויגען מיט׳ן פלעשעלע סם, פון דער פאפירענער בריקק, וכדומה .... דערצי האב איך זיך אויסגעלערענט זעהער טהייערע סגולות און שפרוכען צו דיא ניט-גיטע .... איינע פון זייא געדענק איך נאך עד היום, היינו; אז מע דערזעהט א ניט-גיטען, זאל מען באלד צולעגען דעם גוי (דעם גראבען פינגער) צום יודען (צום מינדסטען פינגער) און מע זאל זאגען „ארינע בארינע, דעמבענע קארענע, ווייצענע קלייען, גלייך אויפ׳ן בית החיים“ און באלד א געשריי טאהן „שמע ישראל“ און דריי מאל אויסוווישען דאס רעכטע אויג מיט דער לינקער פאה, און ביי איטליכען וויש זאל מען אויסשפייען, מיט דיא ווערטער: „געה אין דיין ריה אריין, טפוא! פריטש מיר!“ אינ אנטלויפען אויף אלע פיער .... איין מאל, געדענק איך האט דער בעהלפער אונז געזאגט, אז מיר וועלען איהם אוועקגיבען דיא קנאפליך פון דיא פליידערען — וועט ער אונז ווייזען א שרייטעלע. מיר האבען באלד מיט דיא צאן אבגעריססען אלע קנאפליך, און איהם אוועקגעגיבען, און פליצעם דערזעהען מיר עפיס וויא א מין חיה׳לע דורכלויפען אין א יארמעלקע מיט א לייבסערדעקק אהן ציצית, און דער בעהלפער האט א געשריי געטיהן „שרייטעלע!“ — שרייטעלע! און א פאטש מיט דיא האנד — איז דאס באלד פערשווינדען געווארען .... איך זאג אייך, מיר האבען זיך ממש מחיה געוועהן, פשוט א שטיק געזונד איז אונז צוגעקימען! .... נאר שפייטער, אז איך בין געוואהר-געווארען, אז דאס האט ער אונז גאר אבגענארט מיט א פשוט׳ר קאטץ — האב איך מיך א צייט געשעהמט פאר זיך אליין און ס׳האט מיך פערדראסען אויף סכנות נפשות! — נישמעהר, וואס האט מיך דא צו פערדריסען? א קונץ א קליין יונגעל אבצונארען? מע נארט אב יודען מיט גראווע בארד און, ניט נאר עס פערדריסט זיי ניט, ניט נאר זיי שעהמען זיך ניט — אדרבא! זיי קוועלען נאך גאר משונה אן דערפון און האלטען זיך עס נאך פאר׳ן גרעסטען כבוד! .... און צאהלען נאך דערפאר אין טאג אריין! .... פאר א קערבעל רעדט מען זייא איין, אז דער רבי חאפט מלאכים; טרייבט ארויס דבוק׳ס; איז מתקן נשמות; גיט שנעה און רעגען; טאנצט מיט דיא אבות צו דער מלוה-מלכה, האט קפיצת-הדרך, קיקט מסוף עולם ועד סופו; ראנגעלט זיך מיט׳ן רעכטען בחור אליין .... און נאר ביי איהם איז דער שליסטעל צו אלע עקרות .... חאטשע קיינער הארט ניט און זעהט ניט אפילו א רמז דרמיזא פון דיא אלע מינים מאשען-שפיעלען — נאר וואס העלפט עס אבער, אז דער רבי פערגלאנצט פארט מיט דיא אויגען און שרייט אוים: „ברוך הבא, אברהם אבינו?

איסקאצעל

איספאצעל קוממט, שרה רבקה רחל לאה! אוועק, שטן, מלאך המות, סמאל, פון מיין שטיב! ארויס, לילית פון דער אשה! ....״ נא, מוז דאך דער חסיד שוין נאכשטיפען דיא קארעטע .... מיילא מיר, יונגלעך, האבען חאטש געזעהן א קאטץ אין א יארמעלקע — אונ זיי, אלטע תרח׳ס, זעהען דאך גאר בסך הכל א פייג! .... נישמעהר וואס זאל איך רעדען אז איך ווייסס, עס וועט פינקט אזוי העלפען וויא א-נ-ארבעס אין דער וואנד אריין! געה טענה זיך אוים מיט תרפ״ט אלפים צבוע׳קעס אונ מיט 18 שאק פוילישע דריפקעס, וועלכע טיהען אליין אלדעם באז אונ זענען וואס אין דער קארט .... אונ אז ס׳קוממט צו עפים איין ענין, א אינטערעס, וואס בעריהרט זייא אין קנאפעל אריין — לויפען זייא סתרים-האלאוואי, צו דיא גיטע יודען אונ רייסען קברים אויף זייער באז ווינדער! ....

איך מיין, אז ס׳איז דיא גיטע יודען אליין אויך נמאס ומאוס אזא לעבען צו פיהרען; כ׳לעבען, וועלכער עדלער מענש קענן דאס פערדייען, צו פערברענגען א וועלט מיט טויזענדער שלעפציעס אונ טארבעטראסניקעס, מיט אלפי אלפים צבוע׳קעס, דריפקעס, קארעלאפניצעס, סיפאקעס אונ פערד-גנבים? נא, אונ אז ס׳קוממט שוין צו איהם אפילו דער רייכער רענדאר, דער פאטשטאר, דער בעל-טקסא, דער סוחר אונ שוין דער שטאדט-גביר אליין — איז דאס איהם דען ניט על אפו ועל חמתו, אז ער זאל מוזען האלטען אין איין שטיק מרמה זיין מיט פאלשע הבטחות, יעדען נאך זיין נארישען, צי נאך זיין טרפ׳נעם, הילטייסקע ווינש נאך: דעם צוגיבען א בן-זכר אויף דער עלטער אונ דעם — א פריץ, וואס זאל קיין ראטע ניט מאהנען .... דעם לויטער כשר׳ע אקסען אהן סרכות אונ דעם א מופת, זיינע בלינדע קליאטשעס זאלען טראגען דיא פאסאזשירען וויא דיא אדלערס, גאר אהן הא אונ האבער .... דעם שליטענמאכער שנעה אונ דעם פאסעסאר — רעגען — ביידע אין איין טאג .... וכדומה מופתים, וואס זענען חוץ מדרך הטבע, אונ ער ווייססט אונ פיהלט דאך ביי זיך אין הארצען, אז ער קענן אפילו קיין האנד ניט ארייגשטעקען אין צי-קאלטער וואססער אונ קיין פיסם — אין צי-א הייס ביטעל אונ דיא נאז ניט ווייזען פאר׳ן ספראווניק .... אונ לכן מוז ער גאר שטענדיג האלטען אין איין שטיק גלאנצען אונ קנייטשען אונ זיפמצען אונ קרעכמצען, מיט נאך הונדערטער תנועות אונ הויות, וואס שלאגען איהם געביך אודאי אליין גיט צום הארצען .... נא? געשיקקט זיך עס צו דענקען, אז ער איז צופריעדען מיט אזא לעבען!? .... נאר וואס דען? יעדער גיטער יוד איז שוין געביך אויף דער ארענדא ביי זיין גבאי .... אונ איין עבד-כנעני ביי זיין רבי׳צען .... דיא, מאנן, נארר דיא וועלט, שאבריע מיט׳ן סאוועסט, האנדעל מיט שלעפצים, דראבעס, פליאסקעדריגעס

מוסרים, ממזרים און גנבים — אבי איך זאל טראגען א סך ציערונג קליידער, גאלדגעשטיקקטע טופלילעך, בערליאנטענע זאקענבאנדליך, א מאנטעל אויף קאטשקענע קעפליך, וכדומה — און דערווייל ברענגט מען געביך אזוי אויס די וועלט; יונגע לייטליך מאכען א תל פון זייערע ביססלעך נדן; בעל-מלאכות גיבען אב זייער גאנץ דאברע-מזל, בטוחים געהמען ביי אלמנות יתומים און סטראצען אויף פדיונות מיט מתנות כדי זייער קרעדיט אלץ מעהר היבען, ביז זייא זעטצען גאר אן ···· ארימע לייט פערזעטצען און פערקויפען זייערע לעטצטע בעבעכעס, און וואליי צום רבי'ן; דאס לעטצטע קערבעל. דעם חולה אויף א רעצעפט, אויף א ביססעל יאך, טראגט מען אוועק א פדיון — דער רבי גלאנצט און קנייטשט און זיפצט אזוי לאנג — ביז דא געהט דעם חולה די כשר'ע נשמה אויס ···· א כלל, מע טיהט כל הפסלנות — אבי דעם רבי'ן געלט, און ווייטער געלט! און גאטט דער הארר ווייסט, וויהין דאס גאנצע יודישע בליטט געהט אוועק? ···· און וועהמען קיממט ארויס דערפין ···· ?

6.

## יודישע קינדער, אין פוילען, שטודירען אויס גאר אהן טרוד הלכות דרך-ארץ אין הדר און פאליטיק אין באד!

טפוא! געפאללט אייך אביססעל וויהין איך בין פערקראכען!? נאט אייך גאר פין שרייטעליך אויף גיטע יודען! ···· איך האב, דאכט זיך, גאר דאס ניט געמיינט! איך מיין דאך גאר מיין חמוש לעהרנען — נא, יא נא; הערט זשע אויס דעם עיקר: חמוש האט מיין מלמד מיט מיר געלערענט גאר איין אנטיק אין דער וועלט! עפים אזוי גרינג, אזוי קערץ און אזוי שארף — ממש א פקוח נפש! אשטייגער וויא ער האט מיט מיר געטייטשט; „אשה" א-נ-אשה, „כי תטמא" אז זיא וועט טמא ווערען, „ותקריב" און זיא וועט מקריב זיין, „קרבן" א קרבן, „והקריב" זאל מקריב זיין, „הכהן" דער כהן, „אל המזבח" צום מזבח, „באהל מועד" אינ'ם אהל מועד ···· און אזוי כמעט כסדר ···· שווערליך אביססעל איז מיר נאר אנגעקיממען דיא טייטש פין „לא ישוב עליה שמן" — ער זאל ניט טהין טהון טהיען אריינטהין קיין בוימאעל ··· אזוי איז געוועהן דער חמוש, אויך ניט ערגער דער חבור, און דיא צייט, דערווייל, שטעהט ניט: איך בין שוין געווארען 5 יאהר, דאס זעקסטע; איך האב מיר שוין געפינען המצאות, וויא אזוי ציענטלויפען פינ'ם חדר און וויא זיך אויס-

צוּבּעהאַלטען .... דאָס בּעסטע אָרט איז פאַר מיר געװעהן אין בּאָד, אוּנ כּפי דיא חסידה׳רניא ראַליעט בּיז 12 אַ זייגער אין בּאָד אוּנ דער מלמד אויך מיט זיי, האָבּ איך זיך דאָך בּיז 12 ממילא פאַרשפּאָרט בּעהאַלטען, אוּנ קוים נאָך 12 איז שוין דאָרט געװעהן פאַר מיר אַ װעלט .... איין מאָל, געדענק איך, האָבּ איך, שוין נאָך 12, אויך געטראָפען נאָך אַ פּאָאר אויסגעװייקטע חניאַקלעך, זיטצענדיג אויף דער אייבּערשטער בּאַנק; איינער האָט געזיכט אין טלית-קטן דיא דריטטע מכּה, אין װעלכער ער איז, אַ פּנים, גאָר ניט זשעדנע געװעהן .... אוּנ דער צװייטער האָט געבּראַכט אַ פּאַפּישעל מאַרכאָרקע אויף פערדעכערען צוּ דיא נקיות .... איך האָבּ זיך בּאַלד אַרינטער-געחאַפּט אינטערען קעססעל אוּנ האָבּ זיך פערטײַעט נאָר װיא אַ געפּער׳טער, װיא איך האָר, פּידרען זייא צווישען זיך אַזאַ מין שמים.

— הערסטי, חיים חייקעל, װאָס איך װעל דיר זאָגען? װעדליג איך זעה אַרוים איז מחויב אין גיכען נצמח װערען אַ װילדע מלחמה!"

— פון װאַנעט נעדהמסטי עס בּרוך תנחום?

— „דער תוגר, פערשטעהסטימיך, האָט געװאָרפען איין אויג אויף דער פראַנצויזעשער בּת-מלכּה ...."

— נאַ? אוּנ דער פראַנצויז װילל זיא איהם ניט נתן׳ען?

— „געה שוין, דיא שטיא איינער! דער תוגר איז דאָך אַ מלך בּכבה, טראַגט דיר, חיים חייקעל, דיין נאַררישער שכל, אַז דאָס פראַנ-צויזעל װעט נאָך פערעבּערדיזען מיט איהם .... ? הא? שטעהט איהם אַודאי זיין טאַטען קיין כּבוד ניט אָן, הא? ...."

— נישמעהר װאָס? — פרעגט חיים חייקעל

— „נישמעהר דאָס!" ענטװערט בּרוך תנחום דער קירה איז פערשטעהסטי מיך, געװאָהר געװאָרען דערפון, אוּנ אַרבּייט גאָר מעשים דער פאַר!"

— מן-הסתם קעהר ער מחילה אַליין חשק האָבען צי׳ן איהר!

— „הערסטי! װער פרעגט דיך? װאָס דען? אַ נאַרר איז ער, דער קירה? מן הסתם, אַז דער תוגר איז אַ בּהלן אויף איהר — איז דאָס שוין מן הסתם אַ גיט שטיק יפהפיה .... !"

— נאַ, װאָזשע איז געװאָרען דערפון?

— „װאָס פרעגסטי? ס׳איז שוין גיט געװאָרען! — דער קירה האָט געשטעלט אויף דער גרענעץ [2] אימגעלימפּערטע זשאַנדאַרען מיט רויטע, גראָבּע װאַנציעס, אַז װען דיא בּת-מלכּה װעט דרך-פאָהרען, זאָלען זיי זיא, גאָר אָהן טענות וּמענות, אויפחאַפּען אוּנ אַנטלויפען."

— נאַ? האָבּען זיי, מן הסתם, פערשלאָפען צום רעכטען האַקק! הא?

— „אַ חכם, קיין, עין הרע! זשאַנדאַרען שלאָפען דען גאָר? ....

ס'איז דאך רוחות — ניט קיין מענשען! אודאי האבען זיי זיא גע'הרג'ט געשלאגען, אז זיא איז קוים אלעבעדיגע אנטלאפען פון זייערע האנד!"

— אוי וועה איז מיר! ברוך תנחם, ס'איז דאך עפעס גאר מסוכן נפש!

— "פערשטעהסטי שוין, טפוש, וואס דער פון קענן נצמח ווערען! ?.."

— וואזשע, וואס? זאג שוין ברוך תנחם, דאס איבעריגע און הער מיך אויף ציהען אויף דעראינגען!

— "וואס זאל זיין שטיא איינער? אודאי האבען אללע מלכותים צושיקקט שטאכעטען אויף פייערדיגע פערד, מע זאל חאפען דיא 2

זשאנדארען, לעבידיג, אדער טויט!"

— נא .... ? האט מען זייא פאציאפעט?

— "בא בא! .... נאר ניט אזוי גיך דערטאפט מען זשאנדארען אין דיא לאפקעס אריין! זייא האבען זיך גאר פערשטעללט פאר גרים און בעהאלטען זיך אויס, א סברה, בייא זלאטשעווער מלמד אין קעהלער, נאר דערווייל טיהט זיך חושך צווישען אללע מלכותים, און דיא וועלט געהט האדאראם! ...."

מיר האט דיא מעשה זעהר געטויגט: כ'לעבען, צו וואס דארף איך דיא באד, וויא הונדערטער אויגען קענען מיך זעהען, א מעהר איז דאך בייא אונז אין דער היים אויך דא א קעהלער? — ניט לאנג געטראכט, און אריין אין קעהלער אריין! דארט בין איך מיר געלעגען ריהיג, וויא ביים טאטען אין ווייגהויז, פון קיינעם קיין שארך ניט געהערט, נאר אויפ'ן דריטטען טאג האב איך דערהערט וויא איימעצער געהט — דאס איז דיא מאמע, א פנים, געגאנגען נאך דער קאלטער פעציא אויף שבת — און האב כמעט וויא אומגעהערען, אוואריף געטיהן א רודקעלע ערד; נא, נא, זאלט איהר געוועהן זעהען, וואס פאר א קאלעבליק איך האב עס אנגעמאכט דערמיט! מיין כוונה איז נעביך גאר ניט געוועהן אזוי ווייט — און אין שטאדט איז ארויס א קלאנג, אז ביים טאטען אין קעהלער האט זיך געיאוועט א לץ, וואס ווארפט מיט שטיינער אויף סכנות נפשות .... דיא מאמע האט שוין געריהפען באבקעס מיט שפרע־ בערקעס און דער טאטע האט געבראכט פונ'ם רבי'ן שמירות מיט קמעות און דא איז שוין בלויז געווארען סוף זמן, וועלכעס איך האב געוויססט, אז סיי וויא סיי, וועלל איך שוין בייא דעם מלמד ניט לערנען — האב איך זיך אויפגעהערט בעהאלטען אין קעהלער — און דער סירקעווער צדיק איז, אומזוסט און אום־נישט, נתגדל געווארען פאר זיין נייעם מופת, וואס ער האט ארויסגעטריבען דעם לץ פונ'ם קעהלער ....

קורץ גערעדט, מע האט מיך פון דעם מלמד אבגענעהמען, און מע האט שוין אנגעהייבען שמיסען מכוח א גמרא־מלמד פאר מיר. מיר האט עס אפילו ניט געשמעקט, נאר כפי עס זענען דאך בלויז געגאנגען

דִיא יָמִים טוֹבִים, וֶועלל אִיךְ דָאךְ מִמֵילָא פָּטוּר זַיין פוּן חֵדֶר — טָא וָואזְשֶׁע זָאל אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע אָנְהֵייבֶּען זָארְגֶעו פַארְפְרִיא? דַי לְצָרָה בְּשַׁעְתָּה! דֶער וַוייל אִיז גוּט אַ חַיֵי שָׁעָה! ....

מָאהלְט אַייךְ, אִיךְ זָאל דֶעמָעלְט גֶעוֶועהן שֵׂכֶל הָאבֶּען חָאטְשֶׁע אוֹיף אֵיין מִינוּט זִיךְ גִיט אוּמְקִיקֶען אוֹיף מַיין לַאגֶע הֶערוּם אוּן הֶערוּם — וָואלְלְט אִיךְ נִיט גֶעוֶועהן אַזוֹי אָנְגֶעקְוָואלֶען פוּן מַיינֶע חַיֵי-שָׁעָה'ן! אַשֵׁיינֶע חַיֵי שָׁעָה הָאבּ אִיךְ גֶעהָאט! .... מֶע קֶענֶן אַנְדֶערְשׁ נִיט רֶעדֶען .... הֶפְקֵר וִויא אַ יָאטְקֶע-הוּנְד, וֶוער אִין גָאטְט הָאט גֶעגְלֵייבְּט, דֶער הָאט מִיךְ גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעשְׁלָאגֶען; קַיין מָאל זִיךְ נִיט אָנְגֶעגֶעסֶען זִיךְ צוּ דֶער זַאטט, וָוארֶען דֶער טָאטֶע הָאט דָאךְ גֶעקִיקְט אוֹיף מִיר מִיט 18 אוֹיגֶען, אִיךְ זָאל בְּרֶעכֶען תַּאֲוֹת .... אוּן פַאר נָאךְ אַ בִּיסֶען אִיז גֶעפְלוֹיגֶען פֶּעטְשׁ מִיט קִילוֹקֶעס .... גֶעשְׁלָאפֶען בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער הוֹילֶער עֶרְד, מִיט אַ שְׁמָאטֶע אוּנְטֶערְגֶעבֶּעט אוּן מִיט אַ שְׁמָאטֶע צִיגֶעדֶעקְט; גֶעגַאנְגֶען בִּין אִיךְ קְרוּעָה וּבְלוּיָה, דִיא פַאר-צְוֵויאָהרִיגֶע פָּאר שִׁיכְלֶעךְ, וָואס מֶע הָאט מִיר אָבְּגֶעקוֹיפְט פוּן ר' שְׁמוּאֵל-סִירְקֶעס יוּנְגֶעל, הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעקֶעהרְט מִיט דִיא פְרִישְׁוֶועס אַרָאפּ אוּן דִיא פָּאדֶעשְׁוֶועס אַרוֹיף, אַזוֹי אַז דִיא פִינְגֶער פוּן דִיא פִיסס זֶענֶען שׁוֹין פָּאחָאזְשֶׁע גֶעוֶועהן אוֹיף לֵיידֶערְנֶע קְנָאפְּלִיךְ, אוּן דִיא פְּיָאטֶעס-אוֹיף קָאפִּיטֶען .... אַ יָא, אַ שֵׁיינֶע חַיֵי-שָׁעָה! .... נִישְׁמֶעהר אַ יוּנְגֶעל בְּלַייבְּט אַ יוּנְגֶעל, אוּן דֶעם וָוארֶעם אִין חֵיין חָלוֹם'ט זִיךְ נִיט קַיין זִיסֶערְס דֶערְפוּן .... דִיא מָאמֶע הָאט פְרָאוּוֶדע אַ זָאג גֶעטִיהן דֶעם טָאטֶען: „שׁוֹין אֶפְשֶׁר צַייט, יָאסִי, מֶע זָאל אִיהם קוֹיפֶען אַ פָּאאר שִׁיכְלֶעךְ? וִויא מֵיינְסְטִי?“ — „וַוארְט נָאךְ צִי אַבִּיסֶעל — הָאט עֶר גֶעאַנְטְוָוארְט — אוֹיף סוּכּוֹת, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, וֶועלל אִיךְ אַרַיינְרִיקֶען דֶעם קִישְׁקֶעוִויצֶער רֶענְדַאר מֵיינֶע צְוֵויי לֶעכְּרִיגֶע אֶתְרוֹגִים פָּאר 30 רוּבֶּעל אַסִיגְנַאצְיָא — אַזוֹי וִויא עֶר צָאהלְט מִיר תָּמִיד — דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין אַ סְווִיט יַאק בַּאנְקִי ....“ דִיא מָאמֶע הָאט זִיךְ אֲפִילוּ וִויא אָנְגֶעהֵייבֶּען פֶערְהִיקֶען מִכּוֹחַ דֶער שְׁאֵלָה: סְטַאטְשׁ דִיא אֶתְרוֹגִים זֶענֶען דָאךְ נִיט רָאוּי לִבְרָכָה ....? נָאר דֶער טָאטֶע הָאט עֶס נָאךְ פְרִיֶער פֶערְחָאפְּט מִיט אַיין אוֹיסְרֵעד: „אוּן אַ מִצְוָה אוֹיף אִיהם אוֹיף דֶעם עַם הָאָרֶץ דְאוֹרַיְתָא! לָאז עֶר נִיט לָאזֶען דֶעם זִיסֶען אֵיידֶעם זַיינֶעם פָאהרֶען צוּם זָאדְקִיוֶועצֶער רֶבִּי'ן! ....“ פוּן דֶעם שְׂכַר קֶענֶן שׁוֹין אַ יֶעדֶער פֶערְשְׁטֶעהֶען, אַז שִׁיכְלֶעךְ יַאק שִׁיכְלֶעךְ — נָאר 2 לֶעכֶערִיגֶע אֶתְרוֹגִים פַאר 30 רוּבֶּעל סוּג, וֶועט שׁוֹין דֶער קִישְׁקֶעוִויצֶער רֶענְדַאר גֶעוִויסס הָאבֶּען! — זֶעהְט אִיהר, דָאס הָאט דֶער טָאטֶע יָא אַ זָאג גֶעטִיהן צוּ לֶעצְט: „אַז עֶר וֶועט זַיין אַ-נ-עֶהרְלִיךְ קִינְד אוּן וֶועט זִיךְ, הַיינְטִיגֶען רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, גִיט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיים דָאוֶונֶען, קֶענֶן אֶפְשֶׁר זַיין, אִיךְ זָאל אִיהם נָאךְ בֵּין כֵּסֶא לֶעָשׂוֹר קוֹיפֶען אַ פָּאאר שִׁיכְלֶעךְ.“ — מִיר זֶענֶען דִיא וָוארְטֶער

אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן און איך האָב מיך מיישב געװעהן: װאָס װעל איך דאָ אָנװערען; לאָז איך מיך פּרוּװען! דאַכט זיך ניט פון די גרויסע מלאכות װײנען .... און מיט דער דאָזיגער שװאַכער האָפפנונג האָב איך יאָ קאָם דערלעבט דעם ראש-השנה, אין װעלכען מיר איז געװאָרען 6 יאָהר אויף מײַן לעבען.

## 7.

## פון װײנען צו װײנען איז דאָ אונטערשיעדען: אמת׳ע טרעהרען איז נאָר בײַ פּוילישע יודען!

ס׳איז שוין ראש השנה, און איך בין שוין מיט׳ן טאַטען אין קלויז און פּרוּװ מיך װײנען, נאָר װיא איך זעה איז דיא זאַך ניט אַזוי גרינג, װיא איך האָב געמײנט! איך קרימם פּיסקעס, איך קװעטש דיא אויגען, איך קערקיק מיך אין איין זאַך אַרײַן עטליכע מינוט — עס געהט ניט! און באמת, װאָס זאָל איך װײנען? אויף מעכצי דעם רבי׳נס גבאי, װאָס ס׳איז איהם ניט אָבגעראָטהען דיא מעשה אין קעך צו זכור-ברית....? צי אויף דעם קישקעװיצער רענדאַר, װאָס ער װעט נעביך בעצאָהלען 30 רובעל סו״ג פאַר 2 לעכעריגע אתרוגים....? װאָס דען? דיא תּפלות אַליין האָבען מיך װעניג װאָס גערירט צום װײנען: ראשית האָב איך זײ כמעט ניט אָנגעהױבען צופערשטעהן, והשנית איז מיר גאָר מײַן מוח ניט געװעהן דערבײַ, װאָרען איך זאָל געװעהן האָטש עפּעס שכל האָבען, זיך צו בערעכענען אויף דער װיסטער לאַגע פינ׳ם כלל יודען, צי װעגען דיא חטאים פינ׳ם גאַנצען יאָהר — װאָלט איך זיך שוין אומשטאַנד געװעהן צו בערעכענען מײַן לאַגע אַודאַי .... און אויף אַזאַ-נ-אופן װאָלט איך דאָך ממילא פערגאָססען טרעהרען, נאָר אָהן ראש-השנה און אָהן אַ סדור׳ל פאַר זיך .... איך האָב דאָך אָבער דעם שכל ניט געהאַט, און אַ פּאָאַר שיכלעך װילל זיך פּאַרט — הײַנט אויף װאָס זאָל איך װײנען? — איך האָב אַ קיק געטהאָן, אַז באַלד קאָנטשעט מען דיא שמונה-עשרה, און איך בין גאַנץ װײט, װײט פון טרעהרען, האָב איך מיך מיישב געװעהן: אַ נאָ, לאָז איך זיך געהען אונטערהאָרען צי דיא יודען, װאָס װײנען זײ — טאָמער װעל איך מיך אפשר אויך אויסלעהרנען װײנען? .... אומר ועושה און איך בין שוין טאַקע לײַבען רב׳ס סטענדער — צו מײַן גליקק, אַז דיא יודען װײנען אין דאַװענען, זאָגען זײ שטיללערהײט אויף פּראָסט יודעש אַ סך װערטער, װאָס שטעהען גאָר ניט אין סדור — װיא איך האָר — װײנט אַזוי דער רב מיט הײסע טרעהרען „ובכן; רבונו של עולם! דיא װײסט

דאך יא, אז פיני, דער שוחט איז א קל שבקלים! קוילען מיט א חלף פגום מאכט ביי איהם אויך ניט אויס .... נאר ווייל איך האב נעביך א פלאטשיגען קאפ, און בין ניט אזא בקי אין דיא ארבעה שלחן-ערוך'ס, און ער איז דאך א חריף, א צנא מלא ספרא — דאריבער קיממט מיר, ער זאל מיך רודף'ן און מבייש זיין ביי יעדער שאלה, ביי יעדען דין-תורה! ?.... שיקק זשע אויף איהם אן, גאטט'עניו, המן'ס מפלה צום נייעם יאהר, ער זאל שוין אפילו פערגעססען וויא ער הייסט .... און לאזען טאקע אין מיר מקוים ווערען דיא ווארטער „וחסידים ברנה יגילו — ועולתה תקפץ פיה"..... וויא איך האב דאס דערהערט, איז מיר באלד איינגעפאללען, א נא, לאס איך זשע הערען, וואס וועינט דער שוחט .... ? איך קימם צו צו זיין סטענדער, הער איך, וויא ער וועינט; „ובכן; רבונו של עולם! דיר איז דאך יא גלוי וידוע, אז דער רב איז איין עם הארץ דאורייתא, און חוץ חסידות ווייססט ער ניט א פשוט'ן דין אין שלחן ערוך, נאר מיט'ן תקיפות פינ'ם רבי'ן איז ער שוין 30 יאהר רב, און איז נאר מאכיל טרפות און מרבה ממזרים בישראל מיט זיינע גיטין וקדושין .... פאר וואס זשע קיממט איהם נאך א חלק פון מיינע שכירות? וויז זשע הערוים, גאטט'עניו, דעם כבוד-התורה, און לאז גאנץ קהל זיך צעבינטעוען און איהם מעביר זיין פון רבנות, כדי ס'זאל מקוים ווערען דיא ווארטער „ויעשו כלם אגדה אחת לעשות רצונך בלבב שלם"..... ניט ווייט פינ'ם שוחט איז געשטאנען דער קליינשטאדטעלדיגער גביר, א חזיר, א דא בין איך אבהלן געוועהן צו הערען, וואס בעטט ער, און וועינט? — איך געה צו, הער איך: „ובכן; רבונו של עולם! דיא ווייססט, וויא געטריי איך היט דיר אב דיין קאססע, אז אללע יאהר זאל ציקיממען — ניט אבגעהען .... צום סוף שיקסטי אויף מיר אן אללע מאל דיא שיבעניקעס, דיא גבאים, זייא זאלען ביי מיר צאפען ח"י און וויעדער ח"י פינ'ם רבי'נס וועגען, און איך זאל ניט טארען מאכען א קרימעניע מיננע דערביי — אלא ניט, בין איך דאך ניט זיכער מיט מיין גאנץ פערמאגען .... און לא די איך אליין מוז איהם גיבען — האסטי מיך נאך געשטראפט אויף דער עלטער מיט אזא פלאכט, א זיהן, וואס איז פערברענט אינ'ם רבי'ן מיט דיא חסידים ממש אויף מסירת נפש, און וואלט א בהלן געוועהן איבערצוטראסקען צום רבי'ן מיין גאנץ ביססעל האב, איך זאל נאך דארפען חלילה אין דיא הייזער הערומגעהען! .... דערלייכט זשע איהם, גאטט'עניו, זיין נאררישען מוח, ער זאל אוועקווארפען א דיא עבודה-זרה, און עס זאל מקוים ווערען „כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ!".... אוודאי בין איך א בהלן גלייך פינ'ם גביר צו זיין זיהן! וויא איך האר בעטט ער און וועינט אזוי געשמאק: „ובכן; רבונו של עולם! דער טאטע מיינער, דער קמצן'יוק, איז דאך שוין כמעט איין עובר-בטול — און ליגט נאך אלץ אויף דער טארבע געלט וויא, להבדיל

(הס"א

להבדיל, א הונד אויף דער נבלה! און וואס איך נעהם פינ'ם רבי'נס
וועגען, מאריך ימים ושנים זאל ער זיין, קיממט עס מיר אן מיט ווערים פין
דעם אלטען עכבריש; העלף זשע מיר, גאטט'אניו, עס זאל איהם חאטש
דיא ראיה אבגעהמען, איך זאל חאטשע אויף חנוכה אי"ה קענגען מאכען
דעם רבי'ן א מתנה, א הייס-געגילט זילבערען לעמפעל מיט א מנורה אונ
2 כרובים, חאטשע אויף איין ארשיען דיא הייעך, אונ לאז מקוים ווערען:
„ובכן צדיקים יראו וישמחו"... פין דעם חסידישען בן יחיד בין איך
צוגעגאנגען צום סטארעסטעס סטענדער, האר איך וויא ער וויינט אזוי
ערענסט: „ובכן; רבונו של עולם! וויא זענען דיינע נסים ונפלאות, וואס
אונזערע אבות האבען אונז דערצעהלט פין דיר? פאר וואס מיין זיידע,
מיין טאטע האבען אלע יאהר געהאט א נאבאר — אונ איך, נאר 1 מאל
אין 3 יאהר...? זייא האבען דאך געפיהרט 10 געקרוטען אויף איין
קייט — אונ איך גיב א קייט אויף יעדען געקרוט בעזונדער... זיי האבען
אבגעגיבען דיא שאנסטע בעלי-בית'שע קינדער אין שטאדט — אונ איך
לעג מיך אין דער לאנג אונ אין דער ברייט, איך לאז נאר אבגיבען
פאימעניקעס; מאג זיין מיט א פראשפארט, מאג זיין א זקן פין אריבער
חמשים... אפילו א רב פין א קליין שטעדטעל... אפילו א מאנן פין ווייב
אונ קינדער; אפילו א בן יחיד ביי איין אלטער בלינדער ארימער מיזמע..
איז מיר אליץ איינם! איך צערייס דעם פראשפארט אונ שטעלל מיר
דערמיט איין דאס לעבען; איך פליקק איהם אוים דיא גרויע האאר פינ'ם
קאפ... אכלל, איך טיה כל הפסלנות שבעולם, אונ גיב זיי אב פאר
סאלדאטען — אבי מיין קהל צו פערהיטען... צום סוף האט מיין זיידע,
עליו השלום, געלאזט נאך זיך א ראד געמאווערטער קלייטען, אונ מיין
טאטע, זכרונו לברכה, א מאווער אין 3 גארען אויף א גאנצען קווארטאל..
אונ איך האב מיך, קוים מיט צרות, צוגעשלאגען צו א פריץ'עש-האפעל
אויפ'ן פאראדנע-פלאטץ, צו א פערדעשער מיהל, א דווארענסקי באדעל,
א 5 הילצערנע קלייטליך אומשטיינסגעזאגט, אונ נאך עפעס, וויים איך
דארט, א יאטקע מיט א 3-2 שיינקען — אונ א מעשה מיט איין עק!..
אמת פראוודע חתונה געמאכט מיינע 3 מיידלעך, זאלען לעבען — אבער
וואסערע איידעמליך האב איך גענעהמען!? ציאצקעס, תכשיטים'לעך,
אז דיא, גאטט'אניו, אליין מאגסט מיר מקנא זיין אויף זיי... העלף זשע
מיר, גאטט'אניו, אונ שיקק ארויין דעם מיניסטער אין קאפ אריין, ער זאל
גוזר זיין — פרא מיר — חאטש 2 נאבארען אין יאהר! פין דיא היינטיגע
יונגע אפיקורסים'לעך, דיא בערלינער, וועט אפילו סטייען אויף 3 נאבארען
אין יאהר... לאזען זיי, א דיא פורקי-עול-מלכות-שמים, א דיא הפקר-
יונגען מורא בעקוממען פאר גאטט אונ פאר לייט, אונ עס זאל מקוים
ווערען אין זיי „ובכן תן פחדך על כל מעשיך"!... אוועקגעהענדיג פינ'ם

סטארעסטע, האב איך מיך אנגעשלאגען עפיס אין א גאנץ גרויסען סטענדער, איך קיק מיך ציא: דאס איז דער גבאי פון דער חברה-קדישא. „א!" טראכט איך, לאס איך אונמיסטען הארען, וואס וועינט ער? — איך האר מיך צו, וועינט ער אזוי גאנץ שטילל, קוים וואס מע הארט: „ובכן; רבונו של עולם! געכטען האב איך אונמיסטען איבערגערעכענט דעם פנקס פון דיא מתים אין יענעם יאהר — זענען בסך הכל געוועהן 52 שטיק — א חוץ נפל'עך אונ מפיל'עך — דאס הייסט קוים קוים א מת אויף א וואך! אי דאס איז אונטער זיי געוועהן העכער האלב קבצנים... נא, פרעג איך דיך, רבש"ע, קענן איך זשע דען לעבען דערפון חאטשע וויא לייבען לייט? ... מילא, דיא קשיא, איך זאל דיך בעטען אויף א סך מתים — איז עפיס וויא געגען דיין ווילען... בעטט איך דיך, גאטט'עניו, בעשער מיר אויפ'ן נייעם יאהר א 5-6, אזוי... פעטטע, געפאססעטע מתים'ליך.. דיא ווייסט דאך, גאטט'עניו, וואס איך מיין... אונ דער נאך וועל איך דיך ווייטער בעטען, דיא זאלסט מיר נאר גיבען דיא געלעהרענטע מיט דיא געבוילבעטע אין דיא האנד אריין, וועל איך שוין וויסען, וויא מיט זיי זיך אבצורעכענען... אט ליגט, אשטייגער, דער יאקטער געלעהמט שוין 3 חדשים, וויא א גולם, מיטשעט זיך אונ מיטשעט מיך, דער רוח ווייסט פון וועמט וועגען? ... א מעהר מאך איהם שוין אב דיא שפיעל, אונ זיי איהם משלח אהין, אין דיא ווארעם-באדער... צום גהנים-שמש אויף א קאור; אי ער וועט געזונד ווערען... אונ איך וועל דערווייל אבלעקען א פעטטע ביינדעל... אונ לאז שוין גיכער מקוים ווערען דיא ווערטער: „וכל הרשעה כלה כעשן תכלה"... איך בין נאך ביי עטליכע סטענדערס אוים-געוועהן, אונ כמעט אלין אזעלכע טרהרען, וועלכע האבען מיך נאר בע-ריהרט צום לאכען מיט פיאווקעס... אבער כלל ניט צום וועינען!... אונ וויא איך האב מיך שוין געוואללט אומקעהרען צו מיין שטאדט — דערזעה איך, סאמע ביי דער טיער, שטעהט א יוד מיט א אבגעגאלטען האלבען קאפ, אין א גרויער סוויטע מיט א לאטע אויף דיא פלייצעס, אונ לייבען איהם א סאלדאט מיט א ביקס... א דא בין איך זיך א בהלן געוועהן אב-צושטעללען, אונ הארען, וואס קען ער וועינען? — וויא איך האר, בעטט ער אזוי אונ וועינט מיט בלוטיגע טרהרען: „ובכן; רבונו של עולם! דיא ווייסט דאך דעם אמת, אז מיר איז אפילו אויף דער מחשבה ניט געקוממען אבצומאכען א פאלשען קוויט אויפ'ן פריץ, נאר מיט דער עצה פונ'ם רבי'נס לייב-גבאי אונ מיט דער הסכמה פונ'ם רבי'ן אליין, האב איך מיך בעשלאססען דארויף — אי דאס האט דאך דעם קוויט נאכגעמאכט דעם רבי'נס טייגע סעקרעטאר, מיט זיין האנד... ציינד מוז איך פוילען אין א סטראג, אונ ווער ווייסט, צו וואס איך וועלל פער'משפט ווערען חלילה? ... נא, זאל איך זיך ניט געוועהן פערלאזען אויף אזא צדיק,

וואס

וָואס אַ װעלט גְלֵעבְּט אִין אִיהם װיא אִין דֶער תּוֹרַת-מֹשֶׁה, אוּנ דִיא גַאנְץ, אַלֵיין װַייזְט דוּרְךְ אִיהם דַיינֶע גְרוֹיסֶע נִסִים וְנִפְלָאוֹת אַללֶע שָׁעָה, אַללֶע רֶגַע! ? לָאז זְשֶׁע מִיךְ אוֹיס, גָאטט'אֶניוּ, פִין גוֹי'עֶשֶׁע הֶאנְד, אוּנ לָאז מְקוּיָם װֶערֶען אִין מִיר דִיא װָארְטֶער „וּפִתְחוֹן פֶּה לַמְיַחֲלִים לָךְ!“....

אִין מִיטְטֶען-דֶערְאִינֶען הָאט דֶער שַׁמָּשׁ אַ גֶעשְׁרַיי גֶעטִיהן: „10 גִילְדוִין בִּמְקוֹם כֹּהֵן!“ אוּנ װַייטֶער, װַייטֶער „18 גִילְדוִין אוֹם שְׁלִישִׁי!.. 25 גִילְדוִין אוֹם שִׁישִׁי!“ (דֶעמָעלְט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאללֶען אוֹם שַׁבָּת.) אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען לֵייעֶנֶען. װיא אִיךְ טִיה אַ קִיק, אַ װֶעהטִיג אִיז מִיר! מַיין גַבַּאי דְחֶבְרָה-קַדִישָׁא גֶעהט אַרוֹיף צוּ שְׁלִישִׁי.... עֶס הָאט מִיךְ זֶעהר פֶערְקְלֶעמְט בַּיים הַארְצֶען — נָאר אִיךְ הָאבּ מִיךְ נָאךְ אַלֶץ גֶעמֶענְטְשְׁט, אוּנ זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטֶען פִין װֵעינֶען בְּכָל מַאֲמַצֵי כֹּחַ... נָאר אַז אִיךְ הֶאבּ דֶערְזֵעהֶען דֶעם סְטַארֶעסְטֶע אַרוֹיף גֶעהן צוּ שִׁשִּׁי — אַ דָא הָאט שׁוֹין אִין מִיר גֶעלָאפְּגֶעט דִיא גַאלל אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעשָׁאסֶען מִיט אַ גֶעװויין אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער קְלוֹיז!.... אוּנ אַז דֶער טָאטֶע מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲסִידִים הָאבֶּען מִיךְ גֶעפְרֶעגְט, וָואס דָאס בֶּעטַייט? הָאבּ אִיךְ פַאר בּוּשָׁה פַאר לַייט... אוּנ פַאר מוֹרָא פַאר'ן סְטַארֶעסְטֶע.... גֶעזָאגְט אַז יֶענֶע נַאכְט הָאט זִיךְ מִיר גֶע'חָלוֹם'ט, אַז מֶע הָאט מִיךְ גֶענֶעהמֶען פַאר אַ גֶעקְרֶעט, אוּנ, דֶערְזֵעהֶענְדִיג דֶעם סְטַארֶעסְטֶע, הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶערְמָאהנְט אִינ'ם חָלוֹם, אוּנ ס'אִיז מִיר פְּרָחָא נִשְׁמָתִי גֶעװָארֶען!... קֶערְץ אוּנ גִיט, צִי דוּרְךְ מַיין װֵעינֶען, צִי דוּרְךְ דֶעם, וָואס דֶער טָאטֶע הָאט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַרַיין גֶעטִיהן דֶעם קִישְׁקֶעװִיצֶער רֶענְדַאר דִיא צְװייא לֶעבֶערְדִיגֶע אֶתְרוֹגִים — נָאר אִיךְ בִּין עֶרֶב-סוּכּוֹת אַרַיין אִין אַ פְּזאר נַייע שִׁיכְלֶעךְ צוּ מַזָל! —

## 8.

### אַ נַייעֶר פְּרִיץ — נַייעֶ גְזֵרוֹת,
### אַ נַיי יָאהר — נַייעֶ עֲבֵירוֹת!

נִישְׁטָא דִיא זִיסֶערֶע אוּנ גְלִיקְלִיכֶערֶע צַייט פַאר'ן פּוֹילִישֶׁען יוּנְגֶעל, װיא דִיא עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה בִּכְלָל אוּנ דִיא 4 טֶאג צְװִישֶׁען יוֹם-כִּפּוּר אוּנ סֻכּוֹת בִּפְרָט! דִיא צַייט אִיז בֵּין-הַזְמַנִּים אוּנ דִיא מְלַמְדִים הָאבֶּען קֵיין שְׁלִיטָה נִיט אוֹיף זֵייעֶרֶע חֵדֶר יוּנְגְלֶעךְ.... דִיא טַאטֶע-מָאמֶעס, װִיעדֶער, גֶעהֶען הֶערוּם בִּיז יוֹם-כִּפּוּר מִיט קַאזִיאַנֶע בְּאֶלֶף-מְחִילוֹת'ן פַאר זֵייעֶר הִיבְּשׁ בִּינְטֶעל חֲטָאִים פִין אַ גַאנְץ יָאהר, אַז זַייא פֶערְגֶעסֶען אֲפִילוּ אִין

זיי-געזונד .... און אין די 4 טאג, צווישען יום-כפור און סכות, זענען זיי דאך גאר אין זיבעטען הימעל! .... א קלייניקייט! די אלטע חטאים פערגיבען; די 4 טאג איז מען דאך פריי ווי די נאיאמשטשיקעס, נאר לחלוטין אהן דין וחשבון .... נא, און ביז איבער א-יאהר-ראש-השנה איז נאך גאטט א פאטער .... און חטאים זענען שוין דא גרייטע, נאר צום אבפרעססען ... מע קענן זיך נאך אנזונדיגען, ווי א פאסס, ס'זאל אזש רינגען איבער'ן מויל .... און פאר שפּאטער לאז זיך גאטט זארגען! .... אט אין די געצאהלטע לעכטיגע טאג, פאר אזא לאנגען פינסטערען ווינטער אינ'ם פינסטער, וויסטען חדר, האב איך מיך גאר זאטט ניט געקעננט אנשטופּען און אנהילין, אום זיך נוקם צוא זיין פאר'ן גאנצען יאהר! .... איך האב פון די רעשטליך וועקסענע יום-כפור-ל'עכט אויסגעקלייבט אללערליי פיגורען אין דער וועלט; איך האב מיך געטוויטשעט אינ'ם סכך; געפלאכטען פון לולב קאשעקליך און קראם-פינגערליך; פינ'ם אטשערעט געשנוטצט פייפעליך און פאנעם און ציגייער-שפּיטצליך; א כלל איך האב געהילעט, געשפּרינגען, געבריקעוועט און געארבייט אויף וואס די וועלט שטעהט, ביז דער ליעבער סכות איז געקומען, און דער טאטע האט זיך איבערנייעס דערמאהנט אין מיר! ....

מיילא פון סכות בייטאג איז דאך ניטא, וואס צו דערצעהלען! מע עססט אב די קאלטע לאקשען אין סוכה, און מע לעגט זיך שלאפען. נאר אויף דער נאכט איז זיך צום טאטען צונויפגעקומען די חסיד'ארניא, מע האט אביססעל אונטער געלעבט, און נאך הבדלה האט מען זיך געלאזט געהן און דער טאטע האט מיך אויך מיטגעריהפען, ארויס-געהענדיג אין דרויסען, האב איך בעמערקט, ווי עטליכע חסידים טראגען צו עמער וואססער אין די האנד, און אז איך האב א פרעג געטיהן דעם טאטען: וויהין געהט מען עס? האט ער מיר געאנטוואָרט: „אויף שמחת-בית-השואבה“. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז ער זאגט מיר: „ביי שמחה'ן איז א שרפה“ .... נא, מיילא, א שרפה איז דאך עפעס אויך פאר מיר א געשעפט! .... ווי מיר זענען צוגעקומען צו ר' שמואל-סירקעס שטיב, האט זיך א יונג חניאקעל שמיידיג ארויפגעדראפּעט ווי א קאטץ אויף ר' שמואל'ס סוכה, צוויי אנדערע חסידים האבען איהם כהרף-עין ארויפדערלאנגט 2 עמער וואססער, און ער זאט זיי אריינ-געגאססען אין סוכה אריין, און ווי ער איז נאר אראפּ, האט מען שוין געהערט א ביטטער געשריי: „געוואלד מיין ווייב חלוש'ט!“ .... מיין חברה האבען עס אפילו אין פיאטע ניט געהערט, און מע האט מארשירט צו א צווייטער סוכה, און האבען די איינענע שפּיעל געמאכט .... אזוי איז מען ארומגעגאנגען אין א שטיקלעך 30 סוכות, פון אומעדים האט זיך געהערט קולות ביז אין הימעל אריין .... ביז ס'האט אנגעהייבען

טאָגען — און די גאַנצע חברה האָט זיך געלאָזט אין מקוה אַריין ... אוודאי בין איך פון אַזאַ נאַכט העכסט צופרידען געוועהן, נישמעהר וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אַז מאָרגען גיט מען מיך אָב צום גמרא-מלמד, — כך הוה: דעם ערשטען טאָג חול המועד איז צו אונז געקומען דער גרויסער גמרא-מלמד, ר' אברהם'ל חיריק, אַ רויט יודעל, מיט גרויסע ברייטע איבער 2 טיעפע, גרינע קאַטצענע אייגעלעך, מיט אַ בעוואַקסענער באָראָדאַווקע אויף דער שפּיץ נאָז, מיט 4 טיעפע קנייטשען אין שטערען, וואָס אין איטליכען בעזונדער וואָלט מען געקאָנט לייכט בעהאַלטען אַ בינטעל ציצית, די נאָז קאַרפאַטע מיט צוויי ברייטע צעשפּאַרטע נאָז-לעכער, ווי אַ יאַקאָר, די אייבערשטע ליפּ אין דריי גאָרען, ס'הייסט, אַ ליפּ אונטערגעפּיטרעוועט מיט אַ שמאָהל ליפּעל, אונטער וועלכען ס'איז ווי צוגעלאַמעוועט צוויי האַלבע, בולבעוואַטע ליפּעלעך .... אַ גיפּטיג-שיטער, רויטע צאַפּען-בערדעל מיט אַ שנעל-לויפענדיגען קנאָפּ ווי קוועקזילבער, און די גאַנצע פיגור ווי די סטראַשידלע אין אַ גאָרטען .... גערעדט האָט ער מיט אַלע אברים און על פי רוב האָט ער אַריינגעשטעקט איין גראָבען פינגער טיעף אין גאַרטעל אַריין, און אַלע 5 שפּיטציגע פינגער פון דער צווייטער האַנד האָט ער אָפט געשטיפּט אין'ם צאַפּען-בערדעל פון אונטען אַרויף, פערדרייענדיג דער ביי דאָס מאָרדעלע אַרויף, און קרימענדיג דעם פּסק, יאַק סערעדאַ נאַ פּיאַטניצאַ .... הגם ער האָט נאָר גערעדט ווי האַלבע ווערטער — דאָך איז זיין שמים זעהער ריין געוועהן, ווי פעריל שיטען זיך פין'ם מויל! אָט האָרט אַ שמים פון אַ יודען און שטוינט:

ווי דער טאַטע האָט איהם אַ פרעג געטהון: „וואָס מאַכסטו אברהם'ל?" האָט ער איהם באַלד געענטוואָרט: „עט! וואָס זאָל מען מאַכען? אָט, מאַכט מען! .... מע מאַכט און מע מאַכט, נאָר וואָס מאַכט עס, אַז נאָך אַלע מאַכענישען — מאַכט זיך ניט, חאָטש בעמאַך זיך? ..."

„ווי פיעל קינדער האָסטו שוין אין חדר? האָט איהם דער טאַטע געפרעגט.

— ווייסט איך! האָט ער אַ מאה געטהון, פערדרייענדיג דעם פּנים און פערציהענדיג די אַקסעל — די קשיא עך די אייגענע מעשה; כ'לעבען, ווי זאָגט מען עס, דער ענין דערפון, ס'הייסט, די גאַנצע זאַך דערפון, איז דאָך נאָר, אַז דער אייבערשטער העלפט אַ יודען, די קשיא: מע איז דאָך ניט מעהר ווי-אַ-אַ-אַ-אַ יוד! — פערשטעהסטו מיך, יאַסקי: אַ דאָס איז דער גאַנצער ענין דערפון! נמצא, אַז די גאַנצע זאַך דערפון איז טאַקע, נאָך אַמאָל דאָס אייגענע, ס'הייסט, אַז מע וויל קלערען אַביסעל טיעפער אין ענין אַריין קען מען ס'הייסט

גָאר פָּשׁוּט פֶערְשְׁטֶעהֶען פוּן זִיךְ זֶעלְבֶּערְט, אַז דִיא גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נִיט מֶעהר, וִויא טַאקֶע וַוייטֶער דָאס אֵייגֶענֶע! אַיי וָוא-אָ-אָ-ם? גִישְׁמֶעהר גָאר נִיט!...."

„אָבֶּער מַיין יוּנְגֶעל וֶועסְטִי מִן הַסְתָּם נֶעהמֶען צוּ דִיר אִין חֵדֶר?" פְרֶעגְט דֶער טָאטֶע.

— דַיין יוּנְגֶעל? נָאךְ אַ מָאל! אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נִיט, בְּנֶאֱמָנוּת! וִויא הֵייסְט? דִיא קַשְׁיָא אוֹיךְ דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה, הַא? דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן דֶערְפִין אִיז דָאךְ, כְּלֵעבֶּען, וִויא זָאגְט מֶען — אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַיינְד צוּ נַארֶען, דִיא קַשְׁיָא, וָואס טוֹיגֶען דָא אַ סַךְ דִבּוּרִים? דֶער אֱמֶת דֶערְפִין, ס'הֵייסְט דִיא גַאנְצֶע זַאךְ דֶערְפִין אִיז דָאךְ אַזוֹי: אַ מֶענְשׁ, ווִיא זָאגְט עֶר, אִיז דָאךְ פָּארְט נִיט מֶעהר וִויא אַ-אַ-אַ-אַ מֶענְשׁ, הַא? אַזוֹי, פָּשׁוּט גֶערֶעדְט, אָהן חָכְמוֹת! וָואס זָאל מֶען זִיךְ דָא אַ שְׁטֵייגֶער נַארֶען? מֵיילָא מָאלֶע, וָואס אַ זַאךְ מַאכְט זִיךְ? כְּלֵעבֶּען, אַ הִין אַ הֶער, מִן הַסְתָּם אִיז זִיךְ עֶס, וִויא זָאגְט יֶענֶער, אַ-אַ-אַ בַּאשֶׁערְטֶע זַאךְ! נָא מֵיילָא? לָאז זַיין אַזוֹי, כְּלֵעבֶּען. אִיךְ וֶועלל מִיךְ דָא עֶפֶּעס מִיט דִיר, וִויא זָאגְט מֶען עֶס-ס-ס-ם.... הַא? מֵיילָא, נִישְׁט-נִישְׁט! אוּנ וַוייטֶער — צוּרִיקְק דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה, בִּיסְט זִיךְ עֶפֶּעס, כְּלֵעבֶּען — אִיךְ זָאג עֶס אַקֶעגֶען דֶעם-ם-ם.... נָא, יָא, נָא! פֶערְשְׁטֶעהסְטִי שׁוֹין?... אָ דָאס אִי דָאס! אַיי וָוא-אָ-אָ-ם? גִישְׁמֶעהר גָאר נִיט!....

אוּנ טַאקֶע אַזוֹי רֶעדֶענְדִיג אִיז גֶעבְּלִיבֶּען, אַז מָארְגֶען זָאל אִיךְ שׁוֹין קוּמֶען אוֹיף אַ פָּאר שָׁעָה אִין חֵדֶר אַרַיין....

אִיהר קֶענְט פֶערְשְׁטֶעהֶען, וִויא גִיךְ דִיא נַאכְט אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶע־פְלוֹיגֶען?.... אוּנ דִיא וִויסְטֶע מִינוּט אִיז גֶעקִימֶען! ווִילְיֶע אַהִין ווִילְיֶע אַ הֶער — אִיךְ גֶעה אִינ'ם נַייֶעם חֵדֶר אַרַיין! אִיךְ בִּין שׁוֹין דָא!.... אִין שְׁטִיבּ אִיז אַבִּיסֶעלֶע רֵיינֶער גֶעוֶועהן וִויא בַּיי נַחְמָן טְרָאסְק אִין חֵדֶר, וַוייל דָאס גַאנְצֶע מִיסְט מִיט'ן סְרַאטְשׁ זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועהן אִין סוּכָּה....

וִויא אִיךְ הָאבּ נָאר אִיבֶּערְגֶעטְרֵייטֶען דִיא שְׁוֶועל, אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי צוּגֶענַאנְגֶען צוּ מִיר, הָאט מִיךְ אָנְגֶענֶעהמֶען בַּיים אוֹיֶער אוּנ מַאכְט אַזוֹי צוּ מִיר כְּהַאי לִישְׁנָא: „הֶערְסְטִי, דִיא שֵׁייגֶעץ אֵייגֶער! דִיא מֵיינְסְט, אַז דִיא וֶועסְט דָא אוֹיךְ אַזוֹינֶע וֶועלְטֶען פִיהרֶען וִויא בַּיי נַחְמָן טְרָאסְק, צִי בַּיי אַנְשִׁיל בּוּזְשֶׁעבֶּעס, הַא?... דָא וֶועלל אִיךְ פִין דִיר פַּאסֶעס שִׁינְדֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט! דִיא הֶערְסְט שִׁיבֶּענִיק, צִי נֵיין?!.... „נִי טָאט טֶעבֶּע ר' אֶלְיָקוּם!"... אוּנ בַּיי דִיא רֶעד הָאט עֶר פִין אוּנְטֶער דֶער פָּאלֶע אַרוֹיסְגֶענֶעהמֶען 2 בֶּערֶעזֶעוֶע רִיטְטֶער, הָאט מִיךְ שׁוֹין טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶע־לֶעגְט אִיבֶּער אַ בֵּיינְקֶעל אוּנ הָאט מִיר דֶערְוַוייל גֶעגִיבֶּען אַיין אַדָאראָף... אַוַדַאי אַ שֵׁיינֶער בָּרוּךְ הַבָּא לִכְבוֹד יו"ט... מֶע קֶענְן אַנְדֶערְשׁ נִיט הֶערֶען... אַזַא בָּרוּךְ הַבָּא זָאל עֶר נָאר הָאבֶּען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

גישמעהר וואס קענן מען מאכען? — מע מוז זיך האלטען און שווייגען דערפאר האב איך דעם שמחת-תורה אזוי אבגעוואיעוועט, פאר הארץ-וועהטיג, אז איך האב ממש איבערגעקעהרט דיא וועלט הארע-קארען, פונקט וויא דער בוהיי צעבריקעוועט זיך עטליכע מינוט פאר דער שחיטה ····

יאקאס, דער ליעבער סוכות איז אוועק; וויא א ליטוואק פין ווייב און קינדער ···· וויא א זוממערדיגע פרעפראנס-נאכט ···· וויא דער לעטצטער אויגענבליקק פין א פאלשער האפפנונג ···· פין דיא שטריימלען איז געווארען גארעסענע מאזניצעס; פין דיא ראצעמארענע זשיפעצעס-פיסטרענע ברישליעקעס, פין שטערענטיכלעך-פערשמאלציוועטע יאמפערקעס; פין זינגען-קרעכצען; פין פריידען-ליידען; פין פאנטעפעליך-שקראבעס און פין יונגע ווייבליך-אלטע באבעס ···· נאר מיר איז נאך פינסטערער פין אללע: מע מוז געהען צו אברהם׳ל חיריק אין חדר אריין, און עס העלפט ניט, חאטש שריי חיי וקים! ····

9.

## וויא נאך ערגעץ, גיבט עס, וויא פאר נקבות, אזוי פאר זכרים, אזא ערציהענג, אזא לעהרנען, וויא אין דיא פולישע חדרים?!

קוממענדיג אין חדר אריין האב איך דעם רבי׳ן ניט געטראפען, ער איז נאך געוועהן אין באד, ציא אין קלויז, און מיר האבען אויף איהם געווארט ביז 12 א זייגער. אזוי איז געוועהן אללע טאג, און דאך האבען מיר זיך אללע יונגלעך, געפלייסט, צוקיממען תמיד גאנץ פריא אין חדר, ווייל טיללקא זענען דיא 3-4 שעה געוועהן אונזער גאנץ שטיקקעל נחמה, פאר׳ן גאנצען טאג! ליידיג זענען מיר, ברוך השם, קיין מאל ניט געזעסען: דיא רבי׳צען האט שוין תמיד אויסגעזוכט איין ארבייט פאר איטליכען יונגעל: דער פלעג איהר ארויסטראגען דיא פאמעניצע, דער פלעג איהר דערלאנגען דאס ברויט אויף דער לאפעטע; דער פלעג פערקנייטען לעהם צום פרעפעטשיק און דער פלעג געהען קלויבען צעפליקעס פינ׳ם רבי׳נס מיידעל וועגען ··· אויף מיר איז כמעט תמיד דער גורל געפאללען, צושארען דאס אש פין דער הריבע און, זוממער-צייט, אפלעשען דיא האלאוועשקעס פינ׳ם אויוועו אין דער פאמעניצע; און טאקע דעריבער בין איך נאך היינט אזוי קלאהר און צעכטיג, אז ס׳איז ממש אין מיין צורה ניט אריין צוקיקען ···· פונקט 12 איז דער רבי געקיממען פינ׳ם דאווענען מיט א פאאר פערפלאמטע באקקליך — מן הסתם פין גרויס התלהבות ביים „אחד“ ···· און אפשר גאר

פִּין אַ קָאפּ תִּיקוּן ? ··· דִיא רֶבִּי'צֶען הָאט נָאר וָואס אַרוֹיסְגֶענֶעהמֶען רֶעטְשֶׁענֶע
פְּלֶעצֶעלִיךְ מִיט מָאן פִינ'ם אוֹיוֶוען, אוּנ דֶער רֶבִּי הָאט אִיהר אַ ווִינְק
גֶעטִיהן, זִיא זָאל אוּנְז פֶערְקוֹיפֶען צוּ 2 גְרָאשֶׁען אַ פְּלֶעצֶעלֶע, מִיר זָאלֶעוּ-
אַ פָּנִים-הָאבֶען, וָואס צוּטִיהן בִּיז עֶר וֶועט אָבְּעֶססֶען אוּנ זִיךְ אוֹיסְ-
שְׁלָאפֶען ···· דָאס מֵאדֶעל הָאט גֶעחַאפְּט דֶעם קוֹיטִיגֶען הָאנְדְטוּךְ, וָואס
דִיא זִיבֶּעטֶע בְּלָאטֶע אִיז אוֹיף אִיהם גֶעלִיגֶען, אוּנ הָאט אִיהם גֶעגְרֵייט
צוּם טִישׁ, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעטְצְט עֶססֶען אָנְבַּייסֶען אַלֵיין, אָהן דֶעם
בְּנֵי-בַּיִת, כְּדֶרֶךְ כָּל הַחֲסִידִים ···· אַ טֶבַע הָאט עֶר גֶעהָאט צוּ עֶססֶען
פִינ'ם זָאד — עֶס בְּרִיהט דָאךְ אָבֶער ? פְלֶעג עֶר, טַאקֶע אַיין אֶמֶת, פֶּער-
קְרִיכֶען מִיט זַיין טְרָאךְ-עֶטַאזְשֶׁנֶע לוּפּ בִּיז הֶעכֶער אַ הַאלְבֶּער דֶערְוִשֶׁעלֶע ····
דִיא מִינִים תְּנוּעוֹת אוּנ הַוָיוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט בַּיים עֶססֶען אוּנ בַּיים
בֶּענְטְשֶׁען, פְלֶעגֶען אוֹיף אוּנְז וַוארְפֶען אַזוֹינֶע פְּחָדִים, עֶפִּים נָאר וִויא
אַ בֵּייזֶער מְשׁוּגֶע'נֶער הוּנְד זָאל אוֹיף אוּנְז אָנְפַאלֶען ···· נָאכְ'ן בֶּענְטְשֶׁען
הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶעגְט שְׁלָאפֶען מִיט'ן פָּנִים צוּ דֶער וַואנְד אוּנ מִיט דִיא
פֶערְגֶעהַלְטֶע, טֶערְקִישֶׁע-לַאוֶוענְטֶענֶע-תַּחְתּוֹנִים אִין שְׁטִיב אֲרוּים ···· אַרוּם
2 אַזֵייגֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט מִיט אַיין אָנְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶען שְׁטֶערֶען,
ווִיא אַ גֶעפַּיאַטְנֶעוֶועטֶער אוּנ פִין דֶער טְרָאךְ-עֶטַאזְשֶׁנֶע לוּפּ הָאט אִיהם
גֶעסְלִינֶעט אִיבֶּער'ן צָאפֶּען-בֶּערְדֶעל, נָאר ווִיא אֵיינֶער קִימֶּט פִין אַ וֶועג
אִין אַ בְּרֶענְנֶענְדִיגֶען פְּרָאסְט ··· עֶר הָאט זִיךְ טִיעף אוֹיסְגֶעכַראַקְעט,
אוֹיסְגֶעשְׁנַייצְט, אָבְגֶעוִוישְׁט זִיךְ מִיט'ן קוֹיטִיגֶען בְּרֵייטֶען אַרְבֶּעל פִינ'ם
הֶעמְד, גֶעטִיהן אַ טְרִינְק וַואססֶער, זַייעֶנְדִיג טַאקֶע אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען
אַרְבֶּעל ···· גֶענֶעהמֶען דָאס פֶּעפֶּערָאוֶוע צִיבֶּעכֶעל אִין זֶער הַאנְד אוּנ
זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעטְצְט אוֹיוֶוענְאָן. בַּאלְד הָאט מֶען גֶעעֶפֶענְט דִיא גְמָרוֹת,
אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם דַף, אוּנ חָאטְשֶׁע דֶער דַף אִיז גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעפַּאצְקֶעט
פִין חֵלֶב אוּנ פֶערְגֶעהַלְטֶע טַאבֶּעקֶע-פְלֶעקֶען — דָאךְ, אַז מֶע נֶעהמְט זִיךְ
אַרוּים דִיא אוֹיגֶען — קֶענְן מֶען, ווִיא עֶס אִיז אָנְטַאפֶּען ···· עֶר הָאט
אַ קְלַאפּ גֶעטִיהן מִיט'ן צִיבֶּעכֶעל אִין טִישׁ אַרַיין אוּנ הָאט אָנְגֶעהַייבֶּען:
„נָא, קִינְדֶער, זָאגְט!" „הָיָה רוֹכֵב עַל גַּבֵּי בְּהֵמָה" צְווִישֶׁען דִיא יוּנְגְלֶעךְ אִיז
גֶעוָוארֶען אַ גֶעשְׁרַיי, נָאר ווִיא צְווִישֶׁען גֶאנְז, וָואס מֶע טְרָאגְט אוֹיף דֶער
קָארָאמֶעסְלֶע צוּם שׁוֹחֵט! — דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהַייבֶּען קְלַאפֶּען מִיט'ן
צִיבֶּעכֶעל: „שַׁאט! אַ רוּחַ אִין אַייעֶרֶע מָאמֶעס אַרַיין! — נָאךְ אַ מָאל:
„הָיָה רוֹכֵב עַל גַּבֵּי בְּהֵמָה", אַז רְאוּבֵן הָאט גֶערִיטֶען אוֹיף אַ בְּהֵמָה,
(עֶפִּים הָאט זִיךְ אוּנְז פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי ווִילְד אוּנ מְשׁוּגֶע: נַא דִיר
נָאר אוֹיף אַ קִיא רַייטֶען ···· ? [דָאס וָוארְט „בְּהֵמָה" וֵוייסֶען מִיר נָאר אוֹיף
דֶער קִיא ····] אוּנ נָאךְ וֶוער ? ···· רְאוּבֵן! ? יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס עֶלְטְסְטֶער זִיהן,
דֶער בְּכוֹר פִין דִיא 12 שְׁבָטִים, רַייט נָאר אוֹיף אַ קִיא! ? ····) „וְרָאָה אֶת
הַמְּצִיאָה" אוּנ הָאט דֶערְזֶעהֶן אַ מְצִיאָה!" — אַיין יוּנְגֶעל הָאט זִיךְ פֶּער-

שפעטיגט מיט'ן נגון, האט זיך געהארט, וויא ער האט אויסגעלאזט:

אונ וויל דרייען דיא רצועה" אונ א צווייט יונגעל האט איהם פערערכט: „דיא גייען! — אונ וויל געהן אין דער פאליציע" .... איך האב מיך גאר וואס געוואלט אנריהפען: „אונ האט געלאזט א ראציע" — נאר דער רבי האט שוין געעפענט דיא 4 קנייטשען אונ צעשפארט דיא נאזלעכער, אונ האט אונז אללע מכבד געוועהן מיט א ציבעכעל איבער דיא אקסלען: „א מציאה! א רוח אין אייערע פאטער אונ מוטטער אריין! א מציאה! א מציאה!" — „אוי, אוי, אוי! רבי'ניוא, א מציאה, א מציאה!" אונ אזוי האבען מיר אבגעקאניוטשעט דיא גאנצע וואך, ביז פרייטאג פארנאכט. — שבת נאכ'ן שלאף האט דער טאטע געהייסען מיר ברענגען דיא גמרא, ער זאל מיך פארהארען; איך בין געגאנגען אין חדר נאך דער גמרא, אונ ביים אוועקגעהען האט זיך דער רבי מישב געוועהן, ער געהט אויך מיט מיר צום טאטען, אנגעזאגט האט ער מיר אזוי: אז דיא וועסט עפעס ניט וויסען בשעת פארהארען, זאלסטו א קיק טיהן אויף מיר, וויא אזוי איך וועלל מאכען מיט'ן מויל, צי מיט'ן פינגער, אונ זאלסט באלד ביי מיר אויסכאפען דיא ווארטער, גלייך וויא דיא האסט אליין געטראפען ...." מיר זענען געקוממען א היים, איך האב מיך געזעצט לייבען טאטען, דער רבי האט אויפגעמישט דעם דף, אונ איך האב אנגעהייבען אויף א געלענקעל „היה רוכב על גבי בהמה" אז ראובן האט געריטטען אויף א בהמה .... איך האב נאר אויסגערעדט דיא עטליכע ווארטער, טיהט מיך פליצעם דער טאטע א חאפ: „זאג נאר, וואס איז היינט?" — דעם שבת איז גראד געוועהן ביי חיה ריקלען — מיינס א געשוועסטער קינד — פארשפיעל; אזוי האב איך איהם באלד געאנטווארט, אזוי משאקענדיג: „היינט איז פארשפיעל ביי חיה ריקלען!" „א דיר אכטציג שווארצע יאהר! — האט דער טאטע אגעשריי געטיהן — חיה ריקעל'ס פארשפיעל ליגט דיר אין קאפ, ניט דיא גמרא! הא?" .... א דא האב איך שוין אנגעהייבען קיקען אויפ'ן רבי'ן, זעה איך וויא ער קוועטשט זיך: „אז נעכטען איז געוועהן פריי.... נא....?" איך האב דיא רגע אונטערגעחאפט „פרייטאג!" — נא ....? — קוועטשט זיך דער רבי — איז זיך היינט ש...." איך האב ווידער דיא מינוט אויסגעחאפט ביי איהם פינ'ם מויל „שבת!" אונ האב זיך גאר געשמאלצען, וואס איך טרעף אזוי געשווינד .... „נא? — זאגט דער טאטע — אום שבת מאג מען רייטען?" — יא! — האב איך אויסגעשריגען מלא שמחה — איך האב היינט אפילו אליין געזעהען דעם רבי'נס יונגעל פאהרען רייטענדיג אויף א צאפ!" ... דער רבי איז שטארק מבויש געווארען אונ האט מיר קלאמערשט א קניפ געטיהן אין באקקעל, אז ער האט מיר שיר א שטיק פלייש אבגעריססען! „נא, נא, — זאגט ער — מיין יונגעל וועל איך שוין דערפאר

מקיים פסק זיין, נאר דיא זאלסט וויססען, אז אום שבת טא...." איך האב מיך באלד אנגעשטויסען, אונ האב אויסגעשריגען מיט א גמרא נגון: טאר מען ניט רייטען!" — „אז מע טאר ניט — זאגט דער טאטע — וויזשע קיממט ראובן רייטען אום שבת?" אויף אזא קלאטץ-קשיא האב איך מיך שוין כלל ניט גערעכט, אונ האב שוין אויסגעגלאגצט דיא אויגען אויפ'ן רבי'ן, זעה איך, וויא ער היקקעט: „דהיינו, אז ראובן האט געריטטען אין דער ווא... „איך האב באלד א חאפ געטיהן: „אין דער וואסקאבוינע אריין!" .... דער טאטע איז געזעססען מלא כעס וחמה, אונ דער רבי האט מיר, מיט א גיפטיג-פערביססען שמייכעלע א זאג געטיהן: „ביסט זיך א וואיל יונגעל .... האר זיך צו, וואס דיא רעדסט! נאך א מאל: דהיינו אז ראובן איז גע...." — איך האב באין ענין-ואופן ניט געקענט פאללען, וואס ער מיינט, אונ נאך א פאאר מינוט שווייגען אין איינע אנגסטען, איז מיר אליין אריינגעפאללען דער אמת'דיגער תרוץ אויפ'ן טאטענס קשיא, אונ איך האב אויסגעשריגען מלא שמחה: דהיינו, אז ראובן איז געוועהן א גוי...." — „אוי, א רוח אין דיין טרייף פארצערווא אריין!" — האט דער טאטע א געשריי געטיהן אונ האט מיר אבגעלאזט
2 פעטש, אז איך האב שיר אללע צאן געקליבען, אונ דער רבי האט, וויא ערענסט, א זאג געטיהן: „א פנים, יאסקי, ביסט טאקע גערעכט: חייה ריקעל'ס פארשפיעל ליגט איהם אין קאפ! ווייטער איז ער דייקע ניט קיין באין ... לאז שוין זיין אויף איין אנדערס מאל" אונ דער רבי האט ער צוגעמאכט דיא גמרא אונ דער טאטע האט מיך ארויסגעווארפען פין אינטערען טיש.

מיילא פין פארהארען נאך אמאל בין איך שוין כמעט בעוואהרענט געוועהן: דער אססען האט זיך צושפיעלט מיט אללע פישטשעווקעס, רעגענס אונ ווינדען אונ א עססעריגע קאלט; דער טאטע האט שוין פערלוירען אין דער בלאטטע א פאאר פאנטעפעל מיט א שטיוועל; אין דער היים שטארבט מען פאר הונגער אונ קיין מעמדות-געלט נעהמט זיך ניט צוגויף א גראשען! אין מיטטען-דעראינען האט מען גאר דעם צדיק געטרעבעוועט אין דער גובערניע אריין .... אונ דער טאטע געהט ארים אונטער ד-ר-ערד ... היינט וויא איז איהם שוין אין זיננען מיין פערהארען ...? נישמעהר מיר איז דערמיט, ניט נאר גרינגער געווארען — נאר נאך א סך ערגער וויא פריער! — ראש-חודש חשון, פערשטעהט איהר מיך, האבען מיר אנגעהייבען געהען ביינאכט! אונ דאס האט שוין גאר ארויסגענעהמען דאס דם התמצית פין מיינע ביינער! .... דיא 3 קאפיקאוו-לעכטליך, וואס איטליכס יונגעל פלעג ברענגען, א מאל אין דער וואך, אין חדר אריין אויף ביינאכט, פלעגען, כמעט תמיד, זיין אויסגעשמירט אין בלאטע אונ צעבראכען אין דרייען, ווארען וועלכעס יונגעל איז ניט

געפאללען 13 מאל אין בלאטע, איידער ער איז געקוממען, אין חדר אריין .... ? הייגט, אז דער רבי האט דאס מין לעכטעל אריינגעשטעללט אין א צושפאלטען לעהמענדיג לאכטערעל, אדער פשוט געריעדט: אינ׳ם „לעהמעל“, וועלכעס ס׳איז ארימגעקאפעט געוועהן מיט חלב אונ אנגעשפי־געוועט מיט שנויטצען, (דיא מעשינע לייכטער זענען געשטאנען אויס־געריבען לכבוד שבת.) קעננט איהר זיך שוין פארשטעללען, וויא לעכטיג אונ וויא פרייליך ס׳איז אונז געוועהן אויף דער נשמה...?

## 10.

## פריי זיין נאך מיטאג, פיהרט מען נאר אין די שקאלעס אוים; ביי אונז לעהרנען — איז לעהרנען! ביז די נשמה זאל ארוים!...

שטעללט אייך, רבותים, פאר: א הענג, נידריג זעמליאנקעלע; פארנע, הויס אונ דישנע; 12 יונגלעך הערום א קערץ, שמאהל טישעל, איבער 4 לאנגע גמרות, פון ביידע זייטען טיש, אויף 3 יונגלעך א גמרא, אזוי אז דיא גמרות האבען שטענדיג געהאלטען אין איין בוצקען זיך .... אונ מיט יעדען בוצקע האט זיך דאס זיסע לעהמעל איבערגעקערט אויף איינער פון דיא גמרות, אונ דאס לעכטעל האט זיך פערלאשען .... דיא עטליכע מינוט, וואס ס׳פלעגט שוין יא ברענגען, האט עס געהאלטען אין איין שפריצען, אז ניט איין מאל פלעג מיר אריין א שפריץ חלב אין איין אויג אריין אונ קיין איינציג יונגעל האט ניט געוואללט אויסלעקקען דאס אויג .... ווארען ס׳איז דאך טרייף ... אט ביי דער מין לימענאציא, וואס האט א סך ווייניגער געשיינט, וויא דיא שטאדט-קאליזשע אקעגען דער שיין פון א לעכט אין א פענסטער — זענען מיר געזעסען אין דרייען געבויגען, צוגעשפארט מיט דיא הערצער צו דיא גמרות, מיט אויסגעסטארטשעטע אויגען וויא דיא באנקעס .... אונ האבען נאך געמוזט אויסזינגען דעם סקיטשנע, אומענדיגען גמרא-נגון, וואס האט זיך אבגעגיבען ביי נאכט נאר וויא דאס וואיען פונ׳ם ווינד אין א קוימען, אונ מיט איטליכען שאקעל אונזערען, זענען דיא שטן׳ס, פון אונזערע קאפליך מיט׳ן רבי׳נס טראך־טאזשנע-לופ-טא זיך אויסגעלעגט אויף דיא גמרות, טא זיך אויסגעצויגען איבער דער סטעליע ביז דער הויזענטיער, אזוי אז אפט פלעג זיך אונז אויס־ווייזען, אז מיר זענען עפעס רוחות אין א פינסטער מיהל, אונ עס פלעג אויף אונז פאללען א אימת-מות פאר זיך אליין! .... אונ צו דערעכען זיך פון א דעם טויט-שרעקליכען ברעד פלעגען מיר זיך נאר, בעת דער רבי פלעג אנצינדען

אנצינדען דאס פארלאשענע לעכטעל אונ פלעגט א געשריי טיהן: „זאגט כלבים, עכברושים! וואס זענט איהר עס פערשטיממט געווארען! ....“

היינט, אז מע האט בעדארפט, נאך אזא אויפדערנאכט, געהען אליין א היים אין א בלאטע, א חשכות, חאטש דיא אויגען ארויס־געהמען! .... א! .... וויפיעל שרעקק אונ אנגסטען איז אויף מיר גע־פאללען, געהענדיג א היים ביינאכט! ... ווארען א חוץ דיא מעשות, וואס איך האב געוויססט פין דיא פריערינע חדרים — איז דאך מיר דא נאך 3 מאל אזוי פיעל צוגעקימען .... אונ וואסערע מעשות? — מעשות, וואס קענגען דעם אשמדי אליין איבערשרעקען אויף טויט .... אברהם׳ל חיריק האט מיר גאר מודיע געוועהן דיא מעשה פין דעם אבהייבען דעם בר-מינן, וויא אזוי דיא שטרוי שטעכט דאס מת וויא מיט נאדלען אונ ער שרייט מסוף עולם ועד סופו, נאר קיינער הערט ניט דאס קול, חוץ א שווארצער האן אונ א משוגע׳ן קעלבעל ....; היינט דיא מעשה פינ׳ם חבוט הקבר: וויא אזוי דער מלאך-דומה צושפאלט דעם מת דעם בויך אונ רייססט ארויס דיא קישקעס מיט דיא געדערים אונ ווארפט זייא איהם אין פנים ארייו ..; וויא אזוי ער שטיפט אריין דעם מת אין דיא אחורים א קאטשעלקע האלב אייז — האלב פייער .... וויא אזוי ער חאפט איהם אויף א שפיז ביים שפיטץ נאז אונ טיהט איהם א שליידער פין עק וועלט ביז עק, אונ דערנאך ווארפט ער איהם אין שאול תחתיה אריין, אונ דארטען קאכט מען איהם אין א קעססעל אזוי לאנג, ביז ער ווערט אויסגעלייטערט פין אללע זיינע חטאים .... אונ נאך אזעלכע שרעקליכע קארטינעס פין גלגול, פין עולם-התועה, פין שבעה מדורי־גהנים, וכדומה, צו דיא אללע מעשות דארף זיך נאך מאכען, אז צוריק מיט א פאאר וואכען איז געשטארבען נחמן-טראסק אונ ס׳איז ארויס א קלאנג אין שטאדט, אז ער געהט ארום אויפ׳ן עולם-התועה, דאס אללעס איינאיינעם פלעג זיך מיר פארשטעללען געהענדיג ביינאכט א היים, אונ דא איז מיר נאך תמיד אויסגעקיממען צוגעהען פערביי דער שיהל .... אזוי איז ניט איין מאל פלעג איך קוים א לעבעדיגער אריינפאללען אין שטיב אריין, אונ בין עד היום געבליעבען א שרעקקענדיגער האז מיט א מסוכן׳ער נערוועו-קראנקייט, וואס אללע מינוט בלייב איך אויסען אונ מיין לעבען איז מיר נאר א לאנגער געמיטשעטער טויט! ....

אזוי בין איך אויסגעניקערט געווארען ביז חנוכה, ווען איך בין אויף אכט טאג אביסהעלע אויפגערעכט געווארען: דיא אכט טאג האט מען אין חדר נאר געלעהרענט ביז צוויי א זייגער, אי דאס, ניט קיין גמרא! היינט פלעגען מיר שפיעלען מיט׳ן רבינ׳ס יונגעל אין דריידעל אונ אין ציינגעל .... אמת ער האט אונז אללע אבגעדאצט ביז אין לעטצטען גראשען, ווארען דער רבי פלעג דאך איהם, כלומערשט אונטערוויליכם

ציוויזען און אונטערהעלפען .... נישמעהר, מיר אליין האבען איהם באהבה צוגעלאזט דעם קאהן, כדי ער זאל אונז אויפהערען מסור'ן ביים רבי'ן .... ביים אוועקגעהן פינ'ם חדר ווארעמעס-פריי פלעג אונז שוין דער רבי נאכשרייען מיט א געלעכטערעל: „ברענגט, קינדער, מארגען אויך געלט, וועט איהר ווייטער אביססעל שפיעלען ....“ פערשטעהט זיך, אז איך האב שוין בעדיי ארויסגע'גנב'ט דעם לעטצטען גראשען ביי דער מאמען — אביא שפיעלען! .... און טאקע פין דעמעלט אן האב איך ליעב בעקוממען צו שפיעלען אין געלט, אזוי אז שוין נאך חנוכה אפילו, פלעג איך אויך שפיעלען מיט די יונגלעך, טאקע ביי דער גמרא, אונטערען טיש, און אביא דעם רבינ'ס יונגעל האט געווינען, פלעגט זיך שוין דער רבי נאר אויף צוקלאממערשטען ביזערען .... און פלעגט שוין באלד א שמייכעל טיהן: „איי, ווייסע חברה'ניקעס איינע! נא, נא, שפיעלט אייך א האלבע שעה, שפיעלט אייך! נאר זעהט זשע, דערנאך צו דער גמרא מיט חשק! ....“ א כלל, איך האב מיך שוין אויסגעלערענט אין רעשעטע-אדלער; אין האלבער-צוועלעף, אין איין-און-דרייסיג, אין קאשעק, און שפעטער, שפעטער אין א קארטעל אויך! אז נאך היינט ברענן איך צו'ן א קארט ווי א העלליש פייער! .... אזוי, אזוי, ווערט מען א לייט איבער א סך אונזערע יודישע מדות אין פוילען!: פין א דריידעל ווערט מען א קארטיאזשניק; פין תקון אין קלייזעל — א שכור; פין ארויסנעהמען א טיבעל אויף קאטועס — א גנב, פין חסיד'שע לשון הרע'ס און רכילות'ן — א מסור .... און אזוי ווייטער! ....

נאך חנוכה וויעדער דער וויסטער „ביינאכט“ נאר ווענ'גסטענס האטש די בלאטעס פטור געווארען! איי די קרידעס צו מיינע קאזלאווע שיכלעך מיט די האלב-פאפירענע פאדעשוועס? .... איי די ביטטערע פרעסט צו מיין זיסען הולך! .. עט! א טפשות! איבער די קרידעס בין איך דאך אפטער געפאללען — האט דאס מיך אללע מאל פארטערראמעט פין די פחדים ביינאכט .... נא, און מכח די פרעסט איז דאך אודאי ניטא וואס צו רעדען: א פערפרוירענער פיהלט ממילא קיין קעלט ניט! .... דער וויל האט זיך אנגערוקט דער חודש אדר, האט דער רבי אנגעהייבען אפטער נעהמען אביססעל בראנפען: „משנכנס אדר מרבין בשמחה“ .... אודאי זענען מיר אביססעלע פרייער געווארען .... איך פלעג מיך אפט אריינחאפען אין באד, הארען די חברה מאכען די פורים-שפיעל; פין דער באד זיך אביססעל גליטשען אויפ'ן טייך און בינו לבינו איז דער וויל געקוממען דער ליעבער פורים! א, א וועלט מיט קליינע וועלטעליך! איך קויף פורים-גרייט; איך שלאג המן'ען; איך גנב'ע המן-טאשען ביי דער מאמען; איך לויף נאך די פורים-שפיעלער; איך שיק שלוח מנות מיינע חברים: חיים-ברוך'ן שיק איך א רעטעכעל מיט א פאקעלל — שיקט ער

מיר אָפּ אַ פּאַקעלל מיט אַ רעטעכעל; אָשר-יונג'ן שיקק איך אַ פּידעלע מיט אַ קאַפּהאָן — שיקקט ער מיר אָפּ אַ קאַפּהאָז מיט אַ פּידעלע. וועלכעס יונגעל עס שיקט מיר באַלד ניט אָפּ קיין שלוחַ מָנות — לויף איך צו איהם אַהיים אַליין נעהמען מיין שלוחַ-מָנות, און אַז ער גיט ניט — רייס איך איהם באַלד אַראָפּ דאָס היטעל .... אויף דער נאַכט זענען צו אונז געקומען דיא פּורים-שפּיעלער: אַ שיסטער-יונג איז אַחשורוש; אַ רופא-יונג — הָמָן; אַ פערשטעלט משרת'ל אין אַ היפּע מיט אַ שטערענטיכעל איז געוועזען אסתר; אַ בייגעל-טרעגער אין אַ בונדע מיט אַ צאָפּ — ושתי, און דער באַד-יונג אין אַ קאַפּטען מיט אַ ספּאָדעק איז געוועזען מרדכי, און האָט גערעדט אויף אַלע שבעים לשונות, נאָר קיין פּראָסט יודעש האָט ער ניט געקענט ... אַ כּלל, ס'איז געוועזען ששון ושמחה אויפ'ן העכסטען אופן, און תּיכּף נאָך פּורים האָט מען אויפגעהערט געהען ביינאַכט אויך! — שושן-פּורים ביי טאָג האָט אונז דער רבי געהייסען, מיר זאָלען זיך צונויפלעגען אויף אַ סעודה ביינאַכט; איטליכעס יונגעל האָט געבראַכט אַ פּיטאַק מיט אַ המן-טאַש, דער רבי האָט געקויפט בראָנפען מיט דאַרע קישקעס, דיא רבי'צין האָט אָבגעבאַקקען רעטשעגע פּלעצעליך, דער רבי האָט געטרונקען לחיים און פון דעם טראָפּען אויפ'ן דנא, האָט ער אויף איטליכען יונגעלס אַרויסגעשטעלעפּטע צינג אויסגעגאָסען אַ טראָפּען, און געגיבען אַ רעפּטעלע דאַרע קישקע, אַזוי דין, וויא איין אָבגעריבענער גילען, צו פערבייסען, און יעדען אַ האַלב פּלעצעלע אין קעשענע אַריין .... ביים אָוועקגעהען האָט ער אונז אָנגעזאָגט, אַז אויפ'ן וועג און אין דער היים זאָלען מיר זיך כּלומערשט מאַכען שכּור .... נאָ, נאָ! וויא מיינט איהר? איך בין דאָך תּמיד אַ מזל'דיגער האָז — אוודאי דאַרף איך אָנטרעפען, זיך שכּור מאַכען אויף אַ גליטש, און זאָל פאַללען און זיך אויסברעכען אַ פיסס .... מילא, מן הסתם איז מיר אַזוי בעשערט! .... איך בין אָבגעלעגען אויפ'ן פיסס קאַרגע אַנדערהאַלבען יאָהר, ווען ס'איז מיר אַ ביסעל גרינגער געוועזען דער וועהטיג, פלעג דער טאַטע מיט מיר איבערקען אַ פּרק-משניות, אַ בלאַטטעל עין-יעקב, און אַזוי בין איך פאַוואָלי אַלט געוואָרען 9 יאָהר; פון קיין חדר איז שוין גאָר קיין רעדע ניט געוועזען: איך האָב גע'שס'ט אין שטאָדט פאַר איין עלוי, אַ חריפות'דיגען קאָפּ .... וואָרען, וואָס אַ גרעסערער שייגעץ, אַ ווייסער-חברה'ניק דאָס פוילישע יונגעל איז, איז דאָס אַלץ מעהר סמן, אין פוילין, אויף אַ חריף, אַ ווילדען בר-שכל!

## 11.

# אין קלויז ווערט מען א מאנסביל, א זכר: ארויס פין „יונגעל", אריין אין „בחור!"

---

אין אמת אריין שמיעסען, האט מיר טאקע מיין קאפעל, קיין עין-הרע, אזוי געשפיעלט, אז ניט איין מאל נאר האט מען עס בעדארפט אויסשמירען מיט שארע-זאלב .... ובכן, אז קוים איז שוין פאר מיר קיין מלמד ניטא — דארף מען דאך שוין אנהייבען געהען אין קלויז אריין, צו-רייבען זיך צווישען דיא סקארבאווע קלויזנער בחורים, וועלכע פאהרען שוין בחור-וויים צום רבי'ן אויף שבת-תשובה, אונ קימענדיג א היים מוזען זיי זיך עפעס סודען מיט'ן רופא .... איך בין אריין אינ'ם טאטענס א פאאר פאנטאפעל; א חאלאטעקיל האט מען מיר איבערגענייט פינ'ם אונטערשלאק, וואס פין דער מאמעס היפע; א יארמעלקע האב איך געהאט, ווארען אויף ראש-השנה האט דער רבי געגיבען דעם טאטען זיין אלטע ווייסע יארמעלקע — האט מיר דער טאטע אוועקגעגיבען זיין שווארצע יארמעלקע ... זיא איז אפילו געוועהן צו גרויס אויף מיר, נישמעהר קיין גרויסער חסרון אידאס ניט געוועהן, ווארען דער פארך איז נאך גרעסער געוועהן .... נא? וואס נאך האט מיר געפעהלט? — א פאאר לאנגע גרייזעליך מיט איין אויסגעצויגען גערגעל'ע — דאס האב איך ביי קיינעם ניט בעדארפט לייען .... ובכן, מיינע ליעבע לעזער, מאג איך שוין בעזפעטשנע, דאכט זיך, געהען אין קלויז אריין? הא? — יא?! — נא, האט זשע מיר א גוטען טאג! איך געה שוין טאקע אין א גוטער שעה, מיט'ן רעכטען פיסס! איך בין שוין טאקע אין קלייזעל!

געקימען בין איך הערוס[1] א זייגער; קיין גרויסער עולם איז שוין ניט געוועהן, נאר עטליכע יונגע-לייטליך זענען געזעססען אונטערען עמוד ביים ארון-קודש אונ האבען געטרונקען לחיים .... איהר מיינט חלילה וואס ....? אסור, ניט קיין נסך! פשוט אביסעל בראנפען! .... נאר וואס דען? דאס איז געוועהן אביססעל מצוה-משקה; אויף דעם בראנפען האבען זיך צונויפגעלעגט[2] קלויזנער בחורים, פין וועלכע איינער האט זיך געקלאגט, אז שוין פין א צייט מאכט זיך איהם, אז ווען ער זאגט שמע ישראל, שטעללט זיך איהם, רחמנא לצלן, פאר א צלם, אונ דער אנדערער האט זיך נעביך מתנצל געוועהן, אז געכטיגענדיג יענע נאכט אין קלויז, האט זיך איהם געחלום'ט, אז דיא ערילות, וואס האט געשמירט דיא קלויז, איז איהם תובע .... דארויף קויפען זיי אביסעל תיקון, בכדי דיא קליפות אונ מחשבות-זרות זאלען צו זיי קיין שליטה ניט האבען ... דריי יונגע לייטליך האבען זיך הערומגעדרייט אין קלויז; איינער מיט

אַ לילְקֶע-ציבֶּעבֶעל אִין מויל — אַ סִימָן, אַז עֶר אִיז זיך עֶרְשְׁט מֵכִין צוּם דָאווֶענֶען ··· אוּנ 2 מִיט דִיא טַלֵיתִים אויף דִיא אַקְסֶעל, אוּנ דְרֵייעֶנְדִיג אַלֶץ דִיא צִיצִית, אַזוֹי ווִיא דֶער רָאטְהמַאנְן דְרֵייט דֶעם גְרָאבֶּען קִיטֶעם פִּין זַיין זַיידֶענֶעם חַאלַאט, בְּעֵת אַיין אָרִימְמַאנְן וֶועינְט אִיבֶּער אִיהם, עֶר זָאל בַּיי אִיהם נָאר נֶעהמֶען 10 קֶערְבְּלִיך פַאר אַהַאלְב-יָאהרִיגֶען פַּאסְפָּארְט... בֵּיידֶע זֶענֶען אַלֶץ גֶעגַאנְגֶען הִין אוּנ צוּרִיקְק, שְׁטַארְק פֶערְטִיעפְט אִין אַשְׁמִים, אִין וָועלְכֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען שְׁפָּארְט אַלֶץ אִיבֶּער אוּנ דְרִינְגְט אִיהם אוּיס מִיט'ן גְרָאבֶּען פִינְגֶער, אַז ס'אִיז פוּנְקְט קַאפּוּיר! — אִיך בִּין דָא בַּיי זִיך שְׁטַארְק גֶעפַאלֶען גֶעוֶועהן, זֶעהֶענְדִיג, אַז אִיך בִּין עֶפִּים בָּטוּל וּמְבוּטָל בַּיי אַלֶע בִּקְלִיפַּת-הַשׁוּם — הָאט זִיך מִיר זֶעהר פֶערְוָואלְט הָארֶען זַייעֶר שְׁמִים, בִּבְדֵי טָאמֶער וָועלל אִיך עֶפֶּעס נַאשֶׁען פִּין זֵייא, אוּנ הָאפֶּען דֶעם סְטְרִיא פִּין קְלוֹיזְנֶער ··· אַ דָא הָאבּ אִיך עֶס מִיך פֶער-קְלִיבֶּען עֶט אִין ווִינְקֶעלֶע, בַּייא דֶער הְרִיבֶּע, אוּנ הָאבּ אָנְגֶעשְׁטֶאלְט אַ פָּאאר אוֹיעֶרֶען ווִיא אַ הָאז — ווִיא אִיך הֶער, מַאכְט אַזוֹי דֶער עֶלְטֶערֶער צוּם אִינְגֶערֶען:

„גְלֶעבּ מִיר, פְּרוּיקֶע, אַז דִיא שְׁווִיגֶער אִיז דָא בְּסַך הַכֹּל גָאר נִיט שׁוּלְדִיג! אָט פְּרֶעג קִינְד אוּנ קַייט, וֶועט יֶעדֶער זָאגֶען, אַז הֶעלְקֶע דִיא טִיקֶערִין אִיז אַ כָּשֶׁר'ע יוּדֶענֶע אוּנ אַ מֶזֶג-טוֹב; נָאר וָואס דֶען? פָּשׁוּט אִיז פָּשׁוּט: דָאס וַוייבֶּעל אַלֵיין אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע כְּלֵב'טֶע! אוּנ פִּין וָואנֶעט דָאס נֶעהמְט זִיך? — וָועלל אִיך דִיר זָאגֶען: זִיא אִיז, פֶערְשְׁטֶעהסְטִי מִיך, גֶעוֶועהן אַ פָּאקָאיָאוֶוע בַּיי ר' שְׁמוּאֵל סִירֶקְעס, אוּנ ר' שְׁמוּאֵל'ס לֶעהרֶער — יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ זָאל עֶר וֶוערִין — קֶענְסְטִי דָאך מִן הַסְתָּם! נָא, נָא! ווִיא מֵיינְסְטִי, פְּרוּיקֶע ····?

— ווִיא הֵייסְט? — הָאט זִיך פְּרוּיקֶע אַחָאפּ גֶעטִיהן ווִיא אַיין אָבְּגֶעבְּרִיטֶער — הָאט זִיא דֶען חָלִילָה עֶפִּים חוֹטֵא גֶעוֶועהן מִיט'ן לֶעהרֶער!? אִי פֶּע, גְדַלְיָה, בְּנֶאֱמָנוּת! מֶעגְסְט זִיך שֶׁעהמֶען, אַז דִיא בְּרֶענְגְסְט נָאר פַאר מִיר אַזֶעלְכֶע וָוארְטֶער פַאר'ן מוֹיל! ····"

„חַס וְשָׁלוֹם — אַנְטְוָוארְט גְדַלְיָה — אִיך זָאג דִיר דֶען חָלִילָה, אַז זִיא הָאט עֶפֶּעס פִיר גֶעהָאט מִיט'ן לֶעהרֶער! אִיך מֵיין עֶס גָאר עֶפֶּעס אַקֶעגֶען אַיין אַנְדֶער עִנְיָן; אִיך בִּין דָאך אַסוֹפֵר — מַאכְט זִיך מִיר אָפְט, אַז אִיך שְׁלָאג אַלֵיין צוּ מְזוּזוֹת בַּיי דִיא יוּדִישֶׁע גְבִירִים. אַ מָאל הָאט זִיך עֶס מִיר גֶעמַאכְט בַּיי ר' שְׁמוּאֵל סִירֶקְעס אַלֵיין — אוּנ דֶעמָאלְט הָאבּ אִיך פִּין אִיהר גֶעזֶעהֶען אַ זַאך, וָואס גֶעהֶער נִיט צוּ קַיין יוּדִישֶׁער טָאכְטֶער! ····

— וָואזְשֶׁע הָאסְטִי עֶס פִּין אִיהר אַזוֹינְס גֶעזֶעהן, גְדַלְיָה? אַדְרַבָּא, לָאם אִיך הָארֶען וָואס אִיז אַזוֹינְס?"

„דִיא קַשְׁיָא אויך דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה — זָאגְט גְדַלְיָה — וָואס זָאל אִיך דָא אוֹיסְבֶּעהַאלְטֶען פִּין דִיר: אַוַדַאי טִיהט מִיר טַאקֶע זֶעהר וֵועה

מיין הארץ אויף דיר קוקענדיג — נאר אויך דיא אייגענע מעשה: אז מע רעדט-דערעדט מען זיך צו עפּעס .... איך דערצעהל דיר, פרויקע, מעשה כהויה: איך קומם פאר א יאהרען אריין צו ר׳ שמואל׳ן אין הדר׳ל צו-שלאגען א מזוזה — טרעף איך דעם זיסען לעהרער ביים טיש איבער א טרף-פּסול אונ זיא, דיין יפהפיה, זיטצט אונ הייצט דיא הרובע אונ וועינט .... וואס פריהער איז געוועהן, ווייסס איך ניט! נאר אויף דיא רעד בין איך אנגעקוממען, וויא זיא זאגט אזוי: „טאקע נאר איך בין אין אזא פינסטער מזל געבוירען געווארען: איך האב געמיינט, אז נאכ׳ן אבדיענען עטליכע יאהר, וועלל איך מיך קעננען צו שלאגען צו עפּעס א רעכטען שדוך, אז איך זאל שוין פארשפּארען דיענען אונ הארעווען אויפ׳ן שטיקעל ברויט — צום סוף האט מיך דיא מאמע פערשלייערט פאר א חניאק, א פליאסקעדריגע, וואס ווייסט נאר קוועטשען דיא באנק אין קלויז, אונ טויג ניט אויף דער ווייסער וועלט! אונ ערשט איטצט וועלל איך דארפען אויסגעריססען ווערען אונ פערשווארצט ווערען, איך זאל איהם נאך הארעווען, וואס ער וועט מיר פּאק אנטיהן א מענטליק אויף יענער וועלט מיט זיין פליעסקין ביים דאווענען אונ טאנצען ביים רבי׳ן .... אוי, אז אך אונ וועה איז צו מיינע יונגע יאהר!“ — ביי דיא רייד האט זיא זיך אזוי צעחלופּעט, אז איך ווייס ניט כ׳לעבען צי האב איך נאך א מאל אזוי געוועינט יום-כפּור ביים ונתנה תוקף .... נא, פרויקע, הייגט וועט דיר שוין ניט זיין קיין חדוש, פאר וואס זיא זאגט דיר חסרונות אויף דער מקוה? הא ... ?“

— גוואלד! — זאגט פרויקע מיט הארץ-וועהטיג — איך ווייס דאך אבער פארט, אז מיך גופא האט זיא כ׳לעבען גאר ניט פיינד ....“

„וואס טויג מיר דיא פוסטע גדולות — זאגט גדליה מיט פעראכטונג — אזעלכע דבורים זאגען, כ׳לעבען, נאר א בזיון פאר א חסידישען יונגען-מאנן! וואס מיר ליעב, פיינד! א חרפּה בנאמנות! .... איך זאג דיר, פרויקע, אז זיא איז ניט פאר דיר: ....

— וואזשע קימט מיר צוטיהן, נאך דיין חות-דעת נאך? פרעגט פרויקע וויא פערלוירען.

„וואס הייסט „וואס?“ — זאגט גדליה — ס׳איז שוין גאר ביי יודען קיין תרופה ניטא צו׳ן א ווייב, א מרשעת? .... איך ווייסס, ווען איך האב אזא סחורה, וואס זאל מיר זאגען דעות אין יודעשקייט אריין, וואללט איך מיט איהר א מינוט ניט געוואוינט ....“

— וויא הייסט? — זאגט פרויקע, וויא איינער בעטט זיך געביך ביי א גזלן — זיא זאגט מיר דען חלילה דעות אין יודעשקייט? — גלאטט, זיא וויל ניט איך זאלל מיך שווענקען אללע טאג אין מקוה, צי איך זאל טראגען א טלית-קטן מיט דיא ציצית ביז אין דיא פאנטעפעל

אַרַיין, צִי אִיךְ זָאל נִיט גָאלֶען דֶעם קָאפּ בִּיז אִין דֶער הויט, ווִיא אַ-נְ-אַרִים־
טַאנְט .... נָא, וָואזְשֶׁע קִימֶט אִיהר דֶערְפַאר, גְדַלְיָה, הַא ? ....
„אַזוי גָאר, פְּרויקֶע ? הָאט גְדַלְיָה אַשְׁפְּרִינְג גֶעטִיהן אַ שְׁפַּאנְן אִינְטֶער
זִיךְ — בִּיסְטִי זִיךְ טַאקֶע גִיט אִין דֶער אַרְבַייט ! — וָואס רֶעדְסְטִי, יוּנְגֶעל ;
ס'אִיז נָאךְ אַ שְׁאֵלָה, צִי דָאס אִיז יוּדֶעשְׁקַייט ! ? .... וָואס דֶען אִיז יוּדֶעשְׁקַייט.
אַז נִיט דָאס ? .... נִישְׁמֶעהר, אִיךְ זֶעה, אַז דִיא הָאלְסְט שׁוֹין גָאר וַוייט ....
נָא, הויבּ אַזוי — אִיז שׁוֹין רֶעכְט אַרוּם אוּנ אַרוּם ! ....“
— יָא רֶעכְט — נִיט רֶעכְט ! — זָאגְט פְּרויקֶע מִיט אַ בִּיטֶער גֶעמִיטה —
גָאר אִיבֶּער אַזוינֶע קְלֵיינִיקַייטֶען גֶט מֶען זִיךְ נָאךְ נִיט ! .... דִיא הָאסְט
פַאַרְגֶעסֶען, גְדַלְיָה וָואס דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט, אַז פִין שָׁלוֹם-בַּיִת וֶועגֶען
מָאג מֶען אֲפִילוּ אַ שֵׁם הַוָיָה אָבְּמֶעקֶען ! וּבִפְרַט אַזֶעלְכֶע דִקְדוּקֵי סוֹפְרִים ....
„קְלֵיינִיקַייטֶען“ ? — הָאט גְדַלְיָה אויסְגֶעשְׁרִיגֶען, מִיט אַ פָּאאר אויס־
גֶעשְׁטַארְטְשֶׁעטֶע אויגֶען אוּנ מִיט אַגִיפְּטִיגֶען לַאךְ — נָא, נָא, הַיינְט גֶע־
פֶאלֶט אִיהר נִיט דַיין מִקְוֶה, מָארְגֶען וֶועט זִיא לַאכֶען פִין דַיינֶע זְמִירוֹת
אוּנ אִיבֶּערְמָארְגֶען — וֶועט זִיא דִיר זָאגֶען חֶסְרוֹנוֹת אויפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּנ
ווייטֶער, וַוייטֶער, בִּיז זִיא וֶועט דִיךְ טְרַייבֶּען, זָאלְסְט גֶעהן קויפֶען אַ מֶעסְטֶעל
תְּבוּאָה אויפְ'ן מַארְק ! .... אַוַדַאי בִּיסְטִי אויף אַ שֵׁאנֶעם גְרַאד ! ....“
— נָא, וָואזְשֶׁע מֵיינְסְטִי, גְדַלְיָה — זָאגְט פְּרויקֶע ווִיא מִיט אַיין
אֵיינְשְׁטֶעלֶענִישׁ — ס'אִיז אֶפְשָׁר שְׁלֶעכְט, אַז מֶע וַוייסְט אִי דָאס אִי יֶענְ'ץ ....
זָאגְט דָאךְ דִיא מִשְׁנָה „טוֹב תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ“ — פִין אַ מֶעסְטֶעל תְּבוּאָה
קויפֶען וֶוערְט מֶען מִיט דֶער צַייט אַ סוֹחֵר — אִיז וֶשֶׁע דֶען נִיטָא אוּנְטֶער
חֲסִידִים גַאנְץ פַיינֶע בְּכָבוֹד'ע סוֹחֲרִים ? אִיךְ זָאל נָאר אַזוי פִיהל יָאהרֶען
לֶעבֶּען אִין נַחַת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! — אָט קוּק אָן חָאטְשׁ אַהֲרֶעלֶע, ר'
שְׁמוּאֵל'ס אֵיידֶעם, כְּ'לֶעבֶּען, עֶר זָאל נָאר וֶועלֶען — וָואלְט דָאךְ אִיהם
זַיין שְׁוֶוער בְּאַהֲבָה גֶעגֶעבֶּען אֵייבִּיגֶע קֶעסְט — פְּרִיטָאם, זֶעהסְטִי דָאךְ,
ווִיא עֶר הָארֶעוֶועט יוֹמָם וָלַיְלָה אִין גֶעשֶׁעפְט, פָּאהרְט אַרוּם, קויפְט אויף
תְּבוּאוֹת בַּיי דִיא פְּרִיצִים, דִינְגְט פִיהרֶען — אוּנ וֶוען עֶר הָאט נָאר צַייט,
מִבִּי-תֵּיתִי, קִיקְט עֶר אִין אַ סֵפֶר אַרַיין אויךְ, אוּנ לֶעהרֶענְט אַ בְּלַאטְט
גְמָרָא אויךְ, אוּנ אִיז צְווִישֶׁן חֲסִידִים זֶעהר אַ טְהַייעֶרֶער יוּנְגֶער-מַאנְן !
אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַיינְד צוּ נַארֶען, גְדַלְיָה דָאס אִיז דֶען אַ תַּכְלִית,
אָף צוּ זַיין אִין קְלויז אוּנ בְּרָאטֶען קַארְטָאפְלְיֶעם ? — ס'אִיז נָאךְ גִיט
וָואס דִיא שְׁווִיגֶער גִיבְּט דֶערְוַוייל קֶעסְט ; זִיא אִיז דָאךְ אָבֶּער שׁוֹין גִיט
קַיין יוּנְג מֶענְטְשׁ .... נָא, וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער ? .... הֶער נָאר אויס,
גְדַלְיָה ! כְּ'לֶעבֶּען, מֶע הָאט דִיא וַוייבֶּער אויךְ נִיט וָואס חוֹשֵׁד צוּ זַיין !
אַז מֶע ווִילל זִיךְ נָאר גִיט בֶּעקְלֶעהרֶען, וֶוערֶען זֵיי גֶענֵיג אויסְגֶערִיסֶען
בַּיי אוּנְז ! אוּנ וָואס ? זֵיי וֶועלֶען הָאבֶּען עוֹלָם-הַבָּא פִין אוּנְזֶער הֶעפֶּען
אִין אֵיינֶע תַּחְתּוֹנִים בַּיים רֶבִּי'נְס מְלַוֶה-מַלְכָּה ? .... אִיךְ ווַייס גִיט,

כ'לעבען! נישמעהר וואס דערנאך וועט שוין זיין — דערווייל וויל זיא מיט די קינדערליך נעביך עססען; א פאאר שיך דארף זיא אויך האבען, אונ חאטש א מאל אין א יאהר, עפעס א שטיקעל מלבוש, — נאקעט קענן מען דאך פארט ניט געהען! .... אונ א דאס אללעס וועללען זיי, פון מקוהות אונ מלוה-מלכות, געוויסס ניט האבען! אז אויף מיר איז פאק א שמחה, אז איך טאנץ אזש אין איינע תחתונים — וועט זיא דערמיט זאטט זיין? .... ניין, כ'לעבען! —

„א-א-א, פרויקע! — זאגט גדליה מיט א פערביססענער גיפטיגער מינע — שנייטסט דיא זיך א פנים, אויף דעם בערלינער דרך! .... דער מאנן זאל הארעווען אונ דאס ווייב זאל זיטצען אין דער היים וויא א פריצה! .... נא, נא! טאמער וואלסטי איהר שוין טאקע בעצייטענס צוגענעהמען א דיענסט אויך, זיא זאל זיך ניט איינרעכטען דיא הענדעליך ביים פריפעטשיק .... הא? ....

— אוי, אוי, אוי, — זאגט פרויקע בעהארצט — איך זאל נאר האבען פאר עפעס — וואללט איך איהר אודאי, מיט אללע כבוד'ן צוגענעהמען א דיענסט! — דיא היילינע גמרא זאגט דען ניט „חיב אדם לכבד את אשתו יותר מגופו“? שא, שא, גדליה, דער רבי איז דאך א צדיק יסוד עולם, א יא? אודאי ניט פון דיא בערלינער, להבדיל באלף אלפי אלפים הבדלות! — נא, פיהרט ער דען ניט דיא רבי'צען וויא א מאנארכיניא — הא? — איך זאל עס נאר דערלעבען זעהען, אהן איהר שאדען, א טויזענד-חלק אויף מיין ווייב, רבונו של עולם! ....

„חא, חא, חא! — האט גדליה אויסגעשאססען א גיפטיגען לאך, וויא דער בכור שטן אליין — א דיא שייגעץ איינער! דיא ארצע פליאסקע, עזות-מחוצף-פנים איינער! דיא גלייכסט זיך צום רבי'ן להבדיל, אונ דיין יפהפיה — צו דער רבי'צען! ? .... א זאסיע, דיא אפיקורוס איינער! איך וועלל דיר שוין ווייזען, שייגעץ, ווער עלטער איז! ....“ אונ ביי דיא ווארטער האט ער אנגעמאכט א ליארעם צווישען אללע אין קלויז אזוי, אז מע האט באלד פרויקע'ן אריבערגעלעגט איבער'ן טיש, אונ מע האט איהם אריינגעווארפען אפשר א מאה הייסע פאנטעפעל, אז ער איז כמעט א טויטער געבליבען אונטער דיא האנד .... געשמיססען האט מען איהם מיט מיינע פאנטעפעל, אונ פון דער מינוט האב איך מיך איינגעקויפט אין דער חברה, אונ בין געווארען דער גלאווע שאלאטען-שמש ביי דיא סקארבאווע בחורים ....

## 12.

# מיינע הפצית אין קלויז מאכען מיר אשם ביי לייטען אונ כלות רעדט מען מיר פון אללע זייטען!

---

דאס ערשטע שליחות מיינס איז געוועהן אויף אזא-נ-אופן: איין אלטער סקארבאווע בחור, אפשר פון א יאהר 18.... ריהפט מיך פליצעם אזוי צו אונ פרעגט מיך: דיא ווייסט, וויא טרייגע דיא סעדעכע וואינט?" „יא, — האב איך געאנטווארט — איך וויים!" — „טא געה זשע צו טרייגען אהיים — זאגט דער בחור — אונ זעה, אויב קיינער איז דארט ניטא אין שטיב חוץ איהר מאדעל, זאלסטי איהר זאגען — ס'הייסט דעם מאדעל — אז זיא זאל דיא מינוט ברענגען עפפעל אין קלויז אריין; אונ אויב דיא מוטטער וועט יא זיין אין דער היים — זאלסטי גאר ניט זאגען מכוח עפפעל, נאר זאלסט זיך זעהען בריה'ש אוים דרייען.... דיא פערשטעהסט, צי ניין?...." — „א! איך פערשטעה זעהר גיט! — האב איך געאנטווארט — איך וועלל זאגען טריינען, זיא זאל אבשפרעכען דער מאמע מיינער א-נ-עין הרע...." — פלאות, בנאמנות! — האט דער בחור אויסגעשריגען מיט א פערביססען שמייכעלע — ביסט אמאלאדעץ! נא געה זשע אונ מאך קיין פלעק!".... אז איך בין שוין געוועהן פון יענער זייט טיהר, איז ער מיר נאכגעלאפען, אונ האט מיר נאכגעשריגען אויף א פערדומפפען קול: „אז דיא וועסט זעהען, זיא געהט שוין מיט דיא עפפעל — זאלסטי אריינגעהען צום דין, אונ איהם פרעגען פון מיינעטוועגען: ווען מע הייבט אן זאגען „טל ומטר"?.... גיכער זשע געה ווארען דיא חברה וועלען נאך אנקיממען — וועט ניט סמייען קיין עפפעל...." איך בין אוועקגעלאפען פייל אויפען בויגען, האב ארויספראוואדעט דאס מיידעל מיט דיא עפפעל אין קלויז אריין אונ אליין בין איך אוועקגעגאנגען צום דין. אין א פערטיל שעה ארום, אז איך בין צוריקק געקיממען אין קלויז אריין — האב איך שוין דאס מיידעל ניט געטראפען, נאר דער בחור איז געוועהן פארפאליעט וויא א שניידערייונג פינ'ם צעך ארויס.... אונ ער האט זיך עפעם אזוי צוגעלאזט צו מיר, גלייך איך וואללט איהם עפעם אויסגעקויפט פון גוי'עשע האנד!....

קערץ, איך בין מיט אללע בחורים אונ יונגע-לייטלעך געווארען א גאנצער פאני-בראטציע: זיי האבען מיט מיר פערשטיפט אללע לאכער, אונ זעגען שטענדיג פון מיר העכסט צופריעדען געבליבען! — א מאל האט מען בעדארפט צושניידען דעם גבאי'ס סדור אויף לאקשען; א מאל-

דֶעם טָאלְנֶער מְלַמֵד׳ס סְטֶעןְדֶער צוּבְּרֶעכֶען ; דָאנֶערְשְׁטָאג, בַּיים אִיף זַיין בַּיינַאכְט, הָאט מֶען בַּאדַארְפְט גַנְבָ׳נֶען בַּארֶען, קָאוֶוענֶעס, צִי דִינְגֶעס בַּיי דִיא גוֹי׳עֶשֶׁע פֶּערֶעקֶעפְּקֶעס ; אַ מָאל-אַרַיינְוַוארְפֶען אֵיינֶעס דָאס אָנְטִיהְן אִין מִקְוֶה אַרַיין ; צוּנוֹיפְקְנִיפֶּען דִיא טַלֵיתִים, בְּעֵת שְׁטֵעהְן שְׁמוֹנָה-עֶשְׂרֵה, וּכְדוֹמֶה .... אוּנ צוּ׳ן אַלְלֶעמֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶועהְן אַ חָוַואט .... אוֹיף אַיין זַאךְ נָאר וֶועלל אִיךְ אֵייבִּיג חַרָטָה הָאבֶען — נָאר ס׳אִיז שׁוֹין פֶארְפַאלְלֶען ! :

דִיא חֶבְרָה הָאט זִיךְ אַ מָאל, אִין אַ דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט, פֶערְלֵיגְט, מֶע זָאל אָבְטִיהְן אַשְׁפִּיצֶעל דֶעם אַלְטֶען לֵייבְּצִי ר׳ נַפְתָּלִי׳ס, דֶערְפַאר, וָואס עֶר לָאזְט נִיט רֵעדֶען בַּיים דָאווֶנֶען .... הָאבֶען זֵיי זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶועהְן, סָאמֶע בַּיי חֲצוֹת, וֶוען לֵייבְּצִי קִימְמְט תָּמִיד אִין קְלוֹיז אַרַיין — אוּנ הָאבֶען מִיךְ אָנְגֶעטִיהְן אִין אַ טַלִית מִיט אַ קִיטֶטֶעל אִיבֶּערְן קָאפּ, הָאבֶען מִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְלְט אוֹיף דֶעם בַּעלֶעמֶער, אוּנ מִיר גֶעגִיבֶּען אַ שׁוֹפָר אִין דִיא הַאנְד אוּנ הָאבֶען מִיר אָנְגֶעזָאגְט, אִיךְ זָאל שְׁטֶעהְן אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען וִויא אַ מֵת, אוּנ וִויא לֵייבְּצִי וֶועט זִיךְ נָאר יָאוֶוען אוֹיף דֶער שְׁוֶועל-זָאל אִיךְ אַ בְּלָאז טִיהְן מִיטְ׳ן שׁוֹפָר אוּנ אַרָאפְּשְׁפְּרִינְגֶען פִּנ׳ס בַּעלֶעמֶער גְלַייךְ אוֹיף אִיהם אַרוֹיף .... כַּךְ הֲוָה ; זֵיי הָאבֶען אַלֶע לֶעכְט פֶערְלָאשֶׁען, אַ חוּץ אַ קַאנְגֶעצֶעל אוּנְטֶערֶען עָמוּד, אוּנ וִויא לֵייבְּצִיא הָאט זִיךְ נָאר גֶעיָאוֶועט — אוּנ אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט דִיא קוּנְץ — אִיז עֶר בַּאלְד גֶפַאלְלֶען, אוּנ חַלָשׁוֹת גֶעבְּלִיבֶּען ! — מִיר זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צוּלָאפֶען פִּין דֶער קְלוֹיז, אוּנ עֶרְשְׁט צוּם טָאג הָאט מֶען אִיהם קוים מִיט צָרוֹת אוּנ דָאקְטוֹרִים, אָבְּגֶעַראטֶעוֶועט, נָאר עֶר הָאט דֶעם שְׁרֶעקק נִיט גֶעקֶענְנְט אִיבֶּערְטְרָאגֶען אוּנ, נָאךְ אַ צְוֵויי-חֳדָשִׁים׳דִיגֶער מְסוּכָּן׳עֶר קְרֵיינְק, אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען ....

נִשְׁמֶעהר, וָואס דַארְף אִיךְ צָרוֹת הָאבֶען דֶערְפוּן, אַז אִיךְ ווַייס אַז אִין קְלוֹיז הָאט זִיךְ עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס דֶערְפִין אָבְגֶעטִיהְן, אוּנ קַיין הָאן הָאט אַפִּילוּ קַיין קְרֵיי נִיט גֶעטִיהְן .... דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ אִין קְלוֹיז כָּל וָלָךְ, אוּנ דִיא חֶבְרָה לֶעקֶעקֶען פִּין מִיר דִיא פִינְגֶער ! .... בֵּינוּ לְבֵנוּ בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַ בָּחוּר פִין 11 יָאהר אוּנ שַׁדְכָנִים פוּן אַלֶע זַייטֶען שְׁלָאגֶען מַמָשׁ אָב דִיא טִירֶען בַּיים טָאטֶען ! — דֶער קִימְמְט מִיט אַ שִׁדוּךְ פִין שְׁטֵיינְקֶעוִויץ : אַמֵיידֶעל פִין אַ יָאהר 9, נָאר אַ בְּלִינְדֶע אוֹיף אַ-נ-אוֹיג ; קַיין נָדָן אִיז נִיטָא אַ גְרָאשֶׁען, נָאר וָואס דֶען ? — זָאגְט דֶער שַׁדְכָן — : דֶער מְחוּתָּן הָאט בִּירוּשָׁה פִּנ׳ם גְרוֹיסֶען ר׳ גָאדִי׳ן זַיינֶע אַ פָּאאר פַאנְטֶעפֶעל, פַאר וֶועלְכֶע אַלְטֶע חֲסִידִים הָאבֶען אִיהם שׁוֹין גֶעוָואלְלְט גִיבֶּען 30 רוּיטֶע רֶענְדְלִיךְ, אוּנ עֶר הָארְט עֶס אֲפִילוּ נִיט אִין דֶער לִינְקֶער פִּיאַטֶע .... אַצִינְד וִויל עֶר אֵיין פַאנְטָאפֶעל אֵיינְלֶעגֶען נָדָן, אוּנ דֶעם אַנְדֶערֶען פֶער-זֶעטְצֶען אוֹיף הַלְבָּשָׁה אוּנ הוֹצָאוֹת-הַחֲתוּנָה, אָבֶּער בִּתְנַאי, אַז דֶער חָתָן אִיז אִיהם מְחוּיָב אוֹיסְצוּלֶעזֶען, אוּנ טָאר זֵייא בֵּיידֶע אֵייבִּיג נִיט פֶערְקוֹיפֶען פַאר כָּל הוֹן דְעָלְמָא ! — דֶער טָאטֶע אִיז שׁוֹין אֲפִילוּ בַּאלְד מוּסְכָּם גֶע-

וואָרען, נאָר דיא מאַמע האָט זיך שוין דאָ אַרויסגעשטעללט פאַר'ן עזות-פּנים און האָט געזאָגט, אַז בלויז זאָל דאָ אַפילו פערגאַסען ווערען, וועט דאָס קיין שדוך ניט זיין! —

אַ צווייטער שדכן האָט פאָרגעשטעלט אַ שדוך פון טראָסקעוויצע אַ מיידעל פון אַ יאָהר 18-19, אַ יתומה אָהן אַ טאַטען, אַ ווילדע מיוחסת געלט האָט זיא אויך ניט נאָר אַ גאַרדעראָבע-בגדי-מלכות! דהיינו: זיא האָט גע'ירשה'ט דער קלאַטשקעוואַטער רבי'צענס אַ וואַטאָווע לייבטיקע-נאַשעל אויף העקעליך מיט איין איילקיטייענער קערטקע אין אַ פאַסקעלע, און אַ ברוסטטיך מיט שפּאַניער האָט זיא נאָך פון דער קאַלטענוואַטער מאַגיד'קע; נאָר בתנאי, אַז דער טאַטע זאָל בעצאָהלען דאָס שניידערגעלט פאַר'ן איבערנייען אויף איהר מאָאס, און דער פאַר וועט מען מיר שיקען אַ מתנה דעם פּאַטערס אַ פּאָאר רבינו-תם'ס-תפלין, וואָס ער האָט זייא נאָך פינ'ס דרעליווקער סופר זצ"ל. דעם טאַטען איז דער שדוך זעהר שטאַרק געפאַללען. נאָר ער האָט פּשוט ניט געהאַט צו בעצאָהלען דערווייל דאָס שניידערגעלט ....

אַ מאָל, ווייא איך זיטץ מיר אַזוי אין קלייזעל און שפּיעל אַ ציגען-וואָלף, קומט צולויפען מיין ברידערעל פערסאָפּעט און טראָגט מיט זיך דעם טאַטענס שבת'דיגע זשיפּעצע „נאַ — זאָגט ער מיר — טוה זיא אָן גיכער און קום אַ היים, וואָרען ס'איז געקוממען אַ שדכן מיט אַ פּריוועט דיך פאַרהאָרען!" .... עס העלפט ניט, מע מוז געהען! נאָר וויא אַזוי איך האָב מיך אין דער זשיפּעצע פערשלעפט אַ היים ... ? ווייסט איין גאָט דעם אמת! מיט יעדען שפּאַן האָב איך אין איהר אויסגעזעהען, נאָר וויא דיא זשאַבע, וואָס שטעקט אַרויס דיא פּיסעלעך פון דער טשערעפּאַכע אַרויס .... איך בין יאָקאָס געקוממען אַ היים, און וויא איך בין נאָר אַריין אין שטיב, מאַכט אַזוי דער פּריוועט צום טאַטען: „אַט דאָס איז אייער יונגעל?" — „יאָ" זאָגט דער טאַטע. „אַזוי?" זאָגט דער פּריוועט, און אומקעהרענדיג זיך צו מיר, האָט ער מיך שוין אַ פרעג געטוהן: „וואָזשע פאַר אַ מסכת לערענסטו היינט?" — איך האָב איהם אַזוי געקענט געפינען אַ תירוץ אויף זיין קשיא, פּינקט וויא דער מאָלדאַט, וואָס קריכענדיג אויפ'ן בוידעם עפּיס צו גנב'נען, פאַללט פּליצעם אין סוכּה אַריין, און מע פרעגט איהם „טשטאָ טעביע נאַדאָ?" .... קוים מיט צרות האָב איך מיך דערמאָהנט. וואָס איך האָב נאָך פאַר 4 יאָהרען געלערענט אין חדר, און האָב איהם אין איינע אַנקסטען געאַנטוואָרט: איך לערען מסכת שבת" — „אַ נאַ — זאָגט ער — ווייז נאָר אַ הער דיא גמרא!" — איך בין וויא אַ פריטשמעליעטער אַוועקגעגאַנגען נאָך דער גמרא, און אונטערוועלכעם האָב איך געהאָרט, וויא דער שדכן באַזערט זיך אַביססעל אויף דעם פּריוועער, פאַר וואָס ער שלאָגט מיר אַזוי ראַפּטעם

אִין קָאפּ אַרַיין ? דָאס הָאט מִיר זֵעהר גִיט גֶענוּטְצְט .... אוּנ בְּרֶענְגֶענְדִיג דִּיא גְּמָרָא, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען קִיקֶען אוֹיפְ׳ן שַׁדְכָן מִיט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים, וְוִיא אַ נֶעבֶּעכֶעל .... (אִיךְ הָאבּ דָאךְ דֶערמֶעלְט קֵיין שֵׂכֶל נִיט גֶעהַאט צוּ בֶּערֶעכֶענֶען, אַז דֶער שַׁדְכָן מֵיינְט נִיט אַזוֹי מִיךְ, וְוִיא דָאס שַׁדְכָנוּת-גֶעלְט ....) דֶער פְּרִיוָּועֶר הָאט אַ עֶפֶּעֶן גֶעטִיהן דִּיא גְּמָרָא, אוּנ ס׳הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעמִישְׁט דִּיא מִשְׁנָה „כִּירָה שֶׁהִסִּיקוּהָ בְּקַשׁ וּבְגַבָּבָא“ — דֶער שַׁדְכָן הָאט אַ קִיק גֶעטִיהן אוֹיף מִיר, אַז אִיךְ בִּין טוֹיט וְוִיא דִּיא וַואנְד, הָאט עֶר אַ חָאפּ גֶעטִיהן פַאר מִיר: „נָא זָאג מַיין קִינְד: כִּירָה שֶׁהִסִּיקוּהָ בְּקַשׁ וּבְגַבָּבָא — אַיין אוֹיוֶוען, וָואס מֶע הָאט אִיהם פְּרַייטָאג אוֹיסְגֶעהֵייצְט מִיט שְׁטְרוֹיא אוּנ מִיט שְׁפֶּענְדְלִיךְ —“ — וְוִיא דֶער שַׁדְכָן הָאט נָאר אוֹיסְגֶערֶעדְט דִּיא עֶטְלִיכֶע וָוארְטֶער, הָאט אִיהם שׁוֹין דֶער פְּרִיוָּועֶר אַ הָאפּ גֶעטִיהן אוֹיפְ׳ן בָּאס מִיט אַזַא קְלָאטְץ-קַשְׁיָא, אַז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהן, הָאטְשׁ מֶעלְק אִיהם אוֹיס .... אָ דָא הָאט זִיךְ עֶם דֶער טָאטֶע אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶער מִיטְט, אוּנ צְווִישֶׁען דִּיא דְרַיי אִיז גֶעוָוארֶען אַ גֶעקְוָועטְשֶׁערַיי מִיט אַ גֶעדְרִינְגֶערַיי, מִיט אַ מִין טִיטְצֶען דִּיא גְרָאבֶּע פִינְגֶער אִין אַלֶע זַייטֶען, אַז, אִין דֶעם גֶעטִימְמֶעל, הָאט מֶען גָאר לַחֲלוּטִין פֶערְגֶעסֶען אִין מִיר .... „דֶער פְּרִיוָּועֶר שְׁטִיפְּט דֶעם גְרָאבֶּען פִינְגֶער אַרוֹיף אוּנ שְׁרַייט „אָ דָאס אִיז דֶער קְוֶועטְשׁ פִין דֶער מִשְׁנָה!“ .... דֶער טָאטֶע קְוֶועטְשְׁט דֶעם אֵייגֶענֶעם פִינְגֶער אַרָאפּ אוּנ לֶעגְט גָאר אַיין דִּיא וֶועלְט: „סְטַייטְשׁ, אִיז דָאךְ קַשְׁיָא דִּיא מְצִיעָתָא! ....“ אוּנ דֶער שַׁדְכָן צִיהְט אוֹיס אַלֶע 4 לַאנְגֶע פִינְגֶער וְוִיא אַ בָּאבֶּע אוּנ דְרִינְגְט אוֹיס „פּוּנְקְט קַאפּוֹיר! אִיז דָאךְ דֶער חָתָן גֶערֶעכְט! ....“ בֵּינוּ לְבֵינוֹ הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעווָארְפֶען אַ וָוארְט, אוּנ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען דָאס „וָואילֶע יוּנְגֶעל ....“ אוּנ מֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ וָוארְט .... נָדָן הָאט מֶען צוּגֶעזָאגְט 50 רו״כ בְּאוֹפֶן, אַז הַאלְבּ זָאל מֶען מַשְׁלִישׁ זַיין תֵּיכֶף אַחַר הַחוּפָּה .... אוּנ דִּיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט — נָאכְ׳ן בְּרִית, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם .... מַתָּנוֹת הָאט מֶען מִיר שׁוֹין גֶעבְּרַאכְט גְרֵייטֶע, הַיְינוּ: דֶעם אַלְטֶען ר׳ אֵייבִּישְׁ׳ס אַ פִּיקֶסֶען מִיטְצֶעל, וֶועלְכֶעס דִּיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֵוייסְט, אַז ס׳אִיז, 18 יָאהר נָאךְ ר׳ אֵייבִּישְׁ׳ס פְּטִירָה, אַלֵיין אַרוּמְגֶעקְרָאכֶען אוֹיפְ׳ן טִישׁ .... (דִּיא לֵצָנֵי-הַדּוֹר הָאבֶּען אֲפִילוּ גֶעזָאגְט, אַז ס׳אִיז אָנְגֶעשְׁלָאגֶען גֶעוֶועהן מִיט לֶעבֶּעדִיג חַיִל פִין דֶער דְרִיטֶער מַכָּה .... גִישְׁמֶעהר וֶוער פְרֶעגְט אוֹיף דִּיא אַפִּיקוֹרְסִים ....) אוּנ אַיין אַלְטֶען צֶעטְרִיפֶּעטֶען גַארְטֶעל, נָאךְ פִינְ׳ם גְרוֹיסֶען מַגִּיד זצ״ל .... חוּץ לָזֶה הָאבֶּען זֵייא גֶעבְּרַאכְט פִינְ׳ם מְחוּתָּן אַלֵיין אַ יִחוּס-בְּרִיף, אַז עֶר אִיז שׁוֹין 52 דּוֹרוֹת כְּסֵדֶר פִין לוֹיטֶער מְקֻבָּלִים .... אוֹיף דֶער כַּלָּה הָאט מֶען נִיט אָנְגֶעהֵייבֶּען פְרֶעגֶען, וָוארֶען דִּיא מַתָּנוֹת הָאבֶּען אַזוֹי פַארְבְּלֶעשְׁטְשֶׁעט דִּיא אוֹיגֶען, אַז ס׳אִיז שׁוֹין כְּלָל גָאר נִיט נֵאטְהִיג גֶעוֶועהן דָאס אִיבְּרִיגֶע .... אוּנ אַזוֹי בִּין אִיךְ, צוּא מַזָּל, אַ חָתָן גֶעוָוארֶען פִין

קדאקעדילעווקע"! — דיא חתונה האט מען אבגעלעגט אויף 2 יאהר, זיא זאל אויסקימען אינאיינעם מיט דער בר-מצוה, כדי איך זאל שוין אריין אין דיא תפלין מיט'ן טלית אינאיינעם . . .

13.

## דער טימעל "חתן" הייבט מיר מיין מוח;
## איך בין כל ולך און פערדיען שוין געלט אויך!

צינד בין איך שוין א פאלנע מענטש! איך טרייט שוין אריין אין צעטיל פין אללע סטאטסקי, סקארבאווע בחורים און האב שוין בעקימען דיא אללע פראוועס וואס זיי, למשל: אוועקשיקען א ש"ס-גמרא פין דער קלויז אין שענק אריין א משכון פאר א שקאליק בראנפען; ארומגעהן מיט אפאפיראס אין מויל ווען דער גאנצער עולם שפרינגט קדושה; ווארפען דעם שמש דיא שמאטע פינ'ם קוימען אין פנים אריין; אונטערשלאגען א בחור דיא האנד, בעת תפלין-לעגען, ער זאל ארעבלאזען א תפיל, כדי ער זאל דארפען פאסטען, אדער זיך אויסלעזען מיט א האלבער אקע בראנפען... איינטינקען א יארמעלקע אין וואססער מיט סאזשע און אויסשמירען א שטאדט-בעל-הבית דאס פנים; צושטעללען ביי נאכט אפאמייניצע מיט אקאטשערע ביא דער טהיר, כדי דער דין זאל זיך נהרג'ען ביים אריינגעהן אין קלויז; אים תשעה-באב ווארפען בוזיקעס אלטע יודען אין דיא בארד אריין; הושענא-רבא ווארפען דיא אבגעשלאגענע הושענות גלייך אין דער פאהן, וואס אין מזרח-וואנד, און נאך אזעלכע טויזענטער פראוועס ... הייגט בין איך שוין געווארען איין עסקן-במצות; אללע פרייטאג בין איך, מיט נאך אסטאטסקי בחור, ארומגעגאנגען אין שטאדט נאך נדבות; וויפיעל מיר האבען געמאכט, האבען מיר אבגעגיבען דעם סטארשע, סקארבאווע בחור, וועלכער האט זיך דער מיט שוין מתעסק געוועהן נאך זיין חות-דעת נאך ... נאר דאס ווייסס איך, אז ווען ס'איז ניט געוועהן קיין ביסעל תקון אין איומא-דפגרא למשל: פורים-קטן, פסח-שני, זאת-חנוכה, כ"ט כסליו, חמש-עשר-בשבט, ל"ג בעומר, כ' סיון, חמש-עשר-באב, דיא נשיאים, וכדומה — פלעג ער קויפען תקון פין דיא נדבות-געלטען ... אויך ביא אגרויסער נויטה, האט ער מיט דעם געלט ארויסגעהאלפען, למשל: אז חברה האבען זיך געשלאגען און האבען צובראכען א טאפליע אין קלויז, צו איין אנדער שאדען געמאכט ... אז א בייזע סעדעכע האט באין אופן ניט געוואללט אבטרייטען פין דער קלויז,

ביז מע זאל איהר, אהן תרוץ, בעצאהלען פאר דיא גנבה'שע קאווענעס בײַ נאכט ... אז ס'איז שוין געוועהן אסתר-תענית נאך מנחה, אונ מע מוז שוין, אהן תרוץ, אויסלעזען דיא פערזעטצטע מגילה אין שיינק ... אז איין עבירות האט זיך ארומגעטראגען אויף א מארק-טאג מיט א בחור'ס א טלית-קטן ציא א יארמעלקע, צו פערקויפען ... וכדומה אזעלכע קלויזנער טײַנעס, וויא עס שמעקט מיט א-נ-עין-הרע ... אדער חלול-השם ... אזוי האב איך פרייליך אונ טומטעלדיג פערבראכט דיא צייט ביז ראש-חודש ניסן.

ראש חודש ניסן האבען מיר, קלויזנער בחורים, זיך אנגעהייבען פערזאר גען מיט לאפעטקעליך אויף שמירה-קלויבען: אללע יראים ושלמים אין שטאדט פלעגען ברענגען זייערע טארבעליך מצה-שמירה-ווייץ מיט דער מאאס אונ וואג, אונ מיט סמנים, אויף דיא טארבעלעך, וועהמען יעדעס געהער? אונ איטליכער בחור האט אויף זיך גענעהמען איבערצו-קלויבען ניט וועניגער פין א טאפ שמירה א טאג. אויף דיא לעטצטע 2 טאג איז אויף מיר אויסגעקוממען צוקלויבען דעם דין'ס 2 טאפ שמירה, בהקח א גראשען פאר יעדער ציבוללקע אונ 2 גראשען פאר יעדען זריסט. אינ'ם דין'ס שמירה האב איך אויסגעקליבען 122 ציבוללקעס אונ 16 זריסטען — איז מיר נמצא, פין איהם געקוממען 154 גראשען; איך בין מלא שמחה געלאפען מיט דער כשר'ער מציאה צום דין אהיים, איך זאל שוין בעקוממען מיין שכר ... אונ וויא איך האב איהם שוין אבגעצעהלט דיא ציבוללקעס מיט דיא זריסטען — האט ער זיך מיט א פערביסענעם שמייכעל צובאזערט אויף מיר: „א דיא קונדס אייגער, בײַ מיר ווילסטו אויסנארען געלט אומזיסט!?... א נא, צעהל נאך א מאל איבער!“ איך האב נאך א מאל געצעהלט, אונ ער באזערט זיך אלץ אונ הייסט אלץ נאך א מאל צעהלען... קורץ איך האב אפשר א מאל צעהן אלץ איבער געצעהלט פין מיין האנד אין זיין האנד ארײַן, (זאל איך זאגען, אז דאס האט ער אלץ אונמיסטען דורכגעלאזט דורך דיא פינגער א סך זערנעס, באופן איך זאל ניט בעמערקען?...) ביז צום לעטצטען מאל איז אינגאנצען אויסגעקוממען בסך הכל 50 ציבוללקעס מיט 3 זריסטען, אונ פין דעם מספר וויל ער מיר גאך גלאטט אבברייסען עטליכע גראשען... מיך האט עס פשוט אנגענעהמען בײַם הארצען, אונ איך האב שוין נאר וואס געוואלט אפירנעהמען מיין עזות-פנים — פליצעם ריקקט זיך פינ'ם אלקעריל ארויס א גרויסער ספאדעק, אונטער וועלכען עס שיינט ארויס א פנים'ל וויא א פייג... איך פרעג דעם דין: ווער אידאס? — זאגט ער מיר: דאס איז א בעל-שם'סקי איינקעל; ער פארט נעביך ארום אויף חתונה מאכען זיינע א בת יחידה, מיט'ן רבי'ן ר' מלך'ס איין איינקעל, גאר א צאצקי, א יונגער מאנן!“ — דאס איינקעל איז צוגעקוממען צום טיש, אונ מאכט

אזוי מיט א זלידניש שמייכעלע: „הארט אויס, ר' צמח סערדצע, איהר דארפט זיך מיט דעם בחור'ל גאר ניט שפארען! דאס בחור'ל זאגט, אז ער האט אין אייער שמירה אויסגעקלויבען 122 ציבולקעס מיט 16 זריסטען, איי, איי, איי, מרא דעלמא כלא! איהר זענט דאך, ר' צמח, גאר פון די גרויסע חשובים ביי קודשא-בריך-הוא, אין דעם מספר זעהט מען בעשאנפערליך ווי די השגחה עליונה בעהיט אייך פון א משהו חמץ אום פסח, און איז נאך מרמז, אז דאס מיינט זיא טאקע בפירוש נאר אייך! אוי, לעבעדיגער פאטער! איי, איי, איי! נא, יא, גא, אזוי אידאס טאקע: 122 איז טאקע בגמטריא „בצל“, ס'הייסט די ציבולקעס, און איינאיינעם מיט די 16 זריסטען אידאס בגמטריא „צמח“, צמח הייסט א זריסט, און צמח איז טאקע אייער נאמען ... הייגט איז דאך „צמח“ די אותיות „חמץ“ איי איי איי, גבורות הבורא ברוך הוא! דער אייבערשטער אליין באהיט צמח'ן פון א משהו חמץ! ... וואס פאר א זכיה איהר האט ר' צמח סערדצע, דורך דעם דאזיגען בחור'ל! — גיט זשע איהם אב, ר' צמח סערדצע, וואס איהם קומט, און ער וועט מיר גיבען 2 מאל ח"י גדולים אויף מיין הכנסת-כלה ... „מיר איז דער גינציגער רמז זעהר געפאלען און דער דין האט געביך בחרפות-בושה מיר געמוזט אבגיבען אינגאנצען מיין געלט, פון וועלכען איך האב בשמחה רבה אוועקגעגיבען דעם איינקעל די ב' פעמים ח"י, און בין געלאפען אהיים מיט אזא שמחה און אזוי פערטיעפט אין מיין ביססעל מינץ, אז שוין כמעט ביי אונזער שטיב האב איך מיך, פון אימפעט אנגעשלאגען מיט'ן בויך אין א דישעלל, אז איך האב שיר געטריסנעט אויפ'ן ארט, און ערשט אין א 10 מינוט ארום האב איך מיך ספאמניענטעט און האב דערזעהען עפיס א דראבינע מיט א קליאטשע לייבען אונזער טהיר .. און אין דער מינוט האב איך דערהערט דער מאמעס קול פון דער שטיב ארויס: „איצעקעל, איציקעל! קום גיכער אין שטיב אריין!“ — אין שטיב האט מיר די מאמע מודיע געוועהן, אז דאס האט מען געשיקט נאך מיר פון קראקאדילעווקע א פיהר מע זאל מיך נעהמען צו דער כלה אויף פסח ... „אט א די דראבינע?“ האב איך נאר וואס אויסגערעדט, האט זיך פליצעם, פינ'ם טאטענס אלקעריל, געיאוועט עפיס איין אלטער יוד מיט א בייטש אין דער האנד און מאכט אזוי צו מיר, ווי איינער קרימעט זיך נאך: „אזוי חתן'יו „א דראבינא“ זאגסטי? — געפאלט דיר אודאי ניט, הא? — זאלסט אבער וויססען מיט וויפיעל צרות די דראבינע איז אנגעקיממען ביי אזא סליאטע אין דרויסען? א גליקק, וואס דעם לעהרערס ווייב האט אמיתה-משונה איינגענעהמען — ווייטער וואלט א די דראבינע אויך ניט געוועהן!“ „וואס קעהר זיך אן בוידעם מיט לאקש“ האט איהם די מאמע געפרעגט. „עס קעהר זיך משונה אן! — זאגט דער אלטער — ווייל זיא איז געוועהן מחילה אגרויסע הילטייקע,

איז תמיד געגאנגען מיט דיא אייגענע האאר אונ איהרע שרצים קיין מאל ניט געריהפען מיט קיין יודישען נאמען, נאר „מארקוס" אונ „פיפע" אונ „ליזע" אונ „קלאהרע", אפילו דעם מאנן איהרען, דעם ימח-שמוניק האט זיא אויך נאר געריהפען „וויקטאר"···· אונ נאך אזעלכע שאנע חפצית····— אודאי, אז דער וואס לעבט אייביג האט א נס געטיהן, וואס זיא האט פליצעם א מיתה משונה איינגענעהמען — האט קיין שום קריימער ניט געוואללט פערקויפען קיין שוועביש איהר אויף תכריכים; זיי זאגען, אז זיא איז ניט קראנק צוליעגען אין א רעדנע ···· אודאי האט דער זיססער מאנן איהרער געמוזט דינגען א פיהר אונ שיקען אהער, קיין ווצוני, נאך תכריכים, אונ דערוויייל איז דעם מחותן געראטהען מיך צושיקען, אין איין וועגס, נאך דיר חתן'יו, אויף יום טוב ···· פערשטעהסטי שוין, וואס פאר א דראבינע דאס איז? ···· דאס איז א ····" נאר איידער ער האט אויס־גערעדט דאס איבריגע, האט מיך דער טאטע פליצעם אריהף געטיהן צו זיך אין אלקער אריין אונ איך האב געמוזט דיא מינוט אוועקגעהן.

## 14.

## צו א מענטשען, וואס שרייבט לשון קודש אזוי זיסס, מאג מען שוין לויפען, כלעבען אפילו צו פיסס!

ארייננקוממענדיג צום טאטען, האב איך איהם געטראפען זיטצענדיג איבער א בריעף, אונ וויא ער האט מיך דערזעהען, האט ער מיך א חאפ געטיהן ביים ארבעל מיט דיא ווארטער: „נא פראפעס, זעה א לשון-קודש-בריעף פינ'ם מחותן זאל לעבען, אז ס'איז מיר נאר א חרפה, א בושה, דיך צו שיקען צו אזא למדן מופלג בתורה, וויא ער איז, אז איך ווייס וואס פאר איין עם-הארץ דאורייתא דיא ביסט, אז דיא קעננסט אפילו קיין יודעש ווארט ניט אנשרייבען וויא מע דארף!" — „וואזשע בין איך שולדיג? — האב איך אין איין פלאטערניש, געאנטווארט דעם טאטען — האסטי מיך געזאלט אבגיבען צו יעקעל, דעם לעהרער, וואלט איך אויך געקעננט גלייך מיט אנדערע יונגלעך····" — „צו יעקלע'ן! — האט דער טאטע א געשריי געטיהן ניט מיט זיין קול — א דיר אבציג שווארצע יאהר! — צו יעקלע'ן זאגסטי? זאלסט געוועהן ווערען אזא תכשיט וויא ער, הא? ··· זאלסט אויך, וויא ער, געהען מיט א קודלע פין אונטען, אונ שבת אין שיהל אריין מיט געוועקסעלטע שטיוועל אונ מיט א טלית'ל אויפ'ן האלז, וויא א שארפע? הא? ···· זאלסט אפשר אויך טראגען לאנגע פאנטאלאנעס

מיט קערצע פאה'קעליך, א היטטעל מיט א דאשעק און צוגעבינדען דעם האלז וויא א חארט! .... יעקלען וואללסטי געוואללט, דיא פראפעס איינער, א דיר אכציג שווארצע יאהר! ....״ — „נא–האב איך איהם אין איין ציטטערניש געאנטווארט — האסטי מיך אליין געזאלט לעהרנען שרייבען ....״ — „איך! ? — האט ער א געשריי געטיהן מיט רציחה — איך בין א שרייבער? ! מיינע אבות אבותינו זענען קיין שרייבערס ניט געוועהן! נאר וואס דען? — וויפיעל א יוד דארף — האבען זיי עס אויסגעלעהרענט פין זיך זעלבערט, אונ איך אויך דאס אייגענע .... פאר וואזשע האסטי זיך, פראפעס, אויך ניט געזעהען אויסלעהרנען פין זיך אליין ....?״ — אפשר האט איהר, רבותים, עפעס א תירוץ אויף א דער קלאטץ-קשיא, מכי-תיתי אנטווערט איהר! איך האב אויף איהר קיין תירוץ ניט, חאטש דער'הרגה'ט מיך אויפ'ן ארט .... נאר וויא איך בין דא אזוי געבליבען שטעהען וויא א גולם מיט אויסגעגלאנצטע אויגען — טיהט ער מיך א שלעפ צום טיש, חאפט דאס בריוועל אין דיא האנד אונ טיהט א געשריי: „האר, פראפעס! לאם איך דיר חאטש איבערלייענען זיין בריעף, טאמער וועסטי זיך חאטש א מוסר נעהמען דערפין, אונ וועסט זיך אויך סטארען עפעס צו קענגען ....״ אונ מיט דיא ווארטער האט ער מיר אנגעהייבען לייענען דעם מחותן'ס בריעף, פין וועלכער איך בין אזוי נתפעל געווארען, אז נאך עד היום שטעהען מיר דיא ווארטער פאר דיא אויגען אות באות, פין אל'ף ביז ת'יו .... אונ ס'איז כדאי, באמונות, מפרסם צו מאכען אזא טהייערען דאקומענט — לאזען דיא דייטשונגעס, דיא געבולבעטע זעהן, וויא אזוי, אהן זייערע רקרוך אונ אהן זייערע לעהרערס קענן מען קיממען צו אזא הויך לשון-קודש, אז זיי אליין מעגען זיך נאך לעהרנען ביי דיא חסידים אזא טהייערען סגנון שרייבען, מיט אזא זיסם אויסלעגעכטס! .... אט איז דיא בריעף אות באות:

ב״ה יום ד׳ פרשה צו פה ק״ק קראקעדילעיקע. *)

אל יד מחותני המפליג בתורה וביראה, וותיק והחסיד, כש״ת מו״ה יאסקי נ״י. אני משלח פה סוסי-עגלה (א פערדען-וואגעלע) ששלמתני לפניה (וואס האב בעצאהלט פאר איהר) אחר-חצות-צפרים, (אנדערן-אלבען פויגלען-קערבליך-) כדי שתידעתם, (אום איהר זאלט וויססען) שלא קמצנתני מדרכי בתי-התן (איך האב ניט געקארגט פין מיין מאכטעטרס חתן וועגען). לכן נה ונה, שתשלחתם לו לי (איהר זאלט מיר איהם שיקקען). זאת רגע עם כותלי-מטה, (מיט'ן בעטגעוואנד)

באשר

*) פאר פראסטע מענשען שטעלל איך דא נקודות מיט שטרעכלעך, אונ גיב דיעם איבערזעטץ אויף זשארגאן. הכותב.

באשר שלא יש ל כותלי-מטה לנתן לו על שכיבה, (ווייל איך האב ניט קיין בעטגעוואנד איהם צו גיבען אויף אנגעלעגער) ודי"ל .... גם שלא תשתכחם (איהר זאלט ניט פערגעססען) עם-לנתן אליו (איהם מיטצוגיבען) את המיטצעל של ר' אייביש זצ"ל, מפני בלאוו המיטצעל, הוא יהיה יש פנים כחוזק .... (וועט ער האבען א פנים וויא חוזק) גם שתנתנתם את זקן מוכ"ז (איהר זאלט גיבען דעם אלטען) טוב משתה י"ש בעד הדרך (א גיטען טרינק בראנפען פאר'ן וועג).

נאום מחותננכם, אשר ימשאלותכם (וואס ווינשט אייך) כל טוב עם הפסח כשר, ושתהייתכם בריא עם פלוניתתכם ובית-בריאכם, (איהר זאלט זיין געזונד מיט אייער ווייב אונ מיט אייער הויז-געזונד)

שרגא פייוויש בן שמריה כ"ץ זללה"ה.

„אט א לשון קודש! — האט דער טאטע אויסגעשריגען מיט א ברענענדיגען התפעלות — איך ווייסס גאר ניט בנאמנות, וויא קיממט עס צו אזא ירא ושלם וויא ער איז?!....“

א קצור מע דארף פאהרען! קיין קעסטעל, קיין זאק, קיין קלימעק איז ביי אונז, אין אונזער גאנצען גבול ניט געוועהן! וואס טיהט מען ....? נאר דיא מאמע, זאל מאריך ימים זיין איז געפאללען אויף א שכל: זיא האט ארויפגענעהמען פינ'ם קעהלער דאס ליידיגע פעססעל פין דיא געזייערטע אייגערקעס, אונ האט מיר דעראיננען איינגעפאקקט דאס גאנצע בעטגעוואנד פינ'ם קינד'ס וויעגעלע, מיט אללע מיינע בגדי-שבת-ויום-טוב (איהר ווייססט דאך זיי שוין אויסענווענינ....) מיט נאך דארטען שאר ירקות.... א כלל, אללעס פיקס אונ פערטיג כדבעי! נאר אינ'ם עיקר האט מען גאר פערגעססען: סטייטש, אונ דאס מיטצעל?! וויא איז דאס מיטצעל?.... „יא יא — זאגט דער טאטע — דאס מיטצעל!“ — „דאס מיטצעל....? — זאגט דיא מאמע — אט וועלל איך עס באלד געהען אויסזיכען!“ — „יא יא, — זאגט דער אלטער — דאס מיטצעל, חתן'יו זאלסטו מיטנעהמען!“ — „נא, מאמע, וויא איז דאס מיטצעל?“ — „נא?“ — שרייט דער טאטע — דיא גיסט שוין אמאל דאס מיטצעל!?....“ — נא דיר א מיטצעל אויף מיין קאפ! — זאגט דיא מאמע, זיכענדיג דאס מיטצעל — דאכט זיך ערשט ניט לאנג געזעהן — אונ וויא אין דער ערד אריין דאס מיטצעל!....“ „אפשר אידאס ערגעץ אוועקגעקראכען — פרעגט דער אלטער — ס'איז דאך ר' אייביש'ס מיטצעל!....“ מיילא מיטצעל א הין, מיטצעל א העהר — ניטא דאס מיטצעל! אוים מיטצעל!....— (דערווייל האט מען דא אנגעמיטצעלט 15 מאל מיטצעל, אונ ווען דאס בעל-שם'סקי איניקעל וואללט דא געוועהן — וואללט ער שוין געמאכט א רמז, אז 15 מאל מיטצעל אויף מספר קטן, איז בגמטריא „וכובע-

ישועה

ישועה"···· אונ איך וואלט איהם געזאגט, אז 15 מאל מיטצעל איז בגמטריה „צילינדער-הוט" מיט דיא אותיות ··· אונ נמצא, אז א צילינדער-הוט איז דער אמת'ר כובע ישועה!····) פליצעם, וויא מע טיהט אקיק: דאס מיטצעל קריכט פינ'ם אונטערען אויווען ארויס, אונ דיא מאמע האט זיך נעביך געמוזט מודה זיין, אז נאך איינגעכטען האט זיא מיט'ן מיטצעל ציגעדעקט דעם פארעווניק מיט סעראוועטקע; דער טאטע האט זיא גיט אויסגעזידעלט דערפאר, אז זיא וועט שוין, דאכט זיך, פערזאגען דעם צעהנטען ··· אונ מע האט יאקאס דאס מיטצעל פאר-פאקקט אין פעססעל אריין, אונ איך פאהר שוין אין אנטער שעה צו מיין כלה אויף פסח.

פאהרענדיג אויפ'ן וועג האט זיך דער אלטער שטארק ציגעלאזט צו מיר אינ מאכט אזוי: „וויא דיא קיקסט מיך אן, חתן'יו, בין איך א גאנצער חשוב אין קראקאדילעווקע! דאס גאנצע שטאדטעל וואלט פאר מיר קיין זאק בארשט ניט גענעהמען! א יא, דיא שמייכעלסט צי, חתן'יו? דיא האלטסט מיך פאר א פראסטען שמייסער, הא? ··· זאלסט אבער וויסען, וואס פאר א ראליע איך האב א מאל געשפיעלט, וואללסטי גאר אנדערש געקיקט אויף מיר! — איך בין, פערשטעהסטי מיך, אללע מיינע מיטטלע יאהרען געוועהן פאקטער ביים שמירעווקער דוכם אונ האב געסמאלעט וועלטען··· צו 20 יאהר האב איך חתונה געהאט אויפ'ן קראקאדאלעווקער סבארשטשעקס א מאדעל, א יפת-תואר אין דער וועלט, נאר דער אייבערשטער האט מיך געשטראפט, איך האב מיט איהר קיין קינדער ניט געהאט, אונ דאס האט מיך אפגעקאסט מיין גאנץ פערמאגען, ווארען ס'איז ניט געוועהן דער גיטער-יוד, וואס איך בין צו איהם ניט געפאהרען מכוח קינדער, אונ יעדען האב איך געגיבען מיט דער פיללער האנד··· נאר ס'האט גאר ניט געהאלפען! — דעם זאדקיוועצער אליין האב איך איבערגעגיבען אפשר מאה פעמים ח״י רו״כ אונ ער האט מיר אלץ פין יאהר אויף יאהר אזוי וויא מבטיח געוועהן אקינד — אבער אלץ ניט מיט'ן פיללען מויל···· מן הסתם האט ער, מיט זיינע לעכטיגע אויגען, ארויסגעזעהן, אז ס'איז נאך ניט דיא צייט!···· איך האב סוף כל סוף אקיק געטיהן, איך בין שוין א יוד פין אריבער שלשים אונ קיין קינד איז ניטא — אונ דא געהען מיר פשוט אוים פינ'ם חיות נאך א קינד, האב איך מיך מיישב געוועהן, איין מאל איבער אללע מאל, אונ האב גענעהמען מיין יפת-תואר מיט זיך, אונ וואליי גלייך צום זאדקיוועצער באופן, אז מיר זאלען איהם ניט אבטרייטען, ביז ער מוז אונז גיבען א קינד!···· מיר זיינען בשלום געקימען צום רבי'ן, איך האב איהם אנידערגעלעגט מיין לעטצט ביססעל קאפיטאל א פדיון י״ד פעמים ח״י וחצי רו״כ, אונ איך מיט

מיין

(עס״א)

מַיין פְלוֹנִית׳טֶע הָאבֶּען זִיךְ צוּרֶעוֶועט אוֹיף אַ קוֹל וִויא קְלֵיינֶע קִינְדֶער: „רֶבִּי! מִיר וֶועלֶען אַייךְ נִיט אָבְּטְרֵייטֶען, אִיהר מוּזְט אוּנְז גִיבֶּען אַ קִינְד!....“ אוּנ בַּיי דִיא וֶוארְטֶער זֶענֶען מִיר אִיהם גֶעפָאלֶען צוּ דִיא פִּיסס, אָבֶּער טַאקֶע אַזוֹי וִויא אִיךְ זָאג דִיר, חָתָן׳יו, מַמָש צוּ דֶער עֶרד גֶעפָאלֶען, אַזוֹי וִויא אִיךְ וַוייז דִיר, אָט אַזוֹי אָ....“ אוּנ וַוייזֶענְדִיג מִיר זַיין פָאלֶען דֶעמֶעלְט — אִיז עֶר אַזוֹי אַרָאבְּגֶעפָאלֶען פוּן דֶער קֶעלְנֶיע אוּנ הָאט זִיךְ פֶערְפְלָאנְטֶעט אִין דִיא שְׁלֵייֶעס, אַז נָאךְ אוֹיף אֵיין הָאאר, וָואלְט עֶר צוּטְרֵייטֶען גֶעוָוארֶען אוּנְטֶער דֶער קְלַיאטְשֶׁע מִיט דִיא רֶעדֶער! צוּם גְלִיקְק הָאט זִיךְ דִיא אַלְטֶע קְלַיאטְשֶׁע אוֹיךְ בֶּענוּטְצְט מִיט דֶעם צוּפַאלל, אוּנ אִיז אוֹיף דֶער מִינוּט גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהֶן, אוּנ בִּיז דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ סְפָּאמְנֶיעְטֶעט אוּנ אַרוֹיסְגֶערָאטְשְׁקֶעוֶעט פוּן אוּנְטֶערֶען וָואגֶען אַרוֹיס, אִיז דֶערְוַוייל דֶער שְׁמִים אִיבֶּערְגֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף אַ פֶערְטֶעל שָׁעָה, אוּנ אִיךְ, פוּן אַיינְמִיהֶדֶעכְטֶס מִיט׳ן אַרוֹיס הֶעלְפֶען דֶעם אַלְטֶען, בִּין דֶערְוַוייל אַנְדְרִימֶעלְט גֶעוָוארֶען.

## 15.

## לֶעבֶּען אוּנ טוֹיט אִיז נָאר אֵיינ׳ם רֶבִּי׳ן בַּיוֶועגְד — נָאר דָאס אַלֶעס טִיהט זִיךְ דוּרְכ׳ן גַבָּאִי׳ם הָאנְד...!

דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶען סְטִיק מִיט דִיא רֶעדֶער אִיבֶּער אַ שְׁטֵיין, הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּ דֶערְכַפְּט, אוּנ דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהרְט צוּ זַיין פְרִיעֶרִיגֶען סִפּוּר הַמַעֲשֶׂה —: „אַזוֹי אַזוֹי, חָתָן׳יו, הָאבֶּען מִיר זִיךְ מַמָשׁ מוֹסֵר-נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן, אוּנ דֶער, וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג הָאט, סוֹף כָּל סוֹף, רַחֲמָנוּת גֶעהָאט אוֹיף אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע יָאהר: דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסֶען אוֹיפְשְׁטֶעהֶען; הָאט פֶערְטִיעֶפְט גֶעלֵייֶעגְט אוּנְזֶער קְוִויטְטֶעל אוּנ הָאט אַלְץ גֶעקִיקְט, מִיט זַיינֶע לֶעכְטִיגֶע אוֹיגֶען, טָא אוֹיף מַיין פְלוֹנִית׳טֶע, טָא אוֹיף חַלַאוֶונֶע, דֶעם לַייבּ-גַבָּאִי, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים אַנְדֶערֶען עֶק טִישֶׁעל, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ, עֶנְדְלִיךְ, גֶעוֶוענְדֶעט צוּ מִיר בְּזֶה הַלָשׁוֹן: „הֶער זְשֶׁע אוֹיס, לֶעמֶעל! אִיךְ זֶעה בְּאַסְפַּקְלַרְיָא הַמְאִירָה, אַז דֶער מִדַת-הָרַחֲמִים רַייסְט זִיךְ בְּכָל מַאֲמַצֵי כֹּחַ צוּ מִיר, נָאר עֶפֶּעס אִיז דָא מְעַכֵּב אֵיינ׳ם פִּדְיוֹן! אַיי, אַיי, אַיי! אוֹ וַוא, אוֹ וַוא, אַיין עִכּוּב אִין׳ם עוֹלָם הַנְשָׁמוֹת דָארְט!.... (דֶערְבַּיי הָאט עֶר פֶערְגְלָאנְצְט דִיא אוֹיגֶען מַמָשׁ כַּלוֹת הַנֶפֶשׁ, אַז ס׳אִיז אוּנְז פָּרְחָה נִשְׁמָתָא גֶעוָוארֶען, קִיקֶענְדִיג אוֹיף זַיין הֵיילִיגֶער עוּרְה....) יָא, יָא, יָא! צוּם פִּדְיוֹן פֶעהְלְט נָאךְ ב׳ פְּעָמִים ח״י מִיט אַ נַיי

זילבערנע קערבעל···· אמת אמת ! וועט אויסקוממען דער מספר 298 דאס איז בגמטריא „רחמים“ איי איי איי ! אונ דאס זילבערנע קערבעל, כסף טהור, בחינות לבנונות, ס׳הייסט המתקת-הדינים בסוד „הלבן חי אינו“... יא, יא, יא, אזוי אידאס ! לעג זשע נאך, לעמעל, צו ב׳ פעמים ח״י מיט ארובעל כסף טהור, דער מדת הרחמים זאל גובר זיין דעם מדת הדין אונ דיין פדיון זאל עולה יפה זיין····“ — הארענדיג מפיו הקדוש אזוינע ריינע ווארטער, בין איך דיא מינוט אוועקגעלאפען אויף מיין אכסניא, (מיין פלונית׳טע האט דער רבי דערוויל געהייסען חלאונע׳ן אריינלאזען אין זיין יחידות-שטיבעל אריין, זיא זאל דארט מהרהר בתשובה זיין, ביז איך וועלל מיך אומקעהרען···) איך האב נאך אויסגעזיכט עטליכע טהייערע חפצים וועלכע ס׳איז אויך געוועהן ר׳ אייביש׳ס מיטצעל זצ״ל, וואס ער האט עס מיר, נאך בחור-וויים, געשיינקט פאר א כגולה, איך זאל נושא-חן זיין ביים שמירעווקער דוכס, (ניששט קשה, דיא סגולה האט מיך אבגעקאסט מי יודע וויפיעל! ··· נאר ר׳ אייביש זצ״ל איז ווערטה געוועהן, וואס קיין מלכות קענן ניט בעצאהלען ! ····) אונ האב געהאפט אויף זיי, טאקע ביים בעל אכסניא גופא דיא ב׳ פעמים ח״י מיט א נייע זילבערען קערבעל, אונ בין געלאפען צום רבי׳ן. אײנס מיט׳ן אנדערען האט עס געדאווערט א פאאר שעה, אונ קוממענדיג האב איך געטראפען מיין פלונית׳טע וויא פערשלאפען אונ עפעס ווילד צוטראגען, אז זיא האט עפעס גאר ניט געוויסט, וויא זיא איז אין דער וועלט···· איך האב באלד פערשטאנען, אז דאס האט זיא, א פנים, דער צדיק געבראכט אין א בחינת איגנערפלעט, בכדי איבערצובייטען איהר נשמה פין עקרה אויף א נייער נשמה···· אונ כך הוה ! כ׳האב אנידערגעלעגט דעם פדיון, דער רבי האט געהאט עלית נשמה אונ פליצעם האט ער געעפענט דיא אויגען, אונ האט מיך אנגעהאפט ביי דער האנד, אונ האט מיר האסטיג א זאג געטיהן : לעמעל ! פאהר אהיים, דיין פלונית וועט אי״ה גאר אין גיכען נפקד ווערען מיט א זרע חיא וקימא ! “···· דוא הארסט, חתן׳יו, ווארטער ! ?···· כך הוה ! איך בין נאר געקוממען א היים איז מיין פלונית נפקד געווארען אונ האט מיר צו 9 חדשים···· געהאט א מאדעל צו מזל !····

מיילא דאס, וואס איך בין אויסגעבראכט געווארען צוליעב א קינד האבען, אזוי אז פון דעמעלט אן האב איך שוין ניט געקענט צו מיינע כוחות קוממען, אונ האב מיך שוין געמיטשעט אויפ׳ן שטיקעל פרנסה וויא אויפ׳ן טויט, אונ דאס, וואס מיין פלונית האט עפעס אנגעהי בעז טשאכנען אונ איינגעהען וויא א לעכט···· האב׳ך נאך מקבל-באהבה געוועהן צוליעב דעם קינד — נאר וואס דען ? עפעס דאס קינד גופא איז מיר עפעס תמיד געוועהן וויא א שטיין אויפ׳ן הארץ···· איך האב

געוויסט, אז איך האב עס מיט געוואלד אויסגעבעטען ביים רבי'ן... אונ עס האט זיך מיר עפעס שטענדיג געשראקען מיין הארץ... ווער שמיסט, אז זיא איז אלט געווארען אפאאר יאהר אונ מיר האבען דערזעהן, וואס פאר א יפת-תואר דאס איז, אז ממש ס'איז אין איהר צורה ניט צוקוקען — האט עס אונז נאך מעהר עפעס געשראקען... אונ וזה ראיה: וואס זיא איז אלץ עלטער געווארען — האט זיא עפעס אלץ מעהר ארויסגעוויזען אזעלכע מיני תנועות אונ פארטלען, וואס מע זעהט עס גאר ניט ביי קיין שום יודעש קינד אין פוילען... למשל: אז זיא איז שוין אלט געוועהן א יאהר 5, געדענק איך, אז מע האט זיא א מאל אויף ציקאוועסט א פרעג געטיהן: „וועהמען ווילסטו בעססער, קריינדעלע, (אזוי האט איהר דער רבי א נאמען געגיבען, נאך דער אלטנר רבי'צען ז"ל.) פאר א חתן, דעם חזן צי דעם דאקטאר?" אודאי האט זיא זיך פערגינט אנטווארטען: „פע דער חזן! איך וויל דעם דאקטאר!..." אונ דער חזן, מאהל דיר, איז געוועהן א יונגערמאנן א תכשי'ט פינ'ם רבי'נס הייסע חסידים... הייגט פערשטעהסטו שוין, פאר וואס מיך האט דאס קינד אלץ ניט געלאזט ריהען...? א כלל, וואס א טאג עלטער זיא איז געווארען — מעהר שלעכטער איז זיא געווארען! דאס האט זיך איהר גאר מיט יונגלעך געוואלט שפיעלען אין ניסם; דאס האט זיא זיך נאכגעקרימט דער פירזאגערען וויא זיא צערעפעט דעם פיסק ביי דיא קנייטליך לעגען; אט האט זיא זיך פליצעם, פאר א גאנצער שטיב מענשען, צולאכט פין דער מאמעס שלייער אונ האט פשוט געזאגט, אז דיא שרייבערקע גיעהט א סך שאנער פארפיצט דעם קאפ... אט האט זיא גאר אינמיטענדעראינען אויסגעלאכט דיא חסידים אונ האט זייא געריהפען פליאסקעדריגעס... וכדומה אזעלכע שטוקעס, וואס געהער ניט צו קיין יודעש קינד, אונ נאך א מאדעל!... איך פלעג אפילו אפט דילען דעם רבי'ן וועגען דעם, אונ חלאווע פלעג מיר שטארק ציהעלפען דערציא; ער האט זיא עפעס אזוי ליעב געהאט, אז ער פלעג זיך ממש צווערקלעגען פאר איהר ביים רבי'ן! איך זאג דיר, פשוט וויא איין אייגען קינד!... נאר דער רבי פלעג אלץ אנטווארטען: ווארט, לעמעל, אויף אללעמען קיממט זיין צייט! איהר עזות קיממט איהר נאר פין איהר שאן פנים'ל... ווארט זשע ביז דער איבערשטער זאל עפעס א נס טיהן, זיא זאל פערליערען איהר גדלות..." איך האב עס זעהר גיט פערשטאנען, אז ס'איז טאקע גאר איבער איהר יולדען שאנקייט, אונ עס האט מיך געקריינקט אין טיעפען הארצען! בלעבען, וואס טויג דאס שלעכטע ביער אינ'ם שאנעם פאסס...? אינ זיא ווערט וואס א טאג ערגער!...

קערץ, זיא איז אלט געווארען 10 יאהר; זיא בליהט ממש וויא

א רויז, און וואַרפֿט אַרום אַזוינע שטוקעס, אַז ס'איז גאָר ניט צום אויסהאַלטען!... מאַהל דיר, אַז זיא האָט זיך געקענט פֿערגינען זאָגען אונז עלטערען אין דיא אויגען: „איי איז דער יונגער דוכס אַזא שאַניקער, אַז מע מאַג איהם אויסקישעו איטלעכם אבר!...“ נאַ, פֿערשטעהסטו שוין, וואָס דאָס איז געוואַקסען?... אַז אַך און וועה איז מיר, אַז איך, טאַטע אַליין, דערצעהל דיר דאָס אַלעס! נישמעהר, צינד דער-צעהל איך עס שוין אין פֿריידען! וואַרט, וועסטו הערען דעם איבערשטענס ניסים דורך דעם צדיק, מאריך ימים ושנים זאָל ער זיין! — הער א מעשה: ויהי היום ווערט זיא פליצעם עפעס ניט געזונד; עס געהט אַוועק א טאָג — ס'איז ערגער, און אויפ'ן דריטען טאָג איז זיא שוין געליגען אין איין פֿייער, אַז זיא ווערט ממש פֿערברענט! מע האָט איבערגעטיהן אַלערליי באַבסקע רפֿואות — עס העלפֿט ניט! דאָס קינד ברענט וויא א העלליש-פֿייער! — א קיצור איך האָב גערופֿען דעם דאָקטאָר; ער האָט זיא גוט בעטראַכט און האָט געזאָגט, אַז דאָס גליהט זיא אויף פּאָקקען, און זיא איז אין א גרויס געפֿאַהר, דערפֿאַר וואָס מע האָט עס גאַנצע [3] מעת-לעת פֿערלאָזט. איך האָב דאָס נאָר דערהערט — וואַליי קיין זאַהקיוועץ צום רבי'ן; איך האָב אַנידערגעלעגט א פדיון און אין קערצען איבער געגעבען דעם רבי'ן דעם דאָקטערס רעד, און האָב מיך זעהר שטאַרק צוועוויינט. דער רבי האָט זיך ווילד פֿערטיעפֿט אין עולמות... און מאַכט אַזוי צו מיר פליצעם: „הערסטו, לעמעל! מע האָט מיר געוויזען מן השמים דאָס וואָרט „אש“ און דיא ווערטער „פנה הדה — פנה זוה“. איי, איי איי! רבונו דעלמא כלא!: „אש“ איז בגמטריא „פּאָקען“ און דיא ווערטער „פנה הדה פנה זוה“ איז אויך בגמטריא „פּאָקען“ מיט'ן כולל... איי איי! קלויב דיר אויס, לעמעל, איינס פֿון דיא ביידע: אָדער זיא זאָל חלילה פֿערברענט ווערען איבער איהר אש זרה... אָדער זיא זאָל אָנוואַהרען איהר שאָן פנים'ל“ איך האָב אין איין ציטטערניש געאַנטוואָרט: „רבי! לאָז שוין זיין, וואָס ס'וויל זיך — אַביא זיא זאָל מיר לעבען בלייבען!“ — „נאַ — זאָגט דער רבי — דערפֿאַר, וואָס דיא ביסט איין עומד בנסיון, וועט דיין מאַדעל אם ירצה השם האָבען א רפֿואה שלמה; פֿאָהר זשע דיא, לעמעל, באַלד א היים, און לא יאוחר פֿון איבערמאָרגען, פֿינקט ווען דיא פּאַקקען וועלען שוין אַלע זיין אָנגעפֿוללט, וועל איך צושיקען מיין חלאַוונעץ קיין קראָקאַדילעווקע צו דיר מיט מיינע סגולות און מיט מיינעם א לחש נאָך פֿינ'ם זיידען זצ"ל, מיט וועלכען ער וועט משביע זיין אַלע שדים, מזיקים און כוחות רעות, זיי זאָלען זיך אָבטיהן פֿון דיין קינד... און וועט איהר אויפֿהענגען מיינע א קמיע אויפ'ן האַלז... נאָר זעה, לעמעל, זהיר וזהיר, אַז בעת אויפֿהענגען דיא קמיע, זאָל קיין בן-אדם

ניט זיין אין שטיב, חוץ חלאוונע מיט'ן חולה!... פאהר געזונד און השם-יתברך וועט איהר צושיקען א רפואה שלמה בתוך שאר חולי ישראל". — איך בין א היים געקוממען און האב שוין געטראפען אללע פאקען אויסגעשאטען און דאס קינד איז אין איין העללעש-פייער; מיין פלונית'טע האב איך דערצעהלט דעם רבי'נס ווארטער, נאר מכוח, וואס דאס קינד וועט חלילה מוזען איהר שאנקייט פערליערען ··· האב איך איהר ניט געדאכט א ווארט··· אויפ'ן דריטטען טאג האט אפילו דער דאקטאר געזאגט, אז דאס געפאהר איז שוין איבערגעגאנגען; און אז מיר זאלען נאר אכטינג גיבען, זיא זאל ניט בעריהרען דאס פנים מיט דיא האנד, זיא זאל חלילה ניט בלייבען געשטיפעלט··· דער דאקטאר איז נאר אוועקגעגאנגען איז אנגעקוממען חלאוונע··· איך געדענק'עס וויא היינט, וויא אזוי ביי זיין אריינקוממען אין שטיב, איז מיין פלונית'טע געוואהרען טויט און איז שיר חלשות געבליבען··· א פנים דאס הארץ האט איהר געביך געזאגט, אז דעם קינד וועט עפעס געשעהן נישט קיין גיטע זאך... קורץ, חלאוונע האט אבגעטיהן אללע סגולות און השבעות און וויא ער האט ארויסגענעהמען דעם רבי'נס קמיע, בין איך מיט מיין פלונית'טע אוועק אין אלקער אריין און טאקע תוך-כדי-דבור האבען מיר דערהארט א שרעקליכען קר כטץ פינ'ם קינד... און חלאוונע האט שטילערהיט א זאג געטיהן: „שא מיין טהייער קינד! (ביי דיא ווארטער איז מיין פלונית'טע חלשות געבליבען...) פאר דיין שאן פנים האט דיר גאטט געשאנקט, פין היינט אן, א גיט הארץ!..."
מיין פלונית'טע האט מען יאקאס דערמינטערט און מיין קריידעלע האט געהאט א רפואה-שלמה, נאר זיא איז אויף אייביג געבליבען געשטיפעלט וויא א רעשעטע, און מיאוס וויא דער טויט. געוועזען אבער, עהרליך, גיט און פרומם, ממש וויא דיא אלטע רבי'צען ז"ל, נאך וועלכער זיא הייסט... וואס זאגסטי, חתן'יו אויף אזוינע גבורות הבורא...? נאר ווארט! ביסט נאך ניט פארטיג!... לאס זיך נאר אויף א רגע אבדאווענען מנחה וועל איך דיר דערצעהלען דאס איבריגע... קריך אראפ וועללען מיר זיך וואשען דיא האנד און דאווענען מנחה."

## 16.

# שאן איז דער טאטע, נאך שאנער דער ווידע
# אונ דיא כלה נאך שאנער פין זיי ביידע!

נאך מנחה האבען מיר זיך ווידער אויפגעזעטצט אויף דער דראבינא, אונ דער אלטער דערצעהלט ווייטער זיין מעשה: „מיין קריינדעל — זאגט ער — איז שוין אלט געוואָרען 15 יאהר; פין קיין שדוך פאר איהר איז לא יזכר ולא יפקד: ראשית איז זיא נעביך זעהר ניט שאן, והשנית האב איך איהר ניט צו גיבען א גראשען נדן, והשלישית האבען נאך דיא הילטייעס, דיא אפיקורסים אויסגעטראכט א שם — ימח שמם וזכרם זאלען זיי ווערען! — אז בוצים מיין קריינדעל איז גאר ניט פין מיר, נאר פין חלאוונע דעם רבי'נס... נא, וואס זאגסטי, חתן'יו, אויף אזא חוצפית, אזא חלול השם פין אזעלכע הילטייעס, אפיקורסים!?.. נישמעהר דאס אללסדינג האט דווקא געפיהרט צום גיטען, וואָרען אז איך האב זיך פאר'ן רבי'ן בעקלאגט אויף דיא הילטייעס, האט ער מיר געאנטוואָרט כהיי לישנא: „שוטה שבשוטים איינער, דאס דארף דיך גאר פרייען, ניט קריינקען!.... דיא וועלט זאגט א ווערטעל: אז דארט וויא הונד בוללען — איז א ישוב...! אט וויל זיי בוללען, דיא כלבים, וועט ערשט דיין טאכטער געהעכט אונ געקריינט ווערען ביי אללע אונזערע אנשי שלומינו... אונ זיא וועט אי"ה בעקוממען איהר זוג, אז גאטט אונ לייט וועללען דיר מקנא זיין! אונ דעמעלט וועט אין דיר מקוים ווערען „לא יחרץ כלב לשונו“... פאהר א היים אונ וואַרט נאך צייא א ווייל'ע דיין זוג וועט צו דיר א היים קוממען!...“ דער כשר'ער, פרוממער חלאוונע, זאל מאריך ימים זיין. האט מיך אויך זעהר געטרייסט, אונ האט מיר מבטיח געוועהן אויף זיינע הייליגע נאמנות, אז ער וועט דעם רבי'ן ניט לאזען ריהען וועגען מיר, אונ השי"ת וועט אודאי העלפען על צד היותר טוב!... א כלל ס'איז אוועקגעגאנגען נאך 4 יאהר, מיין קריינדעלען געהט שוין דאס 20־סטע יאהר אונ פין קיין שדוך איז נאך מאן דבר שמיה... בין איך שיר שיר געהאט אריינגעפאללען אין א שטיקעל ספקות אין אמונת־חכמים, רחמנא לצלן, סאמע דעמעלט, ווען מיין גליקק איז מיר שוין געשטאנען כמעט אונטער דיא פלייצעס! אט וועסטי הארען אונ גאפען!: איך בין מיט א פערביטערט הארץ געלאפען צום רבי'ן מיט דער מחשבה־זרה, איך זאל איהם עפעס כמו וויא א פארוויר מאכען אויף זיין הבטחה צו מיר... נאר וויא איך בין גאר אויף זיין שוועלל געקוממען, טיהט ער אזוי וויא ברוגז'ליך א מאך צו מיר

„אַיי, לעמעל, ביסט שוין אויסגעוועפּט! ביסט שוין געווארען פון די קטני-אמנה ר"ל!? הא? איך האב דאך דיר איין מאל געזאגט, אז דיין זוג וועט צו דיר אהיים קימען — ווילסטי דעם אייבערשטען צו נסיון ברענגען...? נישמעהר דיין צער איז מכפר אויף דיין טפשות... לויף זשע שוין טאקע אהיים, וואָרען דיין טאכטערס זוג ווארט שוין דארט אויף דיר!"... איך בין נבהל ומשתומם געווארען אויף אזא נביאות פון א איש-אלהים און האב שוין גאר ניט געסמיעט צו פרעגען: וויא אזוי און וויא וועלל איך וויסען דעם בעשערטען זוג? און האב מיך שוין געלאזט אוועקגעהן; נאר חלאונע האט מיך ארויסבעלייט און האט מיר געזאגט בשם הצדיק, אז פרייטאג אין קראקאדילעווקער מרחץ אויף דער אייבערשטער באנק וועט זיין מיין טאכטערס זוג, און איך וועל איהם דערקענען אין די ווערטער, וואס ער וועט אלץ שרייען: „איי פארע-נאך פארע! דאס — זאגט ער — איז בגמטריא „לבי שלהבת יה"... אז די וועסט נאר צו איהם צוגעהן, זאלסטי איהם זאגען די 2 ווארטער: „במזל טוב" וועט ער שוין וויסען וואס מע מיינט, וואָרען די 2 ווארטער זענען בגמטריא „למ"ד וו"ו... ער איז, פערשטעהסטי מיך, פון די ל"ו צדיקים... פאהר געזונד, און פערשטעה, וואס די האסט צוטיהן..."

כך הוה! פרייטאג אין מרחץ האב איך דעם בחור דערקענט, און וויא איך האב איהם אויסגערעדט די 2 ווארטער „במזל טוב" — איז ער געווארען מלא כעס, און האט א געשריי געטיהן: „הא! האט ער מיך אויסגעגיבען, דער צדיק!... נא, פערפאללען!... ער האט מיר אנגעטיהן א ספאדעק און די ווילסט מיר אנטיהן א קריינדעל!?... נאר זאלסט וויסען, אז איך וועלל דיין טאכטער ניט נעהמען אהן ר' אייביש'ס מיטצעל!... די 3 מינים כובע: „ספאדעק, קריינדעל, מיטצעלל" איז בגמטריא „מצנפת בד קדש" יענע מיט די ווארטער און דאס-מיט'ן בולל..." — קענסט פערשטעהן, חתן'יו וויא נבהל-ומשתומם און וויא בטול ומבוטל איך בין געווארען פאר אזא צדיק יסוד עולם אז ס'האט מיר ממש אבגענעהמען דאס לשון און איך האב איהם שוין גיט געסמיעט צו בעטען צו זיך אויף שבת.... כ'לעבען, וויא קיממט אזא מגושם, אזא זונדיגער בשר ודם וויא איך צו'ן אזא קדוש-עליון, צו'ן אזא אור עולם!.... נאר ער האט מיך שוין אהאפ געטיהן ביים ארבעל און האט מיר אזאג געטיהן כהיי לשנא: „נא, קימם צו דיר אויף שבת! און אז דעם בורא עולם איז ניחא איך זאל דיין איידעם זיין — איז מיר אוודאי ניחא, נאר זהיר וזהיר, אז די וועסט מיך חלילה פאר איימעצען אויסגיבען... דעמעלט שפּיעלסט די מיט דיין גאנץ בני-בית מיט'ן לעבען!... קומם זשע גיכער, וואָרען דאס בת-קול

שרייט שוין מסוף עולם ועד סופו „לכה דודי לקראת כלה!“ ... „מיר זענען געקומען אהיים, אפגעפּראוועט דעם שבת, און מוצאי-שבת נאך הבדלה איז געוועזען תנאים צו מזל ... נאר מיין פלונית׳טע ע״ה האט, אין גיכען נאך דעם, אבגעגעבען דעם אייבערשטען איהר כשר׳ע נשמה, נאך א לאנג, לאנג פערביטטערטעס שטילשוויינען און משאבגען אין זיך ... א גוטע מליצה זאל זיא דארט זיין פאר אונז אללע!“

— זענט איהר, הייסט עס דער כלה׳ס א זיידע? האב איך איהם געפרעגט — „יא יא! — זאגט דער אלטער מיט א שמייכעלע — און דעם גאנצען ספור האב איך דיר דערצעהלט אקעגען דעם נאר, מחמת ווערליג איך זעה ארוים ביסטי נאך גאר א קינדס, און אין מיטטען דערזאינען קענן דיר נאך אפשר דיא כלה ניט געפאללען ... זאלסטי וויסען ווער און וואס דיין מחותנת׳טע איז? .... און ועל כלם ווער דיין מחותן איז? .... און אז אזא קדוש-עליון האט ניט געקוקט אויף א שאן פנים׳ל — מאגסטי אודאי ניט קוקען! .... דיא מיינסט אפשר, אז דאס בריוועלע צום טאטען האט דער מחותן געשריבען? חס כלהזכיר! פאר כל הון דעלמא וויל ער זיך ניט נתגלה מאכען אליין, ביז דיא רעכטע צייט וועט קומען, ווען ער וועט מן השמים נתגלה ווערען ... און דאס בריוועלע האט אונזער רב געשריבען פאר איהם, אויך א ווילדער ירא ושלם, טאקע דעם רבי׳נס א שלישי ברביעי — דיא פערשטעהסט? ....“ און אזוי רעדענדיג זענען מיר אריינגעפאהרען קיין קראקאדילעווקע.

דיא גמרא זאגט: „איזהו עשיר השמח בחלקו? כל שיש-לו בית-הכסא סמוך לשלחנו“ — אט א דער שמח בחלקו איז מיין מחותן געוועהן נאך מיט א יתר שאת: ער האט געוואינט כמעט אונטער דער באד, טאקע ממש לייבען דעם עשירות ... און ניט נאר איינער, נאר 12! .... אין שטיב איז ניט בעססער געוועהן וויא ביי נחמן טראסק אין חדר, נאר מיט צייניגע שנוים: דיא סטעלי נאר וואס אויף איינציוואלגערען זיך; כמעט אללע טאפליעס אויסגעשלאגען און פערשטעקט מיט פערפישטע קישעלעך, א לאקשען-טאפ, א דנא פון א דיישקעלע און מיט א טשו-לענט-ברייטעל; אינ׳ם מיטטעלסטען באלעק איז געוועהן 4 קרוטשאקעס, וואס אויף איינעם איז געהאנגען א וויעגעל, אויפ׳ן אנדערען — אין איבער-געקעהרט שטריימעל, וואס האט שוין א פנים געהאט פון א קרענצעל היפקע .... אויפ׳ן דריטטען — א פאר-א-יאהריגער לולב מיט הדסים און אויפ׳ן פערטען — א טארבעלע מצה-שמורה ... דיא דיישקע וואססער מיט דער פאמייניצע — דייקע אויף דער טיהר, וואס צום אלקעריל .... דער מחותן, אין א הולך ממש בגדי-מלכות ... האט מיר אבגעגעבען שלום;

דיא געשטיפעלטע מחותנת׳טע האט צו מיר א שאקעל געטיהן מיט׳ן קאפּ, מיט א פערפינסטערטען פערצווייפעלטען שמייכעל אויף דיא טויט-בלויע ליפּען; דאס איבּריגע בּני-בּית האבּען זיך אויך, וויא עס איז, געגריסט צו מיר און איך האב מיך ממש מחיה געוועהן, וואס איך בּין אריינגעקומען אין א שטיבּ פון אללעם גיטען! .... איינס האט מיר נאך געפעהלט: דיא כּלה האבּ איך געוואללט זעהן! — איך וואַרף אויגען אויף אללע זייטען און איך זעה זיא נישט .... דער זיידע האט זיך, א פּנים, אנגעשטויסען, וואס איך מיין, און מאכט אזוי צו מיר: „דיא זוכסט אוודאי דיא כּלה, אַיאַ? — אט איז זיא פאר דיינע אויגען!“ — אוי, א דונער האט מיך דערשלאגען! שעללט אייך פאר: ניט גענוג בּין איך קיין עין-הרע געוועהן א בּעל-קומה, אפשר גראססער מיט א קאפּ פון א הונד .... האט זיא נאך אויסגעזעהן אקעגען מיר וויא א פליידערמויז אקעגען א אדלער! איך זאל געוועהן האבּען אין דיא עלענבּויגענס אויגען — וואללט איך איהר אפשר געקעננט קוקען גלייך אין פּנים אריין .... נישמעהר וואס זאג איך „אין פּנים אריין“? אז דאס קאפּעל איז כּמעט געליגען צווישען 2 עוקר׳ס, וויא דיא הארבּעס בּיי א ווערבּליוד, אזוי אז מע וואללט עס בּסך הכּל גאר גאנץ לייכט געקעננט דורכסולען דורך א לעבּעל פון א זאק-נאדעל .... היינט וויא האט איהר שוין א פּנים .... ? בּינו לבינו טיהט זיא דער זיידע א פרעג: נא, צייטעלע, (עס וואללט שוין גלייכער געוועהן „שרייטעלע“ ....) געפאללט דיר עפּעס דער חתן?“ זאלט איהר געוועהן הארען דעם אויסגעשטעללטען אנטווארט אויף א מין קל׳בען, וויא א סקרופּ פון א טיהר: „אבי ער געפאללט דעם טאטען!“ ... און איז בּאלד אנטלאפען אין קעך אריין; דאס קל׳בען מיט דעם אנטלויפען איז מיר פארגעקומען דיא קארטינא פינ׳ם חדר, וויא אזוי עס יאוועט זיך בּיינאכט דער לץ, וואס האלט זיך איף אונטער דיא לעטאקעס פון א פינסטער מיהל .... און איך בּין, אין געהאקטע ווינדען, געבּליבּען שטעהן, אז איך האבּ ניט געוויסט, וויא בּין איך אין דער וועלט! ?... און האבּ בּייא זיך אליין א פּנים געהאט, פּונקט א שטייגער, וויא א דאס ביכעל מיינס וועט א פּנים האבּען בּיי איין אויסלאנדערשען יודען, אדער אפילו בּיי איין געבּוירענעם אדעססער יודישען אריסטאקראפּ, וועלכען, אז מע דערצעהלט יא א מאל פון א פוילישען-גיטען יודען גלאנצט ער אוים א פאאר בּאלעכעס און מיינט, אז מע רעדט עפּעס פון א וואלפקולאק מיט הארנער אויף דער פּאטוליצע ... ער לאכט אויך גלייך מיט אללע, נאר פרעגט איהם בּחרם: וואס ער לאכט? וועט אויס-קומען דאס לאכען פון דער סטריזשעווקער יודענע בּיים דערטרייגקענעם... איך זאג אייך דעם אמת, מיינע ליעבּע לעזער: איך וויים ניט בּנאמנות, אין וואס פאר א זכות אזעלכע מענשען לעבּען?... וויא אזוי קינדלען זיי

אהן דעם רבי'נס מופתים...? וויא אזוי עקסיסטירען זיי אהן שמירות און קמיעות...? וויא אזוי מאכען זיי מיט'ן פריץ שאבער מאבער אהן דעם רבי'נס הסכמה דארויף...? פון וואנעט נעהמען זיי שפע, ברכה והצלחה, אז זיי האפען קיין מאל ניט קיין שורים מיט א"ב חלות-פייגעלע...? בכלל פערשטעה איך ניט: וויא אזוי איז מען עס יוד אהן א שטיקעל התלהבות, התפעלות, א ברענן, א צופ און א חסידי'שען בריה...! און וואס ווייססען גאר ניט דעם טעם-גן-עדן, דעם תענוג-רוחני פון א חסיד'עש ריקידי'ל, פון א פאנטאפעל אין א פרעמדען וויא-הייסט-מען-עס... פון א קראטץ אין ביזעז, א טשעכעווע ביי דער הריבע און א ריהר דעם רבי'נס שפיטץ-פינגער... וכדומה...? היינט וואס פאר א פנים קענן ביי זיי האבען אזא מין ביכעל...; ? אט, זעהט איהר, ביי אייך, מיינע טהייערע פוילישע יודעלעך, האט דאס גאר איין אנדער ווערטה! אמת טאקע, פון איין זייט, וועט איהר מיר פערשעלטען מיין געביין, און דיא גיטע-יודען וועלען מיך מחרים זיין בזה ובבא, און וועלען זיך אפילו ניט פוילען ארויסצוגיבען א התיר אויף מיין ביססעל וואססעריג בלוטט און א הכשר אויף מיין תם'וואטע נשמה'לע באופן, אז פון מיין פערשטינקען גוף'ל זאל ערגעץ ווערען פליצעם א גל של עצמות... דערגעגען אבער, פון דער צווייטער זייט, וועט מען מיר אנווינטשען א פילען פאדעלעך מיט ברכות, און א סך וועלען מיר נאך אפשר טראגען פדיונות מיט קוויטלעך „להתפלל על הצדיקים ועל החסידים ועל הגבאים ועל האייניקליך ועל הרבקעלעך ועל הרבי'צענס, ועל החברה בארשט וכל הנלוים עליהם... זיי זאלען האבען א רפואה שלמה אויף זייער מסוכנ'ם חולי-הנפש און השתוללות-הרוח בתוך שאר חולי ישראל אמן“...

## 17.

## א פסח מיט א תורה גאר פלאות בנאמנות, און צום פערבייסען א פנקס מיט תקנות.

ערב פסח אין מרחץ האב איך מיך איבערצייגט, אז מיין מחותן איז טאקע באמת א נסתר פון דיא ל"ו: בעת איך בין גלייך מיט איהם ארויסגעגאנגען פון דער שוויטץ-באד אין פירהייזעל אריין, זיך אבצוקיהלען, האט ער עפעס אונטער דיא האנד ניט געסטייעט... און דאס האט ער זיך ארויסגעהאפט אויף א אונטערטיהרעל, אהין, לינקס, אונטער

דער וואנד און האט זיך דארט געשטעלט קוקען אין א שפארינע פון א פערשאליעוועט פירוואנדעל... בוצים ער האט נקבים קטנים... ערשט חול המועד בין איך געוואר-געווארען, אז דאס פירוואנדעל, קוממט אריין אין ווייבערשען באדעל אריין... נישמעהר געה ווייסס, וואס אזא פערבארגענער צדיק מיינט דערמיט....? א כלל דער פסח איז געוועהן כיד המלך: אין שטיב איז געוועהן ריין חאטש מיהלשטיינער קלויבען... און פאר וואס זאל דען ניט זיין ריין אין אזא גראמקייט, אהן עין-הרע? מאהלט אייך, א שטיב מיט איין אלקער אודאי אזוי גרויס וויא דיא גרעסטע סוכה אין פוילען.... נא? וויפיעל איז דען אינגאנצען דעם מחותנ'ס בני-בית געוועהן?: דער מחותן מיט דער מחותנת'טע, 2 אויס געגיפענע זיהן מיט זייערע ווייבער און 5 קינדערליך, מיין כלה, איך, דער זיידע און דעם מחותנ'ס 3 קליינע קינדער... נא, וויפיעל דארף דאס אללעם פערנעהמען....? היינט איז דאך נאך עפעס דא א קעך מיט איין אויפ'ן-זוג-אונטערעו-אויוועט.... ז ז: וויא איז דער אונטערען-פריפעטשיק....? נא, און פון ... און משקהות איז דאך אודאי ניטא, וואס צורעדען! דער מחותן איז אללע פאר-פסח געפאהרען מיט'ן רב אויפ'ן פאוויעט נאך מעות-חטים צו דיא רענדארע'ס, און אין איין וועגס פלעג דער רב דערוויל אנברענגען, פון זיינעט וועגען, א פאאר הינדעקעס, עטליכע גאנזליך, א האלב צעהנדלינג קאפהינער און א פאאר קארעץ קארטאפ-ליעס... מיט'ן דרך הטבע האט דער רב דעם מחותן אויך עפעס אראב-געגיבען דערפון... א חוץ, וואס ער האט אבגעלאטכענט פינ'ם רב בלא ראיה... אזוי, אז קוממענדיג א היים פלעג ער אנברענגען אזא בארג, אז ער האט עס געמוזט אזש מיט ביידע האנד, קוים אין איין מאל פערנעהמען פינ'ם וואגען אין שטיב אריין! און איהר מוזט וויססען, אז מיין מחותן איז געוועהן א גבר נאך מעהר וויא א נסתר... היינט קענט איהר פערשטעהן, וויא אזוי מע איז, אהן עין-הרע, צוזעטצט געווארען עססענדיג גאנץ פסח?.... אז מע האט אזש ניט געקענט מיט דיא פיסס פלאנטען.... נא, און ראזשינקעס-ווין האט זיך דאך אודאי געגאססען אויפ'ן שטיין! ווארען דיא מחותנת'טע האט אין גאנץ קראקאדילעווקע גע'שם'ט פאר דער ערשטער בריה'כע אויף שטעלען ראזשינקעס-ווין: פון א פינט ראזשינקעס איז ביי איהר תמיד אויסגעגאנגען העכער 5 עמער ליטער, געזונטע, ריינע וואססער! אללע מאנסבילען אין שטיב האבען געגעססען שמירה און דיא ווייבער-מצה'דיגס, און האטשע אללע קראקאדילעווקער שמירה'ניקעס, און מיך אויך אין כלל, האבען מיר ערב-פסח איינגענעהמען רוצען-אעל צום אבפיהרען דעם חמץ — פריטאה האט דעם מחותנ'ס עלטערער זיהן ניט געקענט אויסהאלטען און האט טאקע דעם ערשטען טאג פסח, ארויסגע'גנב'עט א מצה'דיג קניידעל פינ'ם

זאַד, און איז אַריינגעלאָפען אין בית-הכסא עס אויפעסען, אַז פון אייליניש און פון לורקייט איז ער שיר דערוואָרגען געוואָרען!.... אַ גליקק, וואָס מיין נסתר האָט אַפּירגענעהמען זיין קלינגעל ··· און האָט איהם אויסגעריסען בחזקה פינ׳ם מלאך-המות האַנד אַרויס....

שביעי של פסח האָט מיך דער מחותן געפיהרט גוט יום טוב ביטען צום רב, און דער רב האָט אַזאַ זיסע תורה נאָכגעזאָגט פינ׳ם רבי׳נס וועגען, אַז אייביג וועט זיא מיר פינ׳ם זכרון ניט אַרויס!.... האָרט און שטוינט: „פסח — זאָגט ער — איז בחינת חתן „משום שפסח על בתי בני ישראל" ווייל איטליכער חתן געהט זיך הערום געזעגענען פאַר דער חופּה אין דיא יודישע הייזער נאָך דרשה-געשאַנק.... און כלה איז בחינת מצה; מצה איז טייטש „קוכען" און קוכען בלע״ז הייסט „אהבה" וויא זייא ריהפען עס: „קוכאַנאַ" — דאָס איז כלה, בבחינת „אהבת כלולותיך".... פינ׳ם יחוד חתן וכלה קוממט הערויס אַ קינד, בחינת מרור-דאָס מיינט מען היינטיגע קינדער, בעונותינו הרבים, וואָס געהען אַראָב פינ׳ם אַלטען דרך, און פערביטטערען דיא עלטערען זייערע יאָהרען.... און דאָס קוועטשט דער בעל-הגדה דייקע „זו": „מרור זו שאנו אוכלים על שום מה"; גלייך וויא עס וואָלט געשטאַנען: „מה אני אוכלים שום על מרור זו?" — צו וואָס עסען מיר קנאָבעל אויף היינטיגע קינדער....? כידוע על פי הגמרא, אַז פרייטאָג צו נאַכטס דאַרפמען עסען שום.... אָבער אַז היינטיגע קינדער וואַקסען דאָך אויס גוים-צו וואָזשע העססען מיר נאָך קנאָבעל צוליעב זיי....? איז אַ תירוץ דאַראויף: „משום שמררו המצריים את חיי אבותינו" — ווייל דיא מצריים האָבען געמאַכט קינדלען (שמררו) אונזער עלטערין, מיט׳ן גיבען זיי אַ סך קנאָבעל.... וויא דער פסוק זאָגט „את השום ואת הבצלים ···" איבער דעם מוזען מיר עס היינט אויך טיהן פאַר זכר ליציאת-מצרים.... און דאָס איז ווייטער מרמז דער בעל-הגדה „בחמר ובלבנים אשר עבדו בהם בפרך" דאָס איז געזאָגט אויף היינטיגען דור, וואָס דיא קינדער דיענען דיא עבודה זרה „בחמר" — מיט גאַללע חומריות „ובלבנים" און מיט דיא ווייסע מאַנישקעס, וואָס דאָס קוממט נאָך פון דעם אַלטען זימת-מצרים, בחינת „חמור" און בחינת „לבן הארמי".... נאָר מיר האָפפען צו קודשא בריך הוא, אַז מיר זאָלען עס נאָך מתקן זיין דורך דיא „רפ״ך" נצוצות הקדושים, וואָס ליגען אין דעם זימת מצרים, כידוע ליודעי חן ···· און דאָס מיינט מען מיט׳ן „בפרך".... און דאַריבען לעגען מיר דעם מרור אַקעגען דער ביצה, כדי מתקן צו זיין דעם חטא פון „ביצת-ישראל-ממצרים".... נאַ, פערמאָגען אַללע זייערע געבולבעטע און אויפגעלעערטע אַזאַ גילדענע תורה, אַזאַ טהייערע שאַטץ?!.... אסור בנאמנות!....

אסרו-חג, פאר'ן פאהרען, איז געקומען צו מיר א גאנצע חאפטע יונגע-לייטליך מיט בחורים, מיט עפעס א מין ספר אונטער דער פאכווע ביי איינעם, אונ זאגען מיר: באשר, איך וועל דאך אין גיכען אי"ה ווערען א קראקאדילעוועקער יונגער-מאנן (א גדולה אויף מיר! ....) ווילען זיי, איך זאל מיך איינשרייבען אין דעם פנקס פון זייער „חברה אסור לדבר בשבת“.... מיט'ן דרך הטבע בין איך באלד מוסכם געווארען דארויף, אונ זיי האבען מיר פארגעלייעגט אללע תקנות פון דעם פנקס, אות באות:

## פנקס דחבורא אסור לדבר בשבת:

„איתא בזהר הקדוש: כגונא דאינון מתיחדין לעילא אוף הכא איהי איתאחדות לתתא ברזא דאחד“ וכו' .... לכן הסכמתנו כלנו החתומות מטה, שלא לדבר דברי-חול בשבת, כי כל יחוד הולך בשתיקה, כמאמר האר"י ז"ל: „יתחבק לה בעלה ובסודא דילה“ .... וד"ל .... וכל העובר על התקנות הנ"ל, יהי' בארור וישכנו נחש!....“

## ואלו הן התקנות:

א.) פון נאך לעכט-בענשען ביז נאך הבדלה טאר מען ניט אויסרעדען קיין שום דבר-חול אפילו פון פקוח-נפש וועגען ....

ב.) דיא דברי חול, וואס האפען זיך ארויס ביים דאווענען מחמת התלהבות אין עבודת הבורא, זאלמען באלד נאך זיי אויסשפייען אונ זיי זאגען אויף לשון קודש, כדומה למשל: דיא ווארטער „טאטע זיסער“ זאל מען זאגען: „אבי מתוק“; „לעבעדיגער פאטער“ — „אבי חיים“ — „אללמאכטיגער גאטט“— „כל מעשה אלקים“ וכדומה ....

ג.) דיא גאנצע צייט, וואס מע איז אין מרחץ שבת, איז דאך ניט כדאי צורעדען לשון-קודש — זאלמען גאר לחלוטין שווייגען, א חוץ דיא ווארטער „מקוה“ „הכנות אונ „בית-הכסא“.

ד.) אפילו קיין פראסטע נאמען זאל מען ניט ריהפען אום שבת, א שטייגער „נחום'צי, איציק, הערשקי, יאסעלע, מעכצי; קריינצי, גאלדע, זיסעל, וכדומה .... זאלמען ריהפען „אחריו-אל, רותחין, צבי-פרה, הן-סלה, אותי-אל; עטרה, זהבה, מתוקה וכדומה ....

ה.) נאטהיגע ווארטער וויא אין לעבען אריין זאלמען אויספיהרען אויפ'ן ווינק, אונ גאר ביי א נויטה מעג מען זאגען „אי נא“.

ו.) אללע שבת'דיגע מאכלים זאלמען אויך גאר ריהפען אויף לשון-קודש, למשל: „פארפולל, צומעס, לייבערליך, קיגעל“ וכדומה: לפני-מלא, אל-מת, חי-יושר, פרה-מרה א. ז. וו.

ז.) אז א גוי וועט עפעס פרעגען, זאלמען איהם אנטווערען: „אסור לדבר בשבת“; אז ער וויל אבער שלאגען — זאלמען איהם זאגען: „רשע,

שאבעש! .... און איהם ווייזען מיט דיא פינגער אויף דעם מויל ....

ח.) אללע חברה-לייט זענען מחויב איבערצוגיבען איינם דעם אנדערען אללעם, וואס איינמעצען וועט איינפאללען א מין שווערע העתקה פון יודישע אויף לשון-קודש ווארטער און מע איז מחויב יומם ולילה צו צוטראכטען א זעלבע ווארטער, וויא למשל: „מויל-מעהל — פה-קמח; אונטער-חזן — חזן-אחור; שטריימעל — תבן-פרסה; זייגער — יונק הוא .... וכדומה.

ט.) דאס גלייכסטע איז מע זאל זיך גאר אבהיטען פון רעדען אום שבת אפילו לשון קודש און נאר זעהען אויסקוממען אויפ'ן ווינק און מיט פערשיעדענע סמנים למשל: אפילו אויף „אונטער-חזן" איז אלץ גלייכער צו האלטען איין האנד אונטערען גארגעל און איינע ביים אחור ....

י.) נאר דעם רבי'ן מאג מען און מע איז מחויב צו ענטווארטען אויף פראסט יודעש, ווארען שבת איז נאר „אות היא לעולם" וצדיק יסוד עולם! ....

פאר'ן פאהרין א היים, ביים געזעגנען זיך, האט דער מחותן מיך געגיבען א גרויסען, אבגעבארעטען קעלבערנעם תפלים-זאק, מיט דיא ווארטער: דיא דארפסט דאך באלד חתונה האבען; שיינק איך דיר, מיין קינד, א דעם תפלים-זאק, וואס איך האב איהם בירושה נאך פינ'ם גרויסען ר' גאד'ן, וואס ער האט איהם פון זיינעם איין עלטער-זיידען, וועלכער האט איהם בפירוש געאנט, אז זיינער איין עלטער פעטער האט איהם אליין געקויפט אין צפת פון א גרויסען קדוש-עליון .... איך האב באהבה צוגענעהמען דיא זיסע מתנה און בין, טאקע מיט דער אייגענער דראבינא, אן היים געפאהרען, נאר שוין ניט מיט'ן זיידען, נאר מיט א גוי להבדיל ...

נאר קיממענדיג א היים איז געווארען א געשריי עד לב השמים: דער גוי מאהנט שבר עגלה און שווערט וויא א בארג, אז דער מחותן וועט איהם ניט צאהלען .... און דער טאטע האט ניט א גראשען ביי דער נשמה און וויל טאקע פשוט ניט בעצאהלען, פאר אזא-נ-עזות פינ'ם מחותן געגען איהם .... קערץ, מע האט פערזעטצט ר' אייבישע'ס מיטצעל בתנאי, אז דער מלוה זאל אויך פאהרען אויף דער חתונה, און דארט בעקוממען פינ'ם מחותן זיין געלט .... און מע האט בעצאהלט דעם גוי, און מע הייבט זיך אן צוגרייטען אויף דער חתונה ....

.18

# א 13־יאהריגען בחור כ׳לעבען שוין צייט איהם חתונה מאכען—וועט ער זיין א לייט!

---

וואס זאגט איהר, מיינע טהייערע לעזער? איז שוין צייט א 13־יאהריגען בחור וויא מיך חתונה צו מאכען, הא?.... יא?.... צי ניין!? — איהר שווייגט....? מיין טאטע מיט׳ן מחותן שרייען שוין נאך צוריקק מיט א יאהר, אז ס׳איז שוין צייט-און איהר שווייגט....? איהר זענט זיך ערשט מישב, א פנים, וואס צו אנטוואָרטען....? הערט זשע אויס, מיינע ליעבע: איך בין אזוי קליג וויא איהר כ׳לעבען.... איך פערשטעה גאנץ גוט, וואס אייער שווייגען בעטייט....! דאס הייסט וויא אייגער רעדט: „קיק איהם נאר אן, דעם לייטישען פערשוין, וועהמען מע גיט דא א ווייב!? ער איז דאך נאך פון דיא קינדערשע שיכלעך ניט ארויס!“ — א יא דאס טראכט איהר!.... איז דאך עס ערשטענס מחילה א גרויסער ליגען; איהר ווייסט דאך זעהר געזונד, אז איך געה שוין א פאאר יאהר אינ׳ם טאטענס פאנטאפעל — נמצא, אז איך בין שוין פון דיא קינדערשע שיכלעך לאנג ארויס.... און דאס, וואס איך געפעלל אייך ניט פאר קיין לייטישען פערשוין — דאס ארט מיך שוין גאר וועניג וואס — אבי איך געפעלל, ברוך השם, דער כלה מייגער! אט פרעגט זיא אינמיסטען — וועט איהר שוין הערען! זיא זאגט; „א כפרה אללע דאטשינעס פאר מיין מינדסט נאגעל!“ א סימן האט איהר: זיא האט אליין געזאגט דעם זיידען, אז זיא האט זיך פער־ליעבט אין מיין שטן.... א יא איהר לאכט?.... און ביי מיר איז דאס זעהר צו גלעבען: איהר זאלט זיך אמאל פריווען צוקיקען צו א פוליש חניאקעל, בעת ער געהט אין גאסס ווען דיא זונן שיינט און א ווינדעל בלאזט איהם אקעגען פנים — וואלט איהר, כ׳לעבען, אנ־געקוועלט קיקענדיג וויא אזוי ער לעגט זיך אויס אויף זיין אייגענעם שטן!: וויא דיא 2 לאנגע גרייזעליך, וויא 2 פלעכטליך, פליהען אין דער לופט און דאס צאפען-בארדעלע טארטשעט פאראויס; דיא פאלעס פינ׳ם קאפטענדעל שפרייטען זיך אויס וויא 2 פליעגעל פון א זשוראוועל אזוי אז מע זעהט בולט דיא פאאר ליטקעס וויא 2 מאקאהינעס אויף וועלכע עס באמבלען זיך דיא בענדליך פון דיא ווייסע תחתונים, און ביי יעדען שפאן טהיילט זיך אפ אויפ׳ן שטן דיא פיאטע פינ׳ם פאנטאפעל אויף איין ארשין דיא לאנג, צווישען וועלכע עס חאפט זיך אללע מאל ארין דיא זונן ... און ביא יעדען מאל אנטרייטען מיט דער פיאטע

צוריקק, קלעמען זיך אריין די פערדערשטע ציצית פונ׳ם טלית קטן אין פאנטעפעל אריין אונ די אונטערשטע ציצית ציהען זיך אויס אין דער לופט, פונקט וויא די צוויא פיסס פון א טשארנעהוז בעת פליהען.... אט א די גאנצע קארטינא זעהט מען אויף׳ן שטן מיט אללע איהרע פישטשעוקעס.... נא? קענן מען זיך אפשר ניט פערליעבען אינ׳ם שטן פון אזא שאנער, זיסער פיגור....? היינט פערשטעהט, אז אין מיין שטן איז זיך נאך א סך לייכטער געוועהן צו פערליעבען, ווארע איך בין דאך אליין געוועהן א קליינער אונ געטראגען האב איך א גרויסע פאאר פאנטעפעל מיט נאך א גרעססער מיטצעל אזוי, אז פון מיין פיגור האט מען טאקע מעהר ניט געזעהן וויא א שטן!.... נא? זנאטשעט שוין עפעס אייער לאבען אומשטיינסנעזאגט?.... איי וואס? — וואס „וואס"? איהר וועט אפשר זאגען, אז איך וועלל קיין פרנסה ניט קעננען גיבען א ווייב? הא?....? — חא, חא, חא! מעהר קיין דאגות זאל איך ניט האבען. וויא די דאגה!.... אודאי פאר די, וואס ווערען מגודל אין די שקאל׳עס אונ קוקען זיך ניט איין דאריבער אין די הנהגות פון זייערע עלטערען אין שטיב, אודאי איז דאס ביי זיי א דאגה: זיי מיינען אויף דער אמת׳ן, אז זייא דארפען הארעווען אויפ׳ן ווייב; שלאגען זיך קאפ אין דער וואנד אונ צושטעללען דער פאמיליע פון כל טוב; מיר, חסידי׳שע קינדער אבער, ווערען מגודל אין דער היים, אונ מיר זעהען ברוך השם, וויא אזוי טאטע מאמע פיהרען זיך בכל תפוצות ישראל אין פוילען — ווייסען מ׳ר שוין דאנקען גאט וואס הייסט פרנסה גיבען? איט וויא למשל מיין טאטע, זאל מאריך ימים זיין, האט זיך דאס גאנצע לעבען זיינס גאר אבגעגיבען פונ׳ם רבינ׳ס וועגען, אונ די מאמע, זאל לעבען, האט מפרנס געוועהן די שטיב, איי פון וואס? — פון וואס ניט....?: פון קנייטליך-לעגען, פון גאארען מעסטען, פון עין-הרע׳ס שפרעכען, פון באבסקי סגולות אונ רפואות גיבען, פון מצות קאטשען, זאקען ארבייטען, פון באבעריי, פון סארוועריי אונ פון טיקקעריי, אונ דאס איבעריגע פונ׳ם קראמעל.... דערציא נאך פיהרען א שטיב, זייגען אונ ניאנטשען קינדער, קאכען אונ באקקען, מארעזשען אונ לאטען, הייצען אונ טראגען פאמייניצעס, אונ אללעס, וואס צו׳ן א שטיב גיהער — אונ נאך דעם אללמען, אז דער טאטע פלעגט, קוממענדיג פונ׳ם דאווענען, חלילה אמאל ניט טרעפען פארטיג דעם אנבייסען, האט זיא שוין געהאט איהר עהרליך אויסקיממעניש.... אונ זיא האט עס מקבל באהבה געוועהן, אונ האט איהם נאך דעם גראססטען כבוד אבגעגיבען: דאס שאנסטע שטיקעלע פיש, דאס בעסטע שטיקעלע פלייש, דאס ווייסטע זעמעלע „פון יאסים וועגען!" אונ אליין עססען שטרוי אונ הארעוואניקעס „אבי קישקע גאפחאטע...." נא? ווייסס איך שוין וויא

אזוי מאנן אונ ווייב זעגען זיך מפרנס אין פוילען .... ? היינט וואס זאל איך דא זארגען ? .... וויפיעל מיין פלונית'טע וועט נאר קענגען — וועט זיא הארעווען אונ וועט מיך האדעווען מיט דיא קינדערליך .... אונ אז זיא וועט אמאל קראנק ווערען אויף אצייטעל, איז אויך ניט קיין אומגליקק — דאראף איז דא ארבי אויף דער וועלט, פאהרט מען אוועק צום רבי'ן אין דער חברה-בארשט, אונ ווייב אונ קינדער לאזען זיך דארט אזוי לאנג מיטשען, ביז זיי וועלען זיך איבערמיטשען ! .... מיר האבען א גרויסען גאטט, וואס שפייזט פינ'ם ווערעמעל ביז אין וויעזעלטהיער ; ניט איך דארף זייער פערזארגער זיין ! .... נא, בין איך גערעכט, הא ? .... נישמעהר וואס האב איך איך גאר בסך הכל א דעה צופרעגען וועגען מיין חתונה ? איך וויים, אז פרא איך, וואללט איך נאך זעהר געמאנט זיטצען א בחור א 5—6 יאהר .... איי וואס דיא הייליגע גמרא מיט דיא מוסר-ספרים ארבייטען מעשים, אונ לעגען גאר איין דיא וועלט, אז מע זאל נאר חתונה האבען צו 12-13 יאהר .... ? דאס אארט איך דייקע-גאר ניט ! הא ? — נא, אז איך אארט ניט דאס — אארט מיך ניט יענץ .... פייף איך מיך אוים אויף אייער לאבען אונ חוזק מאכען אונ האב חתונה צו 13 יאהר, איך אויף צו להכעים אונ געהט ריהפט מיך קנאק-ניסעל ! ....

קורץ גערעדט, מע נעיט מיר שוין צו מזל חתונה-קליידער ! א גארדיראב, רבונו של עולם, אויף אללע גיטע-יודעשע קינדער געזאגט געווארען ... 2 טערקעש-לייוועגטע העמדער מיט 2 פאאר תחתונים ; א סיראטשקען קאפטענדעל אויף דער וואכען אונ א איילקיטייעס אויף שבת אונ יום טוב ; א וואטאווע פיסטרענע טשאיקע אונ א ראצעמערען ראזעוואללקעלע, איבערגעגעיט פין דער מאמעס חתונה-איפע, גאר קיין ארבעל האט ניט געהאפט — האט מען ארייגעשטעלט א פאאר ארבעל פינ'ם טאטענס א פאאר אלטע אטלעסענע, ווינטערדיגע תחתונים, וואס דער רבי האט זיי איהם געשיינקט צו זיין חופה דרשה-געשאנק ... אונ א בערשידער טלית-קטן מיט א פאאר יאלעוועטשענע פאנטעפעל ... אין א דיא בגדי כבוד האט מען מיך אנגעפרינדעט דעם שבת אינדערפריא, וואס פאר מיין בר-מצוה, אונ מע האט מיך געפיהרט אין קלויז צום אויפריהפענס ... איך געדענק נאך וויא היינט, אז בעת איך בין נאכ'ן בריימען „יעמוד חתן !" ארויפגעגאנגען אויף דעם בעלעמער, אונ האב שוין נאר וואס געוואללט מאכען דיא ברכה אויף דער תורה, האט מיך דער בעל קורא, אויף א ווארטעל, א פרעג געטיהן : „קענסטי שוין בענטשען מזומן ?" — אונ פין מבולבלקייט האב איך, אנשטאט דיא ברכה אויף דער תורה, אויסגעשריגען בקול רם „הארט צי רבותים מיר ו עלעו בענטשען !" — אונ דער גאנצער עולם האט זיך צולאכט....

מיילא אלסדינג בין איך יאקאס איבערגעקומען, נאר איין זאך וועלל איך וייל איך וועלל לעבען ניט פערגעססען, אונ ווען איך דערמאהן זיך אין דעם, רייסט מיר מיין הארץ אין טויזענד שטיקקער פין בושה אונ שפלות פאר זיך אליין; מיין לעבען איז מיר דעמעלט איבערדריסיג אונ פינסטער וויא דער קבר אונ דיא וועלט ווערט מיר העננ אונ קליין אויף צו אנטלויפען פין זיך אליין! .... דעם טאג וואס פאר׳ן ארויספאהרען אויף דער חתונה, האט מיך דער טאטע ארויסגעשיקקט מיט׳ן שמש, אין מיינע יום-טוב׳דיגע בגדים, איך זאל זיך ארומגעהן געזעגענען מיט דיא נגידים אונ שטאדט-בעלי-בתים אין וצוני .... אונ דיא כונה דערביי איז, צו חאפען דרשה-געשאנק .... אזוי זענען זיך אין פוילען, מקדמות דנא אן, נוהג אללע כלי קודש אונ שאנע מקבלים, אונ אזוי האט זיך מיין טאטע אויך נוהג געוועהן .... אוי, פערשאלטען זאל דער טאג ווערען פאר וואס איך בין אין איהם בעססער ניט פריטשאכגעט געווארען אין איין הרף עין, איידער אזא גהנים איבערגעהן קראסטרוי לעבעדיגערהייט! .... מיילא וויא איך בין נאר אריינגעקוממען אין א נגיד׳שער שטיב, האבען זיך אללע וייבליך אונ מאדליך צולאכט אויף א קול, אז ממש א גריב האט זיך אונטער מיר געעפענט אונ איך בין געפאללען אין א פינסטערען תהום אריין .... ווארען א חוץ דאס שאנקייט פין אזא זיסען מנהג, פין אזא מין ארומפיהרען דעם בעער .... בין איך דאך גלאטט זעהר א שיינע פיגורע געוועהן בכלל אונ פאר א חתונה-בחור בפרט .... היינט וויא זאל מען ניט לאכען פין אזא וויסטער קאמעדיע! .... נא, אונ אז דער נגיד, צי דער בעל-הבית אליין האט שוין ניט געלאכט מיר אין פנים אריין גלייך .... האט ער מיר אויך מיט א פערביססען שמייכעלע געאנטווארט: „פאהר געזונד“, אונ איך האב נאך געמוזט, אין געהאקטע ווינדען, שטעהען אונ ווילליען אונ מינגען זיך אין אללערליי פארבען ביז ער וועט ארויס מיט׳ן דרשה-געשאנק.... איינער האט, פאר רחמנות אויף מיר קיקענדיג, עפעס אריינגעשטיפט מיר אין האנד, אונ 10 האבען געפרעגט: „נא, וואס שטעהסטי נאך....?“ נא, אונ דיא גאסס דערעכגעהען מיט דיא בגדי יו״ט אונ מיט׳ן שמש, וויא אללע קראמערם קראמערקעס, משרתים אונ דערעכגעהער, האבען זיך אויסגעשטעללט אויף דיא טיהרען, טייטענדיג אויף מיר מיט דיא פינגער אונ לאכען — אין דעם האט איהר דען א מינדסטען בעגריף, וואס דאס הייסט!? .... א.... קראסטראי צווישען טויזענט ראזגעס מיט שבעה מדורי גהנים זענען, כ׳לעבען, א סך ניחא׳ר איידער אזא שאנדליכער שפאציער! .... זהיר וזהיר, זאג איך אייך אן, פולישע חתנים׳לעך, לאזט זיך ניט פיהרען אין דיא הייזער געזעגענען פאר׳ן חופה-טאג, עס זאל אייך אפילו אבקאסטען אייער לעבען! .... געהט ניט, ברידערליך, געהט ניט!

ווארען איהר וועט אייביג אייער סאוועסט ניט קענגען אבוואשען פון א דער אונמענשליכער שאנדע, פון א דעם נידריגען שפלות און חרפות בושה פאר זיך אליין!.... איך זאל דאס קענגען פארגלאטטען מיט'ן טויט — וואללט איך, גלעבט מיר איהם אקעגען געלאפען וויא צום טאניץ.... נאר פערפאללען, איין נאררישע מינוט פארענטווערט שוין ניט א גאנצע עוויגקייט!....

דיא פיהרען שטעהן שוין גרייט; חוץ עלטערען און נאענטע קרובים, פאהרען נאך אויף מיין חתונה ר' אברהם'ל חיריק, דער קלויזנער שמש, עטליכע הייסע חסידים פינ'ם רבי'נס מקורבים און דער מלוה פינ'ם מיטצעל... מע האט נאך געהאפט דאס לעטצטע ביסעל בראנפען און מע פאהרט!...

19.

בְּיָד־חֲזָקָה — וּבְמוֹרָא־גָדוֹל שְׁתַּיִם
האבען יודען אין זיך נאך פון מִצְרַיִם:
א תקיף און א ייונקעלע טאקע מניהדוביה...
**דאס איז דער סמן פון איין אמת'ן לאקיי!**

---

אז יודען, ווער שמיסט חסידים, פאהרען אויף א חתונה, האַרט מען עפעס א וועלט? הא? מאהלט אייך, איין יוד נאר, ווען ער פיהלט זיך נאר עפעס תקיף ביי זיך, ווערט ער א גאנצער פריץ, א מושל און אפילו א דעספאראט איבער קלענערס און שוואכערס פון זיך... ובפרט א מנין יודען צוזאממען!... אוודאי פאהרט מען פריילך, לעבעדיג און קראזשירט, און מע האַרט דיא גאנצע וועלט וויא דעם קאטער!: וויא מע בעגעגענט א גוי געהען מאכט מען איהם פון דיא עק־פאלעש א חזיר'שען אויער... און עטליכע באטשען אויך... א גוי פאהרען — שלאגט מען איהם אב א־נ־אקס, א נאשילניק, אדער מע ווארפט איהם אראב פינ'ם וואגען... א גוי פיהרענדיג עפעס אין מארק אריין צום פערקויפען — געדמט עס ביי איהם ציא און מע שעלט איהם נאך גיט אוים... א כלל, מע פאהרט תקיף „ביד חזקה"... מע טיהט יעדען פאקעסט, וויא נייט מען קאנן און מע זינגט און מע לאכט ביד רמה — אויפ'ן וואהר־הייט!... און אינמיטטען דעראינגען טראגט אן דער רוח א גלאק! און מע האַרט א געשריי „סטוי!..." א גלאק און סטוי! — א דא ווערט פון דיא נאר וואס געוועזענע באניטעס, פאקעסטניקעס און תקיפים —

יונקעליך, צעטרייטעגע וארעמליך, חנופה'ניקלעך און ת.. לעקער'ליך — פונ'ם „ביד-חזקה“ ווערט מניה וביה א „ובמורא גדול“ חאטש לעג איהם אין איין אויער אריין, חאטש מאך פון איהם מאנדריש מיט די גלאקליך!... יא, הארענדיג דעם גלאק מיט'ן „סטוי“, איז אללע פערקיהלט געווארען אין פיפעק... גלייך זיי האבען אין זייער לעבען ניט געטשעפעט א פליג אויף דער וואנד און זענען נאר גאטט די נשמה שולדיג און דער יודענע פאר מילך... דער גלאק איז צוגעפאהרען און מע האט געזעהען אין דער בריטשקע זיטצען [2] איהרע; איינער אין א רויטען קאלנער און דער אנדערער מיט א קאקארדא נאר ביים קוזעראק. דער רויטער קאלנער האט א פרעג געטיהן „אטקודא אי קודא!?“ —

— „וואס דבר'ט ער“ — האט דער טאטע מיט א פלאטערניש געפרעגט דעם עולם.

— „וואס הארסטי דעם ערל טמא?“ האט זיך אברהמ'ל חיריק אנגעריהפען אין איין ציטערניש...

— „יודעלעך, זייט מהרהר בתשובה!“ האט דער שמש א זאג געטיהן ניט טויט ניט לעבעדיג...

„נא, דא! — זאגט דער רויטער קאלנער מיט א פערביסענער מינע פון חוזק מאכען — א פאספארטוא או וואס יעסט?“

— „א-א-א, די מעשה?... — האט זיך אנגעריהפען אברהמ'ל חיריק און האט זיך אומגעקעהרט צום רויטען קאלנער מיט א זלידניעש-חנופה'דיגער מינע: פאנע, נאשטשא נאם פראשפארט, יאק מעני סאם טאטעטשקע?...

דער קאלנער איז ווילד אין כעס געווארען און האט א קריטץ געטיהן מיט די צאהן: „סטופיי אוק משארטוא, זשידאווסקאיא כארא טוא, עטאקאיא! טאקאי פארכאטוא זשיד סטראיט מעניע אולובעטשקי.. סיא מינוטאי טשטאבוא בוללי מעניע פאספארטוא, א טא יא וואס...! קאטארוי מעזש וואמי כטארשיי?“

— יודעלעך, בעט גאטט! — האט זיך דער מלוה פונ'ם מיטצעל אנגעריהפען, קלאפענדיג א צאהן אויף א צאהן — בעט גאטט ווארען מיר זענען פארביי!“

„טוי סטארשיי!?“ — האט דער רויטער קאלנער געפרעגט, ווענדענדיג זיך צום טאטען.

— „געוואלד, אברהמ'ל! וואס דבר'ט ער?“ האט דער טאטע קוים א לעבעדיגער געפרעגט.

— „נעהם דעם רבי'נס שמירה אין דער האנד אריין — האט אברהמ'ל, אין איינע פחדים, געאנטווארט שטילערהייט, קוים וואס מע האט געהערט... ער פרעגט דיך אודאי, וויהן די פאהרסט...“

—„אַ-אַ-אַ···· האט זיך דער טאטע איינגעשטעלט מיט'ן לעבן און האט, אויך מיט אַ זלידנעיעש-זאווער שמייכעלע, געזאגט דעם רויטען קאלנער: פאנע גע זנייע יאק מענוא יחאלע···· ? מענוא יחאלע נא וועסעלע! ····"

„אך טוא טשוטשעלא גאראחאוואיע! — האט דער קאלנער פערביסען אַ געשריי געטיהן — טוא נא סוואדבא יעדיעטש? אַ זשעניך גדיע?"

—דער טאטע האט איהם אנגעקוקט מיט בלאנזשענדיגע אויגען, וויא אַ מויז, וואס פערליערט דיא נארע, ניט וויסענדיג וואס ער מיינט····
„דער חתים, דער חתים!" האט זיך אנגעריהפען דער וואס אין דער קאקאדרע.

—„אַ פאנע, — זאגט אברהמ'ל חיריק, טרעססעלדיג מיט דיא פאות — דער חתן? — אט איז ער!" און האט אנגעוויזען דעם קאלנער אויף מיר.

אין מיר איז פרחא נשמתי געווארען, און דער רויטער קאלנער האט אויסגעשאסען אַ געלעכטער, אַז ער האט זיך אַזש געהאלטען ביי דיא זייטען: „טאק עטא מוואי זשעניך!? ···· אטליטשנא! ···· אַ גדיע יעוואַ מעטריטשעסקאיע סווידעטעלסטווא?"

דער טאטע האט ווידער וויא אַ פערווירטער געקוקט אויף אַלע זייטען און פערצויגען מיט דיא אַקסלען···· ביז דיא קאקארדא האט זיך ווידער אנגעריהפען: „מעטריקא, מעטריקא!"

—אַ, אַ! דיא מעטריקעס! — האט זיך אברהמ'ל חיריק ארויסגעשטעלט מיט אַ זאווער חנ'דעלע צו דער קאקארדא — ייע באהה פאנע יע טאם וייוו טלימעק! אט יאק יא מאיוא בארד און פאות! ····"

„אטקראיטע וואש זשידאווסקי חלאם — פאסמאטרים!" האט געשאפט דער רויטער קאלנער, אנווייזענדיג אויפ'ן טלימעק.

—„שלעכט ברידערליך! — האט פלאטערענדיג דער שמש קוים ארויסגערעדט — מיר זענען פארביי!"

וויא מע האט נאר געעפענט דעם טלימעק איז דאס ערשטע ארויסגעפאללען ר' אייביש'ס מיטצעל — דער רויטער קאלנער האט ווידער צולאכט, אַז ער איז זיך אַזש פערגאנגען אויף 10 מינוט כסדר···· דערנאך האט ער מיר אנגעריקט דאס מיטצעל איבער דיא אויערען און פרעגט מיך: „עטא דליא ניעוועסטוא····?" פין שרעקק האב איך מיך שיר ב······ און האב אויסגעשאסען אַ געוויין···· ביז דיא קאקארדא האט זיך אנגעריהפען צום רויטען קאלנער: „אוס קיעם טאט ימיעטט דיעלא! אסטאוויטיע עטיך דיקאריי, פוסט סעביא יעדוט אוק טשארטוא נא קוליטשקי! ברררר, גאדאסט עטאקאיא! ····" און דער רויטער קאלנער האט אשמיטץ געטיה

דאָס מיטצעל אין דער-ערד אַריין, אַ שפּיי געטוהן מיט'ן פילען מויל און האָט זיך אַריינגעזעטצט צוריק אין ברישקע אַריין.

דער גלאָק איז אַוועק און מיין חסיד'אַרניע האָט אַ נעהם געטוהן אַ פריש צאַפּעלדיג נגון'דעל מיט די ווערטער: „דעם רבי'נס זכות זאָל אונז טאָקע תמיד בייזשטעהען!....“

—„האָסטי געזעהען, יאָסקי, וויא ער האָט אָנגעקוואַללט פון ר' אייביש'ס מיטצעל?“ — פרעגט אַברהמ'ל הירשק דעם טאַטען.

—„נאָך אַ שאלה, צי איך האָב געזעהן!?... זאָגט דער טאַטע מיט'ן נגון פון בתמיה....

—וואָזשע איז דאָ דאָס חדוש — פרעגט אַזוי ערענסט דער שמש — נאָך פאַר ר' אייביש'ס מיטצעל זאָל אַזאַ ערל ניט בטול ומבוטל ווערען!?....“

—„מיר איז נאָר אַ חדוש — זאָגט דער מלוה — וואָס ער האָט אַזוי געלאַכט....!“

—„געלאַכט“? — זאָגט דער טאַטע — ס'האָט ער געלאַכט מיט פּיאַוועקעס! אַ סמן האָט איהר, אַז דאָס מיטצעל האָט איהם שיר די טרפה'נע יד זיינע אויסגעדרייט, און ווען ער טוהט עס באַלד ניט אַוועקוואַרף פון זיך — בלייבט ער אָהן אַ האַנד!....“

—„וואָס דען? — זאָגט דער שמש — מע האָט ניט געזעהען באַשאַנ פערליך, וויא ער האָט שוין בעקומען די נכפה, רחמנא לצלן, און ס'האָט איהם שוין טאָקע אָנגעהייבען שלאָגען די טרפה'נע פינגע פינ'ם מויל, אַז ער האָט זיא קאָם אויסגעשפּיגען....“

—„מן השמים איז אַזוי! — זאָגט דער טאַטע — זיין גליקק, וואָס יענער בהרה'ניק, מיט'ן קנעפעל אין קאַשקעט, האָט איהם אָבגעראַטהען פון א-נ-אומגליקק!....“

—„יענער — האָט זיך אָנגערוהפען אַ חניאָקעל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען וויא אַ פערשטיינערטער פון שרעקק, האָטש לעג איהם אַ לעבעדיגען אין ד-ר-ערד אַריין...יענער קענן-אַוודאי זיין אַ גלגול פינ'ם אַלטענס פאַנטאָפעל זצ"ל...“

—„נאָך דייקע פינ'ם פאַנטאָפעל!? — האָט אַברהמ'ל הירשק געזאָגט מיט אַ באַזער — ניט דערלעבען זאָל ער עס!.... און אַז פינ'ם אַלטענס לילקע איז איהם קאַרג?....“

—„אוי וואַ, אַ שאַנע חטיבה! — זאָגט דער שמש מיט אַ פערביססענעם שמייכעל — די ווייסט דען, אַברהמ'ל, פון וואַנעט דעם אַלטענס לילקע קומט אַרויס?.... דעם אַלטענס פאָטער זצ"ל, פערשטעהסטי מיך, ס'הייסט, דעם גרויסען מגיד זצ"ל, נאָך דער פטירה, האָט דער מלאך מיכאל געפיהרט צו מתקן זיין די נשמות אין גהנם — נאָר כפי דער

מגיד זצ״ל האט אנדערש קיין תקון ניט געמאכט סיידען מיט דער לילקע־ציבעק, האט מען באלד פון אהרן׳ס שטעקען געמאכט א ציבעק, און פאר א לילקע האט זיך פערשטעללט דער פרימער רבה׳לעס נשמה, וואס האט בעדארפט א תקון דערפאר, וואס א חסיד האט זיא א מאל געזעהן נאקעט בעת זיא איז געגאנגען אין א פאלאנקע אריין פאר׳ן חצות אפרעכטען, און האט דעם מיט געבראכט דעם חסיד לידי הרהור ר״ל···· חאטשע זיא האט גאר ניט געוויססט דערפון! — דיא ווייסט דאך, אז קודשא בריך הוא איז מדקדק מיט דיא צדיקים כחוט השערה··· נא, מילא דער מגיד זצ״ל האט מיט דער לילקעציבעק אבגעמאכט דעם תקון, און אויף דער צווייטער נאכט האט ער דיא זעלבע לילקע (דעם ציבעק האט מיכאל אבגעגיבען אהרן׳ען צוריק למען הכבוד) געבראכט אין חלום דעם אלטען זצ״ל — היינט ווייסטו שוין ווער דיא לילקע איז ··· ?"

— „מאהל דיר אז איך האב דאס גראד ניט געוויססט — זאגט אברהם׳ל חיריק, וויא קאנפוזיעט, פערשטעהט מען עס דען ניט פון זיך עלבערט, אז אללע בגדים דעם אלטענס, דיא בארעטע, דיא פערד מיט איטלעכם פיטצעלע זיינס, זענען פון גאללע נשמות ? ! ····"

— „א נייעס ···· שרייט אויס דער טאטע מיט א פערביססענער מינע — ווער ווייסט ניט ד״א מעשה, ווען דער אלטער זצ״ל איז א מאל, אין א ל״ג־בעומר, געפאהרען אין פעלד אריין שיססען מיט׳ן פייל־און־בויגען, האט זיך זיין ווייסער אגער עליו השלום געשטעללט דובאם, און האט באין אופן ניט דערלאזט דעם אלטען שיססען קיין מזרח־זייט... און דער אלטער זצ״ל האט אויפ׳ן ארט געזאגט דעם עולם, אז אין מזרח זייט שטעהט דעם אגערס טאטענס נשמה און בעטט א תקון... ערשט, אז דער אלטער זצ״ל האט דיא נשמה מתקן געוועהן— איז דער אגער שטילל געבליבען, און דער אלטער האט אויסגעשאססען לצד מזרח..."

אזוי האט מען זיך אבגעשפארט און געראנגעלט דעם גאנצען וועג, פון וואס דער כפרה׳ניק אינ׳ם קנעפעל קענן זיין א גלגול...? ביז ס׳איז געבליבען בהסכם כלם, אז ער מוז גאר זיין א גלגול טאקע פון ר׳ אייבישעס איין אבגעשיגענער מאזאלי, וועלכע איז איינליך געוועהן אויף אזא מין קנאפעל... און אזוי רעדענדיג איז מען פאוואלי אריינגעפאהרען קיין קראקאדילעווקע. —

## 20.

## אַללע ווייבליך און מיידלעך קיקען אויף מיר און קוועללען. טאַקע נאָר אַזוינס וויא איך קען זיי געפעללען!

---

שוין ביי דער רעגאַטקע האָבען מיר דערזעהען איין אומגעלימפּערטע דראָבינאַ מיט 2 קלאַטשעס פאָהרען שוין אַקעגען דעם חתן; די דראָבינאַ איז געוועהן, אָנגעשטאָפּט מיט יודען, יונגע-לייט, יונגע-לייטלעך און בחורים, זיטצענדיג, און ליגענדיג און שטעהענדיג און שווימענדיג אויף די קאָפּ; אַללע מיט אַ געזינגעריי און אַ געפּליעסקעריי עד לב השמים!...

נאָך דער דראָבינאַ, וויא אַשיפעלע נאָכ'ן קאַראַב, האָט זיך געשלעפּט אַ וועגעלע מיט אַ בלינדער שקאַפּע, אָנגעזעצט מיט ווייבער פולל מיט אַ וועדך, און אויף די 4 רעדלעך און אויפ'ן זאַדאַק און פין אונטער'ן וועגעלע, איז אָנגעשלאָגען געוועהן מיט אָבגעריסענע יונגלעך און מאדלעך וויפיעל פליגען אויף אַ צעיאַטרעטען טשערעק···· מיך האָט מען באַלד אַריינגעכאַפּט אין דער דראָבינאַ, צווישען די בחורים, און מע האָט אָנגעהייבען מאַכען די הקפות 7 מאָל אַרום די קלייטען····

„מילא וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען: וויא נאָר אַקעך-יודענע, אַ דיענסט-מאַדעל, אַ סעדערע איין אָבאַראָוואַנוץ; אַפילו די גוי'עשע פערעפּעטקעס זענען זיך צונויפגעלאָפען קיקען אויף מיין באַז-ווינדער!····

בלי-זמר זענען געגאַנגען פריער אַ שטיק 6: איינער מיט אַפויק פין אַ ציבער מיט 2 קאַטשעלקעס, דער אַנדערער מיט אַ פּאַאר טאַטצען פין 2 געגלאָזטע פאַקרישקעס, דער דריטער מיט אַפידעל פין אַ קאַפּיקעס 20 נייערהייט ··· דער פערטער האָט געבלאָזען אין אַ האָלזעל פין אַ אָבגעבראָכענער בוטעלקי פאַר אַ פליוט, דער פינפטער האָט געטאַרקעט דעם זעקסטען אין די אויערען פאַר אַ באַסס און דער זעקסטער האָט געפייפט אין די זשמעניעס פאַר אַ פאַלצעט ···· טאָמער האָב איך אפשר די אינסטרומענטען ניט אַזוי גוט בעמערקט? — גאַנץ מאָגליך! נאָר על כל פנים קענן אַזאַ מוזיקא פין קיין אַנדערע אינסטרומענטען ניט זיין!···

אַללע ווייבליך און מאדליך האָבען געקוועללט אויף מיר קיקענדיג און האָבען זיך געווינשען אַזוינע קינדער און חתנים וויא איך···· אַ סימן האָט איהר: זיי האָבען מיר באַלד איין עין-הרע געגיעבען און איך האָב אָנגעהייבען געגעצען····

לאַנג לעבען זאָלען טאַקע אונזערע פוילישע ווייבער, וואָס קיקען גיט אויף די לאַנגע פאַנטאַלאָנעס מיט די קערצע סערדעטען, און

בעלאדעגען זיך ניט, אז מע מאכט זיך פון זיי א פלאסקע קאפעליוש ! ····
ניט אזוי וויא דיא געבולבעטע דאמען, וויא באלד זיי בעמערקען
עפעס אזא שאנע תנועה – בעלאדענען זיי זיך באלד ! עס שטעהט זיי
זייער טאמען ניט אן, אז אונזערער א יונגערמאנטשיק, א כלי שלמה,
רעדט מיט זיי אונ טיהט זיך בעת רעדען א קראצען אין ביזעם, צי א
שנייצן דיא נאז אין דער זשמעני, צי אויפ'ן פאל, צי אנענען איהר
אין פנים אריין, ווער שמיסט חלילה אשפיי אויף איהר שלעפ ····
אונ איבערען הונדערטען פאלל חלילה זיך ארויסחאפען מיט ניט אזא-
ב-עדעל ווארט ···· הייסט ער שוין באלד ביי זיי, וויא ריהפען זיי עס:
„ניוועזש, גראביאן, דיקאר“ וכדומה אזעלכע טערקעשע ווערטער ···
זיי האבען נאר ליעב, מע זאל מיט זיי רעדען פאליטישנע, געשליפען
מיט פליטערליך, אונ מע זאל זיי נאר טאקען קאמפלימענטען אונ
מאכען חן'דלעך – גלייך זיי זענען פריצות, פיינע בריות – ניט
קיין יודישע טאכטער ···· א ! אונזערע פוילישע ווייבליך קענען ברוך-
השם, אויף אלסדינג בעשטעהען אונ אללסדינג פערדייען ··· חאטש
קראצען זיך, חאמש שפיי, חאטש שנייצען דיא נאז, חאטש גיעה מיט'ן
קאפ אראפ אונ מיט דיא פיסס ארויף – איז ניט נאר עס הייבט זיי ניט
אן אארען, נאר אדרבא : וואס מעהר ווילדע תנועות, וואס מעהר
פאסקידנע הויות – מעהר געפעללט ער איהר, מעהר קוועללט זיא אן פון
איהם ···· אונ זיא וועט זיין קנאפעדיג גערגעלע ניט בייטען אויף אגאנצען
אויסגעצאאגענעם דייטשון ! ···· אונ, באמת, איז זשע דען ניט גיט אזוי ? ····
וואס דען ? גיעה שאפקאווע נאר פאר וואבעריעס, אונ היטט זיך פאר זיי
מיט איין איבריג ווארט, איין איבעריגע תנועה ! ···· אויך מיר
מענטשען ! ··· אי האבקא ליודי ! ···· גישמעהר וועהמען האט מען
צודאנקען דערפאר, אז ניט א דיא געבולבעטע דראבעס, הילטייעס אונ
הפקר-יונגען, וואס האבען איינגערעדט, אז דיא נקבה איז נאר חשוב'ר
פינ'ם מאנסבעל ! ? ···· „דאס פרויענצימער – זאגען א דיא ימח-שמו'ניקעס–
איז א צארט וועזען, איין עדעל באשעפעניש, א מבין אויף אללעס
עסטעהטישעס (שאנם, פיינס אונ עדעלס) מעהר וויא דער מאנספערזאן,
אונ נאר זיי בילדען אויס דעם גייסט אונ דיא געפיהלען פון דיא מאנגער
מיט זייער אונטערהאלטען זיך מיט זיי ···· אונ דאריבער דארפען זיי
אללע מאנגער בכלל אונ יעדער מאנן בפרט, שאטצען אונ עהרען אונ
זיך היטטען פאר זיי מיט א מינדעסטער תנועה, א ווארט אונ ניט לאזען
אויף זיי קיין פול, קיין אומטיידערעל פאללען !“ נא, וויא געפאללט אייך
אזא מין מוסר השכל ···· ? חא, חא, חא ! אונזערע עלטערין, דאכט זיך
אביססעל קליגער געוועהן פון דיא היינטיגע פיינעבריות – האבען זיי
געהאלטען דיא נקבה פאר א פשוט'ר בהמה ···· אזוי וויא דיא הייליגע

גמרא זאגט מכות דיא לייט .... אונ טאקע דאריבער האבען ביי זיי דיא ווייבער תמיד געהארעוועט מיט'ן בלוטיגען שוויים, אונ ניט געסמיעט אנאז אריינשטיפען דארט, וויא דיא מאנסבלען האבען זיך אונטער־האלטען צווישען זיך .... ווער שמיסט חלילה, א דעה זאגען, צו א ווארט אריינטיטצען אין זייערע רעד—זאל דער איבערשטער שומר ומציל זיין! ....

נישמעהר ווער הארט זיי, א דיא נארישע פאליטראנטען, א דיא געבולבעטע שוטים!? מיר וועלען זיך, מיט גאט'ס הילף, פיהרען אויף אונזער אלטען שטייגער .... אונ דיא ווייבער וועלען אונז קעבלען, דאנקעוועט אונ דעם גרעסטען כבוד אבגיבען! .... מיינט ניט, איהר פערשייטע מחברים'לעך, אז מיט אייערע שרייבעכצען וועט איהר עפעס פועל'ען ביי דיא פוילישע ווייבער! אסור, בנאמנות! „אז איהר וועט זיי יאך טויזענט מאל דערנוויזען, וויא אזוי זיי ליגען בייא דיא מאנען 9 איילען אין ד־ר־ערד .... וויא אזוי זיי זנאטשען ביי דיא מאנער פינקט וויא דיא קאטץ אין שטיב .... וויא אזוי דער נישטיגסטער, עסליבסטער אונ לא־יצלח'דיגסטער מאנן איז מושל אונ דעספאט איבער דער שאנ־סטער, פיינסטער אונקליגסטער פרוי, אונ מאכט פון איהר דאס גרעססטע געלעכטער .... וויא אזוי זייער וועלט פערפליהעט וויא א כמארע, אהן א חיי שעה, אהן א פרייער מונע דאס גאנצע לעבען, אונ שטארבען אין אנקסטען, אין דער פינסטער אהן א צייט .. אונ נאך אזעלבע טויזענטער בימענעקארעס מיט פיסטע חלומות... איהר מאגט אפילו אנשרייבען „דאס פוילישע מאדעל" וועט אייך פינקט אזוי העלפען, וויא א טויטען באנקעס! ... ווארען „איין מאל איבער אלע מאל — זאגען אונזערע פוילישע ווייבער — שטיינער וועלען מיר טראגען, ערד וועלען מיר גראבען, בזי בזיונות וועלען מיר ליידען — אונ אונזערע מאנגען וועלען מיר מפרנס זיין אונ דעם גראסטען כבוד אבגיעבען! ווארען א בערשידער טלית־קטן מיט א צעבראסטעט גערגעלע איז אונז ליעבער פון אללע אויסגעפיצטע דייטשען — אונ דאס שטיקעלע חלק עולם־הבא פון אונזערע חסיד'שע מאנגערס תפלות, מקוהות, מלוה־מלכה'ס, טאנצליך ביים רבי'ן, תקון'ס אונ הכנות איז פארט בעססער אונ חשוב'ער ביי אונז פון אללע זייערע תענוגי עולם הזה!..

קורץ, מע איז שוין יאקאס צוגעפאהרען צו דעם פאלאץ, וויא דער חתן מיט דיא מחותנים דארפען איינשטעהען... ערגער פון מייגע חדרים מיט'ן מחותן'ס שטיב איז דער פאלאץ דייקע ניט געוועהן... נאר דיא מעבלירואוקע איז אביססעל אנדערש געוועהן וויא דארט: אין מיטען שטיב איז געשטאנען א לאקשענבריט אויף א דיישקע — פאר א טיש אונ א אונטערטהיר אויף צוויי זשליקטעס, פאר א באנק; דער טיש איז


געוועהן;

גענועהן געדעקקט מיט דער מחותנת׳טעס איין אלטע שאלל, אונ אויפ׳ן טיש לעקעך אונ בראנפען כיד המלך... אללע וואנד אין שטיב זענען אונטען ארומגעוואקסען גענועהן מיט פוילע פיטשערציעס... מיך האט מען געזעצט אויף איין איבערגעקעהרט דיישקעלע, אויוועגאן, דער עולם אויף דער באנק אונ מע האט נאר וואס אנגעהייבען טרינקען לחיים — קיממט פליצעס אריין א בלינדער אויף ביידע אויגען מיט א גרויסען אויסגעקרימטען שטעקקען אין דער האנד, מיט א שווארצער קרייקע אונטערגעגארטעלט טיעף אונטערען בויך, מיט א צעשפאלטענעם דאשעק אינ׳ם קאשקעט, וואס דער דעניק איז שוין איינגעקלייבט גענועהן אויף זיין קאפ וויא איין אלטע יארמעלקע ... אונ מיט א פאאר גרויסע צערעפעטע יאלעוויטשענע שטיוועל ... דאס פנים נאר פין א שבור׳ן העקקער אין יאטקע אונ א יונגעל, איין אבארוואנעץ פין א יאהר 15 — נאר וויא איין אלטער גנב פין אי׳אהר 50 — האט איהם געפיהרט ביי א האנד... צווישען עולם איז געווארען א שמוה: „שאט! דער בדחן געהט!“ אונ ער האט בלינדעוהייט, באלד געטראפען גלייך צום פלעשעל... האט אנגעגאסען א היבשע כוסה אונ האט זיא אויסגעזעטצט וויא אין א ים אריין ... דערציא האט ער, וויא א קראקאדיל, אריינגעווארפען אין זיין געשמדען האלז אריין א שטיק קארענעם לעקעך אונ, קנאקענדיג נאך מיט דיא פיסקעס, האט ער שוין אויסגעשריגען: „שאט, רבותים! וועלל איך אייך זאגען אביסעלע גראמם לכבוד דעם חתן; איי כלי-זמר, אויפגע-שפיעלט!“ ... אונ מיט דיא ווארטער האט ער צוגעטרייטען צום טיש, אונ האט אנגעהייבען מיט׳ן גענויסען פלאקסיווע ניגון:

## 21.

## א חופה, א שיהל, אזוי... ס׳זאל האבען א פנים! אונ מוסר זאלמען הערען פין פוילישע בדחנים...

חתן לעב, חתן לעב, הער אוים מיינע דבורים:
היינטיגער טאג איז ביי דיר יום-הכפורים!
„כפורים“ מאכט, נאך מיינע פלפולים.
כל פשעיך ורחמיך יה מחולים! (?)
חתן לעב, חתן לעב, חתן לעב!
צו גאטט אין הימעל טיה א שוועב,
צעברעך דיין הארץ מיט הייסע טרעהרען,

אַז דיין זוּג זאָל לאַנג געוועהרען
מיט דיין כּלה אין אַ גוּטער שעה ,
וויא „חתן“ מאַכט: חַיִים תְּגַדְּלֵנִי נָא !
חתן לעב , טוה תְּשׁוּבָה אויף דיינע חֲטָאִים !
דיא זאָלסט האָבען אַ דור פון גאַללע תַּנָאִים ,
ווייס , וואָס היינט איז אויף דיר פאַר אַ טאָג :
דיא געהסט צו דער חוּפּה מיט יאָמער אונ קלאָג .
ווייסטו , מיין קינד , וואָס חוּפּה באַטייט ?
שאט , רבּותים ! שאט נאָר שאט !
חוּפּה באַטייט אַזוי , מיין קינד ,
הער נאָר מיינע דבּורים אַצינד :
חוּפּה קענן מען טהיילען אויף חוּ-פּה
דיא טוה נאָר תְּשׁוּבָה אויף דער הייסע שעה
וויא „חוּפּה“ מאַכט הין אונ צוריק כּפּלים :
חוֹמֶר וְיוֹצֵר פְּלָאוֹת הַבַּיִת , הַלְוָיָה פַּלְטֵנִי וְגַם חַיִּים ! (?)
חתן לעב , היינט איז אַ שִׂמְחָה וְצָהֳלָה ,
געהסט היינט צו דער חוּפּה מיט דיין כּלה !
וואָס הייסט דען אַזעלעכם כּלה ? — כּלה הייסט —
ווער ס'האָט אַ זכיה אונ ווער עס ווייסט ?
כּלה הייסט — הער וואָס איך וועלל דיר זאָגען —
אויף אַזוינע ווערטער דאַרפמען קלאָגען ;
„כּלה“ מאַכט אַי אַ היען , אַי אַ הער ,
וויהין דיא וועסט נאָר טוהן אַ קעהר ,
זאָלסטו באַטראַכטען דאָס וואָרט בְּשְׁנֵי עֵינֶיךָ :
כֻּלָם לְךָ הוֹדוּ , הַתְּשׁוּבָה לְמִצְוַת כְּבוֹדְךָ ! (?)
חתן לעב , הער אוים מיינע לעצטע ווערטער :
קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַליין איז דיין בעשערטער ! (?)
זאָלסט נאָר צו'ן איהם דיין פּנים ווייזען
וועט ער דיך מיט דיין זוּגְתִּי שפּייזען
טוה ישע , חתן לעב , מיט טרהערען אַ גיסס
אונ געה צו דער חוּפּה מיט'ן רעכטען פיסס
אונ בעטט גאָטט אַזוי פאַר דיין זוּגְתִּי :
אַזוי וויא אִשָּׁה מאַכט אָנָּא שְׁמַע הַבְּצַעֲקָתִי !
אונ מיך בעלויען וויא עס קעהר צו זיין
וועט דיין זוּג אַוַדַאי עוֹלֶה יָפֶה זיין ! ....

איך האָב דייקע זעהר געשמאַק געוועגט אויפ'ן בּדחן'ס קאָפּ אונ
אויף מיין וויסטער דאָלָיע .... מיר איז דער טאָג פון מיין חוּפּה דייקע גיט
ניט
(חס״א)

פארגעקומען וויא יום-כפור, נאר וויא ערב יום-כפור .... פונקט וויא ערב יום כפור עססט היינט דער עולם לעקעך; איך וועלל צו מנחה זאגען ודוי, איך וועלל אנטיהן א קיטטעל; טאטע מאמע וועללען מיך בענשען; נא, אונ א כפרה ווער איך דאך היינט אודאי אויף אייביג פאר מיינע עלטערענס חטאים .... אונ דיא כלה ווערט מיין כפרה .... נישט מעהר נאר, וואס ערב יום כפור שלאגט מען מיט ווייסע כפרות, אונ איך מיט מיין כלה זענען שווארצע כפרות .... איין אמת טויגען מיר טאקע ביידע אויף סים סאט כפרות! .... איי מע שלאגט מיך היינט קיין מלקות ניט .... ? איז ראשית וועללען מיר נאך דיא ווייסעחברה'ניקעס אריינלעגען אונטער דער חופה קניפ מיט שטעבעלקעס וויפיעל ח"י פעמים מלקות .... והשגית בין איך שוין אזוי דערשלאגען, אז ס'איז שוין גאר ניטא מעהר וויא הין צושלאגען ... קורץ, מע האט מיך אנגעהייבען אנטיהן אינ'ם קיטטעל אונ צעשפיליען אונ צעבינדען אללע בענדליך אונ הייגעלעך אויף מיר .... נישט קשה: איין אקס צו דער שחיטה מוז מען בינדען אונ קניפען, אבער א פוילעש חתנ'דעל געהט צו דער שחיטה אליין פראנק אונ פריי... נאר איין ווינק פינ'ם פוילעשען טאטען — דארפמען שוין קיין אייזערנע קייטען ניט!... וויא מע וויל מיך שוין נאר וואס ארויספיהרען צום בעדעקענס, האט דער מחותן דערזעהען, אז איך טראג עפעס איין אנדער היטטעל, אונ האט א געשריי געטיהן ניט מיט זיין קול: „וואס אידאס? וויא איז ר' אייבישעס מיטצעל?!“ — „דאס מיטצעל? — זאגט דער טאטע — אונ פאר דער פיהר דעמעלט האט איהר בעצאהלט, הא? ....“ — „עט, איהר זענט א שוטה!“ זאגט דער מחותן — „עט, איהר זענט א טפוש!“ זאגט דער טאטע... א ווארט פאר א ווארט ביז ס'איז געפלויגען אין — טאטעס מאטען ... אין דיא שטיב איז געגאנגען חאדאראם... ביז מענשען האבען זיך אריינגעלעגט אונ מע האט געעקט מיט'ן מלוה, ער זאל אבגיבען דאס מיטצעל אונ פינ'ם דרשה-געשאנק זאל מען איהם בעצאהלען זיין חוב, אונ מע האט מיך יאקאם אוועקגעפיהרט צום בעדעקענס. — דארטען ביי דיא ווייבער האט מען זיך בעזונדער געריססען דיא שלייערס: דיא מאמע איז געוועהן מלא כעס וחמה, וואס מע האט איהר קיין ווייס העמד ניט געשיקקט פאר דער חופה, כנהוג... אונ דיא מחותנת'טע איז געוועהן להרוג ולאבד, פאר וואס מע האט דער כלה קיין פעלענע מושקע ניט געגיבען ... אקיצור איך בין אריין צווישען דיא נשים אונ האב א קיק געטיהן אויף מיין יפה-פיה — דער לעטצטער קיק פאר דער שחיטה... וויא זיא זיטצט, וויא דיא מאלפע צווישען א חאפטע ווייסע-חברה'ניקעס, אונ 18 ווייבער שלעפען ביי איהר, יעדערע א צאפעל צו זיך אזוי, אז זיא האט אויסגעזעהן צווישען דיא

אויסגעצויגענע צאַפּלעך, גאָר ווי די אַלטע גרויסע שפּונן אין איהרע פערוואָרפענע פּאָוועטוניע-פּיידעס ···· און ווען איך וואַרף די רגע אויף איהר ניט אַראָפּ דעם דעקקטיך — וואָלט איך שוין געוויסס ניט דער לעבט צו דער חופּה צוגעהען ···· די ווייבער האָבען מיך בעוואָרפען מיט די האָפּפען — כּדי די ראָשטשיגע, וואָס טאַטע-מאַמע פערראָשטשינען, זאָל אויפגעהען ווי אויף אייוען ... און מע האָט אונז געפיהרט צו דער חופּה.

עס האָט עפּעס גאָר ניט לאַנג געדויערט דער גאַנג — מע שטעהט שוין טאַקע ביי דער חופּה···· מיר איז אַפילו ווילד קשה געוועהן: פאַר וואָס מע פיהרט אונז ניט צו דער שיהל? נאָר איך האָב מיר געטראַכט: מן הסתּם ווייסט דער מחותּן וואָס ער טיהט···· ? זאָל איך מיך רעכטען, אז דאָס שטעהען מיר עס טאַקע לייבען אַ שיהל! ? ···· מאָהלט אייך; אַ קליין איינגעעקר'ט שטיבעל אונטער אַ פערגרינטען שטרויענעם דאַך מיט איין אויסגעציפּטער סטריכע; די וואַנדליך אַרומגעשפּאַרט מיט איבערגעפוילטע פּאַדפּאַרקעס; אין די פערדערשטע 3 פענסטער זענען עטליכע טאַפּליעס פערקלעבט מיט געהלע שמות, עטליכע מיט אַלטע צעטריפּעטע שטיקלעך פּרוכת און עטליכע גאָר לחלוטין אויסגעשלאָגען; די לעהם אויף די ווענד צוטרעסקעט, און אויף איינינע ערטער גאָר אָבגעפאַלען, אַז ס'זעהט זיך אַרויס דער זאַמיט; די דרום-וואַנד מחילה מעוברת, הײַנט מאָרגען אויף מפּיל זיין ···· און אין דער מזרח-וואַנד, קאַמע אין דער מיטט איז אויסגעבראָכען אַ שטיק זאַמיט אויך, דורך וועלכען עס קוקט אַרויס אַ פערפוילט שטיקעל אָרון-קודש, פון וועלכען דער שמש גראָבעלט אָפּט אָב מויל-מעהל צו'ן אַ ברית-מילה ···· אַ יאָ, אַ וואוילע שיהל! ? ···· נאָר ווי איך שטעה אַזוי פערטימעלט, קוקענדיג אויף דער מין שיהל, הער איך פּליצעם אַ ווילד געזינגעריי מיט אַ פּליעס-קעריי, אַז אַ דאָס מעוברת'ע שיהל-וואַנדעל פאַלט אָקערשט ניט איין! דער טאַטע האָט אַ פרעג געטיהן דעם עולם, וואָס דאָס בעטייט: האָט מען איהם געאַנטוואָרט: „די כּמאַרעסטריקעווער חסידים היע האָבען געמאַכט זייער רבּי'ן אַ זילבערנעם סאַמאָוואַר פאַר 200 רו"כ, און הײַנט באַנאַכט פיהרען זיי איהם אַוועק צום רבּי'ן, לכן האָט מען געמאַכט אַ קערמעשעל אין קלויז און דאָס געהט מען פון דער קלויז באַלייטען די שלוחים מיט דער מתּנה צום רבּי'ן ···· נאַ, זאָלען טאַקע ניט לעבען אונזערע פוילישע יודעלעך ביז משיח וועט קומען? ···· ווי נאָך האָט איהר אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך אַזוי מפקיר זיין פאַר צדיקים ווי זיי! ? ···· אַליין דאַרען און קוואַרען, הונגערען און פריערען, געהען נאַקעט און באָרפיסס, אַפילו אַ שטיקעל רעכטע שיהל ניט האָבען — אָבּי דעם רבּי'ן אַ זילבערנעם סאַמאָוואַר, כּ'לעבען, פאַרט אַ הימעל-

מענטש, דאַרפֿעמען דאָך איהם הייבען דעם מוח... און וואס באמת טאקע
זנאַטשעט אַ שיהל אַקעגען רבי'ן ? דער גאַנצער יחוס פֿין שיהל איז דאָך
נאָר דאס דאווענען אין איהר... אז דער רבי איז דאָך אָבער אַליין
תּפֿלה!... האָט זשע דען דער גרויסער ר' הילי ניט געזאָגט אויף דער
אַלטער רבי'צען, בעת זיא איז מעוברת געוועהן, אז זיא טראָגט 2 ספֿר-
תּורות ?... (ער האָט געמיינט 2 זיהן, אַ צווילליגג—...) איי זיא האָט גאָר
געהאט אַ מיידעל מיט אַ מאַנקאַלב...? נאַ מיילא ? אָבער אַ קיק איז
דאָך עס... נאַ ? איז עפעס שייך צו זאָגען, אז אַ שיהל איז ביליגער
פֿינ'ם רבי'ןס סאַמאָוואַר...! מאָהלט אייך פֿאַר פּאַדאַט צאָהלען האָט
עפעס דער יוד אַביסעל מעהר מורא וויא פֿאַר דער שיהל... וואָרען
יענש שמעקט דאָך שוין טאקע מיט אַ רויטען קאָלנער, און דאָ איז נאָך
ווייט צום געלעבטער... פּריטאָהה, לאָזען זיך דיא קראַקאָדילעווקער
יודלעך טאַסקען דיא לעטצטע קישעלעך אין סטאַן אַריין און זיך אַליין—
18 מאָל אין יאָהר זעטצען אין קלאָטץ, און קיין פּאַדאַט צאָהלט מען
פֿאָרט ניט! וואָרען פֿין וואַנעט זאָל מען נעהמען, אז ס'איז פֿאָרט ניטאָ...?
פֿין זיך קענן מען דאָך ניט מאַכען קיין געלט!... קוים מיט צרות, מיט
ליידען, שלאָגט מען צונויף אַ ב' פּעמים ח"י אויף אַ פּדיון צום רבי'ן מיט
אַ שלוח מיוחד פֿין גאַנץ קהל, און דער רבי, זאָל מאַריך ימים ושנים זיין,
איז מבטיח, אז דער פּאַדאַטנע-ספּראַווניק, צי דער סטאַנאָוואָי וועט
אַראָב פֿינ'ם באַנקעל... און כך הוה: דער אַלטער געהט אַראָב און אַיין,
טויזענט-מאָל ערגערער, נייער קוממט אַראָף... און מאַכט אין שטאָדטעל
חורבן-ירושלים — און קיין פּאַדאַט צאָהלט מען טאקע אַלץ ניט! נישטאַ,
איז נישטאַ! וואס קענן מען מאַכען...? אז מען קראַצט שוין יאָ אויס,
פֿין דיא לעטצטע בעבעכעס, דיא בידנע פֿאַאר הונדערט קערבליך—
זאָלמען אַזאַ בלוטטיג געלט צאָהלען פּאַדאַט, ציא גיבען אויף אַ שיהל,
אויף אַ הקדש, אויף אַ תּלמוד-תּורה, צי אויף לחם-אביונים פֿאַר
מענשען, וואס ווערען געשוואָלען אין גאַסס פֿאַר הונגער און קעלט...?
פֿערקעהרט, אַדרבא, איך פֿרעג אייך אַליין: זענען דיא אַללע זאַכען
ביליגער פֿין אַ זילבערנעם סאַמאָוואַר דעם רבי'ן!?... אַ יאָ, איהר
שווייגט שוין!... נאַ שווייגט זשע טאקע וויא אַ... און לאָזען זיך
אונזערע כמאַרעסטריקעווער חסידים משמח זיין מיט'ן רבי'נס סאַמאָוואַר;
לאָז זיך דאס מעוברת'ע שיהלעכען אויסטראָגען זיין צייט... לאָזען זיך
דיא קראַקאָדילעווקער חולים, קינפּעטורענס, קאַליקעס, אַלמנות און
יתומים דערוויל קוויקען מיט חלשות... און לאָם איך מיר פֿאַוואָלי
בעטראַכטען מיין ווייענדיגע קאָמעדיאַ אונטער דער חופּה!...

## 22.

## מזל טוב, יודען! איהר האט שוין אייער פאדיאקע: נאך איין באליאטשקא אויף אייער אלטער מכה!...

---

אקיצור, דיא אונטערפיהרערס האבען שוין געמאכט ארום מיר דיא 7 הקפות מיט דער כלה, אונ איך שטעה וויא חויזק אין גן-עדן... דער רב האט שוין מסדר-קדושין געוועהן; דער חזן האט שוין אבגעלעהענט דיא כתובה אונ אבגעטערלעקעט דעם לעצטען „מי אדיר“ — ועל כלם: איך האב שוין אנגעטיהן דער כלה דאס קדושין-פינגערל, אונ שוין ארויסגעלאזט פון מיין אייגען מויל מיין טויט-פריגאוואר מיט דיא קליינע 2 גיפטיגע ווארטער „הרי-את“... אונ אללעס געהט, דאכט זיך, גישט קשה... פליצעם דערפיעל איך א טרייט אויף דער מאזאלי, אז איך האב שיר געלאפענט אויפ'ן ארט! דאס האט מיר מיין יפהפיה אזוי געטריי אנגעטרייטען אויפ'ן רעכטען פיסס, זיא זאל אויף מיר ממשלה האבען נאך דער חתונה... אוודאי איז מיר נאך דיא פוילע סגולה אבגענאנגען דערמעלט צו מיינע אללע גילדענע צייטען... אונ ס'איז דאך, באמת, גאר איין איבריגע זאך! ווער ווייסט עס ניט, אז יעדער פוילישע מאדעל אונטער דער חופה, טאקע בעת זיא טרייט אן דעם חתן אויפ'ן פיסס, ווייסט זיא, אונ ווילל עס מיט'ן גאנצען הארצען, אז דער מאנן זאל איהר דערפאר דאס גאנצע לעבען טרייטען אויפ'ן קאפ!?... נאר גלאטט, מע מוז נאך טיהן דאס אלטע נארישקייט... היינט, מאהלט איך, אז מע מוז נאך מיט אזא פיסס צעברעכען דאס גלאזעל!... אויך איין אלטער מנהג, פאר א זכר אויף חורבן-ירושלים — אונ אויפ'ן חורבן פון טויזענטער יונגע פאארליך, צוצעקעס, וואס בלייבען נעביך אומגליקקליך זייער גאנץ לעבען אונ אפשר נאך אויף דור דורות... דאראף איז ביי יודען קיין זכר, קיין קרעכטץ, אפילו קיין מחשבה ניטא!... נישמעהר, איך בין שוין דאס אויך איבערגעקוממען! „מזל טוב! מזל טוב! מיט מזל זאלט איהר לעבען!...“ הארט מען פון אללע זייטען; אזוי פערלאזט זיך אלץ דער יוד מיט זיין לעבען אויפ'ן מזל, אונ אליין קיין האנד אין קאלט וואססער ניט טיהן וועגען דעם לעבען... אונ זיי פערגעססען גאר, אז דיא גמרא אליין זאגט „אין מזל לישראל“ נאר „וברכתיך בכל אשר תעשה“ — טיה, וועט גאט העלפען!... אכלל מע פיהרט אונז שוין געארעמט פון דער חופה, (טאקע גאר איין מאל אינ'ם לעבען... אי דאס פינ'ם געוויססען סמן וועגען...) „מזל-טוב, מזל טוב! דאס „פוילישע יונגעל“ שוין געווארען א „פוילישער יונגער-

מאנטשיק". א גדולה, א שמחה מיט א פויק: מע טאנצט דעם גאנצען וועג, מע זינגט, מע פּליעסקעט, און דיא 2 מחותנים, מיט זייער כבוד, אליין געהען, אין דרויסען פאר דער שטיב, א קאזאטשקע אזוי... פּאנע־בריה'ש... בנמוס... און פערטיעפּט עט, עט ··· אזוי וויא אזויגע 2 בעיאהרטע שווערע הייסע חסידים און געקאוועטע יודען דארפען צו זיין... און אללע ווייבער פּליעסקען צי, און טהייען ממש קיקענדיג אויף דיא 2 היסטע יראים ושלמים... גלייך זיי שלינגען דיא שכינה וואס רוהעט אויף זיי ··· ביי דער טיהר איז מען אונז ארויסגעגאנגען אקעגען מיט א געפלאב־טענעם קוילעטש — א פּנים צו ווייזען, אז מיר וועללען זיך שוין קיין מאל ניט צעפלעכטען — וויא דער קוילעטש — ביז דיא צרות און לייזען וועללען אונז ניט אויפטאטשען מיט זייערע שארפע טיגרעשע צאהן און איינשלינגען וויא דער קבר!... מע האט אונז אריינגעפיהרט אין שטיב, געטעטצט אויזוועגען און מע האט אונז דערלאנגט דיא גילדענע יאך... און וויא אזוי זיא איז שוין געוועהן ניט „גילדענע" און ניט „יאך"... בין איך שוין דאך געהערען געוועהן צו האפּען האטש א ערטען לעפעל, בלעבען פּארט נאך א תענית... נאר חברה חסידים האבען באלד אריינגעטיטצעט דיא לאפּעס אין שיססעל אריין און האבען זייא אויב־געלעקקט ביז דער שפּענטע.

קורץ גערעדט מע האט זיך געזעטצט צו דער חופּה־וועטשערע, דיא כלי־זמר רימפּלען און מאכלים געהן אויפ'ן טיש נאר בגדי־מלכות... נאכ'ן עססען איז מיין בדחן אראפּ אויפ'ן טיש, האט אנידערגעשטעללט אין מיטטען טיש א גרויסען קארענעם טעללער פאר דרשה־געשאנק, האט צושפּרייט דיא האנד און האט א געשריי געטיהן: „שאט רבותים! איך וועלל איך משמח זיין מיט א שפּיציג פּשט'ל, פאר'ן דרשה־גע־שאנק! אין פּסוק שטעהט „ויקח קרח בן יצהר" — איז דאך ממה־נפשך קשה: איז קרח געוועהן א נקבה — וואזשע שטעהט „בן יצהר" — וואללט דאך בעדארפט שטעהען „בת" יצהר...? אלא איז ער געוועהן א זכר — וואזשע האט ער גענעהמען יצהר'ן פאר א ווייב?... א בחור מיט א זכר שייט זיך דאך...? דער תירוץ דערפון איז אזוי. קרח איז טאקע געוועהן א זכר, נאר יצהר — א נקבה און דער „בן" איז דיא טייטש „אלט", ס'הייסט „דיא אלטע יצהר" — און א דאס פרעגט טאקע רש"י דיא קשיא: „קרח שפּיקח היה מה ראה לשטות זה?": דיא, קלוגער קרח, וויא קוממט דאס נארעשקייט טיהן און נעהמען איין אלטע מויד...! ? נא, רבותים, קוממט מיר א כלה...? איי, הריי הריי, חתן'ס צד דרשה־געשאנק!" — דער טאטע האט ארויסגענעהמען פון דער ביוזב־קעשעני א כתב מיט חתימות פון אללע וצונני'ר חסידים, אז איבער הונדערט יאהר קעהר מיר דיא אגענטור פונ'ם רבי'נס מעמדות

געלט ... און האט עס אריינגעווארפען אין טעללער אריין .... דער איבעריגער עולם פון חתן׳ס צד שווייגט .... דער בדחן ווערט שיר איבערגעריסען שרייענדיג — מע שווייגט וויא דיא ערד שווייגט .... אלוואי אלדעם באז זאל אזוי שווייגען .... ענדליך שרייט אויס דער בדחן: איי, הריי, הריי, כלה׳ס צד, דרשה-געשאנק!" — דער מחותן האט א פירגענעהמען פון אונטערען געזאס א שטר-חצי-זכר אויף זיין גאנצען מאיאנטעק .... און אויך אריין אין טעללער אריין .... דער בדחן שרייט ווייטער: „און ווייטער חתן׳ס צד, צד חתן, כלה׳ס צד, דרשה-געשאנק!" — א שטיללשווייגעניש וויא דער טויט! .... „איי, מימעס, פעטערס, זיידעס, באבעס, גיטע פריינד, אלטע שקרזובעס, חתן׳ס צד, צד חתן, כלה׳ס צד, בייט אויס א קאפיקע אויף מינץ, דרשה-געשאנק!" קוים מיט צרות האט זיך ארויסגעריקקט דער קראקאדאלעווקער נגיד און האט אריינגעווארפען 6 אלטע קופערנע פיטאקעס, אז דער טעללער האט באלד געטרעסקעט אונטער זיי .... און ווייטער א שטילל-שווייגעניש, חאטש וועה צעריסען שרייענדיג .... צעבראכען דער טעללער, איז דיא מחותנת׳טע אין כעס געווארען; דיא מחותנת׳טע אין כעס — איז דיא מאמע ברוגז געווארען; דיא מאמע ברוגז — האט זיך דער טאטע אנגעבלאזען, דער מחותן אראבגעלאזט דיא נאז, דיא אונטערפיהרערס-פערבמורעט, דיא גאסט — וויא אומגעדרייט .... א כלל, ס׳איז געווארען א פאמאטאכע מיט א קאלעבליק — דערווייל האט דער מלוה זיך מישב געווען: „ניטא קיין דרשה-געשאנק .... ?" און רייסט מיר אראב דאס מיטצעל און אנטלויפט! ....

שטעללט אייך פאר, אין וואס פאר א לאגע דיא גאנצע חתונה איז געבליבען און איך נאך בעזאנדערס! ... און טאקע ווען ניט חסדא דער קראקאדילעווקער שוחט, וואלט, ווער ווייסט צו וואס חלילה געקענט קיממען .... חסדא האט פליצעם, פון דער העללער הויט, אויסגעגאססען א גאנצע פאמייניצע וואססער איבער דער שטיב, האט זיך אליין אויסגעטיהן ביז אין דיא אייגענע תחתונים, און דעם גאנצען עולם אויך דאס אייגענע געטיהן, און מיט זיין יארמעלקע, וואס האט גע-וואיגען געוויססע 3-2 פינט איבער איהר פערשמאלצעוועטען שוויים און ברוד. האט ער געפאטשט דיא אלטע ווייבער מיט דיא יונגע ווייסע-חברה׳ניקעס. זייא זאלען אין איין אטהעם פליעסקען אהן איין אויפעריג. און ער מיט׳ן עולם האבען זיך צוטאנצט אויף וואס דיא וועלט שטעהט און מע האט איבערגעקעהרט דיא שטיב ארע קארען... א ברכה זאל נאר אויף זיין קאפ קיממען, וויא אזוי ער האט אונז אללע ממש מחיה געוועהן! .. אט א דאס הייסט א כשר׳ר יוד. א שוחט! — וואס דען? אפשר פיני דער וצנוור שוחט איז א יוד...?

אַזאַ יאָהר אויף אַלע דייטשען, רבונו של עולם! ... נאָ, נאָ! אויך מיר אַ שוחט! — האָט איהר גאָך געהערט אַ שוחט מיט געוועקסעלטע שטיוועל, מיט פערקעמטע באָרד און פאות און מיט אַ מאַנטינעגעם קאַשקעט און דערצו נאָך לייענען און שרייבען מאַכקוויטערעש ... ? האַ? — נאָר מע זעהט עפעס באַשאַנפערליך, וויא דיא קליפה, אומשטיינסגעזאַגט, איז זיך אַזוי גובר, אַז מע קען גאָר באיין אופן צו'ן איהר קיין שליטה ניט האָבען!: איז ער, וויא אויף צו להכעיס, אַיין קינציגער בריה אין שחיטה ובדיקה; אַיין מכניס-אורח אין שטאָדט; אַיין גיטער מענש אויף אַ טובה טיהן אַ יודען ביז מסירת-נפש; אַיין חשוב ביי נאַטשאַלסטווא איבער זיינע בנימוס'ע תנועות און הנהגות; אַיין איש אמת, וואָס ס'איז ווייט אַזעלכעס צו געפינען און אַיין בר מעלה און בעל מדות-טובות אין דער וועלט! — נאָ, וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ סטרא אחרא, רחמנא ליצלן!? .... דער רב רודף'ט איהם אפילו ביי קהל און שרייט נאַגעוואַלד, אַז ער איז אַ קל-שבקלים — נאָר צו זיין טרף גליקן קענן ער נאָך אַ סך בעססער לעהרנען פינ'ם רב, אַז ניט אַיין מאָל חאַפט ער איהם אין אַ שאלה, אַזוי ... גאַר מאום ... און ער מוז געביך שווייגען! אַזאַ כשר'ער יוד, אַזאַ פייעריגער חסיד, אַזאַ עולה תמימה מוז געביך במזל ווער'ען פאַר אַזאַ מין פיינע-בריה'שען שוחט ... אָ יאָ, גיטע יאָהר'ען...? זעהט איהר, מיין חסדא איז דייקע ניט קיין איבריגער בריה אין שחיטות, און אַזוי לעהרנען קענן ער דייקע גאָר וועניג, כמעט אויפ'ן שפיץ-מעססער ... נאָר איך וועל איהם ניט בייטען אויף זייערע 18 שוחטים וויא דער פיני! — וויא פערמאַגט יענער גאָר אַזוינע זיססע תנועות, אַזוינע חן עווידיגע פאַכטעמקעס וויא חסדא?... קיין צער! חסדא'ס בראַנפען-טרינקען, זיין יאַרמעלקע פאַטשען, זיין משמח זיין דעם עולם מיט אַלע זיינע קאַטאָוועסלעך און אָבשניטצלעך ... איז דאָך ממש אַ פקוח-נפש, אַ תענוג צו צוזעהען! .... ער האָט עס פערבראַכט מיט'ן עולם דיא נאַכט; ער האָט עס אָבגעוואַיעוועט אַ חתונה, אַז ס'איז טאַקע גאָר געוועדן צום גאַפען, וויא איך בין אַ יוד! .... ער האָט זיך געגליטשט אויף דער נאַססער ערד, נאָר עפעס וויא אַ קונדס'ל פון 15 יאָהר; ער האָט קאָמאַנדעוועט דיא „שבת-טאַנץ“, וויא אַיין קינצלער אין דער וועלט: ער האָט אַרויסגעהאַפט זיין גרויסע פאַטשיילע פינ'ם ביזעם אַרויס, איז מיט איהר אַרומגעגאַנגען פון אַיינעם צום אַנדערען, געהייסען דעם בדחן אַלץ אויסרופען, צו דיא כלי-זמר אַ וויק — זיי זאָלען צושפיעלען און אַליין האָט ער אַלע מאָל דערלאַנגט אַיין עק פאַטשיילע דער כלה, דעם אַנדערען טאָ דעם יודען טאָ יענעם, טאָ דער יודענע, טאָ יענער, און אַליין געהאַלטען דיא מיטט און געפיהרט דעם טאַנץ ביז ער האָט אַזוי אויסגעדרייט דיא כלה מיט אַלע מאַנסבלען

און ווײַבער וואָס אין שטיב ... און אין צימבעל אַריין איז געפאַללען „שבת" פֿין אַללע זייטען... אַ פֿינט קופער, גאַר בלתּי שום ספק... און פֿין דעם געלט האָט מען אַלץ געקויפֿט בראָנפען און ווייטער בראָנפען! — ערשט נאָך אַללעמען האָט ער אַ געשרייי געטיהן: „אַללע אין אַ ראָד!" — און באַלד איז פֿינ'ם עולם געוואָרען אַ דרייענדיגע ראָד ווי אַ ווײַבער און חסדא אין דער מיטט...

קורץ, אַ סך זענען אַנידערגעפאַללען שלאָפען פֿין שכּרות און פֿין מיעדקייט; אייניגע האָבען זיך אָנגעהייבען קלויבען אַ היים, קאָם שלעפענדיג די פֿיסס; די מחותּנים און מחותּנת'טעס האָבען זיך אָנגעהייבען איבערקוקען צווישען זיך ···· און באַלד האָבען די אונטער־פֿיהרערס פערשטאַנען דאָס עסק ···· און, אַרויף — לעגענדיג דעם קלאַטץ אויף מיר מיט דער כּלה, האָבען זיי אַ געשרייי געטיהן: „נאַ געניג, חתן־כּלה האָבען היינט נעביך געפּאַסט, דאַרפֿמען זיי שוין לאָזען זיך אָבריהען!" — ביי די ווערטער האָבען די כּלי־זמר אַ שפּיעל געטיהן דאָס „מצוה־טאַנצעל" ···· די אונטערפֿיהרערס האָבען געחאַפּט מיך און די אונטערפֿיהרקעס — די כּלה און מע האָט אונז, ווי די פּאָמעניקעס, אַוועקגעפֿיהרט ערגעץ אין אַ פֿינסטער קאַמערעל, ווי ס'איז געשטאַנען אַ מין בעטעל... מיט אַ טאַפּטשאַן... שאַט רבותים, זאָ: זיין שטיללי! מיינע אונטערפֿיהרערס ראַמען מיר איין עפּעס אַ סוד... אַ גוטע נאַכט אייך, און מיר אַ ווּיסטען תּמיד!...

ענדע דער ערשטער מהיל.

# צווייטער טהייל.

## 1.

## אז ס'איז פין גאטט, ווי עס איז נאך שאן, האט דאך עס טאקע דעם זיבעטען חן!...

אצינד, ליעבע לעזער, אזוי וויא איהר קענט מיך שוין יעטצט פין מיין געבוירען ביז דער חתונה, אונ איהר ווייסט שוין, וואס פאר א טהייערע כלי איך בין... ווילל איך שוין טאקע פאר אייך דערצעהלען כל דבר שורש פין מיין גאנצען לעבען! מכי תיתי, לאז דיא וועלט וויססען, וואס פין פוילישע יונגלעך ווערט אין אונזער געבענשט פוילען?.. אונ טאקע פשוט געוואהר-ווערען פין א סך נוטצליכען זאכען אינ'ם לעבען... מאהלט אייך, מה דאך נאך קליינערהייט, אז איך בין נאך גאר געוועהן א שנעק, א סמארקאטע יונגעל — האט מען שוין געהערט אונ געזעהען פיר מיר אזוינע חדושים, וואס ניט איטליכער איז זיי גאר ביכולת משיג צו זיין. מכל-שכן צינד, אז איך בין שוין, ברוך השם, א פאלנע מאנסביל!.. פערקעהרט, זאגט, אדרבא: א סך האט איהר אין פוילען אזעלכע יונגלעך, וואס זאלען אזוי סקלאדנע, אזוי בפרוטרוט בעשרייבען דאס פויליש-יודישע לעבען, וויא איך? (אי דאס האב איך נאך קיין מן המעשר ניט דערצעהלט, וויפיעל ס'איז נאך דא...); ביי א סך פוילישע מאמעס אין בויך איז אים ניינטען חודש געווארען פין א מאדעל א יונגעל...? א סך האבען דיא זכיה געהאט צו זעהען מיט זייערע אויגען א שרייטעלע אין א קאפעליושעל, וויא איך...? א סך האבען אזוינע לעכטיגע אויגען געהאט, צו זעהן, וואס דיא בחורים טהוען איבער אין קלויז אונטער דער הריבע אונ אויפ'ן בוידעם... וויא איך? הײנט ר' אייביש'ס מיטצעל, וואס ס'איז דאך באמת איין אנטיק אין דער וועלט כמעט איין אכטער נאך דיא זיבען וואנדער... איז ווער האט עס? —

איך! ווער האט דעם למ"ד ואוו'ניקס טאכטער פאר א ווייב? — איך! ווער האט מזכה געווען די וועלט מיט אזעלכע היילינגע, גרויסארטיגע פלאות'ן, וויא מיין מחותנ'ס בריעף, דעם רב'ס תורה, דעם איינקעל'ס גמטריאות, דעם פנקס „אסור לדבר", מיט דעם בלינדען בדחנ'ס גראמט?... איך! — נא, אונ אקעגען די שילורען מיט די סקובענטען בין איך דאך אוודאי ווערטה אויף איין שאהל גאלד אונ אויף דער אנדערער מיך!... זיי נעהמען זיך איבער מיט די זילבערנע קנאפ אונ טשעבענע קאלנער — או ווא! אויך מיר אחריפות, צו געהען וויא א גוי! ... געהען וויא איין אמת-ערליכער יוד, אונ דאך האבען דעם זיבעטען חן — א דאס איז א בריהשאפט! — אונ א דאס בריהשאפט האב איך דאך בעוויזען גאר אויף איין אנדער אויפ'ן! ; איך האב דאך שוין צו ניין יאהר געטראגען דעם הולך פון א 70-יאהריגען חסיד, פא וויסווא פארמוא ... היינט ווער דארף חשוב'ער זיין ביי יודען אונ טאקע אפילו ביי גוים — איך, וואס איך האלט מיך אין די בגדי קודש פון מיינע אבות-אבותינו, ביז אין בארג סיני ... צי זייא, מיט'ן נאכקרימען זיך יענעם — הא? ... א נא, לאמיר אקיק טיהן שער'ן פון אלטע היילינגע ספרים, צי אויף די עטליכע מזרח'ן אונ פאטרעטען, וואס האבען זיך נאך פארוואלגערט ביי איינינגע ערליכע יודען מדור דורות — וויא אזוי זענען, דארט אויסגעמאהלט משה רבינו מיט די יודען בשעת יציאת-מצרים? מן הסתם אין זשיפעצעס מיט לאפענמיטצלעך!... אונ טאקע מרדכי, דער שני למלך אליין, איז ניט אבגעמאהלט אין א ספאדעק, א קאפטען מיט סטראקעס אונ א פאאר ווייסע תחתונים מיט פאנטעפלעך...? נא, אונ דוד המלך, אונ טאקע דער מיליאנשטיק, שלמה המלך, זענען דען חלילה געמאהלט אין סערדעטען מיט קאפעליושען? חס ושלום! אויך אין די אייגענע בגדי-קודש, וואס אללע יודען .... פערשטעהט זיך, אז זייערע בגדים זענען מן הסתם פון ציינען פערווע סארט: דאס שטריימעל אוודאי פון די טהייערסטע סאמבירסקי מארדערס .... די זשיפעצע אוודאי פון דעם בעסטען מיילאנדער אטלאס .... די תחתונים מן הסתם פינ'ם בעסטען האלאנדסקי וועבעל .... אונ די פאנטעפעל אוודאי פינ'ם עדעלסטען טשיגירינער סאפיאן .... נא, מילא? דאראף זענען זיי דאך מלכותים אונ גרויסע שררות .... אבער אלץ יודעש! ... אלא מאי דער רבי, זאל מאריך ימים ושנים זיין, געהט אויך כמעט ניט אין ערגערס פון זיי ... זיי זענען מלכותים אויף ד-ר-ערד אונ דער רבי אויפ'ן הימעל!.... זיי מאכען זיך פאן אייגענער קעשעניע, אונ דעם רבי'ן מאכט די וועלט .... וויאזשע זאל דען אנדערש זיין? ... נישמעהר ניט דאס בין איך דאך אויסען — איך מיין דאך אייך נאר צו דערווייזען, אז נאך מששת ימי בראשית, וויא יודען זענען געוואנט, האבען אללע גלייך געטראגען

דיא זעלבע פארמא, דעם אייגענעם פאסאן, וואס אללע פולישע יודען טראגען נאך היינט! .... נמצא, אז מיר זעהען בעשאנפערליך, אז א דעם הייליגען קוסטיום האט נאך אודאי דער רבונו של עולם געוויזען משה׳ן אויפ׳ן בארג סיני און האט איהם אנגעזאגט מיט׳ן הארבען ווארט, אז יודען זאלען דאס טראגען אימער און אייביג ביז דיא וועלט וועט אונטערגעהן! און נמצא, אז דער פויליש-יודישער קאכטיום האט נאך אין זיך א סך מעהר קדושה וויא דער משכן; ווארען דעם מאדעל פונ׳ם משכן האט דער אייבערשטער געוויזען נאר משה׳ן אליין, און משה האט, קאם אונטער ששים רבוא יודען, געפינען איין בצלאל׳ן, וואס האט פערשטאנען אבצוקאפירען דיא זאך, און פון דעמעלט אן איז טאקע איין אמת, שוין מעהר ניטא ביי יודען קיין שיהל אין דער וועלט אויף יענעם סטריא — ווייל קיין יוד ווייסט עס ניט .... אבער א דעם הייליגען קאסטיום האט דער רבונו של עולם געוויזען אללע יודען גלייך אזוי, נאז בכל דור ודור געפינען זיך, ברוך השם, דייקע פראסטע יודען, שניידערס שיסטערס און קערזשנערס, וואס מאכען נאך דעם מאדעל אות באות, מיט אללע פישעשעווקעס .... נא: אידאס ניט א וועהטיג, אז אזעלכע יונגע שיבעניקעס ווארפען א ראב פון זיך אזא קדושה, אזא שיינדלינג .... און נעהמען זיך נאך איבער מיט זייערע חוזק׳דיגע בגדים, מיט זייער משוגע׳נעם הולך! ? .... אפילו א בלינדער אויף ביידע אויגען, זעהט, דאכט זיך, אויך, אז דער, וואס טיהט איבער דיא הייליגע בארג-סיני קליידער אויף דיא שפאלטען מיט דיא דאשעקעם. — פערליערט ער באלד דעם צלם-אלהים און זיין פינטעלע יוד לעשט אוים אויף אייביג! ....

ובכן בין איך דאך טאקע נאר דאס וואילע יונגעל! א יא .... ? ווארען אפילו געגעו זייערע סך לשונות׳ן וועלל איך אויך כלל גאר ניט פערשעהמט ווערען .... און אפשר נאך גאר איבערפוציווען זיי! ווארען צו וואס טויג באמת דער סך, אז מע קענן דאס אייגענע אבמאכען מיט איינס און א גיטס? — נאט אייך א גראשען פאר אללע זייערע לשונות א קענען איין אברהם׳ל חיריק׳ס א דבור! .... מיט אברהם׳לס לשון וועלל איך דאך איבערדען זייערע שבעים לשונות .... איהר האט געהערט דאס גילדענ׳ע לשון — נא? איז דאס ניט גבורות — הבורא! ? ... היינט אז איך בין עס יא דער פיינער בחור, פרעג איך אייך, רבותים: פאר וואזשע קיקט עס מיין שוויגער אויף מיר אזוי קרימם און האלט זיך אין דאיען אויף מיר? .... און פרעגט זיא אליין, פאר וואס? — ווייסט זיא ניט, כ׳לעבען! עפעס טראגט זיא אויף מיר א שנאה בלב נאך פון דער חופה-וועטשערע אן: איהר איז עפעס ניט געפאללען, פאר וואס איך בין אין קעמערעל באלד אנידערגעפאללען וויא א סנאפ אויפ׳ן מאפישאן,

און בין אזוי אבגעשלאפען ביז אין ווייסען טאג אריין, וויא א געהרגה'טער ? .... זיא האט מיך שוין דערפאר מבוזה מבזה געמאכט פאר אללע גבאי'טעס אין שטאדטעל, און האטשע איך פיהר מיך שוין היינט גלייך מיט אללע יונגעלייטליך .... קענן איהר נאך אלץ דאס הארץ ניט אבגעהען אויף מיר ! — דער נסתר מיינער האט זיך עפעס תחלת וויא געקרימט אויף מיר דערפאר, און האט מיר אפילו, אזוי, אונטער דיא צאהן א זאג געטיהן : „אי, פע ! וויא אידעס א חסיד'שער יונגערמאנן אזוי ווייט פוגם אינ'ם סוד אבא-מאימא ... ?“ נאר שפייטער האט ער לחלוטין פערגעססען און איז מיט מיר שוין אדרבא ואדרבא, און זיא טשעפעט זיך נאך אלץ און זיכט זיך אלטע אייבעלעך .... און ס'איז א מעשה אהן איין עק .... זיא האט שוין טאקע געוואללט נחת זעהען פון דער טאכטער ... פשוט זיא עקט זיך א באבע צו זיין ! פון דיא זיהן איז איהר קארג; נאך פון דער טאכטער איין אייניקעל ! ... גישמעהר אלסדינג טראג איך פון איהר איבער און שווייג — אביא אין איהר מויל ניט אריינ־צופאללען, נאר איין זאך קאן איך שוין באין ענין ואופן ניט איבערטראגען : דיא רפואות איהרע, וואס זיא ברענגט מיר אללע נאכט פאר'ן שלאף אונטערען פארטעך, פעראימטערט מיר פשוט מיין לעבען ! ... איך בעטט מיך בייא איהר אללע נאכט וויא ביי א גזלן — און זיא טרייט מיר ניט אב אזוי לאנג, ביז איך נעהם עס איין און הרעך עס טאקע באלד אויס מיט דער גרינגער גאלל .... און נאך אללע נאכט א נייע רפואה, אז זיא האט מיך שוין ממש פערמיטשעט, וויא איך בין איוד ! איהר זאלט אויף ציקאוועסט שטעהען אונטער דער טיהר און הארען איהר דרשה'נען איבער מיר פאר יעדער מאל איינגעהמען — איז, דאכט זיך, נאר פערעל שיטטען זיך פון איהר מויל .... און אין אמת אריין אידאס א סם, א שלאנג, וואס מע דארף נאר שטארקער זיין פון אייזען, אויסצוהאלטען איהרע רעד ! .... צום מוסטער וועל איך אייך דא אונטן קטען גיבען איינע פון איהרע דרשה'ס — וועט איהר שוין פערשטעהען, וואס פאר א מכשפה דאס איז ! ? ....

## 2.

מיין ניט ווערסט זיין א פריי פאנעלע בלאטע!
זאלסט אפילו לאפען, מיזטי ווערען א טאטע !

---

„דיין שוויגער א שלעכטע ! .... א יא, איציקעל ? .... אוט ... רבי יונה
(חס"א)

יוֹנָה שְׁלֹמֹה .... וָואס אִיךְ וִוינְטְשׁ דִיר, זָאל עֶס מִיר נָאר אִין מַיין בּוֹיזֶעם אַרַיין ! .... וָואס זָאל אִיךְ שׁוֹין רֶעדֶען, אָדֶער וָואס זָאל אִיךְ זָאגֶען — אַז דִיא בִּיסְט נָאךְ גָאר אַ יוּנְג צִיגֶעל, אוּמְשְׁטַיינְסְגֶעזָאגְט ! .... אִיךְ וַויי....ם ? דַאכְט זִיךְ, וָואס אִיךְ ווִילל זָעהֶן אִין דִיר אוּנ אִין צַייטֶעלֶען, מַיינֶע בֵּייגֶער זָאל זִיא מִיר אִיבֶּערְלֶעבֶּען — אַלְוַאי, רַבִּי יוֹנָה שְׁלֹמֹה, אָהְן יוּדִישֶׁען שָׁאדֶען, אוֹיף מִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען ! — אוּנ אַז טְרַיינֶע דִיא בַּארֶעבֶּאלִיכֶּע שְׁטָאפֶּט אוּנ קְרָאפְּט פַּאק אִיהר אֵיידֶעם ... פְּרִיטָאה, אַנָא: וֶועהמֶען אִיז מֶען מֶעהר מְקַנֵא — דִיר, צִי אִיהם ... ? הַא ? וָואס זָאגְסְטִי, אִיצִיקֶעל... ? וָוארֶען זִיא, לָאז זִיא מִיר מוֹחֵל זַיין — אִיז פָּארְט פִּין אַ גְרָאבֶּען שֵׁייֶרֶעשׁ (?) חָאטְשֶׁע מִיט אִיהר נְגִידֶ'עשַׁאפְּט אִינְאֵייגֶעם ! דֶער טָאטֶע אִיהרֶער — גָאטְט זָאל מִיךְ נִיט שְׁטְרָאפֶּען פַאר דִיא רֵיד — (אַ קְלָאפּ מִיט דִיא פִינְגֶער אוֹיפ'ן פִּיסְק.) אִיז פָּארְט כָּל־יָמָיו (?) גֶעוֶועהן מְחִילָה אַ קִישְׁקֶע־טְרַייבֶּער אִין יָאטְקֶע .... לָאז עֶר זִיךְ שׁוֹין דָארְט מִיהֶען פַאר דִיא אַלְטֶע כַּאלִיוֶועס .... אוּנ מַיין טָאטֶע — זָאל מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים (?) זַיין, אִיז נָאךְ בָּחוּר־וַויים שׁוֹין גֶעוֶועהן אַ שְׁמַייסֶער בַּיים רֶבִּי'ן עֶרִיבּ (?) גֶעצִיקֶעל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (אַ קְלָאפּ אִיבֶּערֶען פִּיסְק) אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְטה זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען צוּזֶ'ערְמָאנֶען ! ... אוּנ פִּין מַיין חֲתוּנָה אָן בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג, אִיז עֶר דָאךְ דֶער שֶׁענְסְטֶער מְקַבֵּל אִין שְׁטָאדְט, ס'זָאל אִיהם נָאר נִיט פֶערְשְׁטֶערְט וֶוערֶען ... נָא, אוּנ מַיין שְׁמַרְיָה ? אִיךְ מַיין טָאקֶע דֶעם שְׁוֶועהר דַיינֶעם — אוֹיסְגֶענִיקֶערְט זָאל זַיין נָאמֶען וֶוארֶען ! — עֶר זָאל נָאר וֶועלֶען, וָואלְט דָאךְ אִיהם דִיא וֶועלְט נָאכְגֶעלָאפֶען ! .... וָואס אִיז, מֶע וֵוייסְט נִיט, אַז עֶר אִיז פִּין דִיא לַאנְדְוָואלְנִיקֶעס ? (לַמְדָנִ'ים וְאַנִ'יקֶעס) נָאר וָואס, אוּמְשְׁטַיינְסְגֶעזָאגְט... ? אַזַא נַאבְּלִיעֶ, וָואס טֵייג נִיט, נִיט דָא בָּאהָא, נִיט דָא לְיוּדִיי ! ... אוּנ טַאקֶע אִין דֶער אֱמֶת'ן : וָואס אוּמְשְׁטַיינְסְגֶעזָאגְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ... ? (אַ קְלָאפּ אִיבֶּערֶען פִּיסְק) . אַ וָוארֶעטְשֶׁעק... דָא גִיסְט מֶען אָן אוּנ דָא רִינְט אַרוֹיס ... וָוארֶען אַפִילוּ אַ וַוארֶענִיטְשֶׁקֶע אִין אָקְרוּפּ אִיז דָאךְ עֶךְ שְׁטַארְקֶער פוּן אִיהם ! ... עֶט ! נַא דִיר אַ נְרָאשֶׁען פַאר אַלֶע נְגִיד'עשַׁאפְטֶענִישֶׁען ! ... אַז פַאר וָואהר זָאל אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי נָאךְ הָארֶען סוֹפֵר שֶׁל־לְשׁוּחַ (?), וִויא אִיךְ הָאבּ נָאךְ פִּינ'ם רֶבִּי'ן עֶרִיבּ גֶעצֶעלֶע אַלֵיין גֶעהָארְט, אַז אַ יוּדֶענֶע אִיז גֶעגְלֶעכֶען צוּ'ן אַ לָאקְשֶׁענְטָאפּ : הַיינְט רִיקְקְט מֶען אִיהם אִין טְשׁוּלֶענְט אוּנ מָארְגֶען אִיז שׁוֹין נָאכ'ן קִיגֶעל ! ... הַיינְט וָואס בִּיסְטִי מִיךְ דָא חוֹשֵׁד ... ? הָאר אוֹיס, אִיצִיקֶעל : אַ־נְ־אִשָּׁה אִיז אַ קְלָאפּ אָבֶּער אַ ... נִיט אוּמְזוּסְט הָאט זִיא אִין זִיךְ נַיין מָאָס רֵעד ... נָאר פוּן אִיהר קִימֶען דָאךְ אָבֶּער פָּארְט אַלֶע צַדִּיקִים אַרוֹיס ! ... אִיז זִיא דָאךְ, אַ פָּנִים, עֶפֶּעס פָּארְט אַ שְׁטִיקֶעל חָשׁוּב בַּיי דֶעם, (אַ קְלָאפּ אִיבֶּערֶען פִּיסְק) אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְטה צוּזֶ'ערְמָאהנֶען־וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג ... דֶער גַאנְצֶער דֶר־עִיקָר אִיז נָאר, פִּין וָואנֶעט זִיא קִימְט

אַרויס ?... וואס טייג דאס גוטע ביער אינ'ם שלעכטען פאסס ...?
אייביג לעבט מען דען מיט דער קושקע... ? זעה, וואס דער היילינער
בוהיי (בחיי) שרייבט אינ'ם צאנה-ראינה, אז נאר דורך גוטע קינדער
קימט מען גלייך אין לעבטיגען גן-עדן אריין... אט פאלג דיין
נארישע שוויגער, איציקעל, און נאך היינטיגס מאל טיה מיר צוליעב,
און נעהם איין אט דאס סערעפעל !... וויפיעל איז דא דא, אומ-
שטיינסגעזאגט ?: איין ברידער דעם אנדערען, א לעקך ! קיין צער,
ניט מעהר !... וואס מיינסטו איז דען דא חלילה אזוינס ? אסור, ניט
קיין סם, וויא מיר יודען זאגען ... ווייס איך דארט ... ס'האט מיר
היינט דיא אלטע זיססעל, דיא גאטס'עבע, דערצעהלט, ביים גאארען-
מאסטען, אז איהר האט, פאר עטליכע יאהר, דוואסי, דיא בערעבע
אליין דערצעהלט, אז נאך אין קליין-קעטארעד האט זיך אזא מעשה
פערלאפען . . (?) האט דעמעלט דער זילשטוווער זכרינו-לברכה
געהייסען צונויפקאלעצקען אביססעל הינדעקאמען מיט א האלב לויט
קאטשקע-פוטער און פערשיטטען מיט א קאצ קעבעבע און עס לאזען
פערזידען אין א קליין טעפעלע, אבער טאקע גאר אין א פיטצעלע
טעפעלע... אט האסטו דיר דעם גאנצען סוד... און דיא מיינסט
חלילה, ווער ווייסט וואס ?... אין מיין פאזעכע זאל עס אריין, וואס
דיר קענן דא שאטען, רבי יונה שלמה ! דיא אלטע דוואסי עלע-
שאלע (?) — א גוטער מליץ זאל זיא דארט זיין, — איז א גרויסע
מומחה'טע געוועהן ! און וואס אידאם חדוש ?— אזא צדקת, א יודענע !
וואס האט זיך אויסגעוואלגערט ביי אללע אלטע צדיקים (א קלאפ
איבערען פיסק) — איך בין זיי ניט ווערטה צודערמאהנען — און האט
זיך אנגעהארט מיט אלפי אלפים סגולות און שפראכען, וואס דיא
האאר זענען ניט איהרע !... אז פאר וואהר זאלען מיר טאקע אזוי
אין גיבען אויסגעלעזט ווערען, וויא איהר אבשפרעכען פון א גאנהרע (?)
פון א בושעבע, פון א אבטיהעכטם און פון אלדע באזע רוחות, איז
געוועהן, וויא מע נעהמט כמעט צו מיט דיא האנד !... היינט, וואס
ביסטו מיך דא, איציקעל חושד...? טיה זשע מיר צוליעב, נאך
דאס מאל, און נעהם איין חאטש איין לעפעל !..." און מיט דיא
רעד, חאפט זיא שוין א פיהר פון אונטערען פארטעך דאס מין
טעפעלע.. און האלט מיר, מיט איין האנד, צו דיא נאז און, מיט דער
אנדערער קעהרט זיא מיר איבער דאס טעפעלע אין מויל אריין, נאך
נאך איידער איך אומפיע מיך ארומצוקוקען ... פינקט אשטייגער, וויא
דיא נייע אפיקורסים'לעך, דערטאפענדיג אין זייער חברה אריין א פוילעש
יונגערמאנטשיקעל, ריקען זיי איהם אין מויל אריין א שטיקעל קאלבאס,
כדי איהם מחנך זיין צום עסק ...

פע ! אונזערע חסידים גיבען זיך ניט אב מיט אזעלכע פיסטע מצות ! : פרעגט אין גאנץ פוילען, צי שטראכט זיך א חסיד אין דער מצוה, ארייננצוריקקען א דייטש א שטיקקעל קיגעל אין מויל, צי קאלטע דריללעס אין דיא אויזען-קעשעניעס אריין ?... חס ושלום... פוילישע חסידים געהען, אמת, נאך מצות — אבער וואסערע מצות...? מצות, וואס זענען גאטהיג וויא אין לעבען אריין !... אשטייגער: א מצוה פארן רבי'נס איין אומכבוד'ל יענעם אויסדינגען דיא ארענדע פאר דער רבי'צענס א חן'דעלע יענעם מסור'ן אויפ'ן לעבען און פאר'ן רבי'נס קינדערליכם א קאטאוועסעל יענעם אנשיקען א רויטען האן אויפ' דאך... נא, און פין דיא מצות אשטייגער: פאר טראגען אייגענ' האאר, מאכען א ממזר-בלבול, צי פאר לערנען תנ״ך — אריינשטיפע אין געוואנט בעז שטשאט... צי פאר שערען דיא בארד-פאטשען אי' באלף מחילות נאכ'ן טויט וכדומה... היינט וויפיעל מצות טיהען פוילעשע יודען נאר מיט'ן אויסרעד „לשם-מצוה“ ?... אי שווערע פאלש, אי מעסטען און וואגען פאלש, אי ראבעווען און גזל'ען, און.. און וואס איהר ווילט !... און אלץ „לשם מצוה“... כ'לעבען, דער יוד מוז דאך נעביך פארט האבען אויף טויזענטער מצות, אהן וועלכע מ'איז גאר קיין יוד ניט... מוז נעביך גיבען א פדיון דעם רבי'ן א מתנה'לע דער רבי'צען; א תיקון דער חברה; א לילקע-ציבעכעל אויף הכנות; אויף ווארעמען דיא מקוה; אויף שמירה; אויף א שאאפען קאפעל; אויף א ווייסען כפרה-האן; אויף א סאדעגערער שאלל; אויף שמירות, סגולות און קמיעות און נאך, און נאך, און נאך... נא פין וואנעט נעהמט מען עס ?.. גיט איז, אז מ'איז א געשעדיגט שמיידיג חסיד'ל, וואס נארר' ארויב טאקע פינ'ם רבי'נס טיש א זילבער' נעם לייבטער, צי טאקע פין דער רבי'צענס האלז אראפ א שנירע' פערעל... נישט תמיד געראטה אבער... נא, מוז מען דאך „לשם מצוה“ זוכען עפעס איין אנדער-מצוה קערבעל... און דער אייבערשטער בעשערט ! אי וואס מענשען ווערען אומגליקליך דורך זיין „לשם מצוה“ ? נא, איז וואס ? דא געהט דאך עפעס אין יודעשקייט... וואסזשע זנאט' שען דא עטליכע יהידים ?... היינט פאר וואס בערעכענט איהר ניט, אז דורך איין אומגליקליכען קוממט ארויס א טובה צעהנער און הונ' דערטער אנדערע, און א סך בילכערע פין איהם ?... אשטייגער אז א חסיד דינגט אוים בייא א מתנגד, צי אזוי ביי א-נ-עם הארץ, דיא ארענדע, צי ער מאכט נאך דעם פריז א פאלשען קוויטט, וכדומה... האט דער רבי מיט זיין סוויטע וויא איינצושטעהען, און טויזענדער עולי-רגל'ס צום רבי'ן האבען זיך וויא צודערקוויקען מיט א אומזוסטי' ביסעל בראנפען... פינ'ם קוויט בעקוממט דער רבי מעשר, דיא

רבי׳צן — א חאבאר, די קינדערליך מתנות און די גבאים לא-יחרץ-געלט . . . נא, און דורך דער יפה פיה איז דאך קיין רעדע ניט: דורך איהרען א גיט ווארט, ווי מען דארף . . . ווער שמיסט א חן׳דעלע . . . ווער שמיסט מאקע א-נ-עבירה׳לע . . . קענן דאך מאקע א מאל דער רבי מיט הונדערטער חסידים פשוט נצל ווערען פון אסטראג און אפשר פון סאמביר אויך! . . . אט, אזעלכע מצות זענען כדאי: יענעם מאכט מען דערמיט חלילה ניט קאליע אין יודעשקייט אריין . . . און א סך יודען ווערען נאך נתגדל ונתקדש דורך דעם . . . אבער ניט אזא מצוה, ווי קאלבאס ריקען אין מויל אריין! דאס פערזינדיגט דאך א יודישע נשמה אויף אייביג, און מאכט איהם אויס יוד! . . .

נאר ניט דאס בין איך דאך אויסען! — הארט, וואס א מכשפה קענן: מאהלט אייך, אז זי האט שוין אויסגעפיהרט איהרם . . . און די טאכטער האט שוין אנגעהייבען עפעס מאכען קרימע הויות . . . זאלט איהר עס זעהען, וואס איך האב אויסגעשטאנען פון איהר דער פאר!? געזידעלט מיך כאחד הריקים, געשאלטען מיט דער תוכחה, מייג-ווייס מיר קיין עססען ניט געגיבען, און סוף כל סוף האט זי מיך פשוט ארויסגעיאגט פון דער שטיב, איך זאל מיר געהען צו׳ן אלדע שווארצע יאהר . . . נא, פרעג איך אייך, רבותים האב איך פערדיענט אזא פאדריאקע? . . . נישמעהר ס׳איז דאך פארפאללען: זי שטעהט ווי א פאסטוי ביי דער טיהר און לאזט מיך ניט אריין! . . . נא, וואס טיהט אזא יונגערמאנטשיק אין פוילען, אז מע טרייבט איהם ארויס פון שווער און שוויגער . . .? מן-הסתם איז קיין אנדער עצה ניטא ווי נאר: צום רבי׳ן אין דער חברה-בארשט . . . אודאי, אודאי האב איך געחאפט מיין טליכיעקעל אויף די פלייצעס און וואליי צופיסס קיין סירקעוו, גלייך צום רבי׳ן אויפ׳ן הויף! און וואס איך האב דארט דעם ערשטען טאג איבערגעהארט און איבערגעזעהן און אין זיננען אריין גענעהמען — וועל איך אייך דא אין קורצען בעשרייבען לזכרון אויף דור דורות! :

## 3.

נאר אומר, נאר דברים, נאר נשמע קולם . . .
און מע פלאקערט, און מע ברענט און מע היצט דעם עולם! . . .

---

אום פרייטאג זייגער 12 ביי טאג בין איך אנגעקוממען צום רבי׳ן אויפ׳ן

אויפ'ן הויף, און איך שווער אייך ביא מיין יודעשקייט, אז דיא מינוט האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך בין אין בערדיטשעוו אויף פרעטשיסטער יאריד! דער הויף איז פולל מיט יודען, יודענעס, יונגעלייטליך און קינדער; א געשריי געפילדער, א שטיפעריי, נאר וויא דיא פער'סם'טע מייז! מע וואו, פט מיט האנד, מע שטעקקט גראבע פינגער, מע טרעסעלט מיט פאות, מע קנאקט מיט פאנטעפעל, מע רעבערט, מע היססט, מע בראקעט, מע שפייט, מע קייט, מע שטיפט עללענבויגענס, מע זידעלט, מע שעלט, מע פאטשט; דיא היטלען פערריקט אויף דיא פאטילעצעס, דיא פאלעס צולאזט אויף אונטען, דיא עק גארטלען אויף דער ערד, א חוואלי א הער, א חוואלי א היען; עס רוישט, עס טימטעלט וויא אין 100 פארעוואיע מיהלען און ס'איז כמעט ניטא וויא א שפיללקע צו ד-ר-ערד ווארפען!... איך בין געבליעבען שטעהן וויא א פריטשמעליטער און האב ניט געוויססט וואס טיהט זיך עס מיט מיר, און וויא בין איך עס אין דער וועלט...? און נאך א מינוט וואלט איך געוועהן אנידערגעפאללען פון שווינדעל און קאפדרייעניש... נאר פליצעם דערהאר איך עפעס א מין הארצרייסענדיג קול מיט א ביטטער געוויין און יאמער עד לב השמים! און קיק מיך אום — דערזעה איך עפעס א דערשלאגענער פערפינסטערטער יוד פיהרט אונטער דיא האנד א מין צעשויבערטע יודענע מיט א ווילד פנים, מיט ארימלויפענדיגע ווילדע אויסגעסטארטשעטע אויגען און פערקרימטע לופען; דער גאנצער קערפער איהרער ציטערט און פלאטערט וויא אין א שרעקליכער קאנוואלסיא; זיא שטיפט דעם יודען פאראויס אין איין אומפעט און שרייט מיט א מין רעווענדיג קול: „צום רבי'ן, צום רבי'ן, גיכער צום רבי'ן!" — נבהל ומשתומם'דיג פון דער שרעקליכער קארטינא, האב איך מיך געווענדעט צו'ן א חסיד, וואס איז לייבען מיר געשטאנען, און מיט א ציטטערענדיגער שטיממע האב איך איהם געפרעגט, וואס דאס בעטייט?... דער חסיד האט זיך צעלאכט מיט א פערווינדערט געלעכטער, און וויא מיט א דערעך-געגעהמענעם קיק אויף מיר, האט ער אויסגעשריגען: „א... א געוועקעל!?... וואס פערשטעהסטי ניט, דיא שקץ איינער, וואס דאס זאל זיין?... האסט דען קיין מאל פון קיין רבי'ן ניט געהערט?... ביסט געוואקסען אין א וואלד!?... האסט דאך מן הסתם, פאר'ן פאהרען א הער, עפעס געהערט פון אונזער רבי'ן, וואס פאר א קדוש עליון, א צדיק יסוד עולם דאס איז, אז מיט זיינע מופתים, נסים ונפלאות איז ער מרעיש אללע עולמות עליונים ותחתונים, וואס קיין צדיק אין דער וועלט איז נאך ניט געקיממען אין אזא הויכער מדרגה פון התגלות-השכינה, וויא ער!... היינט וואס פרעגסטי, יונגעל, וואס דאס בעטייט...?" — איך

בין געבליבען שטעהען וויא אַ נעבעכעל, עפּעס וויא אַ חיב אין דער
נאַנצער מעשה . . . און קוקענדיג אויף איהם מיט אַ בטלות'דיגער
מונגע און מיט אַ רחמנות-פּנים, האָב איך גאָר ניט געוויססט וואָס
איהם צו אַנטוואָרטען . . . מיין שפלות און הכנעה האָט איהם, אַ פּנים,
געריהרט און ער האָט מיר באַלד אַ זאָג געטיהן מיט אַ ווייבער
שטימע: „נאָ, איך זעה, ביסט איין עהרליך קינד, נאָר ביסט נאָך
גאָר אַ תם. . האָר זשע, וועל איך דיר מפורש זיין דעם גאַנצען ענין
דערפין בקיצור, וואָרען איך דאַרף זיך נאָך לויפען מכין זיין צום
דאַווענען!“ איך בין שיר פין דיא כלים אַרויס פאַר שמחה און פאַר
דאַנקבאַרקייט, און ער האָט מיר אָנגעהייבען דערצעהלען בזה הלשון:
„נאָך צוריקק מיט אַ יאָהר פיער, איז אָ דידאָזיגע יודענע עפּעס ניט
געזונד געוואָרען; נאָ, מיילא, מאַלע אַ מענש ווערט עפּעס ניט
געזונד! מע האָט איהר געטיהן עפּעס עטליכע באַבסקי רפואות און
ס'איז כמו וויא איבערגעגאַנגען; נאָר אין אַ חודש אַרום האָט זיא
בעקימען עפּעס וויא אַ מין ספּאַזמע, אַז דהיינו: פּליצעם פלעג זיא
עפּעס אָנהייבען וואַרפען מיט דיא האַנד, מיט דיא פיסס, און פלעג
דערביי עפּעס וויא לאַכען און וויינען אינאיינעם, ביז זיא פלעג אַנשלאָ-
פען ווערען, און אין אַ פערטיל שעה אַרום פלעג זיא זיך אויפ-
כאַפּען פריש און געזונד, גלייך ס'איז גאָר ניט געוועהן, נאָר דיא
מינים ספּאַזמעס האָבען זיך, וואָס ווייטער, אַלץ אָפטער געמאַכט,
זיא האָט אָנגעהייבען דאַרען און מרה-שחורה'ן, ביז צום יאָהר האָט
מען אָנגעהייבען בעמערקען אין איהר עפּעס תנועות פין משוגע . . .
(אַזוי האָבען דיא בערלינער אין שטאַדטעל געזאָגט — ימח שמם וזכרם!)
אָבער אין אמת אַריין איז דאָס כלל וכלל קיין משוגעת ניט געוועהן,
און איהרע עלטערען, דער מאַנן מיט דיא קרובים און אַללע חסידים
אין שטאַדטעל האָבען גוט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַוודאי אַ . . .
ד . . . “ „אַ דבוק! —“ האָב איך אונטערגעכאַפּט זיינע רעד מלא שמחה
און השתוממות — „אָ! ביסט אַ מאַלאַדעץ! — האָט דער חסיד געזאָגט
מיט אַ פערביססען שמייכעלע — מן הסתם אַ דבוק, וויא דען! ? . . .
אַ קיצור, דאָס גאַנצע בני-בית האָבען זיך איין עצה געהאַלטען, און
ס'איז בהסכם כלם געבליבען, אַז דער מאַנן זאָל זיא אַוועקפיהרען
אַ הער צו'ן אונזער רבי'ן, ער זאָל איהר אַרויסטרייבען דעם דבוק! . . .
אומר ועושה: דער מאַנן האָט זיא אַ הער געבראַכט און איז מיט
איהר געקימען צום צדיק פּינקט ווען ער האָט געהאַלטען אין פראַווען . . .
וויא דער רבי האָט נאָר אַ קיק געטיהן אויף איהר מיט זיינע לעכטיגע
אויגען, האָט ער באַלד געזעהען מן השמים, אַז דאָס איז אַ מסוכן
שטיקעל אַרבייט . . . דיא פערשטעהסט, וואָס מע מיינט? . . . אַ

בִּבְדֵי דֶעם בִּידְנֶע מָאנְן נִיט אִיבֶּערְצוּשְׁרֶעקְן אוֹיף טוֹיט.... הָאט עֶר אִיהם אַזוֹי, כְּלוֹמַר'שְׁט בְּנִיחוּתָא, אַ זָאג גֶעטִיהן: פֶּערְלִיעֶר נִיט קֵיין בִּטָחוֹן אִינ'ם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, עֶר אִיז אַ כֹּל יָכוֹל! אִיךְ וֶועלל דִיר מִיטְגִיבֶּען אַ קָמֵיעַ, אוּנ דִיא פָאהר בַּאלְד מִיט אִיהר אַ הֵיים, אוּנ אַז דִיא וֶועסְט קִימֶען בְּשָׁלוֹם אַ הֵיים, זָאלְסְטִי אִיהר דִיא קָמֵיעַ בַּאלְד אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיפ'ן הַאלְז, אוּנ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוַדַאי רַחֲמָנוּת הָאבֶּען, אוּנ וֶועט אִיהר צוּשִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל... אַיי, אַיי, אַיי, זִיא דַארְף נֶעבִּיךְ הָאבֶּען רַחֲמִים!..."

דִיא פֶערְשְׁטֶעהסְט דֶעם אוֹיסְלָאז...? מֵיילָא, דֶער מָאנְן הָאט גֶענֶעהמֶען דִיא קָמֵיעַ אוּנ אִיז מִיט'ן וַוייבּ אַהֵיים גֶעפָאהְרֶען בְּשָׁלוֹם, אוּנ קִימֶענְדִיג, הָאט עֶר אִיהר בַּאלְד אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען דִיא קָמֵיעַ, ווִיא דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסֶען. — הַאר אַ מִין פֶּלֶא וְהַפְּלֵא: ווִיא עֶר הָאט אִיהר נָאר אָנְגֶעטִיהן דִיא קָמֵיעַ — הָאט זִיא בַּאלְד עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִינִים קוֹלוֹת, עֶפֶּעס ווִיא נָאר אַ מִין גֶעלֶעגְק מִיט טְרֶעלֶען פִין אַחַזָן, אַזוֹי אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר דִיא קוֹלוֹת פִין אִיהר גֶעהֶערְט — הָאט בַּאלְד גֶעשְׁוָוארֶען, אַז אִין אִיהר אִיז אַ דִבּוּק פִין אַ חַזָן, וָואס הָאט עֶפֶּעס חוֹטֵא גֶעוֶועהן בַּיים לֶעבֶּען, צִי פּוֹגֵם גֶעוֶועהן אִין דֶער תְּפִלָּה אוּנ נָאכ'ן טוֹיט הָאט מֶען דִיא נְשָׁמָה זַיינֶע, אַ פָּנִים, אַרוֹיסְגֶעשְׁטִיפְּט מִחוּץ לַמְּחִיצָה... אוּנ זִיא הָאט זִיךְ נֶעבִּיךְ גֶעזִיכְט עֶרְגֶעץ אַ פְּרוּטִילִישְׁטְשֶׁע... בִּיז זִיא אִיז אַרַיין אִין אָ דֶער יוּדֶענֶע אַרַיין!... דִיא קוֹלוֹת הָאבֶּען זִיךְ אַלֶּץ אָפְטֶער גֶעלָאזְט הֶערֶען אוּנ בַּיי יֶעדֶען מָאל הָאבֶּען זִיךְ גֶעהֶערְט דִיא וָוארְטֶער: פִּיהְרְט מִיךְ גִיכֶער צוּ דֶעם מֶענְשֶׁען, וָואס הָאט גֶעגִיבֶּען דִיא דָאזִיגֶע קָמֵיעַ!"... קֶערְץ דֶער דִבּוּק הָאט נֶעבִּיךְ דִיא יוּדֶענֶע גֶעמִיטְשֶׁעט אוֹיפ'ן טוֹיט בִּיז מֶע הָאט אִיהם גֶעמִיזְט צוּלִיעבּ טִיהן אוּנ פָאהְרֶען נָאךְ אַמָאל צוּ אוּנְזֶער רֶבִּי'ן.

קִימֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן, הָאט זִיא דֶער רֶבִּי בַּאלְד דֶערְקָאנְט, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם דִבּוּק מִיט דִיא וֶוערְטֶער: „אִיךְ בִּין אוֹיף דִיר גוֹזֵר, זָאלְסְט מִיר בַּאלְד זָאגֶען; וֶוער בִּיסְטִי, אוּנ ווִיא קִימְסְטִי אִין דֶער דָאזִיגֶער אִשָּׁה אַרַיין?..." — „אוֹי רֶבִּי, אִיךְ שֶׁעהם זִיךְ מַיין נָאמֶען צוּדֶערְמָאהנֶען בִּפְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה..." הָאט דֶער דִבּוּק אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ בִּיטְטֶער-רַחֲמָנוּת'דִיג קוֹל — דֶער רֶבִּי הָאט בַּאלְד גֶעהֵייסֶען, אַז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זָאל אַרוֹיסְגֵעהֶען פִינ'ם חֵדֶר, אַ חוּץ זַיינֶע 2 לַייבּ-גַבָּאִים... אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִיעדֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם דִבּוּק: „זָאג דִיא מִינוּט, וֶוער אוּנ וָואס דִיא בִּיסְט! ?..." — „עֶס זֶענֶען דָאךְ אָבֶּער נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען 2 פְּרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען אִין שְׁטִיבּ" הָאט דֶער דִבּוּק וַוייטֶער גֶעזָאגְט מִיט אַ קוֹל-תַּחֲנוּנִים. אָ דָא הָאט זִיךְ עֶס דֶער רֶבִּי שְׁטַארְק צוּבֵּאוֶערְט אוּנ מִיט אַ קוֹל-מוֹשֵׁל הָאט עֶר אַגֶעשְׁרֵיי גֶעטִיהן:

„שטיא ! דיא ביסט דאך אין איין אשה וויא זשע טאר מען עס יחוד מיט איין אשה, אהן א שומר ?...“ באלד האט דער דבוק א שמאצקע געטיהן מיט דיא לופען איבער דער גאנצער שטיב... (דיא בארלינער, ימח שמם, זאגען אפילו, אז דאס האט עס דיא יודענע א שמצקע געטיהן, ווארען א נשמה—זאגען זייא — האט ניט קיין לופען... נישמעהר ווער הארט זיי, א דיא הפקר יונגען ! ?...) אונ האט זיך צו-וויינט אויף א קול: „וועה אונ ווינד איז מיר, וואס אזא קדוש עליון איז גוזר, איך זאל מיין נאמען מגלה זיין בין-הבריות ! איך בין געוועהן כל ימי חזן אין טארעבארעוועקער גרויסער שיהל אונ האב מיט מיין מתיקות אונ מיט מיין תפלה תמיד מעורר געוועהן דעם עולם צו תשובה, אז פין מיין דאווענען פלעג מען צוגאססען ווערען פין געוויין, ווארען איך האב טאקע זעהר פרומם אונ ערענסט מתפלל געוועהן פאר'ן בורא שמים וארץ מיט אמת יראת-שמים אונ מסירת נפש ! אונ הלואי וואלטען מיר נאר באגעשטאנען דיא אללע מלאכים, וואס איך האב בעשאפען מיט מיינע תפלות, וואלט איך מיך שוין פערשפארט מיטשען א דא, ביי דער יודענע אין בויך... נישמעהר דער איבערשטער האט מיך אבער, א פנים, געוואלט ברענגען לידי נסיון... אונ האט אויף מיר אנגעשיקט אזא שטן, וואס איך האב איהם באין אופן ניט געקענט ובר זיין, אונ בין רחמנא לצלן, געחאפט געווארען אין זיין געטין ! . . אונ נאך וויא ? — וועה איז צו מיין נשמה ! נאך אין פוילישׁ פין דער שיהל !... דאס איז געוועהן דעם שיהל-גבאי'ס א קעכיניע, א מכוער'ע יודענע, קיין תקומה זאל זיא נאר ניט האבען, א דיא חצופה איינע, וואס האט מיך פערזינדיגט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט, אונ איך מוז מיך איבער איהר ארומוויען אין דעם עולם השפל, גאטט ווייסט וויא לאנג !...?“ — „אבער דעם חטא האסטו געטיהן באונס, צי ברצון ?“ האט איהם דער רבי געפרעגט. „אוי, רבי ! האט דער דבוק געשריגען — השי"ת אליין איז יודע דעם אמת, אז איך בין דא איין אונס געוועהן ! מיך האט מיין הדרת-פנים געקוילעט ···· אריינגעהענדיג שטענדיג צום שיהל גבאי, האט אויף מיר דיא חצופה געווארפען איין אויג, אונ א מאל אין א פארנאכט אקעגען א האלבע שעה פאר מנחה, ווען קיינער איז נאך אין שיהל ניט געוועהן, יאוועט זיך פליצעם א דיא שפלה אויסגעפוצקעט אין פוילישׁ אריין אונ ריהפט מיך בוצים צום גבאי... אונ וויא איך האב שוין נאר וואס געוואלט געהען — חאפט זיא מיך אן ביים ארבעל אונ איז מיך פשוט תובע בקול רם, אונ זאגט מיר נאך דערביי; „טאמער מיינט איהר אפשר, איהר וועט מיט מיר מאכען דיא שפיעל, וואס יוסף הצדיק מיט דער פוטיפר'שע ··· לויף איך שוין ארויס אונ שרייען קאראוואל, אז איהר

הָאט מִיךְ אַ הֶער פֶֿערנַארְט און מִיךְ גֶעוואָלְט מַאֲנִים זַיין! מִיט מִיר זָאלְט אִיהר זִיךְ נִיט שְׁפִּיעלֶען .... אִיךְ הָאבּ אַ קִיק גֶעטְהוּן, דִיא שְׁפִּיעל אִיז פַאר׳ן טַייוָועל אוּנ אָט, אָט קוּמְט זִיךְ צוּנוֹיף דֶער עוֹלָם דַאווֶענֶען .... אוּנ דָא הָאט דֶער יֵצֶר-הָרָע אַ שְׁפִּיעל גֶעטְהוּן זַיינְס... וֶועה אוּנ אָךְ אִיז מִיר, אוֹיף מַיין זִינְדִיגֶער נְשָׁמָה, וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעקָאנְט עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן זַיין — אוּנ בִּין גֶעחַאפְּט גֶעוָוארֶען!... — הָאסְטוּ חַאטְשֶׁע כָּל יָמֶיךָ תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן בְּלֵב שָׁלֵם אוֹיף דֶעם בִּיטֶערֶען חֵטְא?“ פְרֶעגְט אִיהם דֶער רֶבִּי. — וֶועה אִיז מִיר אוֹיף מַיין בְּרָאךְ! — הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען דֶער דִבּוּק — פוּן יֶענֶער מִינוּט אָן, הָאט זִיא מִיךְ שׁוֹין אַזוֹי אַרֵיינְגֶעחַאפְּט אִין דִיא לַאפֶּקֶעס אַרֵיין, אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ נִיט אִין זִינֶען גֶעהַאט מַיין לֶעבֶּען אוֹיךְ, אוּנ טַאקֶע דָאס יָאהר בִּין אִיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען!.. קוּמֶענְדִיג אוֹיף דֶער אֱמֶת׳ר וֶועלְט, הָאט מֶען מִיךְ בַּאלְד גֶעבְּרַאכְט פַאר׳ן בֵּית-דִין-שֶׁל-מַעְלָה אוּנ מ׳הָאט מִיר אַרוֹיס-גֶעגִיבֶּען אַ פְּסַק, אַז מֶע זָאל מִיךְ אַ קֵיילֶעכְדִיג יָאהר וַוארְפֶען אוֹיף כַּף הַקֶּלַע פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט אִין דֶער אַנְדֶערֶער, אוּנ דֶער נָאךְ זָאל אִיךְ הֶערוּמְגֶעהֶען אוֹיפ׳ן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, נִיט ווִיסֶענְדִיג אַז אִיךְ בִּין אַ מֵת... אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מִיךְ אִין צָרוֹת אוּנ אִין לֵיידֶען אַרוּמְגֶעוָויעט 3 יָאהר כְּסֵדֶר אוּנ צוּ לֶעצְט 3 יָאהר הָאט מֶען מִיר מִן הַשָּׁמַיִם מוֹדִיעַ גֶעוָוע׳ן, אַז אִיךְ בִּין אַ מֵת אוּנ אַז אִיךְ שְׁוֶועבּ אַרוּם אִין עוֹלָם-הַתּוֹהוּ... אָ דָא הָאבּ אִיךְ מִיךְ זֶעהר דֶערְשְׁרָאקֶען פַאר דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער וֶועלְט.. אוּנ הָאבּ מִיךְ בֶּעהַאלְטֶען עֶרְגֶעץ אוֹיף אַ הֵיילִיג אָרְט צְווִישֶׁען יוּנְגֶע קְבָרִים׳לִיךְ... אוּנ הָאבּ מִיר אַלֵיין גֶעזוּכְט אַ פְּרִיטוּלִישְׁטְשֶׁע... וַיְהִי הַיּוֹם אִיז דִיא דָאזִיגֶע יוּדֶענֶע גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, צוּ אִיהרֶען אַ קִינְד אוֹיף קֶבֶר אָבוֹת — אוּנ כְּפִי זִיא אִיז דֶעמֶעלְט גֶעוֶועהן אִין אִיהר אוּמְרֵיינֶער צַייט... הָאבּ אִיךְ בֶּעקוּמֶען דֶעם רְשׁוּת פוּן אוֹיבֶען, אִיךְ זָאל אַרֵיין אִין אִיהר אוּנ דָארְטֶען גֶעפִינֶען מַיין מָקוֹם מְנוּחָה פוּן דֶעם פִינְסְטֶערֶען עוֹלָם הַתּוֹהוּ אוּנ פוּן דִיא אַלֶע מַלְאֲכֵי-חַבָּלָה, וָואס רוֹדֵף׳ן מִיךְ אוֹיף יֶעדֶען שְׁפַּאן...“

בַּאלְד הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי עֶרְנְוַואכְט וִויא פוּן אַ אִיבֶּערְפַלֶעט, אוּנ הָאט אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן: „בְּשֵׁם כָּל אֲבוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים וְהַטְּהוֹרִים בֶּע-שְׁוֶוער אִיךְ דִיךְ, זָאלְסְט דִיא מִינוּט אַרוֹיס פוּן דֶער אִשָּׁה אִין דַיין רִיהֶע אַרֵיין!“.. דֶער דִבּוּק שְׁוַויינְט... „בְּשֵׁם כָּל הַצַּדִּיקִים קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, בֶּעשְׁוֶוער אִיךְ דִיךְ, זָאלְסְט בַּאלְד אַרוֹיס פוּן דֶער אִשָּׁה!“ הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען — נָאר דֶער דִבּוּק שְׁוַויינְט ווִיא דֶער טוֹיט... דִיא פֶערְשְׁטֶעהסְט אַ הָעָזָה... דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דְרִיטֶע מָאל אוֹיס-גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ קוֹל שַׁאֲגַת-אַרְיֵה: „אִיךְ בֶּעשְׁוֶוער דִיךְ, דִבּוּק, בְּשֵׁם הַקָּדוֹשׁ וְהַטָּהוֹר, ר׳ קָהְתֵּי סִירְקֶעוֶוער! (דָאס הָאט עֶר גֶעמֵיינְט זִיךְ אַלֵיין)..

כהן לאל עליון, זאלסט דיא אותו רגע ארויס פין דער אשה, אין דיין ריהע אריין!..." הערענדיג דעם דאזיגען נאמען, איז דער דבוק פערציטטערט געווארען מיט אללע אברים... אונ האט אנגעהייבען רעווען וויא א טיגער: "פאר אייך רבי איז גלוי וידוע, אז איך וואללט אליין געוואללט ארויס פין אזא אומרייניגער נייסט, נאר געוואלד! וואס זאל איך טיהן, אז דער שרעקליכער מלאך-דומה, שטעהט פאר דער טיר און וויל מיך כאפן, ער ווארט מיר דעם וועג..." — דאראף האט איהם דער רבי, מיט א קול תנחומים געזאגט: "געה ארויס פין איהר, אונ איך וועלל שוין מתפלל זיין פאר דיר, זאלסט בעקימען א תיקון עולם..." דאראף האט זיך דער דבוק צווייינט מיט א יאמער אונ קלאג: "אוי טהייערער רבי! גאנצע שייקעס מלאכי חבלה מיט רוחות רעות שטעהען אונ ווארטען דיא מינוט, ווען איך וועלל נאר ארויס פין דאנען, זיי זאלען מיך וויא חיות רעות צורייסען אויף שטיק-שטיקלעך אונ מיר אנטיהן כל ענויים קשים שבעולם!..." (דיא בארליגער, ימח שמם מאכען זיך דערפון א לצנות'ל "שטייטש-זאגען זיא-אונ פין דיא אללע שדים רוחות אונ מלאכי-חבלה בעהיט איהם א שוואכער פרויען-קערפער?... נישמעהר וואס פערשטעהען אזעלכע מגושם'ע עמי-ארצים?...) דאראן איז שוין דער רבי פין דיא כלים ארויס, אונ האט א געשריי געטיהן: "ארויס עזות מחוצף פנים, איך היים!..." דעמעלט האט דער דבוק ארויסגעוויזען זיין רוח-הטומאה אונ מאכט אזוי "אז איהר זענט אזוי גוזר — וועלל איך אנדערש ניט ארויס פין איהר, ביז איך וועלל זיא מזיק זיין אין איינעם פין איהרע אברים אונ דעמעלט איז זיא מסוכן!..." אדא האט דער רבי א געשריי געטיהן צו דיא גבאים: "פיהרט ארויס א דעם חוטא, דעם חצוף פין מיין שטיב! ער איז געשטארבען אהן תשובה — לאזט מען איהם מן השמים קיין תשובה ניט טיהן: זיין תיקון איז זעהר א שווערער ענין!" — דיא פערשטעהסט א קיק פין א צדיק יסוד עולם!... "שווער"... אבער דאך מיגלעך!... אונ אזוי, שוין באלד א יאהר, זיטצט זיא מיט'ן מאנן דא אין סירקעוו, אויפ'ן רבי'נס קעסט, אונ אללע טאג טרייבט זיא דער דבוק צום רבי'ן אין קלויז אריין, וויא זיא פערגיססט בכיות אינ'ם ארון קודש פאר דעם זונדיגען חזן'ס נשמה, זיא זאל אינ'ם זכות פינ'ם הייליגען רבי'ן, באקיממען א תיקון צווישען אללע נשמות ישראל, אונ זאל מכנים ווערען תחת כנפי השכינה... נא, מן הסתם איז דאס נאך ניט קיין תשובה שלמה... נאר יבוא יום..." דאס אללעס האט מיר דער חסיד דער צעהלט מיט א מין התלהבות אונ התפעלות, אז איך האב מיך אויך, אזוי וויא ער, דערווייל פערגעססען אינ'ם עיקר: אז דעם דבוק האט דאך טאקע דער רבי פארט ניט ארויסגעטריבען... אונ בין אויך נתפעל געווארען

געווארען גלייך מיט איהם . . . אונ האב שוין דעם גאטטליכען מופת הונדערט מאל איבערדערצעהלט אנדערע, איטלעכם מאל מיט נייע צוזעטצליך אונ אויפטיהעלעך . . . אונ אללע היטצען מיר זיך אונ צו־פלאקערען זיך . . . אונ פליהען אין הימעל אריין . . . אונ קיינער גיט זיך עד היום קיין חשבון ניט אב: אין וואזשע בעשטעהט דא דער מופת? . . .

6.

## דארט מעשה מלכות מיט אללערליי תענוגות;
## א עולם־הזה אזוי זיסס, וויא מילך אונ האניק;
## דא שפלות, עניות, געמיינע אינטריגעס,
## מיט געמאכטען התלהבות אויף א שנאפס מיט א רעטשאניק...

איך האב מיך אנגעהייבען ריקקען אין דיא פוצונעס, וויא דער רבי געפינט זיך דארט: איך קומם אין דער ערשטער שטיב אריין, במעט נאר הויל 4 וואנד, אהן א פיטצעל מעבעל . . . א גרויסע שטיב געפאקקט מיט חסידים, יונג אונ אלט, ווייבער אונ קינדער . . . אללע שפארען זיך צו דער פערשלאססענער טיהר אין דרום זייט; א גע־פילדער, א גוועריי, א זידלעריי א שעלטעריי! מע היסט מע ניססט, מע שנייצט, מע שפייט, אונ ביי יעדען האלבען אפפען פין דער פער־שלאססענער טיהר, פליהען, פין דיא טיהר־גבאים צום עולם, פעטש מיט סטיסאקעס מיט טאטענס־טאטען . . . יונגע חסידים׳לעך פליהען וויא דיא האלעשקעס, ארוממע ווייבער פאללען צו דער ערד, קינדער טרייט מען מיט דיא פיסס, אפילו ארוממע לומדים אונ כלי קודש געהען זיך אויך ניט אויס אהן א זידעל, א שטיפ פין דיא גבאים . . . פאקעוואנעט עס געהען ניט איבער פריער אללע נגידים, פאטשטארען, רייכע רענ־דארעס, בעל־טקסא׳ס, פידראטשיקעס, גובערנסקי חאדאטייעס וכדומה פיינע־בריות . . . צווישען דעם געמיינעם עולם, האב איך מיך אויך יאקאם אריינגעשטיפט אין דער פערשלאססענער טיהר אונ חאטשע איך האב טאקע געלעזט גוטע עטליכע סטיסאקעס אין האלז־אונ־נאקען אריין — איז דאס אבער כדאי געוועהן, דערפאר וואס פין דעם חדר איז שוין נאר געוועהן איין טיהר צום רבי׳נס חדר . . . אין דער שטיב איז שוין יא געשטאנען עטליכע באנקליך פין אנשים מכובדים וועגען . . . אונ ביא דער מזרח־וואנד, ניט ווייט פין דער טיהר, איז געשטאנען א

אומגעלימפערטע שאפע, פילל מיט אללערליי מאכלים און משקאות. און דאס איז געוועהן דער בופעט פאר די נבאים און העכערע משרתים דעם רבי'נס . . . די לעצטע טיהר איז שוין געוועהן פערקייטעלט פון דער זייט, און 2 גבאים ביי ביידע בייששטידלעך; איינער פון זיי — א דארער א ברייטביינעריגער מיט אייזערנע מוסקעלעס — האט ניט אבגעטרייטען פון דער טיהר א רגע, און דער אנדערער א בויך מיט א געפאלדעוועטען רויטען קארק, מיט 2 גראבע גרויסע בערישע לאפעס — האט אפט אבגעטרייטען אין פערשיעדענע זייטען און על פי רוב צו דער שאפע . . . דאס איז געוועהן דעם רבי'נס טיש גבאי, מעכציע, און דער ראש איבער אללע גבאים, א חוץ דעם רבי'נס לייב-גבאי . . .

ווען איך בין אריין אין דער שטיב, האב איך מעכציע'ן געטראפען שטשיפען די פיש אין שאפע . . . וויא איך האב מיך אזוי אנגעהייבען אונטערוויילעכס צישארען צו דער לעצטער טיהר — איך ווייס ניט פון וואנעט און פון וואס . . . ? פליהעט פליצעם פון מעכציע'ן א פלעט מיר אין דער מארדע אריין, אז איך בין אויף דער שטעלל אנידערגעפאללען וויא א פריטשמעליטער צו דער ערד — און ער האט זיך ווייטער גענעהמען צו די פיש . . . איך האב מיך אביסעל ספאמניענטעט און האב מיך פאוואלי צוגעריקט צו מעכציע'ן, און האב איהם אריינגעריקט א צווייער, וועלכען איך האב אליין אויסבעהאלטען נאך פינ'ם דין'ס שמירה קלויבען — און מעהר האב איך טאקע ניט געהאט א גראשען ביי דער נשמה . . . ער האט מיר, שמייכעלדיג נאך דערלאנגט א פאאר באכענציעס און האט מיר געעפענט די טיהר צום רבי'ן אין חדר . . .

וואס זאל איך אייך, ליעבע לעזער, אויסמאהלען דעם רושם, וואס אויף מיר — ארום, זלידניעש, פוילעש חניאקעל — האט געמאכט דער פראכט און גלאנץ וואס מיינע אויגען האבען דערזעהן, אריינקוממענדיג צום רבי'ן! . . . איהר פערשטעהט אליין, וואס אינ'ם אבגעריסענעם בעטטלער געהט פאר, אז ער דערזעהט זיך פליצעם אין א זאאל מעשה מלכות . . . ! דער רבי איז געזעססען ביי א זילבער-געגילטען קאפע-סערוויז מיט אללערליי טהייערע געבאקקסען, אויף א מין ווייס-אמאלירטער שטיהל מיט פערגאלדעטע פיסס און פארענטשעס, און מיט פישנעם רויטען סאמעט יעבעט, לייבען א קיילעכדיג מאינעוע טישעל מיט פערשיעדענע טאקערייאון שניצעריי, און אליין אין סאמעט, אטלאס און זייד פון אויווען ביז אראב, חוץ די פאאר לאקירטע פאנטעפעלעך מיט זיידענע בעברייטע; גרויסע, לאנגע טוילינע זאנאוועסען מיט אויסגעשטיקטע אוזארען אויף געטאקטע פערגילדעטע שטארען איבער אללע טיהרען און פענסטער; מעבלען מיט גארניטורען אונטער זיידענע און סאמעטענע מאטעריעס בעשלאגען, מיט 2 גאלדענע וואנד-שפיגלען, פון דער סטעלי ביז אין דער

פידלאגע: אין דער מיטט סטעליע א קאנדעליאבערע אין 3 שטופען לעבט־ראהרען אויף בראנזי-געגילטע קייטען און איבער דער גאנצער פידלאגע א פישגע פערסידקע קאוויאר מיט פערשידענע פיגורען און אוזארען, און עט ארויף צום ווינקעל, איין צונויפגעלעגט אמאלירט-פערגאלדעט בעטעל מיט פעדאווע בעטגעוואנט אין זאמשענע איינשיטען מיט בלוי-זיידענע ציכען; אין די 4 ווינקלען און אויך די לאמבער-טישלעך טהייערע פערצעלייענע וואזאנעס מיט פערשידענע זילבערנע און גילדענע חפצים. — די רבי'צען איז דעמעלט גראד געשטאנען אויף דער טיהר, וואס איז ספאלניא אריין, און אין דער מינוט האט מיר געגיבען א בלישטש אין די אויגען איהר ציהערינג א סך מעהר ווי מעכציעם פאטש... און אפשר נאך מעהר פון א שטארקען בליץ אין א שטאק-פינסטערער נאכט... א האלז מיט די גרעסטע ארליאנער פעריל, אפשר 20-שניירלעך פאר א מציאה, און אין דער מיטט א בריליאנטענער בראש מיט א רובין אין דער מיטט פון א געווים וועלישען ניססעל די גריים; א גאלד-געשטיקט ברוסטיק מיט פערעל און דיאמאנטען בעלעגט; א שטערנטיכעל, א פארמואר מיט א ציטטערשפילקע-לויטער בריליאנטען און פערעל, און א פאאר אוירינג, אין יעדען א בריליאנט פון א גרויסס האזען ניססעל די גריים, חוץ פינגערליך אויף אללע פינגער פון בריליאנטען, שמוראקען און רובינען און א פאאר סאמעטענע גאלדגעשטיקטע טופלילעך מיט פערעל און דיאמאנטען געזעטצט... א כלל, עושר, כבוד, גדולה און כל תענוגים שבעולם אזוי, אז דער עולם הזה רינט אריבער דעם בעכער!... — איך האב אין גיכען אבגעחאפט פינ'ם רבי'ן דעם שלום-עליכם און האב מיך, ווי איין אבגעבריהטער, קוים ארויסגעחאפט, און ערשט אויפ'ן הויף האב איך מיך קוים ספאמגיענטעט פון דעם אללעמען, וואס מיינע אויגען האבען געזעהען....

אז איך בין שוין צו זיך געקוממען האב איך דערזעהן, לינקס אויפ'ן הויף, דעם רבי'נס קלויז און האב מיך געלאזט אין קלויז אריין, אריינקוממענדיג אין קלויז, האט זיך פארגעשטעללט דער הפך, וואס ביים רבי'ן: א סבראד אבגעריסענע אבגעשליסענע צעבראכטעטע, שמוטציגע און קויטיגע שלעפערס, מיט פערגעהלטע אויסגעצויגענע פנים'ער, מיט געגאלטע קאפ און קלאטשעוואטע צונויפגעשלאגענע באָרד-און-פאות פייערברענענדיגע שווארצע אויגען טיעף אין קאפ אריין, ווי ביי טשעכאטעטשניקעס... פערמאטערטע, אויסגעמארכעוועטע, ערנידריגטע און פעראכטעטע — נאר זייא פיהלען עס ניט, און היטצען זיך נאר דורך געקינצעלטע התלהבות פון א ביססעל תיקון; פון סדורי מעשיות איבער צדיקים בכלל און איבערען רבי'ן בפרט פון א רקוד'ל; פון א נייע מופת'ל, וכדומה... א כלל: נשמות אהן גופות און שטו'ם

אָהן אַ זינן, וועלכע שוועבען און שטרעבען און קוויטשען זיך און דרייען זיך און וואקלען זיך און טאנצען און שפּרינגען און פליהען הערום עפּעס אַ מין לעבט, וואס ווייזט זיך זייא נאר אויס... דעם לעבט דיענען זיי, איהם פערשקלאפען זיי זיך, פאר איהם זענען זיי זיך מוסר נפש און צוליעב איהם זענען זיי זיך אליין מבטל כעפרא דארעא און משפיל עד שפל-המדרגה!... אריינקוממענדיג בין איך שיר זאלישעט געווארען פון רויש און געטימעל: אַ חוואלי זקנים, יונגע לייט און יונגע-לייטליך שלאגט ארויף קיין מזרח-וואנד און אַ חוואלי, אראב, צו דער טיהר... דיא יארמעלקעס אויף דיא פּאטי-ליצעס, דיא טלתים אויף דיא קאפּ, אויף דיא אַקסלען, אויף דיא עלענבויגענס אקערשט זיי פאללען אונטען אראב און ביי אַ טהייל שלעפּען זייא זיך שוין אײנגאנצען אויף דער ערד, נאר נאך בייא איין כנפה פערהאלטען זיי זיך אין אַ האנד ... איינער לויפט מיט אַ של-ראש אין איין האנד און אַ רעטשאניקעל אין דער אנדערער; איינער פליהעט סטרום-האלאוואי און דיא רצועה של יד שלעפּט זיך איהם נאך איבער דער גאנצער קלויז; איינער זיטצט איבער אַ זוהר און קלינגט און האלט צי מיט דער האנד אַ גלעזעל-בראנפען אין סטענדער; ניט ווייט פון איהם שטעהט איינער, אין טלית איבערען קאפּ, מיט'ן פנים צו דער וואנד און שאקעלט זיך און אויפ'ן טלית, אקעגען דיא באקקען ערקענט מען, אַז ער קייט עפּעס ... איינער שאקעלט זיך באקאם. איינער-מיט'ן קאפּ אין סטענדער, דער פּאטש מיט דיא האנד אין דער וואנד, און דער קנאקט מיט 2 פינגער אין דער לופט; איינינגע לויפען נאך ארום מיט דיא לילקעס און ציגארען, און לאזען בייגעליך און שלאנגליך פון רויעך; דער שלעפּט ביי דעם אַ פּאטשיילע פון דער קעשעני בסוד, און דער קניפּט צונויף 2 טלתים ביי 2 חסידים, וואס שטעהן שמונה-עשרה... ריידליך שטעהן און אמפּערען זיך; יונגעלייטליך לויפען הין און הער אין התלהבות פינ'ם דאווענען און מאכען מיט דיא קאפּ וויא טאבונסקי פערד... טויזענטער גלעקליך, טויזענטער תנועות, טויזענטער הויות!... פון דעם הארט מען פלאקערען: „ישמחו השמים ותגל הארץ“ און דער קלינגט „לאסור מלכיהם בזיקים“, אַ דריטטער קרייט: „שחיטתן בצפון“, אַ פערטער שרייט: „אַ ח... ד!“, אַ פינפטער וויינט: „אל מסתתר“, אַ זעקסטער ברימט: „והאלילים כרות יכרתון“ וכדומה... אללעס אין אַ שום, אַ זשימעריי אַ מיש-מאש, און אַט פליהעט איינער דורך וויא אַ וויכער, בעט אבוויקלען דיא רצועה, און שרייט: „נא, און מיין חלק שליש!?...“ —

איך האב מיך געשטעללט אין אַ ווינקעלע, געלעגט טלית ותפלין און אנגעהייבען דאווענען פון פארענט, וויא איך קיק מיך ארום, זעה

איך וויא א זייטען טיהר אין דרום-חאנד, איז אביסעל אפפען; איך האב נאך דעמעלט ניט געוויסט, אז דער רבי האט אין קלויז א „יחידות-קלייזעל" אדער „התבודדות-שטיבעל", וואס קיינער וואגט ניט אהין אריינצוגעהן... האט זיך מיר תחלת נאר געוואלט א קיק טיהן דורך דער אפפענער שפארינע, וואס איז דארט אזעלעכס? — אונ אז איך האב שוין דערזעהן א שאן, לעכטיג, ריין חדר מיט א טהייער ארון-קודש'ל אונטער א גאלדגעשטיקטען סאמעטענעם פרוכת אונ א טהייערען פאליטורטען טיש אין דער מיטט אונטער איין אויסגעשטיקט פארטשעווער טישטעך מיט גילדענע פראנזען אונ לייבען איהם א סאמעטגעבעטער פאטעל מיט זילבערנע האנדליך — האט זיך מיר שוין פערגליסט טאקע אריינגעהען אינעווייניג... איך האב מיך הערומגעקיקט אויף אללע זייטען... אונ האב זיך יאקאס אריינגעחאפט אהין אומבעמערקט... באלד האט זיך מיר געווארפען אין דיא אויגען א גרויסע שאנע שאפע ספרים, אהן טיהרען; איטלעכס ספר אין א שפאגעל-נייער סאפיאנענער בינד מיט פערגאלדעטע ריקקענס אונ טאוולען אונ מיט זילבערנע האקען אונ דיא בלאטטער גאלד-שניטט, איך בין א בהלן געוועהן אנקיקען חאטש איין ספר אינעווייניג — נאר הארט א פלא: וואס פאר א ספר איך נעהם ניט ארויס — זענען דיא בלאטטער איינגעקלעבט איינס אינ'ם אנדערען, אז ס'איז אוממעגליך זיי צונעהמען... גלייך אללע זענען ערשט פריש פינ'ם איינבינדער געבראכט... אפילו דיא טאוולען לאזען זיך גרינג ניט אפפענען, גלייך קיין האנד האט זיך נאך ניט צוגעריהרט צו זיי... א דא האב איך באלד פערשטאנען, אז דאס איז געוויסס א מופת פינ'ם רבי'ן, אז קיין בן-אדם זאל אין זיינע הייליגע ספרים ניט קיקען... אונ האב מיך שוין, וויא איין אבגעבריהטער, געוואלט אבטראגען פין דאנעט, נאר דאס לעטצטע ספר האט זיך מיר פערטשעפעט מיט'ן האק אין ארבעל, אונ וויא דער טאוועל האט זיך עטוואס געאפפענט, איז ארויסגעפאללען א בעשריבען ביגעלע פאטשט-פאפיער פין ביידע זייטען; איך בין זעהר בייגעהירעג געוועהן דאס צולעזען, מיינענדיג, אז דאס איז געוויסס עפעס סודות התורה פינ'ם רבי'ן... אונ האב עס יאקאס, אין פחד, איבערגעלייענט... לאזט זיך אויס: דאס איז א רשימה פין א נסיעה דעם רבי'נס אויפ'ן פאוויעט... אונ דאס איז זיא אות באות, מיט מיינע איבערזעטצען אין אייניגע ארטער:

5.

# דער סדר הדרך פינ'ם רבינ'ם א נסיעה נאך מעות; די בילקעס, דעם רבינ'ם טיש און מעשות גאר פלאות!

אויפ'ן ערשטען זייטעל פינ'ם בייגעלע פאפיר איז פערצייכענט געוועהן מיט'ן רבינ'ם כתב-יד:

## «סדר הנסיעתי:»

ביום ג' פרשה ואתחנן הנני לצורה-נוסע (וועל איך ארויס פאהרען) על העולם בסדר הזאת: מפה אנסע אל כל ראשון (צום אללעם ערשטען) להבקר-יבש (צום רענדאר) מאשקע טארבע, ובאם הוא נותן לי ח"י פעמים ח"י צפרים (קערבלעך) אני מבטיח לו בן-זכר עם הפלונית'טע שלו, ובאם פחות מזאת — אזי אני מבטיח לו רק בת, ובשאם לא נותן לי פדיון כלל, אז עשיתי ממנו תל... גם שלא שכחתי ללוקח אצלו את הכסף-משתין-פרה שלו (זיין זילבערנע פישקי) אל אחוזה בה (צו האלטען אין איהר) את אתרוגי. משם אני נוסעתי לבעל-הפזמון (צום פאטשטאר *)) ללוקח אצלו את סוסו-השבה (זיין גראוו-פערד) שיהין לי להזוג וגם ב' פעמים ח"י על פדיון, ממנו אנסע רחוק-הוא (ווייטער) בכפר סטוקעלקע, לעשות לעמפעל להפריץ דשם, מפני זאת שאני יודע... משם אני נוסע-תוך (אריינפאהרען) לק"ק וצוני בטראסק גדול, ושם עשיתי להרב דשם סוף-שחור, (אשווארצען סוף) שלמה לא בא אצלי על שבת-חנוכה, ושם מחייב אני לעשות סך אלף וחצי צפרים. משם לק"ק מערעגאוו, לעשות שם לא פחות מסך אלף צפרים, גם ללוקח את הקארעטע אצל הגביר דשם. גם אנסע לק"ק טשולענט ולק"ק ווייסבראל ולק"ק בילאוועץ, לעשות ביחד סך שלש אלפים וחצי צפרים, ואפשר אנסע גם לק"ק אלטאב, שנותנו לי כתב-מגידות, ומשם לק"ק קראקאדילעווקע, לקרוע (אויסרייסען) את הקהל דשם, שלמה שלחוני לי בשנת היום (היינטיגס יאהר) רק רי"ש-צפרים מעות-מעמדות ולא ר"ן צפרים, כמדובר. משם אני נוסעתי לק"ק זאדקיוועץ, לשקץ (אויסשייגעצען) מעט את אחי היהודי-טוב, שלמה ישקול עצמו (פאר וואס ער דערוואגט זיך) לנוסעת במפתחתי? (איז מיין שליסעל — פאוויעט). גם את הסטאנאוואי דשם אזרוק מן הספסל בתקיפת הספראווניק, כידוע לי... וכלם יקחו זאת לפני מופת פרא... (אללע וועלען עס אנגעהמען פאר א ווילדען מופת...) ומשם החזרתי לביתי.

אויף

*) ווייל אויף דערצעהלען א «פאטשטש» זאגט מען א «פזמון» — קלעהר איך, אז אזוי מיינט אודאי דער רבי..

(המ״א)

אויפ׳ן צווייטען זייטעל איז געשריבען געווען מיט שליאמקע, דעם לייב-גבאי׳ס, האנד בזה הלשון:

## „סדר לקיחותי בדרך“:

„אצל טארבע מחיב אני לקבל שני ששים ביהים (2 שאק אייער) וצאן אחד חמאה (אשעפעל פוטער) ושנים אוזאים (גאנז) ורענדעל אחד אדמוני תחת-מכה (מיט א רויט רענדעל אונטערגעשלאגען). אצל הפלונית׳טע של בעל הפזמון צריך אני ללוקח כובע אחד מתיקות (א היטעל צוקער) עם אחד וחצי צפור. אצל הבקר-יבש׳טע (רענדארקא) מסטוקעלקע — אחד זוג אחוז-לך (א פאאר הינדיקעס, ס׳הייסט „האלטדיר“ וואס הינדיקעס מאכען...) ושנים עשרונים שכויתין (2 צעהנדליג הינער), גם שניים צפורים מהקשר שלה (פין איהר קניפעל). אצל הפלונית׳טע של הבעל-טקסא בוצוני צריך אני ללוקח ח״י זהובים ואצבע׳לע אחד שעל אמצע אצבעתה (אפינגערעל פין איהר מיטטעלסטען פינגער) משום טעם הידוע לי... אצל הזונה בטשולענט אקרע (וועל איך רייסען) סך ח״י צפרים ואת מחט-הרעדה (דיא ציטטער-שפילקע) שגנב החסיד התלני מזוגתיו ונתן לה לפני ישקני אחד, כידוע לי מפהיתה... (פין איהר מויל), את המסור מפילאוועץ והנפקא באלטאב אני לפני ערבים (וועלל איך פערוערבעווען — פין „ערבי“ נחל...) לפני חסידי רבינו (פאר׳ן רבי׳נס חסידים) כי צריך אותם אל הרעמעל... בכל הערים אני קורע ממות ומחיים (וועלל איך רייסען פין טויט אונ פין לעבעדיג) כי שליאמקע אני!...“ איבערלייענענדיג א דיא 2 רשימות האב איך ערשט דערזעהען דאס גדולות פינ׳ם סירקעווער צדיק מיט׳ן תקיפות פין שליאמקע׳ן... אונ מיט א שרעקליכען בטלות האב איך א טראכט געטיהן: איי, וויא העלפט מיר דער אייבערשטער, איך זאל א מאל זוכה זיין צו שליאמקעס מדרגה!... אונ עפעס וויא דאס הארץ האט מיר געזאגט: ווארט! אויף אללעמען קיממט א צייט!... איך האב זיך יאקאס בשלום ארויסגעחאפט פינ׳ם רבי׳נס יחידות-קלייזעל ווען ס׳איז שוין אין קלויז קיין פיסס פין א חסיד ניט געשטייעט. איך האב אויף גיך אבגעדאווענט, אבגעלעגט טלית-ותפלין אונ בין ארויס אויפ׳ן הויף. איך טיה א קיק: פאר דער קעך-טיהר א כמארע חסידים, יונג אונ אלט, אונ מע חאפט בילקעס פין דער קעך-יודענע אויף שבת... איך האב מיך מיט כל מאמצי כוח אויך צינעשלאגען צו דער טיהר, נאר אומזוסט! דיא קעך-יודענע האט מיך אפילו אין פיאטע ניט אין זינען... (איך האב דאך נאך דעמעלט ניט געוויססט, וויא אזוי מע דארף האנדלען מיט׳ן רבי׳נס שפחות...) נאר צו מיין גליקק האט דער

חָסִיד, וָואס לֵייבֶּען מִיר, גֶעהָאפְּט שׁוֹין אַ צְווייטֶע בִּילְקֶע בַּיי דֶער קֶעכֶען, (אִיךְ ווייס נִיט אִין וָועלכֶען זְכוּת?...) אוּנ הָאט זִיא גֶעוָואלְלְט אַרַיינְלֶעגֶען צוּ זִיךְ אִין קֶעשֶׁענִי, אוּנ פוּן גְרוֹיס הֶענְגְשַׁאפְט הָאט עֶר זִיא אַרַיינְגֶעשְׁטִיפְּט צוּ מִיר אִין קֶעשֶׁענִי.... אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאלְד אָבְּגֶעטְרָאגֶען צוּרִיקְק אִין קְלוֹיז אַרַיין, אוּנ שְׁטֶעלְלְט אַייךְ פָאר מַיין שְׁטוֹינֶען אַז צוּזַאמֶּען מִיט דֶער בִּילְקֶע אִיז נָאךְ גֶעלִיגֶען בַּיי מִיר אִין קֶעשֶׁענִי אַ זִילְבֶּערְנֶע נָאדֶעל-טֶעשֶׁעל מִיט אַ שְׁנִירֶעל קְרֶעלֶען.... צִיא הָאט עֶס דֶער חָסִיד בִּגְנֵבָה אַרוֹיסְגֶענוּמֶען בַּייא דֶער קֶעכִנֶע פוּנ'ם בִּיזֶעם, בְּעֵת הָאפֶּען דִיא בִּילְקֶע, צִיא דִיא קֶעכִנֶע — הָאט עֶס אִיהם אַלֵיין גֶעגִיבֶּען מִיט אִיהר גִיטֶען ווִילְלֶען צוּם אֵייבִּיגֶען גֶעדֶעכֶענִישׁ...? דָאס הָאבּ אִיךְ בְּאֵין אוֹפֶן נִיט גֶעקָאנְט טְרֶעפֶען.... נָאר שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ עֶס מִמֵילָא גֶעוָואר גֶעוָוארֶען...

קוּרְץ, ס'אִיז גֶעוָוארֶען נַאכְט דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ שׁוֹין צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען פוּנ'ם מֶרְחָץ אוּנ פוּן דֶער מִקְוָה, מֶע הָאט אָבְּגֶעדָאוֶוענְט מִנְחָה, מֶע הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גֶעוועהן אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען גְרֵייטֶען דֶעם טִישׁ אִין קְלוֹיז; זָאלְט אִיהר עֶס גֶעזֶעהן זֶעהֶען, וויפִיעל זִילְבֶּערֶען מֶע הָאט אָנְגֶעשְׁטֶעלְלְט אוֹיפ'ן טִישׁ: 36 דְרֵייאַרְאָהרֶענְדִיגֶע בִּיז צְוועהנְאַרְאָהרֶענְדִיגֶע לֵייכְטֶער, 12 הֵייסְגֶעגִילְטֶע בֶּעכֶער, 2 זִילְבֶּערְנֶע הֵייסְגֶעגִילְטֶע ווַאזֶעס, 3 אַזֶעלְכֶע שִׁיסֶעל, 4 פַּאלִימֶעסְקֶעס, 10 טִיטְץ זִילְבֶּערְנֶע לֶעפֶעל אוּנ גָאפֶּעל-מֶעסֶער אָהן אַ שִׁיעוּר.... חוּץ פֶערְצֶעלַייעֶנֶע אוּנ קְרִישְׁטָאלֶענֶע קְרִידֶענְצֶען, מַמָשׁ מַעֲשֵׂה מַלְכוּת! הַיינְט קֶענְט אִיהר פֶערְשְׁטֵיהֶן, וויפִיעל אִין שְׁטִיבּ אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען...? וָוארֶען מֶע הָאט דָאךְ פָּארְט מוֹרָא, אַז אַ חָסִיד זָאל עֶפֶּעס נִיט אָבְּטְרָאגֶען פוּנ'ם טִישׁ... זָאל נָאךְ אַזַא חֵפֶץ בְּלֵייבֶּען אִין שְׁטִיבּ. דֶער טִישׁ אִיז פֶערְטִיג גֶעוָוארֶען אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען ווַארְטֶען אוֹיפ'ן רֶבִּי'ן צוּם קִדוּשׁ — גֶעוַוארְט הָאט מֶען אֲפִילוּ נִיט קֵיין סַךְ, אִינְגַאנְצֶען אַ שָׁעָה 4—5.... אַללֶע הָאבֶּען אַנְדֶערְשׁ נִיט גֶעדֶענְקְט, נָאר אַז דֶער רֶבִּי דָאוֶוענְט אָדֶער לֶערְנְט, אָדֶער עֶר אִיז פֶערְטִיעפְט אִין עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים אַזוֹי לַאנְג... נָאר אִין אַ לַאנְגֶער צַייט הֶערוּם בִּין אִיךְ גֶעוָואהר גֶעוָואהרֶען, אַז דָאס שְׁלָאפְט עֶר זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיס אַללֶע פְרֵייטָאג צוּנַאכְטֶס, פוּן דֶעם אָנְמִיעדֶען זִיךְ מִיט דִיא הוּנְדֶערְטֶער אוֹרְחִים וָואס קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת פוּן דֶעם גַאנְצֶען שְׁלִיסֶעל הֶערוּם.. אוּנ צוּם אֶמֶת טַאקֶע, וויא קָאנֶען אַזַא רוּחָנִיוּת אִיבֶּערְטְרָאגֶען אַזַא-נָ-אָבּוֹזֶע פוּן הוּנְדֶערְטֶער מֶענְשֶׁען אִין אֵיין טָאג, אוּנ דֶער נָאךְ נָאךְ פְּרָאוֶוען אַ טִישׁ כִּמְעַט בִּיז אִין ווַייסֶען טָאג אַרַיין...? אַוַדַאי מוּז עֶר זִיךְ אַבִּיסֶעל אָבְּרִיהֶען... נִישְׁמֶעדֶר אִינ'ם שְׁלָאף רִיהֶעט עֶר שׁוֹין דֶען? מֶע ווייסְט שׁוֹין זַייעֶר שְׁלָאף... אֶמֶת'ע עֲלִיַת נְשָׁמָה, וּבִפְרַט נָאךְ נָאךְ קַבָּלַת שַׁבָּת מַלְכְּתָא!...

נא, מיילא — אין דיא עטליכע שעה ווארטען האט דערווייל דער עולם, רעדליך־ווייס, באלאקעט פין פערשיעדענע חכמות און וויססענשאפטען: איין רעדעל האט גערעדט מכוח ארץ־ישראל באקסערען פין דיא רויטע יודלעך, פין דעם סמבטיון און פין באזע חלומות... איין אנדער רעדעל האט טראקטירט מכוח דעם רבי'נס קארע פערד און מכוח קארעפינער אתרוגים... דארט א רעדעל האט גערעדט פינ'ם רמב"ם'ס מעשה, וויא ער האט צישניטען א מענשען אברים־ווייס און געלעגט אין א סלוי, און אין 6 יאהר ארום איז דער מענש געווארען גאנץ און לעבעדיג... א טהייל האבען שטיללערהייט געשעפטשעט פין דער רבי'צענס פלימעניצא, פין רחב הזונה און פין דעם גובערנסקי חאדאטיי... גאר אין א ווינקעלע איז געשטאנען א קיפקעלע מענטשען און האבען זיך פערטיעפט גאר אין הויכער חקירה... איך האב מיך ציגעשארט צו זיי, האב אויפגעשטעלט מויל און אויערען און וואס איך האב נאר געקענט פערשטעהען, וועל איך אייך דא, רבותים, איבערגיבען אות באות. איהר מאגט אייך טאקע לאכען פין היינט ביז איבער א יאהר, און איך זאג אייך פארט, אז אזעלכע טיעפע חקרנים, וויא צווישען הסידים געפינען זיך — איז טאקע ווייט צו זיכען! אט וועלל איך אייך דא אויפשרייבען זייערע חקירות איבער דעם כח הקטור און איבער דער עלעקטריא — וועט איהר זיך שוין איבערציינען אין מיין אמת!... א חוץ לזה, ווילל איך טאקע פשוט, אז דער המון־עם זאל אויך עפעס געוואהר ווערען, וואס הייסט טעלעגראף, אייזענבאהנד און אללע אנדערע דאמפף־מאשינעס בכלל, וועלכע קיינער איז זיי ניט אומשטאנד צו ערקלעהרען אזוי ריין, אזוי קלאהר, וויא אונזערע פוילישע חסידים!... אנגעהייבען האבען זיי דערפין: צי קענן א שד'כע האבען א צווילינג?... דערפין זענען זיי אראפגעקומען אויף אינגערפלעטט, דערנאך אויפ'ן גור אריה'ס עגול... און ווייטער ווייטער, ביז מע איז אראפ אויפ'ן טעלעגראף... אט האט און שטוינט!

יודען קראַטצען אויס רמזים מיט כּוונות,
אַז אַללע נייע המצאות זענען אין דער תּורה געדאַכט.
און לאַ די ס׳איז חוזק און לצי לצנות
געפינט מען זיי נאָך תּמיד, ווען אַללעס איז שוין געמאַכט!...

---

## דער חסיד׳שער טעלעגראַף.

---

„פּשיטא! — ריהפט זיך אָן אַ באַטאַגטער חסיד, קרימענדיג דעם פּסק — אַודאַי פערשטעהסטו אַ סך זאַכען!... איך זאָג דיר בּפירוש, אַז אַללע חכמות חיצוניות זענען נאָר פון דער סטרא אחרא, און ניט מעהר!... און דאָס איז דער טעלעגראַף זייער אויך!... ס׳איז מעהר ניט, וויא דער כּח הטומאה, וואָס איז זיך, בּעוונותינו הרבּים, אַזוי מתגבּר אויף דער וועלט; און דער יוד, וואָס איז אויס־געהילט פון אַללע תּאוות עולם הזה, און קוממט אין דער מדרגה פון אמת׳ן התפּשטות־הגשמיות, וויא דער רבּי אַשטייגער — זאָל מאַריך ימים ושנים זיין — דער קענן אַודאַי שולט זיין אויף דער קליפּה, און קענן מבטל זיין דיא אַללע חכמות אין איין הרף־עין!... נאָר וואָס דען? — אַזעלכע קדושים מאַכען זיך אינמיטטען בּלא ידע, כּדי זיי זאָללען אַרויסשלעפען דיא ניצוצות הקדושים פון דעם כּוח הסטרא־אחרא... וּמאליו נפל!... „עט, בּיסט איין אַלטער שוטה! — טיהט אַ באַיאַהרטער לאַנגער חסיד אַ מאַך מיט דער האַנד — אמת טאַקע, דאָס אַלסדינג נעהמט זיך פון׳ם רוח־הטומאה, דאָס איז בּלתּי שום ספק!... נישמעהר, ס׳איז זייא ניט אַזוי גרינג מבטל צו זיין, וויא דיר ווייזט זיך אויס! — קאַרג האָט זיך שלמה המלך געמיטשעט איידער ער האָט געהאַפּט דעם אַשמדאי!... קאַרג האָט ר׳ יוסף דעלאַרליינ׳יש איבּערגעליטען איידער ער האָט דערטאַפּט דעם רעכטען בּחור!... קאַרג האָט זיך דער בּראַסלעווער געבּראַניעט אַקעגען דער קליפּה אין ירושלים!... אי דאָס איז שלמה געהאַפּט געוואָרען... ר׳ יוסף איז ניזק געוואָרען און דער בּראַסלעווער איז, רחמנא לצלן, גאָר פון׳ם וועג אַראָב... הײַנט וואָס פּלוידערסטו אַזעלכע שטותים... הער אויס: ס׳איז שוין איין אַלטער כּלל, אַז דער כּוח־הטומאה איז זיך כּמעט תּמיד גובר איבּער׳ן כּוח הקדושה, בּסוד „ואני אַקשה את לב פּרעה“... און דיא

נִצוֹצוֹת הַקְדוֹשִׁים װעט מען אױך קײן מאָל ניט אױסשעפּען פֿון דער מין סִטְרָא אַחְרָא, װײל יוּדען זענען עם מְחַזֵק און דערפֿין בּעקומט זיא אַללע מאָל נײַע נִצוֹצוֹת קְדוֹשִׁים . . . אײַ, װאָס דער עצם טעלעגראַף גוּפָא איז אַזעלכעס . . . ? װעלל איך אײַך זאָגען גאָר פָּשׁוּט: כְּשֵׁם אַזױ װיא דער רֶבִּי אין דער סִטְרָא־דִקְדוּשָׁא — אַז אַ חָסִיד ריהרט נאָר אָן דיא קלאַמקע פֿון זײַן טִיהר — װײסט ער שױן, װאָס מיט איהם האָט זיך איבּערגעטיהן מִיוֹם הוּלְדוֹ וְעַד יוֹם מוֹתוֹ — אַזױ לְהַבְדִיל בְּאֶלֶף אַלְפֵי אֲלָפִים הַבְדָלוֹת דער טעלעגראַף מיט זײַן כּוֹחַ־הַטוּמְאָה — אַז מע ריהרט זיך נאָר צו צו איהם, זאָגט ער שױן יענעם אַללעסדינג, װאָס דער טראַכט, װײל דיא בּײדע זענען זיך בְּעֵת מַעֲשֶׂה, גלײַך מִתְכַּוֵן און מִתְדַבֵּק אין אײן רוּחַ־הַטוּמְאָה . . . נאַ, װאָזשע האָט מען דאָ ניט צופֿערשטעהען . . .״ — „עט, דיא רעדסט שױן גאָר מְחִילָה װיא אַ מאַנקאַליִנעק! — ריהפֿט זיך אָן אײן אַלטער חָסִיד, פֿינ׳ם רֶבִּי׳נס אינװאַלידען — האָרך זיך נאָר צו װאָס דיא רעדסט: מאַהל דיר, זעלטעם אַנדערש זײַן, אַז דער טעלעגראַף איז געגלעכען צום רֶבִּי׳ן לְהַבְדִיל — װאָללט דאָך פֿינ׳ם רֶבִּי׳נס קלאַמקע בּיז זײַן שְׁטִיהל אױך בּאַדאַרפֿט שטעהען סטױפּעם מיט דראָטען! ? . . .״ — „אײַ, אײַ, אײַ — האָט אױסגעשריגען אַ הײם, דאָר חָסִיד׳ל מיט שפּיצעכדיגע פֿינגער — איהר זענט שױן, אַ פָּנִים, גאָר אױסגעװעפּט מְחִילָה! . . . װיא הײסט? — אַ דאָס מײנט מען דאָך טאַקע . . . האָרסטי! װײל דיא קְלִיפָּה מוז אין עפּעס האָבען אײן אַחוּזָה, און דיא קְדוּשָׁה האַלט זיך אין זיך זעלבּערט! . . . איהר האָט שױן פֿאַרגעססען װיפֿיעל דער רֶבִּי האָט זיך געבּאָרעט מיט׳ן דִבּוּק פֿון דער װְצוֹנִי׳ר יוּדענע, ער זאָל אַרױס פֿון איהר גוּף, און דער דִבּוּק האָט אַלץ געאַנטװאָרט, אַז ער האָט מוֹרָא פֿאַר דיא שֵׁדִים, רוּחוֹת און מַלְאֲכֵי־חַבָּלָה, װאָס ערװאַרטען דיא מִינוּט, ער זאָל נאָר אַרױס פֿון דער אִשָׁה — װעללען זײא איהם צישפּרײטען אױף שִׁבְעָה יַמִים! . . . זעהט איהר דאָך שױן בּאַשאַנפֿערליך, אַז דיא קְלִיפָּה מוז האָבען אין עפּעס אײן אַחוּזָה . . . לאָז זײַן אַפִילוּ אַ קראַנקע יוּדענע — אַבִיא אַ שטיקעל אַחוּזָה . . . אָט דאַריבּער מוז דער טעלעגראַף האָבּען דיא סטױפּעם מיט׳ן דראָט, פֿון אײן אַחוּזָה װעגען . . . וְהָא רְאָיָה: מיר האָט דער פּאָטשטאַר פֿון סטוּקעלקע אַלײן דערצעהלט, אַז ער האָט עס מיט זײנע אױגען אַלײן געזעהען, װיא, אַז ס׳האָט זיך אַ מאָל, נאָר פֿון אײן סטױפּ, אָבּגעריססען דער דראָט — האָט שױן דיא קְלִיפָּה פֿערלױרען איהר כּוֹחַ, בּיז מע האָט ניט איבּערנײעס פֿערקניפּט בּײדע עקען דראָט . . . נאַ, איז דאָס עפּעס אַ גלײַכען צום רֶבִּי׳ן . . . ?״ — „אײַ שׁוֹטִים! — האָט זיך אָנגערוהפֿען אַ בּעװאַקסענער חָסִיד מיט אַ טְשׁוּבַ אױף דער גראָבּער נאָז — איהר פֿערקריכט גאָר אומזוסט צו

אלדע שווארצע יאהר! דער טעלעגראף איז גאר א גאנץ פשוט'ר ענין! דיא גאנצע זאך דערפון איז נאר א דרך-הטבע! פשוט איז פשוט: אז מע טיהט א טרעסעל מיט'ן דראט דא — טיהט ער זיך ממילא שוין א טרעסעל דארט אויך, אונ אזוי ווייסט איינער דעם אנדערען אין עק וועלט!...„ — „שאט, שאט! — האט אויסגעשריגען נאך גאר א יונגער, נאר א ציקאווע ברעננענדיג חסיד'ל — איהר פארשפארט זיך גאר שפּאארען לבטלה! אט נעהמט דאס פשוט'ע תהלים'ל — געפינט איהר דארט דעם גאנצען טעלעגראף מיט אללע פישטשעווקעס!... וויא אזוי זאגט ער דארט, נאך א מאל?... יא: „והיה כעץ שתול על פלגי מים, אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח“ א דא ליגט דער גאנצער טעלעגראף!; „והיה“ — ער וועט זיין — „כעץ שתול“ — וויא סטויפּעס מיט שיסעלעך — „על פלגי מים“ — וואס געהט האלב אין וואססער — (וואס אודאי האלב דראט ליגט אינ'ם אקינוס...) [פינ'ם לשון „פלג-גוף“ ס'הייסט „האלב“ —] „אשר פריו — וואס זיינע בריעף — (פינ'ם מכון „פרי-עט“, ס'הייסט דיא פריכטע פון דער פעדער) „יתן בעתו“ — גיט ער מיט זיין פעדער [גלייך ס'זאל שטעהען „בעטו“ ווארען א תי"ו מיט א טי"ת פערבייטען זיך אין דיא אותיות „ד. ט. ל. נ. ת“.] „ועלהו“ — אונ זיין יאך — ס'הייסט, זיין שטענדיג ארבייטען; „לא יבול“ — ווערט ניט מיהעד“ — „וכל אשר יעשה“ — אונ אללע מאכען עס היינט אב — (אנשטאט שיסעלעך) „יצליח“ מיט גלאזעלעך... (פינ'ם לשון „צלוחית“)

נא, היינט וואס האט מען זיך נאך צושפּארען אומזוסט איבער אזא טפשות?... אזוי איז דער טעלעגראף, אזוי איז דער אייזענבאנד אונ אזוי זענען אללע זייערע מאשינעריען... וואס איז? עס שטעהט דען ניט אין שיר השירים „לא סוסתי (?) ברכבי פרעה“ — אז אין פרעה'ס רייטוואגען איז קיין פערד ניט געוועהן? איי וויא אזוי איז מען געפאהרען אהן פערד? — א דאס זאגט טאקע ווייטער דער פסוק „נרדי נתן ריחו“ — דיא קוילען האבען געגיבען פארע...(„נרדי“ מיינט מען אודאי קוילען! ווארען וואס דען...?) אונ טאקע אין איין מינוט איז מען געפאהרען פון „צרור המור“ ביז „עין-גדי“... אט האט איהר דעם גאנצען אייזענבאנד וויא אויף דער דאלאני...“ אונ אזוי רייעדענדיג איז דער רבי אריין אין קלויז אונ האט זיך באלד געשטעלט צום קדוש. אללע שניר אונ טאכטער אונ דיא רבי'צען בעהאנגען אין פערעל, גאלד אונ בערליאנטען פון קאפ ביז פיסס, אונ אללע — חוץ דער רבי'צען — (וויל זיא איז שוין אלטלעך געוועהן) — געקליידעט נאך דער לעטצטער מאדע אזוי, אז איך וואללט אין לעבען ניט געגלעבט, אז דאס זענען יודי'שע קינדער!... נאכ'ן קדוש האט זיך דער רבי געזעטצט אויוועגאן צום טיש, דיא זיהן מיט דיא איידעמס פון ביידע זייטען, נאך זיי

דיא ווילדע מקורבים, דער נאך דיא פעטטע רענדארעס, פּאטשטאי־
רעס וכדומה און גאר צולעצט דיא רבנים, דינים, שוחטים און
אנדערע כלי־קודש . . . אללע פליאסקעס און חברה־בארשט זענען
געשטאנען אויף באנק איבער דיא קאפ, איטליכער א געוואשענער
מיט זיין בילקע אין דער האנד . . . אז אללעס איז שוין געוועהן אין
דער ארדנונג — איז ערשט אריינגעקיממען מעכציע און איז גלייך
ארויף מיט דיא זאקען אויפ'ן טיש, און האט גאר איבערנייעס אנ־
געהייבען פאראנדערווען דיא ארטער . . . דאס ערשטע האט ער זיך
צוגעטשעפעט צו א רב'ל פין א קליין שטאדטעל, ער זאל זיך נאר
ארבריקקען, און אבטרייטען זיין ארט דעם סטוקעלקעל רענדאר . . .
דעם רבי'ל האט זיך נעביך זעהר ניט געוואללט אבטרייטען, און
האט אינמיסטען געקיקט אויפ'ן רבי'ן מיט א רחמנות פנים, טאמער
וועט ער זיך אננעהמען פאר איהם לכבוד התורה . . . און חאטשע
זייערע ביידע בליקקען האבען זיך בעגעגענט, האט זיך דער רבי
דיא רגע וויא פערטיעפס מיט פארגלאנצטע אויגען, גלייך ער האט
גאר כלל ניט אנגעהייבען זעהען וואס דא טיהט זיך . . . און מעכציע
האט זיך צושריעגען אויפ'ן רב'ל „אראב, דיא עזות'ניק פין דאנעט,
תרבות וויסטי ניט! הא? נא דיר גאר, האט זיך פערוועשעוועט
איין ארט, גלייך ער איז ביים טאטען אין וויינהויז! . . .“ נאר דאס
רב'ל האט נאך אלץ געווילעט, טאמער וועט זיך דער רבי פארט
אנריהפען, און האט נאך אלץ ניט געוואלט אבטרייטען, ביז מעכציע
האט איהם אנגענעהמען ביים בארדעל און האט איהם א שליידער
געטיהן אונטער זיך, אז ער איז אראפגעפאללען פין דער באנק ארונטער
און האט זיך בחרפות־בושה אבגעטראגען פין דער קלויז — און דער
רבי איז פערטיעפט . . . און שווייגט . . . נא, מן הסתם האט דאס רב'ל
בעדארפט אבקוממען עפעס פאר א חטא . . . וויא דען קענן מען
אנדערש זאגען — הא? . . . אזוי האט אלץ מעכציע מאשטירט דעם
עולם: דעם נאטיהגען ארויף, דעם נישטנאטהיגען אראב . . .
דעם אין טאטענס מאטען, יענעם א פאטש און וועהמען גאר וואן
פין אונטערען טיש ארויס . . . עפּיס איין אלטען, גרייז־גראווען דין
פין א שטאדטעל האט ער אראבגעריססען דאס שטריימעל און ארויס־
געווארפען דורכ'ן פענסטער — און דער רבי איז נאך אלץ פערטיעפט . . .
זאגט מעכציע שרייט אויף א געמבע: „עזות־פנים'ר א רוח אין
אייערע פאטער און מוטטער אריין, וואס זענט איהר מבלבל דעם
רבי'ן! ? . . .“ וואס ס'האט געקענט אפילו א טויטען אויפוועקען . . .
נישמעהר וויא קענן מען גלייבען טויט צו עלית־נשמה? . . . קורץ מע
האט דערלאנגט דיא פיש — האט זיך דער רבי צודרעבעט און האט

אַריינגעטיהן דיא פינגער אין פּאַלימעסיק (דיא צדיקים עססען מיט דיא האַנד, ניט מיט קיין גאָפּעל, בכדי דער תיקון זאָל קיין מחיצה ניט האָבען . . .) אונ האָט זיך אָבגעבאַבּרעט אַקעגען אַ פערטיל שעה . . . אַללע חסידים, וואָס איבער דיא באַנק האָבען אָנגעהייבען קלעטערען איבער'ן-עולם, וואָס ביים טיש; דער האָט זיך געשטעלט אויף יענעמס פּלייצע, דער אויפ'ן קריזש; איינער איז אַריין מיט ביידע פיסס צום אַנדערען איז דיא קעשענים אַריין אונ האָט איהם אָבגעריססען 2 פּאָסעס זשיפּעצע ביז אַראָב; איך האָב דיא גאַנצע צייט ניט אַראָבגעלאָזט אַיין אויג פּינ'ם רבי'ן, אונ האָב אַלץ געזעהען וויא עס גליסט זיך איהם עפּעס ניט אַרויסנעהמען דיא האַנד פינ'ם פּאַלימעסיק פיש ···· אונ ווידער האָב איך בעמערקט, וויא ער טינקט אַלץ קוילעטש אין בראָנפען ··· וואָס ער האָט געמיינט דער מיט-קענן איך עד היום ניט משיג זיין! . . . קורץ ער האָט אַרויס-גענעהמען דיא האַנד, אונ תוך כדי דבור איז דער גאַנצער עולם, וויא דיא איישערעקען, אַריין מיט דיא זשמענים אין פּאַלימעסיק אַריין אונ ס'איז געוואָרען אַ ראַססעריי מיט אַ שלאָגעריי, גאַר וויא צווישען מוזשיקעס האָרום אַ צעלעכטס פּאַס בראָנפען אינמיטען דער גאַסס . . . מע האָט זיך איינס דאָס אַנדערע געריססען האַנד, אַרבעל לאַטצען; אויסגעדרייט דיא פינגער, פאַרפּאַצקעט דיא זשיפּעצעס, געלעקקט דיא זשמענים, געמאַכט זיך וויא דיא רוחות אונ געשטיפּט אין דיא פיסקעס, מיט אַזאַ לורקייט אונ התלהבות אונ מסירת נפש, גלייך אין דעם ביינדעל, צי אין דעם ברויזען, וואָס ער האָט געהאַפּט, ליגט עפּעס אַ געוויססע רפואה שלמה אויף אַללע אברים, צו אַללע צרות אונ ליידען, צוגעשריבען אויף אַ רעצעפּט פינ'ם מלאך רפאל אַליין! . . . נישמעהר וואָס רעד איך אַזא טפשות . . ? וואָס זאַטשעט דען דעם מלאך רפאל'ס אַ רעצעפּט פינ'ם מקור-החיים אַליין, אַ קעגען דעם רבינ'ס אַ ביססען שו ר י ם ! ? . . . אַזוי איז געווען ביי דיא לאָקשען, ביים געפילעכץ, ביים פלייש אונ ביים צימעס, אונ נאָך אַללעמען האָט דער רבי פאַרגלאַנצט דיא אויגען, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אַרינטער, אויף דער פאַרענטשע פין זיין שטיהל, אונ האָט אין זיך אָנגעהייבען קרעכטצען אַ נגון'דעל, קאָם וואָס מע האָט געהערט — אונ ס'האָט דאָך בוקע רקיעים געווען . . . אונ דורך-אונ-דורך-גענעה-מען אַללע הערצער . . . באַלד האָט דער כת-מנגנים דאָס נגון'דעל אַ חאַפּ געטיהן אויף זייערע געמבעס, קאַטשענדיג זייערע האַלבע גופות אַראָב אונ אַרויף איבער'ן טיש, נאָר וויא דיא האַממערס אין דער האַממאַרניע, מיט פערשטעקטע האַנד אין דיא גאַרטלען, דיא פּאות צוטרעסעלט, דיא ווערבעס פין דיא שטריימלען צוהוידעט,

דיא פּנים׳ר אָנגעצויגען וויא אין קראַמפּען אונ אַללע אברים אין קאָנוואָלסיע, מיט אַ מין שרייען אונ טרעלעקען אויף פערשידענע וואַריאַציעס מיט דיא אַללע מינים אויסשפּראַכען פון „אַכטי־דעכאַכטי“, „דענענעם־דענענעם“, „טאָם־טע־דע־ראַמטאָם“, „טריי־לַיי־לַיי“ „טאָ־דע־ראָדע־רידאָם“, „טע־רע־באָם־בים־באָם“ וכדומה אונ דער עולם האָט צוגעבאָמקעט; צוגעפויקט מיט דיא פינגער אויף׳ן טיש; צוגעקנאַקט, צוגעהירזשעט, צוגעברוממט אונ צוגעזשומעט, אַז ממש ס׳האָט פערהילכט דיא וועלט, זאַלישעט דיא קאָפּ, נאָר וויא אין אַ קרעפּטשאַטקע אויף 18 מיהלשטיינער . . . נאָר פּליצעם האָט דער רבי צוריק אויפגעהייבען דעם קאָפּ אונ האַלב געאָפענט דיא אויגען — אונ אין איין הרף עין איז דער שטורם פערשטיממט געוואָרען וויא דער טויט! . . . דאָס איז געוועהן אַ סיגנאַל, אַז דער רבי וויל עפּעס זאָגען אַ תורה . . . אַללע געהירען האָבען זיך איינגעשרימפּען. אַללע אויערען אָנגעשטאָהלט, אַללע אָטהעמס וויא פערשלאָגען, אַללע אויגען אויסגעסטאַרטשעט אין איין פונקט אַריין . . אונ אַללע פּנים׳ר מיט אָפּפענע מיילער וויא אין אַ מין גאַפּען אונ ערוואַרטען עפּעס אַ חוץ מדרך הטבע! . . . אונ דער רבי האָט געאָפענט זיין פּיו הקדוש אונ אָנגעהייבען זאָגען אויף אַ קול דממה דקה, וואָס ס׳האָט דאָך געבוירעט דיא אויערען אונ געלאָכערט דיא האַרצער! . . . אָט פערשרייב איך אייך דיא תורה אות באות:

⁂

7.

# דעם רבינ׳ס תורה אַ פּלא, דער וויין־נפלאות, נאָר דעם רבינ׳ס מעזינעקעל — גאָר פּלא־פּלאות!

---

„איי איי! האָט דער רבי אָנגעהייבען מיט׳ן קול פון אַ חולה ביי דער גסיסה — אַ יוד דאַרף וויסען, אַז דער גאַנצער ענין דער פון, ס׳הייסט, דער גאַנצער תכלית־הבריאה פינ׳ס יודען איז נאָר, מע זאָל זיך אויסטיהן פון תאוות־החומריות מכל וכל, בחינת התפשטות־הגשמיות עד קצה האַחרון ממש! נאָר בכדי צו קוממען צו׳ן אַזאַ מדרגה, מוז מען זיך פריער משפיל זיין בתכלית השפלות, בחינת במזל היש, בחינת „ונחנו מה“ . . . נאָר באופן, אַז מע זאָל גאָר ניט

זיסָען, אַז מֶע איז אַ גאָר-נִיט, וואָרֶען קאָם וֵוייסְט מֶען בַּיי זִיך, אַז מֶע איז גאָר-נִיט — איז מֶען דאָך שׁוין עֶפֶּעס... אוּנ דאָס קֶענֶן שׁוין פִיהרֶען לִידֵי גַאֲוָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, ס'הֵייסְט גַאֲוַת-עֲנָיוּת, בְּחִינַת „וּפִלַגְשׁוֹ וּשְׁמָהּ רְאוּמָה": אַזאַ עֲנִיוּת, אַזאַ פַאלְשׁ בִּטוּלוֹת איז נִיט מֶעהר וויא אַ פִּלֶגֶשׁ „וּשְׁמָהּ", וואָס זיא רִיהְמְט זִיך אָן „רְאוּמָה", גְלַייך וויא רְאוּמָה מִיט אֵיין אַלֶ״ף, בְּסוֹד אַלְ״פִין וְעַיְ״נִין דְּמִתְחַלְּפִין... דאָס הֵייסְט „רְאוּ-מָה": זֶעהט, אַז אִיך בִּין בְּחִינַת „מָה" אַז אִיך בִּין אַיין עָנָיו, אַיין עָפָר וָאֵפֶר, אַ גאָר-נִיט! .... אָ דאָס הֵייסְט עֲנִיוּת מִתּוֹך גַאֲוָה — טוֹבֵל וְשֶׁרֶץ בְּיָדוֹ... אוּנ אִיבֶּער אַזאַ עֲנִיוּת מְדוּמָה, אִיבֶּער רֶעם אוּיסְפַּייגֶען זִיך „רְאוּ-מָה", קִימְמְט אַרוֹיס: „וַתֵּלֶד לוֹ אֶת טֶבַח אֶת גַחַם וְאֶת תַּחַשׁ וְאֶת מַעֲכָה" דאָס איז מוֹלִיד אִין אִיהם תַּאֲוַת הַיֵּצֶר, הוּא הַשָּׂטָן, הוּא מַלְאַך-הַמָּוֶת, הוּא הַטַּבָּח, וואָס קוילֶעט דיא נְשָׁמָה, בְּחִינַת „וְטָבַח לוֹ בְּבוֹגְדִים" — אַ שְׁחִיטָה אוּיף דיא וואָס פֶאלְשֶׁען אִין עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא דוּרְך זַייעֶר עֲנִיוּת מְדוּמָה... אוּנ דיא תַּאֲוָה בְּרֶענְגְט לִידֵי „גַ חַ ם" לְשׁוֹן חֲמִימוּת, פִין „וּבְחֵט יֶחֱמַתְנִי" „וְאֶת תַּחַשׁ" בְּחִינוֹת צְבוּעוֹת, כַּתַּחַשׁ הַזֶּה הַמָּלֵא גְוָנוֹן... אוּנ דֶער סוֹף איז: „וְאֶת מַעֲכָה" פִּינ'ם לָשׁוֹן „וּמָעוּך וְכָתוּת", אַז מִיט אַזאַ פַאלְשׁ עֲנִיוּת איז מֶען נאָר „מַעֲכָ-ה" ס'הֵייסְט, מֶע איז מְמַעֵך דיא „ה", דאָס „אָתָא קְלִילָא דְלֵית בֵּיהּ מְשַׁשׁוּתָא" ס'הֵייסְט, דֶעם אֶמֶת'ן „בִּטּוּל הַיֵּשׁ", וויא דאָס אוֹת ה', וואָס האָט לַחֲלוּטִין קַיין שׁוּם מַמָּשׁ נִיט אִין זִיך, נאָר דאָס אֶמֶת'ע עֲנִוְתָנוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּך-הוּא... אוּנ נאָר אִיבֶּער אִיהר בִּטּוּלוֹת בְּתַכְלִית הַשִּׁפְלוּת, עַד קְצֵה בִּטּוּל הַיֵּשׁ — האָט דֶער בּוֹרֵא בָּרוּך הוּא מִיט אִיהר נאָר דיא וועלְט בֶּעשַׁאפֶען „בְּהִבָּרְאָם" — בְּ הֵ" — בְּרָאָם... אוּנ דאָס מֵיינְט מֶען „מַגְבִּיהַּ שְׁפָלִים עֲדֵי מָרוֹם"... אוּנ דֶער עָנָיו-מְדוּמֶה בְּרֶענְגְט נאָר צוּ „מַשְׁפִּיל גֵאִים עֲדֵי אָרֶץ", אַז בְּמֶשֶׁך הַזְּמַן פַאלְלְט עֶר לַחֲלוּטִין אַרַיין אִין בְּחִינַת אַרְצִיּוּת, בְּחִינַת תַּאֲוַת-הַגַּשְׁמִית, אוּנ בְּלַייבְּט נאָר בַּיים הִתְעָרוּתָא — דִלְתַתָּא — הִתְעוֹרְרוּת הַחוּמְרִית, אָהְן אַ שׁוּם הִתְעָרוּתָא-דִלְעֵילָא... אַיי, אַיי, אַיי, אַזאַ עֲבוֹדָה איז פִּגּוּל; דאָס איז דיא עֲבוֹדָה פִין דיא מִתְנַגְדִים, עֲבוֹדָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, בְּחִינַת בִּרְכוֹת — הַנֶּהֱנִין: מֶע דִיעְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען פִין אֵייגֶענֶער הֲנָאָה וועגֶען... פִין הִתְעָרוּתָא-דִלְתַתָּא... עֶר דאַווענְט, עֶר לֶערְנְט, עֶר טִיהט אַלֶע מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, נאָר פִין זַיין הֲנָאָה וועגֶען, אוּנ דַארִיבֶּער מֵיינֶען אָ דיא לַייט, הַנֵי כַּלְבֵי דַחֲצִיפִין, אַז זֵייא האָבֶּען שׁוין אָנְגֶעטִיהן גאָט אַ מֶענְטְלִיך מִיט זַייעֶר תּוֹרָה-וּתְפִלָּה, צְדָקָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ גְלֶעטֶטען זִיך דיא בַּייכְלִיך: „מִיר האָבֶּען הַיינְט אָבְּגֶעדִיעֶנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב! אַ סַך גֶעדאַווענְט אַ סַך גֶעלֶערֶענְט! מִיר האָבֶּען אֶמֶת יוֹצֵא גֶעוועהן אוּנְזֶער חוֹב


בשלמות

בשלמות! . . ." אוי לאותה בושה ולאותה כלימה! . . . אוי לנו מעלבונה של תורה, אוי לנו מעלבונה של תפלה! . . . דאָס איז דיא אמת'ע עבודת-אלילים, אש זרה במקדש השם. . . אַיין אמת'ר צדיק, אַיין עובד השם מאהבה, פיהלט זיך קיין מאָל ניט בעגעניגט אין עבדות-הבורא-ברוך-הוא; קיין מאָל ניט יוצא פאַר גאָטט! אדרבא, וואָס מעהר ער דאַוועָנט, וואָס מעהר ער לערענט — ווייסט ער, אַז ער האָט נאָך ניט אָנגעהייבען דאַווענען, ניט אָנגעהייבען לערנען! . . . אַ יוד דאַרף תמיד זיין אַ הולך מדרגא לדרגא, בחינת „לכו ונלכה" — ניט צושטעהען תמיד אין איין דרגא, בחינת „מצות אנשים מלמדים" . . . נאָר בתנאי אַז דער הולך זאָל זיך חלילה ניט איבערנעהמען קיין מאָל מיט זיין „ילכו מחיל אל חיל", און זאָל ניט מאַכטען דיא עליות המדרגות פון זיין הליכה, וואָרען קאָם „שיר למעלות אשא עיני" . . . אַזוי איז שוין גאָר „מאין יבוא עזרי!?" . . . איי איי איי! „אם אסק שמים" — אַז איך וועל ווייסען ביא זיך, אַז איך געה לעילא ולעילא, ביז אין הימעל אַריין — איז גאָר „שם אתה": ביסטו גאָר, גאָטט, דאָרט ערגעץ! גאַנץ ווייט פון מיר . . . אָבער: „ואציעה שאול" — אַז איך וועל מיך, מיט מיין גאַנצער עבודה, אַלץ רעכנען פאַר אַ שפל בתכלית השפלות עד שפל המדרגה התחתונה — ערשט דערמעלט „הנך"! : אַט ביסטו!... ובכן דאַרף אַ יוד זיין תמיד אַ הולך נאָר ניט ווייסען דערפון, און קאָם פיהלט ער עס אין זיך — אַזוי איז „וילך חרנה" — דיא הליכה ברענגט צו חרון אף השם . . . און אָ דאָס מיינט דער דער פסוק, איי, איי, איי! „לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך-ויגרשהו וילך" דוד איז בחינת כללות נשמות-ישראל, כידוע ליודעי חן . . . זאָגט ער אַז דיא נשמה חזורט איבער אירע מעשים, ס'הייסט, ווען זיא ווערט אַ מרא-דחושבנא „לפני אבימלך" פאַר'ן אבי-מלכו-של-עולם, דאַרף זיא זעהען, אַז „ויגרשהו וילך" — פערטרייבען דעם „וילך" ס'הייסט, ניט רעכענען זיך פאַר אַ הולך אין עבדות-הבורא ברוך הוא . . . וואָרען דיא גאַנצע עבודה דורך תורה און תפלה דאַרפמען גאָר כלל ניט מיינען זיך! מיר בעטען ניט דעם אייבערשטען פאַר זיך, פאַר אונזערע פלייששיגע חסרונות, וואָס אונז פעהלט אינ'ם עולם הזה, כי „מה אנו מה חיינו!" — מיר דאַרפען נאָר מתפלל זיין אויפ'ן „עמו אנכי בצרה . . ." ס'הייסט, אויף גלות השכינה כביכול . . . ווייל, אַז יודען זענען שרויי בצער, איז כביכול דיא שכינה בצער „קלני מראשי-קלני מזרועי" . . . אָבער קאָם מיינט אַ יוד, אַז מיט זיין תורה ותפלה טיהט ער אַן אַ מענטליק דעם אייבערשטען, אויף דעם געהט דער מאמר „איזה

חסיד המתחסד עם קונו" פּינ'ם לשון „אי" — ניט — אַזוי וויא „אי-כבוד"
און דאָס מיינט מען „אי-זהו חסיד" — ניט דאָס איז אַ חסיד, וואָס
„המתחסד עם קונו" — וואָס מיינט אַז ער טוהט דעם איבּערשטען
אַ חסד מיט זיין תורה ותפלה . . . אחרי כל אלה זעהען מיר, אַז
דער גאַנצער תכלית המכון פון אַ יודען איז נאָר התפשטות-הגשמיות
על ידי בטול היש לגמרי! און אַז מע פאַללט חלילה אַ מאָל אַריין
אין בחינת גאות דורך אַ סך תורה ותפלה — זאָל מען באַלד לויפען
צום צדיק-הדור, וואָרען גאוה נעהמט זיך נאָר פון קליפּת אחוריים,
בחינת מעין-נוקבן — און דער צדיק הדור איז דער שלוחא-דמטרניתא,
בחינת דוכרן, בחינת משפיע, וואָס איז מהפך נוקבתא לדוכרתא
דורך אַ פדיון כסף, בחינת לבנונית, בחינת רחמים, המתקת הדינים. . .
בסוד „אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו . . ." —

נאָך דער תורה איז זיך דער רבי ווידער פערגאַנגען אויף
אַ פערטיל שעה אין עולמות, און דערנאָך האָט ער געעפפענט די
אויגען און האָט צווישען די צאָן אַ זאָג געטהון: „ווייַן". אַ דאָ איז
מעכציא ווייטער אַראָפּ אויפ'ן טיש און האָט אָנגעהייבען אויסריהפען
אויף זיין געמבע: „הגביר מוצוני, לכבוד דעם רבי'ן מיט זיין טיש
אורחים! (ער האָט זיך אַ בייג געטהון צום גביר, און יענער האָט
איהם געזאָגט, וויפיעל בוטעלקעס ווייַן) ב" פּעמים ח"י בוטעלקעס יין
טוב דטוב! — הפרנס חודש מקראָקאָדילעווקע (אַ בייג.) ג" פּעמים ח"י
בוטעלקעס יין טוב! — הפּאָטשטאַר מחראַבּאָווקע (אַ בייג.) אל"ף פּעמים
ח"י בוטולקעס יין טוב דטוב ושני הין יין פשוט! — הרענדאַר מסטו-
קעלקע (אַ בייג) חצי ח"י בוטעלקעס יין טוב דטוב ושלשה הין פשוט! —
הבעל-טקסא דהאַבּאַרעווקע (אַ בייג) ב" פּעמים ח"י בוטעלקעס יין טוב
והין אחד יין פשוט! — הגבאי דחבורא קדישא מק"ק רצוני (אַ בייג.)
ג" פּעמים ח"י בוטעלקעס טוב דטוב ושלשה הין פשוט! דאָס איז פאַר
איין לעהרער, וואָס האָט היינטיגס יאָהר אַ מיתה-משונה איינגענעהמען,
אם ירצה השם, צום נייעם יאָהר, אַז נאָך אַ פּאָאר לעהרערס וועללען
מאַכען די שפּיעל, וועט ער שטעללען כפל כפלים! אַ יאָ, ר' נחום?...,
וויא זאָגט איהר רבי . . . ?" (דער רבי האָט מיט אַ זאַנעפט שמייבעלע
אַ זאָג געטהון צווישען די צאָן: „געה שוין געה, די לין איינער!..." —
אַזוי האָט ער כמעט אַללע אורחים ביים טיש איבערגעריהפען, ביז
צום סוף האָט ער אַ געשריי געטהון: „אַללע פרעמדע יונגעלייטליך
שטעללען צו 2 בוטעלקעס יין טוב ופשוט! ווער עס וויל ניט, לאָז
אויסשרייען „ניין" מיט זיין נאָמען . . ." פערשטעהט זיך, אַז קיינער
האָט עס ניט געוואָגט בפומבי אָקעגען רבי'ן . . . ער האָט אפילו ניט
געמאָגט האָבען אויף הוצאות אַ היים פאָהרען . . . חברה באַרשט און אַזוי

אללע פלאסקעדריוקעס האט ער ניט זאטשעפעט . . . נאכ'ן אויסריהפען
האט ער א שאף געטיהן צום רבי'נס וויינשיינקער : (דעם רבי'נס
עלטערער זיהן האט טאקע אליין געהאט א וויינקעהלער ביים רבי'ן
אויפ'ן הויף פון אללע טיש-אורחים וועגען . . . . ) „מענדעל ! טראג
ארויף דעם וויין !“ — פון דיא אללע סך ווייגען , וואס ס'איז ביים טיש
געפאללען — בלי גוזמא 20 מאל ח"י בוטעלקעס טוב און טוב דטוב און
20 עמער פשוט — האט מען צום טיש קאם דערלאנגט אפשר א האלב מאל
ח"י בוטעלקים טוב דטוב , פונ'ם רבי'ן מיט דיא קינדערס וועגען , און ב"
פעמים ח"י בוטעלקים יין טוב און איין עמיר 10 ממש דייזשע בארשט . . .
און מוצאי-שבת האט מען שוין גערוססען ביי דיא אורחים פאר
אללע אויסגעריהפענע ווייגען צו 2 רו"כ א בוטעלקי טוב דטוב ,
אנדערהאלבען רו"כ א בוטעלקי טוב און 3 רו"ב איין עמער פשוט . . .
דער וויין ווערט צוגאסען אין גלאזער פון דיא טיש-אורחים וועגען
און אין גלאזליך , דער דייזשע בארשט , פון דער חסיד'רניא וועגען . . .
איטליכען בעזונדער גיט דער רבי דיא גלאז פון זיין האנד און גיט
איהם , בעת מעשה , דיא האנד לחיים — קענענט איהר שוין פערשטעהען ,
וואס פאר א שטיפעריי מיט א זידלעריי מיט א ווארפעריי עס ווערט
דעמעלט צווישען דיא באנק-חסידים כמעט אויף סכנות נפשות !
ווארען איטליכער וויל דאך אלץ זיך ארויסשטעללען אין פראנט ,
דער רבי זאל איהם פריער פון אנדערע דערזעהן , אדער ער זאל
איהם חאטש לפחות ניט פערזעהן חלילה לגמרי ! . . . איך האב מיך
א מאל צעהן גע'נהרג'ט פון דער באנק אראפ , און געלעזט קלעפ
מיט קניפ מיט באבענציעס , וויא פיעל ס'איז אין מיר ניט אריין . . .
נישמעהר , ס'איז עפעס א תרוץ אויפ'ן רבי'נס לחיים . . . ? און ווען
אפילו אומקימען אויף קדוש השם , וועט א חסיד לאזען פערלוירען
דעם רבי'נס לחיים ? חס וחלילה ! אהנ'ם לחיים איז ער דאך איין
אומגליקליכער אויף זיין גאנץ לעבען ! . . . נא , מיילא . מן הסתם איז
איטליכער געגאנגען אויף מסירת-נפש , אויף קדוש השם , און קיין
איינציגער איז ברוך-השם ניט פערפעהלט געווארען ! אללע האבען
געטרינקען צום רבי'ן לחיים , און יעדער האט זיך געפיהלט איבער
גליקקליך , גלייך ער איז אין זיבעטען הימעל אריין . . . וואס איך
האב מיך דעמעלט איבערגעהארט פון דיא חסידים וועגען דעם רבי'נס
האנד . . . ? איז כ'לעבען ניט צו בעשרייבען ! . . וואס דארפט איהר
מעהר ? אז איינער האט עפעס א זאג געטיהן „ס'איז ממש“ כאשר ירים
משה את ידו“ . . . האט איהם א צווייטער וויא מיט כעס געאנטווערט :
„אזוי ? טפוש אויף גראססער האסטי גאר קיין השגה ניט ? ! . . . .
איך זאג דיר , שוטה , אז זיין האנד איז ממש „וירא ישראל את

יד הגדולה!"... — קורץ מע האט אבגעבענטשט, דער רבי איז אװעקגעגאנגען אין זײנע פוצונעס און די חסידים זענען זיך צעקראכען, א טהייל צום עלטערען, א טהייל צום אינגערען זיהן, א טהייל צו דיא איידעמס און א טהייל צום רבי׳נס מעזינעקעל, א קינד פון א יאהר 8.

דאס איז טאקע געװעהן נאר א מלאך אלהים! — מע זאל מעהר ניט זעהען פון א קינד נאר שטענדיג בלאטטערען ספרים און אבבייסען דיא טאװלען!... נאר אזוי פיעל גוטע יאהר זאל איך האבען, װיפיעל זקנים פון 70—80 יאהר האבען איהם געריהפען „רבי" און געבויגען פאר איהם דיא קאפּ, ער זאל זײא בענטשען! ארענדארעס פלעגען בײ איהם עצות פרעגען מכוח זײערע פריצים; פּאטשטארעס — מכוח זײערע פערד; בעל-טקסא׳ס — מכוח זײערע אקסען; סוחרים — מכוח זײערע געשעפטען און חסיד׳רניא — מכוח מחשבות — זרות... אײ. װאס ער האט געענטװערט? — דאס מאכט דאך ניט אויס! — װאס ער זאל ניט ענטװערען, איז דאך עס אלץ פלאות-הבורא!... א מאל פלעגט ער ענטװערען װיא א קינד, א מאל װיא א משוגע׳נער, און אפט איז זיין אנטװארט געװעהן: א צופּ בײ דער בארד, א ציהע בײ דער פּאה און אראבבייסען דאס היטעל... איך שװער אייך בײא אללעם הײליגען, אז דיא װעלט קלינגט מיט הונדערטער מופתים פון א דעם 8-יאהריגען מעזינעקעל, פון א די״ז מלאך-אלהים, און גאנץ פוילען בענטשט זיך אין איהם און װינשען זיך אזוינע קינדער װיא ער!... דערװייל געהט איהם שוין דאס נײנטע יאהר, און ער קען נאך, באמונות, רעכט עברי ניט זאגען!... נישמעהר װער װייסט, צי דיא מלאכים קענ׳ען יא עברי...? נישמעהר, װאס האב איך צו רעדען פון דעם טהײערען מעזינעקעל? — ער האט שוין אביסעל שאנערע און בעססערע הסכמות װיא מײנע! הלואי װאללטען אללע יודישע מחברים פערמאגט דאס, װאס זײנע מתנות טרעפען אן, װאללטען זײ שוין פערשפּארט בעטטען בײא דיא ציבעלעזירטע סוחרים שטעללעס, כאטש פאר 10 רובעל א חודש... און יענע זאלען ענטװערען: „פּארדאן, װיא קאנגען זיע צו עטװאס געשעפטליכעס טויגען — װען זיע איין פערפאססער זינד?..." נא? איז ניט גלייכער בײם רבי׳ן א מעזינעקעל זיין און רײסען ספרים, אײדער א טאטע פון קינדער, און שרייבען ספרים...? נישמעהר, לאו כל אדם זוכה!...

קורץ דער שבת׳דיגער טאג איז ניט ערגער געװעהן װיא דער פרייטאג צונאכטס... דעם רבי׳נס תורה בײטאג, װער שמיסט זיין תורה בײם שלוש-סעודות, צום בני-היכלא, איז נישט צום בעשרייבען, װייל זײא ברעכט דעם מוח און פיהרט זיך עפּעס אויף א מין

שְׁפְּרַאךְ נָאר בְּחִינַת אַבְרָהָם'ל חִירִיק... נָא, אונ פִּין דֶער מְלַוֶה-מַלְכָּה אִיז דָאךְ אַוַדַאי נִיטָא, וָואס צוּ רֵעדְען; אֵיין בַּיין פִּינ'ם רֶבִּי'נְס מְלַוֶה-מַלְכָּה-בָּארְשְׁט פַארְעֶנְפֶערְט דָאךְ אַלֶע זַייעֶרֶע מַעֲדַנֵי-מְלָכִים!... אַ כְּלָל, אוֹיבּ דֶער גַן-עֵדֶן אִיז אַזוֹי גִיט וִויא שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן — הָאבּ אִיךְ, כְּ'לֶעבֶּען רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיא אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס זַייא וָועלֶען נֶעבִּיךְ פֶערְשְׁפִּיעלֶען אַזַא תַּעֲנוּג נִצְחִי!...

## 8.

# אָהְן מִדּוֹת, אָהְן מוּסָר, אָהְן תּוֹרָה, אָהְן תְּפִלָּה, אונ דָאךְ אַזוֹי גִיךְ בִּין אִיךְ עוֹלֶה לִגְדוּלָה!

אִיךְ בִּין מִיט דֶער צַייט יַאקָאם הַיימִישֶׁער גֶעוָוארֶען אִין קְלוֹיז; אִיךְ רֶעכֶען מִיךְ שׁוֹין פַאר אַ מְחוּיָב אִין דֶער חֶבְרָה-בָּארְשְׁט, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ שְׁטִיקֶעל מְחוּתָּן מִיט'ן רֶבִּי'נְס מְשָׁרְתִים אונ דִיעַ'סְטֶען אונ כִּמְעַט צוּם יָאהר, בִּין אִיךְ מִיט דִיא גַבָּאִים שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארֶען אַ שְׁמוּאֵל שְׁמֶעלְקִי: זַיי הָאבֶּען מִיךְ שׁוֹין בֶּענוּטְצְט צוּ אֵיינִיגֶע שְׁלִיחוּת'ן, אַשְׁטַייגֶער זִיךְ זָאל גֶעהֶען אִין דֶער גָאסֶעדַארֶער קְלוֹיז אונ דָארְטֶען שְׁעלְטֶען זַייעֶר רֶבִּי'ן אִין טָאטֶען אַרַיין... דָאס הָאט אַפִּילוּ גֶעשְׁמֶעקְט מִיט אַ הַיימֶעלֶע — נָאר אִיךְ הָאבּ עֶס, מִיט גָאטְּס הִילְף אוֹיסְגֶעפִיהְרְט בִּשְׁלֵמוּת: אִיךְ זָאל נָאכְגֶעהֶען בַּיינַאכְט אִין שְׁטָאדְט-גָארְטֶען דֶעם קַאזְיָאנֶע רָב, וֶוען עֶר שְׁפַּאצִירְט דָארְט, אונ אִיהם אָבְּשֶׁערֶען אוּנְטֶען אַ הַאלְבֶּע קוּדְלֶע; אִיךְ זָאל עֶרְגֶעץ בַּיינַאכְט דֶערְטָאפֶּען דֶעם לֶעהְרֶער אַלַיין אונ אִיהם גִיבֶּען צְווֵיי פֶּעטְשׁ, וְכַדוֹמֶה... דוּרְךְ דִיא מִינֵי שְׁלִיחוּת'ן, וָואס זֶענֶען מִיר כִּמְעַט שְׁטֶענְדִיג אָבְּגֶערָאטְהֶען — הָאבּ אִיךְ מִיךְ שׁוֹין אַבִּיסֶעל אַיינְגֶעקוֹיפְט אִין דֶער לָאסֶקֶע בַּיים רֶבִּי'נְס קִינְדֶער; זֶעלְטֶען שׁוֹין גֶעהָארְט אַ וָוארְט פִּין דֶער רֶבִּי'צֶען אוֹיךְ, אונ אַ מָאל, אַ מָאל — אַ שְׁמֵייכֶעלֶע פִּינ'ם רֶבִּי'ן אַלַיין אוֹיךְ... אַ כְּלָל אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען אַ שְׁטִיקֶעל טִיהֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִין דִיא פוּצוּנֶעס... אונ וַויטֶער וַייטֶער, טַאקֶע אַ שְׁטִיקֶעל בֶּן-בַּיִת אוֹיךְ אַזוֹי, אַז מֶע הָאט זִיךְ שׁוֹין פַאר מִיר נִיט גֶעהִיט מִיט אַ וָוארְט אונ אַפִּילוּ נִיט מִיט אַ סוֹד אוֹיךְ... דֶערְצִיא אִיז מִיר נָאךְ גֶערָאטְהֶען, וָואס טַאקֶע אִין סִירְקָעוו גוּפָא הָאט עֶפֶּעס גֶעוָואוּנְט נָאךְ אַ מִין אַלְטֶער פַארְשְׁלֶעפְּטֶער גִיטֶער יוּד, ר' אַבְרָהָם'לֶע, וָואס פְּלֶעג נָאךְ זֶעלְטֶען חָאפֶּען אַ פִּדְיוֹן'דֶעל

און אונטערוויילעכץ אַרויסוואַרפען אַ מופת'ל — און דאָס האָט דעם רבי'ן ניט געשמעקט. . . אוודאי בין איך געוואָרען דער רכילות — פיהרער פון דעם ר' אברהם'לע צום רבי'ן . . . און דאָס האָט דער רבי גאָר ניט פיינד געהאַט . . . מן הסתם האָט ער געוויסט וואָס ער טוהט . . . נאָר דערוויל בין איך ביי איהם דער פאַר אַלץ מעהר חשוב געוואָרען: איך פלעג איהם שוין אַ מאָל צושטעלען דיא פאַנטעפעלעך צום בעט, אַריינגריהפען איהם דיא רבי'צען; פערנעהמען דיא קוויטלעך פינ'ם פדיונות-טיש אַללע פאַר'ן שלאָף — איין אָרט פאַר זייא איז שוין געוועזן טאַקע אינ'ם רבי'נס בית-הכסא, וועלכער איז שטענדיג געוועזן אונטער אַ שלאָסס. . . וכדומה אַזעלכע שאַפעכטצען . . .

אַז דאָס מזל שפּיעלט — שפּיעלט עס מיט אַללעמען! דאַרף דער רוח אַנטראָגען פון אַלדע שוואַרצע יאָהר 2 ווייבער מיט אַ מאָל זאָלען זיך צי טשעפען צו מעכציע'ז, אַז ער איז זייערע ביידענס מאַנן. און האָט זיי שוין אַ יאָהר 15 אַוועקגעוואָרפען מיט קליינע קינדערליך, איינע איז פון חירעווקע און דיא אַנדערע פון לאַזעקיווקע, און ביידע ווייזען זייא דאַרויף בריעף פון רבנים מיט עדות, און רייסען איין דיא וועלט, ער זאָל זיי, אָדער גיבען גט און כתובה, אָדער ער זאָל זיי גיבען ספּוק אויף צו לעבען מיט דיא קינדער, און ביידע טרייטען איהם ניט אָב . . . און דאָ חאַפּט דאָס היימישע ווייב זיינס, און פּלאָנטעט זיך איהם אַריין אין דער באָרד, מיט אַ געשריי עד לב השמים: „גט, אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין, זאָלסטו מיר דיא מינוט גיבען! דיא אַלטער הילטיי איינער, וואָרען איך וועל דיר דאָ דעם גאָרגעל דיינעם אויסרייסען, מיין טויט און דיין טויט זאָל זיין! . . . גט, דיא אַלטער נואף, אַ רוח אין דיין טאַטען! מעהר וויל איך שוין דיין טרייף פּאַרצערו ניט אָנקוקען ווייל איך וועלל לעבען! דיא מינוט זאָלסטו גיבען תקיעת-כף פאַר'ן רבי'ן, אַז היינט גיסטו מיר אַ גט, אלא ניט, לאָז איך דיך ניט אָפּ פון דאַנעט, אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין, דיא אַלטער עכבריש איינער! מיינסטו איך וויים ניט, וואָסערע וועלטען דיא האָסט אַפילו דאָ געפיהרט, האַ? . . . אוים בושה, אַ רוח אין דיין טאַטען!: וויא איז דאָס זילבערנע נאָדעל-טעשעל מיט'ן שנירעל קרעלען פון דער רבי'צעס פּאַקעיאַווע, וואָס דיא האָסט אונזער איינגעהערען געשענקט . . . און האָסט עס טאַקע אַליין ביי איהר צוריקק אַוועקגע'גנבה'ט, האַ? . . . ראַסס מיר נאָר ניט אויף דאָס מויל, דיא אַלטער שיבעניק איינער! איך וויים דאָך, דיא האָסט פערטאַכליוועט דעם זילבערנעם כ . . . (צוריקק מיט אַ האַלב יאָהר האָט מען אַראָב גע'גנבה'ט דעם כתר פינ'ם רבי'נס ספר-תורה אין קלויז.

גיב זשע מיר דיא מינוט א גט, אונ לאט איך דיך ניט ברענגען אויפ'ן פייער!" — קורץ אונ גוט: ער האט דעם היימישען ווייב געמוזט געבען א גט אונ איז, פאר בושה, מיט דיא צוויי ווייבער אוועק — אונ איך בין אויף זיין ארט געווארען דעם רבי'נס טיש-גבאי!... — אין א גיטער א מזל'דיגער שעה האב איך אנגעהייבען פראווען דעם רבי'נס טישען, אונ האב זעהר נושא חן געוועהן ביים רבי'ן מיט זיין גאנצען בני-בית, אונ בין אזוי געגאנגען לעילא ולעילא, ביז דער אייבערשטער האט א נס געטיהן: שליאמקע דער לייב-גבאי איז פליצעם געשטארבען פין א דערשרעקק.... אונ איך בין, צו מזל, געקריינט געווארען פאר'ן רבי'נס לייב-גבאי!

ימח שמם וזכרם זאלען זייא ווערען, דיא בארלינער, וואס זאגען, אז ברוך טאלנער האט אונזער שליאמקען בוטע געהאפט מוצאי יום כפור מיט זיין ווייב אונ האט איהם אבגעשלאגען דיא לינג-אונ לעבער, פין וועלכען ער איז געשטארבען.... שקר כנאמנות! זייא לאקען אין זייער ווייטען האלז אריין! דיא מעשה איז אזוי געוועהן: שליאמקען עליו השלום האט זיך נעביך זעהר געוואלט, אז ברוך שייגעץ'ס שניר, (ניט זיין ווייב.) א ווילדע יפת תואר, זאל ווערען דעם רבי'נס א חסידה, כ'לעבען, מע דארף א מאל א נפש פין א טובה וועגען ביי נאטשאלסטווא.... אודאי האט ער זיך נעביך געלעגט אין דער לאנג אונ אין דער ברייט אונ אזוי לאנג געארבעט מיט איהר, ביז ער האט זיא ערב יום כפור צו כל נדרי (ניט מוצאי יום כפור . . .) פערנארט דאוועגען אין דער רבי'צענס שיהלעכען אריין, אונ געהענדיג א היים האט ער זיא באלייט ביז אין איהר שטיב, אונ האט אלץ נעביך גערעדט וועגען רבי'ן, אונ איז יאקאם מיט איהר לגמרי פארטיג געווארען, אונ פין גרויס שמחה איז ער מיט איהר אריינגעגאנגען אין שטיב אריין, כפי איהר בני-בית איז נאך געוועהן אין טאלנער קלויז אונ פון גרויס התלהבות אונ חדוה, וואס ער האט זיא געמאכט פאר'ן רבי'נס חסידה, האט ער זיך מיט איהר אזוי פערטיעפט אין דעם ענין, אז זיי האבען זיך גאר ביידע פערגעססען, וויא זייא זאגען אין דער וועלט, אונ אינמיטען דער-אינען איז אנגעקוממען דער מאנן מיט'ן שווער גלייך צום ווייבעל אין אלקער אריין . . . סאמע ווען זייא זענען ביידע געוועהן גאר עט, עט!... אודאי האט ער זיך נעביך דערשראקען אויף טויט אונ איז נעביך אבגעליגען 10 טאג כסדר אין א שרעקליכער קאנוואלסיא, ביז ער האט נעביך הושענא-רבה אין דער פריא אבגעגיבען דיא כשר'ע נשמה אויף קדוש השם... פערשטעהט איהר שוין, וואס הילטייעס קענגען אויסטראכטען, אבי צו לעגען דעם רבי'נס כבוד!?... נאר

דער טויט האט דאך בעוויזען דעם אמת: דער רבי אליין איז געגאנגען צו זיין לויה, און הושענא רבה ביים טיש האט ער פון איהם גאר א גוזמא גערעדט מיט'ן עולם, און האט אויסגעלאזט בזה הלשון: „אוי ווא, אוי ווא! א ווילדער ירא שמים געוועהן! און כל ימיו ריין פון דער מעשה וויא א תנוק בן יומו'...“ נא? האט מען שוין וואס מסופק צו זיין?... נישמעהר, יא ריין-ניט ריין, אביא איך בין דעם רבי'נס לייב-גבאי!...

דארפען נאך א גליקקלעכערען מענטשען פון מיר, הא? — נאר אין איטלעכען מזל מוז זיך צומישען א חלק שלימזל אויך! דארף זיך מיר מאכען אזא ציפאלל, וואס איך וואללט מיך אין לעבען ניט גערעכט דארויף; און איך בין שיר שיר פון מיין גדולה אראב!....

און וואס מאכט עס אליץ? — ניט געניעטשאפט! הארט א מעשה, וואס דיא בארלינער זענען קאפאל צוטיהן אביא מחלל השם זיין און לעגען דעם רבי'נס כבוד!....

איך זיטץ מיר אזוי, אין א פרייטאג גאנץ פריא, אינ'ם רבי'נס פארשטיבעל, קיינער איז ניטא, און איך שרייב א בריעף צום חירעווקער קהל, זייא זאלען, למען השם, זעהען וויא גיכער פער'מסור'ן דעם דארטיגען לעהרער, און פאר וואס זייא שיקען שוין ניט ציא דאס גילדענע חנוכה-לעמפעל, וואס זייא האבען מבטיח געוועהן דעם רבי'ן א מתנה? — און וויא איך וויל זיך שוין אויפגעהויבען, ארייצוטראגען דעם בריף צום רבי'ן, ער זאל איהם אונטער'חתמה'נען — קלאפט איימעצער אזוי האסטיג אין טיהר: איך ווייס, אז אין דער צייט קוממט מען זעהר זעלטען צום רבי'ן, שוין בייא סכנות-נפשות-זאך... און האב באלד געעפענט דיא טיהר; איך זעה עפעס וויא א יונג ווייבעל אין איינע צרות, און בעטט מיך מיט ביטטערע טרעהרען, אז כפי זיא איז ניט קיין היעגע און מוז נאך היינט אוועקפאהרען, לכן זאל איך זיא באלד אריינלאזען צום רבי'ן; נא מילא: זיא האט מיר אנידערגעלעגט א דרייוועלשטיק פאר דער טובה און איך האב איהר אנגעשריבען א קוויטעל אזוי וויא זיא האט מיר געדוקטעוועט, און וואס, מיינט איהר, איז געשטאנען אין קוויטעל? — א דיא עטליכע ווארטער: „בתיה בת אסתר, להתפלל עליה, שהשד על-ישמע (זאל אויפהערען) לתבוע לה כל לילה וגם אשר תוכל לעשות טהור לבעלה... וכמו איה (און אזוי וויא) היא יש מעוברת יתן לה הש"ית זרע חיא וקימא בתוך כלל ישראל“ — א דאס איז גאר! — און האב זיא אריינגעפיהרט צום רבי'ן, דער רבי האט איבערגעלייענט דאס קוויטעל, האט געקרעכטצט און פערגלאנצט דיא אויגען, האט מיט איהר אקעגען א מינוט 10 גערעדט, און האט איהר מבטיח געוועהן, איהרע אללע דריי בקשות...

אוּן הָאט זִיא גֶעבֶּענְטְשְׁט .... אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט גֶעקְוֶועלְט, וָואס דֶער פִּדְיוֹן אִיז אַזוֹי גְרִינְג אוּן גְלַאטט אָבְּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבּ פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז סְ'אִיז דֶעמֶעלְט אַ ווִילְדֶער עֵת-רָצוֹן גֶעוֶועהן בַּיים צַדִיק!... נָאר נָאכ'ן בֶּענְטְשֶׁען טִיהט זִיא אַזוֹי דֶער רֶבִּי אַ פְרֶעג: „פִון וָואנֶעט בִּיסְטִי?" — „פִין חִירְעוָוקֶע" — עֶנְטְפֶערְט זִיא „פַאר וָואס אִיז דַיין מָאנְן נִיט גֶעפָארֶען צוּ מִיר?" פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי — „מַיין מָאנְן"? — אַנְטְוָוארְט דָאס וַוייבֶּעל — בַּא, בַּא, בַּא! אִיךְ זָאל הָאבֶּען אַ מָאנְן!... דָאס אִיז דָאךְ מַיין אוּמְגְלִיק, וָואס אִיךְ הָאבּ קַיין מָאנְן נִיט!..." — אַ דָא אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקִימֶען ווִיא אִין אַ מְבוּכָה אוּן פְרֶעגְט זִיא: שׁוֹין לַאנְג...?" — „שׁוֹין אַ יָאהר דְרַייא, אַז אִיךְ בִּין נֶעבִיךְ אַ ווִיסְטֶע אַלְמָנָה!"... הָאט זִיא גֶעעֶנְטְפֶערְט. „סְטַייטְשׁ — זָאגְט דֶער רֶבִּי — דִיא שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אִין קְוִויטְעל, אַז דִיא בִּיסְט מְעוּבֶּרֶת...!?" — „אַ דָאס — זָאגְט זִיא אִין טְרֶעהרֶען — אִיז דָאךְ טַאקֶע דָאס גַאנְצֶע אוּמְגְלִיק מַיינְס!..." אוּן אִיז גֶעפָאלֶען צוּ דִיא פִיסְס... אִיךְ הָאבּ זִיא, אוֹיפ'ן רֶבִּי'נְס אַ ווִינְק, בַּאלְד אַ חָאפּ גֶעטִיהן בַּייא דִיא הֶאנְד אוּן הָאבּ זִיא קָאם מִיט צָרוֹת אַרוֹיסְגֶעפֶּערְעט אוֹיפ'ן הוֹיף אַרוֹיס זִיא זָאל זִיךְ גֶעהֶען צוּ'ן אַלֶדֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר... נָאר זִיא הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ גְוַואלְד, אַז סְ'זֶענֶען זִיךְ אָנְגֶעלָאפֶען אַ פִילֶער הוֹיף מֶענְטְשֶׁען, אוּן פְלִיצֶעם חָאפְּט זִיא אוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן אוֹיסְטִיהן בִּפְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה... אוּן ווִיא זִיא הָאט נָאר אַרָאפְּגֶעוָוארְפֶען דָאס אֵייבֶּערְשְׁטֶע בֶּגֶד פִון זִיךְ — מֶע טִיהֶעט אַ קִיק: אוֹי, אַ דוּנֶער הָאט מִיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען! סְ'אִיז גָאר אַ יוּד מִיט אַ גֶענָאלְטֶער בָּארְד!... אָ דָא זֶענֶען מִיר, אַלֶע גַבָּאִים, צִיגֶעפָאלֶען צוּ אִיהם ווִיא דִיא בִּינֶען, אוּן מִיר הָאבֶּען אִיהם נָאר גֶעוָואלְט צוּרַייסֶען אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ... נָאר אִין דֶער מִינוּט הָאט עֶר עֶפֶּעס גֶעגִיבֶּען אַ הִילֶעכְדִיגֶען פַייף, אוּן תּוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר הָאבֶּען זִיךְ גֶעיָאוֶועט פִינ'ם רֶבִּי'נְס גָארְטֶען אַרוֹיס אֶפְשֶׁר 10 דִיסַאטְנִיקֶעס מִיט אַ קְוַוארְטַאלְנֶע, אוּן מֶע הָאט אוּנְז גֶעהַרְגֶה'ט גֶע'מֵמִית'ט אוּן עֶטְלִיכֶע אַיי פָּאלִיצִיֶע אַרַיין גֶענֶעהמֶען, אוּן דֶער רָשָׁע מְרוּשָׁע הָאט נָאךְ גֶעהֵייסֶען דֶעם קְוַוארְטַאלְנֶע אָבְּנֶעהמֶען בַּייא מִיר דָאס דְרַייעֶרְעל אוּן בַּיים רֶבִּי'ן דֶעם פִּדְיוֹן חַ"י רוּ"כ, (פְּלָאוֹת, בְּנֶאֱמָנוּת: ווִיא גְרוֹיסֶע הִילְטַייעֶם זַייא זֶענֶען, אַזוֹינֶע גְרוֹיסֶע טִפְּשׁוּם זֶענֶען זַייא ווִיעֶדֶער... ווֶען דָאס אֵייגֶענֶע אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט — וָואלְט עֶר דָאךְ שׁוֹין, עַל כָּל פָּנִים, גֶעזָאגְט חָאטְשׁ דְרַייא מָאל אַזוֹי פִיעל, ווֶען נִיט 10 מָאל!... אוּן מִיר וָואלְטֶען עֶס דָאךְ גֶעגִיבֶּען בְּשִׂמְחָה-רַבָּה... אַז אָךְ אוּן ווֵיעה אִיז טַאקֶע זַייעֶר נַארִישׁ-הִילְטַייסְקֶע-אָרֶענְטְלִיכְקֵייט!)... אוּן דֶער רֶבִּי אִיז שִׁיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוֶועהן — ווֶען דֶער קְוַוארְטַאלְנֶע אִיז נִיט אַ גִלְגוּל פִון... ווַייסְסְט אִיהר זְשֶׁע ווער דָאס אִיז גֶעוֶועהן, אָ דֶער

הילטייאיסקע ? — טאקע דער חירעוועקער לעהרער אליין ! . . . נאר וויא לאנג קריינקט ער , וויא לאנג ער האט דעם רבי'ן אבגענארט ! — דער רבי האט דער נאך בפירוש געזאגט מיט זיין היילינ מויל , אז אין איהם איז טאקע א ווייבירשע נשמה , א גלגול פין א ווילנא'ר מתנגד'קע . . . אז אך און וועה איז איהם ! . . . נאר דערוויול איז דער רבי אויף מיר ווילד ברוגז געוועהן , און שיר שיר וואלט איך געהאט איין העברה פין גבאית , ווען איך טראכט ניט צי עפעס א גיט מיטעל דערצי ! . . . אזעלכע מיטלען זענען אפילו ניט קיין נייעס ביי אונז חסידים . . . נאר ניט תמיד פאלט דאך איין אזא לעכטיגע מחשבה ! נאר צינד אידאס מיר גראד געקיממען אויפ'ן זינען , און איך האב זיך דערמיט ארויסגעראטעוועט פין מיין אומגליק ! טאקע נאר א סעיתא דשמיא , בנאמנות ! הארט א מעשה :

## 9.

## מעכצים קארק מיט שליאמקעס בויך טויג אויף כפרות ! א קלעפקע אין קאפ — א דאס העלפט פין אללע צרות . . .

נאך מיט א יאהר 3—4 פאר מיין קיממען קיין סירקעוו , האט אנגעהייבען דער צעפליקער פאטשטאר פאהרען צום רבי'ן 2 מאל אין יאהר , אויף ראש השנה און אויף פורים , און האט איהם יעדעס מאל געגיבען א פדיון 100 רובעל , חוץ מתנות , און פלעג איהם אלץ בעטען ווענען א בן-זכר , און דער רבי פלעג איהם אלץ מבטיח זיין , נאר עס איז שוין 2 יאהר אוועקגעגאנגען און דיא הבטחה איז ניט מקוים געווארען — מן הסתם איז דיא מניעה געוועהן מצד הפאטשטאר . . . און דאך איז ער אלץ וייטער געפאהרען צום רבי'ן און געשאסטעט מיט געלט כמקודם , און האט נאך א מאל זיין פלונית'טע אויך געבראכט מיט זיך צום רבי'ן . מיילא ביי דיא חסידים איז דאס כלל קיין חדוש ניט געוועהן , וואס אזא קאלטער יוד , וויא דער פאטשטאר פאהרט אלץ צום רבי'ן און גיט איהם אזעלכע רייכע פדיונות ? . . . „אדרבא — האבען דיא חסידים געזאגט — א דא זעהט מען ערשט דעם רבי'ס כוח מיט זיין גדולות , אז אפילו אזעלכע קאלטע נשמות ציהעט ער אויך צי צו זיך חאטשע זייא זענען פין

איהם ניט מקבל טובה אויף א האאר! . . .״ נאר ביי דיא מתנגדים אונ דיא בערלינער איז דאס א ווילד חדוש געוועהן, אונ ניט איין מאל האבען זיי איהם געפריווט אפשלאגען פינ׳ם רבי׳ן — נאר ער האט זיי געהארט וויא דעם קאטער — חאטשע ער איז מיט זיי אויך געוועהן א גיטער — ברידער — אונ איז טאקע ווייטער געפאהרען! . . .

וואס נאך? — אויפ׳ן דריטטען יאהר האט ער נאך אנגעהייבען פאהרען צו 4 מאל אין יאהר, חוץ א 2—3 מאל אין יאהר אזוי דורכפאהרענדיג אויף א טאג, צוויי, אונ יעדעס מאל געשאסטעט אויפ׳ן רבי׳ן מיט׳ן בני-בית מיט דיא נבאים כיד המלך, חאטשע קיין בן-זכר האט ער טאקע אלץ ניט! . . . א יא, א פלא? — נא, אדרבא; פאללט איהר, דייטשונעס, אויף דעם שכל, וואס דאס קאנן בעטייטען . . . ? א יא, אייך וועט עס גאר קיין מאל ניט איינפאללען? — אונ מיר, חסידים זענען באלד דערגאנגען דעם סוד דערפין. פשוט איז פשוט, ביי דער רבי׳צען איז געוועהן איהרע א פלימעניצע א מיידעל פין א יאהר 13, נאר קיין עין-הרע א געוויקסיגע אונ א יפת תואר פין דער וועלט . . .

נא? וואס נאך גלאנצט איהר דיא אויגען, נארישע דייטשונעס? . . . .

מן הסתם האט דער פאטשטאר אויף איהר געווארפען איין אויג . . . . כ׳לעבען, א שאנער, געזונדער מענש, רייך אויך, אונ א שטיקעל דייטש אויך דערצוא — אונ א ווייב, וואס זעהט איהם אויס כמעט א מאמע, אונ האט נאך קיין זכרים אויך ניט ... נא? . . . דיא קשיא: לאז זיך חלום׳ן אזא גאלדען מאדעל . . . מיט דער צייט וועט עס אפשר זיין א כשר׳ער טאפ מיט א כשר׳ען לעפעל! . . . אונ כך הוה: מיט זיין פיגור אונ מיט זיין שאסטען מיט געלט אונ מיט זיינע ווייבע הן׳עוודיגע איינגעליך, איז ער דעם מאדעל שטארק געפאללען, אונ צו 15—16 יאהר האט ער מיט איהר אנגעהייבען סודות . . . אונ ווייטער, ווייטער, ביז אויף איהר 18-טען יאהר האט זיא אנגעהייבען בעקומען פאסטעוועקעס . . . איך האב פין דער גאנצער אינטריגע זעהר ניט געוויסט, וואס דער פאטשטאר האט ניט בעצאהלט פאר שווייגען *) אונ צווייטענס האט עס מיר טאקע פשוט אזוי געטויגט צו מיין פלאן . . . נאך איין זאך מוז איך אייך זאגען, אז ווען דיא פאטשטארקע איז געוועהן ביים רבי׳ן, האט דיא רבי׳צען געזעהען אויף איהר א בראש מיט אוירינג, אודאי פין 7—8 טויזענד רובעל דיא ווערטה, אונ זיא

איז

*) שפעטער וועט איהר געוואהר ווערען, אז איך אליין האב א מיאוס׳ן טעות געהאט! דער פאטשטאר האט טאקע נאר אמת ליעב געהאט רחל׳ען, א ריינע, אומשולדיגע ליעבע, אונ האט נעביך געמיינט, אז זיא איז איין אונשולדיגער מלאך . . .

איז ממש פערקאכט געווארען נאך זייא . . . אונ פין דעמעלט אן גע
איהר דער פאטשטארקעס ציהרינג פינ'ם מוח ניט ארויס אזוי, א
זיא וואלט דיא נשמה דעם רוח אבגעגיבען, אביא דעם בראש מיט
דיא אוירינג צו בעקימען ! . . . פין דיא ביידע סודות, וואס קיינער
האט זיא ניט געוויססט, א חוץ מיר, איז בייא מיר פערטיג געווארען
אין מוח אזא פלאן : וויא דער פאטשטאר איז נאר געקימען צום
רבי'ן, האב איך איהם אוועקגענעהמען אויף א זייט אונ האב מיט
איהם געמאכט א שמים וועגען דער פלימעניצא . . . אונ אז איך האב
ביי איהם אויסגעטאפט זיין הארץ, אז ער האט זיא טאקע פשוט
ליעב אהבת-נפש אונ איז גאטאוו מיט איהר חתונה האבען — האב
איך איהם, כלומר'שט וויא כלא ידע, א פרעג געטיהן : נא, אין
וואס זשע איז דא דיא מניעה ? — „וויא הייסט „אין וואס“ ? — האט
ער פערוואונדערט געזאגט — אונ איהר פערשטעהט עס דען ניט ? עפעס
האב איך דאך א ווייב ! וואס טיהט מען מיט איהר ? . . .“ — עט !
זאג איך איהם ווייטער, וויא כלא ידע, דיא מניעה איז א קלייניגקייט ! —
אויב איהר מיינט נאר צו נעהמען דיא פלימעניצא מיט'ן גאנצען
הארץ — איז דיא מניעה גאר פין דיא קלענסטע . . . „וויא הייסט צי
איך מיין מיט'ן גאנצען הארץ ? — זאגט דער פאטשטאר כמעט מיט
טרעהרען אין דיא אויגען — איך זאג דאך אייך, אז אין איהר הענגט
מיין לעבען ! אונ ווען איך זאל עס נאר קאננען אויספיהרען, שפיעלט
ביי מיר קיין ראללע ניט, עס זאל מיך אפילו אבקאסטען מיין האלב
פערמאגען ! . . . נאר וויא אזוי זשע, ר' איציקעל, קען איך פטור
ווערען פין מיין ווייב . . . ? זיא וועט דאך ביי מיר קיין גט ניט נעהמען
פאר כל הון דעלמא ! ?“ — איי, האט מיר קיין פעראיבעל ניט, ר'
קלמן סערדצע, האב איך געזאגט דעם פאטשטאר כלומר'שט וויא מיט
איין פערטיעפטער אומריהיגער מינע — איהר רעדט אלץ פין אייער
ווייב, אונ מיך אהרט עפעס א סך בילעכערס דערפין ! . . . אלוואי
וואלט עס שוין נאר דערביי געהאלטען . . . איז שוין דער גט גאר פין
דיא קליינע זאכען ! עך, דיא מעשה, אויב פין אייער זייט זענט איהר
וויא פעסט בעשלאססען צו גט'ן ? . . . „גוואלד ! ר' איציקעל — האט ער
אויסגעשריגען מיט הארץ — מיט וואזשע נאך זאל איך אייך דערווייזען
מיין אמת ? — פערקעהרט אדרבא : גיט מיר נאר א מיטטעל, וויא אזוי
זיא זאל בייא מיר מוזען נעהמען גט ? — וועט איהר זעהען, צי וועלל
איך עס ניט אויספעלגען, עס מאג זיין מי יודע וואס פאר א מיטטעל ! . . .
אביא רהל'ען נאר צובעקימען פאר א ווייב ! . . . ווארען אהן איהר,
וועל איך מיר נאר חלילה א מעשה אנטיהן ! . . . .“ — עט, ר' קלמן
לעב, זאג איך איהם כלומר'שט מיט עגמת-נפש, האט מיר קיין



פעראיבעל

פעראיבעל ניט, ס'איז נאר געזאגט אויף דער היסע שעה . . איך קען דאך אייך, ר' קלמן, איהר זענט דאך א וועלטליכער יוד און האט ליעב יוצא זיין פאר אללע . . איך מיין פאר דיא דייטשען אויך! — און אז ס'וועט טאקע קוממען דערציא — וועט איהר ניט וועללען אבידיען אייער ווייב . . . זאג איך אמת, צי ניין . . . ? — „וויא הייסט — זאגט דער פאטשטאר ניט פערשטעהענדיג מיין כונה — איך מיין זיא גאר בפירוש ניט צו אבידיען; איך וועלל איהר באהבה אבגיבען אפילו מיין האלב פערמאגען! עס וועט מיר נאך, ברוך השם, בלייבען גענוג, אזוי וויט". (דערביי האט ער געוויזען מיט דער האנד איבער'ן קאפ.) — ניין! זאג איך איהם, ר' קלמן לעב, דערפין איז קיין רעדע ניט! דאס קענן איך אייך פאר א גיט הארץ . . . נאר איך מיין, אז בכדי זיא זאל נעהמען ביא אייך גט, וועט דאך אפשר מ'זען קיממען דיא זאך לידי בזיון פאר איהר כבוד . . . און אפשר נאך וועט עס בעריהרען איימעצען פין יענע לייט . . . כ'לעבען, ביי א נויטה קענן מען דאך ניט וויססען, וויא א זאך מאכט זיך? . . און דעמעלט קעננט איהר וועללען ארויסווייזען אייער אמביציע, און קאליע מאכען דיא גאנצע שפיעל . . . און איך זאג דאך אייך, ר' קלמן, אלץ מיינס: אז ס'איז נאך עפעס דא א סך א גרעסערע מניעה פין אייער ווייב . . . „צינד — זאגט דער פאטשטאר מיט פעסטער בעשלאססענהייט — האט שוין איהר מיר, ר' איציקעל קיין פעראיבעל ניט, וואס איהר הייבט ניט אן צו קעננען פיהלען יענעמס הארץ! נאר נאט אייך מיין האנד תקיעת-כף — אבער פאר א-נ-עהר-ליכען יודען קענט איהר דאך מיך — אז קיין מיטטעל וועט מיך ניט אבהאלטען דערפין צוליעב רחל'ען! גיט מיר שוין נאר דאס מיטטעל — וועט איהר שוין ארוים זעהן מיין אמת הארץ . . . מיילא, איהר לעבען שפיעלט דאך דא חלילה מיט גאר ניט! נא, איז וואס, אז זיא וועט פאק מוזען איבערטראגען א שטיקעל בזיון? . . דאס הייבט מיך ניט אן אהרען, כ'לעבען! און מכוח יענע לייט, וואס איהר זאגט — איז זיך עס גאר א שטות! — איך שפיעל נאר, מכי תיתי, א ראללע געגען זייא — אבער פרא מיר מאגען זייא אפילו הונד צוטהיילקיממען . . . ובפרט נאך פאר מיין רחל'ען! . . . זאגט שוין נאר דאס מיטטעל, ר' איציקעל — וועט שוין אי"ה זיין רעכט . . . נישמעהר יא, וואס מיינט איהר עס אלץ מיט אייערע דבורים, מכוח עפעס איין ערגערע מניעה . . . ? איהר מיינט אודאי דעם רביינס החכמה דארויף? . . . נא . . . ! דאס פערשטעה איך אליין גאנץ גיט, און איך וויים מיט וואס דאס שמעקט . . . נא מיילא, איז נאך פינעף טויזענט רובעל . . . און רחל'ע זאל זיין מיינע! . . ." ביי דיא

וואַרטעט האַט ער מיר געגיבען דיא האַנד תקיעת כף, אַז וויא אַזוי איך וועלל דיא זאַך אָבמאַכען, וועט ער מיר ניט דערווידער זיין אונ וועט מיר נאָך זיין צו הילף . . . פון דעם אַללעמען האָב איך שוין געוויסט, אַז מיט איהם בין איך פערטיג אויף אַלץ . . . . אונ האָב איהם מיט אַ פערביססענער מיננע אַ זאָג געטיהן: מיילא דער רבי יאַק דער רבי! דאָס זענט איהר דייקא, ר׳ קלמן, גערעכט: איז נאָך אַ אלף׳ר! . . . דאָס איז ניט פון דיא גרויסע זאַכען . . . נאָר דאָ שטעקט אָבער, ר׳ קלמן לעב, גאָר איין אַנדער שפּילקע! אונ פון דער שפּילקע איז טאַקע געווענדט אייער ווייבס גט אויך . . . ס׳הייסט: פון דער שפּילקע געווענדט זיך דאָס מיטטעל, וואָס איך מיין צו טיהן, אַז אייער ווייב זאָל מוזען נעהמען גט, אונ נאָר דורך איהרען אַ בזיון . . . אונ איהר בזיון וויעדער מוז בעריהרען איינעם פון יענע לייט . . . „איין עק! — האָט דער פּאַטשטשאַר אויסגעשריגען מיט אונגעדולד — איך האָב דאָך אייך שוין געגיבען אַ תקיעת כף! זאָגט זשע, שוין, ר׳ איציקעל, וואָס איהר מיינט? . . .“ — פערשטעהט איהר, ר׳ קלמן לעב, האָב איך איהם מיט אַ ערענסט-מרה-שחורה׳דיגע מיננע געזאָגט, בכדי איהם אַלץ מעהר פּאַראינטריסירען אין דער זאַך, ער זאָל אַללעס טיהן, וואָס איך וועלל איהם הייסען . . . פערשטעהט איהר, דיא שפּילקע שטעהט אייך אין וועג וויא איין אייזערנע וואַנד! נאָר איך האָב אַ מיטטעל, דורך וועלכען איהר זאָלט, ניט נאָר דערגרייכען אייער ציעל, נאָר ס׳זאָל נאָך גאָר אַזוי געשוינט ווערען אייער כבוד, אַז דיא רביצין זאָל אייך נאָך אַליין בעטטען, אַז איהר זאָלט איהר אויעדעם זיין . . . נאָר . . . (דאָס איבריגע האָב איך איינמיסטען ניט דערזאָגט, כדי זיין אַמביציא אַלס מעהר אַרויס צוריהפען . . .) „מיין כבוד, זאָגט איהר, זאָל געשוינט ווערען?! — האָט ער מיר מיט אַ ערענסט-שטוינענדיגער מיננע געפרעגט — וויא הייסט? איך פערשטעה ניט! מיט וועלכען האָב איך דען דאָ חלילה פערדיענט צו האָבען אומ׳כבוד?! נישמעהר, איהר קעהרט אַוודאי מיינען, אַז איך זאָל קיין פנים ניט האָבען עפּעס פון אַ יונגעלע, בעטטענדיג, ביי דיא יאָהרען אונ ביי מיין שטאַנד, אַ בתולה׳כען פאַר אַ ווייב, מחמת איך האָב זיא ליעב . . . ? אַוודאי הייסט דאָס פאַר מיר איין אומ׳כבוד, מע קאָן אַנדערש ניט רעדען! — אַ יאַ, אַ דאָס מיינט איהר? אַוודאי וועל איך אייך, ר׳ איציקעל, דאָס אייביג ניט פערגעססען, אַז איהר וועט מיר דאָ מיין כבוד דערהאַלטען באופן, אַז איך זאָל מיך ניט דאַרפען משפּיל זיין וויא עפּעס אַ בחור׳ל! . . זאָגט זשע שוין, ר׳ איציקעל, גיכער: טאַקע דאָס מיינט איהר? האַ?“ — איך האָב אַ קיק געטיהן, אַז ער רעדט עפּעס אַזוי

בִּזְמִימוּת . . . בִּין אִיךְ עֶפֶּעס ווִיא אִין אַ סְפֵקוֹת אַרַיין: צִיא ווַייסְט עֶר טַאקֶע נִיט פִין גָאר נִיט צוּזָאגֶען . . . צִיא פִיהְרְט עֶר עֶס גֶעגֶען מִיר אוֹיךְ זַיין אַמְבִּיצִיַא אוּנ מֵיינְט מִיךְ אֶפְשֶׁר אָבְּצוּטִיצְיֶען . . . ? אוּנ חָאבּ מִיךְ בַּאלְד, בְּמַחֲשָׁבָה, גֶענֶעהְמֶען אוֹיף אַיין אַנְדֶער סְטְרִיא . . . אוּנ הָאבּ אִיהם, ווִיא כְּלָא יָדַע גֶעאַנְטְוָוארְט: לָאז זַיין דָאס! . . . עֶר הָאט עֶס אָנְגֶענֶעהְמֶען פַאר אַיין אֶמֶת, אוּנ פָאללֶענְדִיג מִיר אוֹיפְ'ן הָאלְז פַאר שִׂמְחָה, הָאט עֶר מִיט הַארְץ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען: „זָאלל אַייךְ נָאר גָאטט אַזוֹי מְחַיֶה זַיין, ווִיא אִיהר הָאט מִיךְ דֶערְמִיט מְחַיֶה גֶעווֶעהן! נִישְׁמֶעהר, ווָאזְשֶׁע מֵיינְט אִיהר, ר' אִיצִיקְעל, מִיט'ן „נָאר“? . . . דֶעם „נָאר“ מֵיין אִיךְ, אַז אִיהר ווֶעט מוּזֶען שֶׁענְקֶען דֶער רֶבִּי'צְין אַייעֶר ווַייבְּס אוֹירִינְג מִיט'ן בְּרָאשׁ; אוּנ ווִיא אַזוֹי דָאס אָבְּצוּמַאכֶען אָגִיל וְאֶשְׂמַח? — זָאלְט אִיהר מִיךְ נָאר פָאלְגֶען, ווֶעט אַלְלֶעס זַיין רֶעכְט עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב! — אָט הֶערְט, ר' קַלְמָן, דִיא גַאנְצֶע אִינְטְרִיגֶע אִין דֶעם עִנְיָן, מִיט מַיין פְּלַאן דֶערְצִיא אוּנ טִיהט ווִיא אִיךְ וֶועל הַייסֶען! . . .

## 10.

## טַאקֶע זֶעהר רִיכְטִיג דֶער יֶעזוּאִיטִישֶׁער טִיטֶעל: „דֶער צְווֶעק הֵיילִיגְט דָאס מִיטְטֶעל“!

---

פֶערְשְׁטֵעהְט אִיהר, ר' קַלְמָן לֶעבּ, דָא אִיז אַזַא מַעֲשֶׂה: ר' מְחוּנְצִיא דֶעם רֶבִּי'נְס עֶלְטֶסְטֶער זִיהן, הָאט אוֹיךְ לִיעבּ רָחֵל'ֶען צוּם שְׁטַארְבֶּען! (דֶער פָאטְשְׁטַאר הָאט אַזְשׁ אַ צִיטֶער גֶעטִיהן בַּייא דִיא ווָארְטֶער). נָאר אַזוֹי ווִיא זַיין ווַייבּ פָאדֶערְט בַּייא אִיהם ד' אֲלָפִים רוּבֶּעל פַאר גֶט'ֶען זִיךְ מִיט אִיהם, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין בַּאשְׁלָאסֶען ר"ח אָדָר אַ פָאהר צוּטִיהן אוֹיף דֶער מְדִינָה, אוּנ מַאכֶען גֶעלְט אוֹיף צוּ גֶט'ן זַיין פְּלוֹנִית'טֶע אוּנ נֶעהְמֶען רָחֵל'ֶען . . . דֶער רֶבִּי ווַייסְט נָאךְ דֶערְפִין גָאר נִיט, נָאר דִיא רֶבִּי'צְין ווַייסְט עֶס יָא, אוּנ — ווִיא אַ מָאמֶע — טִיהט אִיהר זֶעהר ווֵעה דָאס הַארְץ אוֹיף זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען פְּלָאגֶען — זִיךְ נָאךְ רָחֵל'ֶען . . . נָאר, פִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט אִיז אִיהר, אִי אַ בּוּשָׁה דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן, אִי אַ ווֶעהְטִיג דֶער גֶט מִיט'ן רֶבִּי'ן ר' חֲנִינָא'לֶעס טָאכְטֶער, עֶס ווֶעט דָאךְ אוֹיפְרִיהְרֶען דִיא ווֶעלְט! . . . אוּנ, וְעַל כֻּלָּם, ווִילל זִיךְ

איהר זעהר ניט זיין נסיעה נאך געלט, ווייל, ראשית, וועט דער רבי ארבייטען מעשים אונ קענן איהם נאך חלילה אומברייננגען מיט זיינעם א קיק . . . והשנית וועט טאקע פשוט א דיא נסיעה א שטארקען פאדריוו מאכען דעם רבי'ן מיט איהר אין דיא פינאנסען . . . דערווייל שטעהט אזוי דיא זאך פערשפיליעט: ר' מחונציא איז פעסט בעשלאססען צו פאהרען, אונ דיא רבי'צין ווייססט דא גאר ניט, וואס זיא זאל טיהן . . ? ציינד פערשטעהט איהר אז איך וועלל איהר, אין א דער מבוכה, פארשלאגען דעם שדוך מיט אייך — וועט דאך איהר שוין לעבטיג ווערען אין דיא אויגען, ווייל דורך דעם ווערט זיא אויף איין מאל פטור, אי פון דעם זיהנם שענדליכע גט, אי פון זיין נסיעה, אי פינ'ם רבי'נס רוגז הס ושלום . . . נאר בכדי נאך צוטרייסטען איהר מוטטערליכען שמערץ אויף איהר קינד'ס פלאגען זיך . . . איז מיין עצה, כפי זיא עקט זיך גאר נאך אייער ווייבס אויריננ מיט'ן בראש, פין זינט זיא האט זיי אויף איהר דערזעהן ביי אייער זיין מיט איהר היע, לכן זאלט איהר איהר דאס שענקען במתנה גמורה, וועלל איך שוין פועל'ן, אז זיא וועט אייך אליין בעטטען איהר זאלט זיך משדך זיין מיט איהר פלימעניצא, אונ דאס זאל נאך אבגעמאכט ווערען אום שבת שירה, דער זיהן זאל גאר ניט וויססען פין וואנעט ס'איז געקימען . . . לכן פאהרט באלד א היים געזונדערהייט, אונ איך וועלל שוין אי"ה אללעם פארפערטיגען על צד היותר טוב, אונ ווען איהר וועט בעקימען פין מיר א בריעף, בפקודת הרב, זאלט איהר מיט אייער ווייב קימען אויף שבת-שירה צום רבי'ן מיט'ן גאנצען ציהירינג איהרם .... אונ עפעס א מתנה'לע דעם רבי'ן, וואס זאל אויך ליגען צווישען דעם ציהרינג . . . אונ דער עיקר איז, אז דער צעפליקער לעהרער מוז אויך דא זין דעמעלט אויף שבת, אונ דאס קענן מען אויספיהרען גאר בנקל: קימענדיג צינד א היים, זאלט איהר איהם, אזוי, בהעברה בעלמא, זאגען, אז איהר קימט פין דער גובערניע, אונ דארט איז א גרויסער מאנגעל אין לעהרערם, אונ אז קאם פאהרט ער זיך דרך אהין אויף איינינע טאג — וועט ער דארט געוויסס בעקימען דיא בעסטע לעהרער-שטעלע . . . איהר פערשטעהט? . . . אונ אזוי וויא מיר וויססען דאך, אז ער האט ניט אויף הוצאות-הדרך, וועט איהר איהם דורכ-ווארפען א ווארט, אז כפי איהר דארפט אין גיכען ווידער פאהרען אין גובערניע, קענן ער זיך דעמעלט אויך אויפזעטצען מיט אייך . . . איהר פערשטעהט .... ? דאס אלסדינג דארפט איהר איהם זאגען אזוי . . . כלאחר-יד, גלייך עס געהט אייך גאר כלל ניט אן . . . אונ גלייך איהר רעדט גאר ניט צו איהם . . . אונ אז איהר וועט

קימען א הער, וועט ער דאך שוין מוזען דא אויך שבת האלטען —
אונ דעמעלט וועט שוין אללעס אויסגעפיהרט ווערען על צד היותר
טוב! . . . מעהר פרעגט מיך ניט, ר׳ קלמן לעב, אונ פאהרט
געזונד, וה׳ יצליח דרכך! . . . אונ מיט דיא ווארטער האבען מיר
זיך ווידער געגיבען דיא האנד תקיעת-כף, אונ ביי א גיט גלאזעל
וויין האבען מיר זיך געזעגענט הערצליך, כדבעי! — אונ א פאאר
וואכען ארום איז דאך, מן הסתם, דיא רבי׳צען געוואר-געווארען פון
איהר רחל׳עס פעקקעל, אונ האט ניט אנדערש גערעכענט, נאר, אז
דאס איז פינ׳ס עלטערען זיהן איהרען, ווייל זיא האט ניט איין מאל
געזעהן, וויא אזוי ער טשעפעט זיך צו׳ן איהר, חאטש ער האט שוין
געהייסען ביי דער וועלט א פאלגער גיטער-יוד . . . מיילא, קענענט
איהר דאך פערשטעהען, וויא פינסטער אונ ביטטער ס׳איז איהר
געווארען! . . . ובפרט, אז רחל׳ע אליין האט איהר כמו וויא מודה
געוועהן — אהן ווארטער — אז דאס איז פינ׳ס יונגען רבי׳ן, ווארען
איך האב דאך איהר שוין געזאגט דיא בשורה, אז זיא ווערט אין
גיכען א כלה פאר׳ן פאטשטאר, וועלכען זיא האט אויך זעהר ליעב
געהאט צום שטארבען, (אונ — וויא עס האט זיך שפעטער ארויס-
געוויזען — א פנים אויך זעהר ריין אונ אונשולדיג . . .) אודאי האט
זיא — אויף דער רבי׳צענס פראגע: „פון וועהמען איז . . . אודאי פון
מחותנ׳צא׳ן . . . ?" — נאר געהאלטען אין איין וויינען . . . איז דאך
עס ביי דער רבי׳צען שוין אודאי געוועהן א גיטטער סמן . . . אונ
ביי דער דאזיגער געליגענהייט האב איך זיך ביסלעכווייס אנגעהייבען
אונטער-חנפה׳נען צו דער רבי׳צען, אונ איהר אלץ געגיבען אנצוהערען,
אז איך ווייס פון דער גאנצער מעשה . . אונ אז איך האב א תרופה,
וויא אזוי רחל׳ע זאל נאך גליקליך חתונה האבען, אונ עס זאל
אפילו א האאר ניט געקרימט ווערען, ניט פון איהרען, ניט פינ׳ס
רבי׳נס, ניט פון דיא קינדערס כבוד . . . אונ דיא גאנצע זאך זאל
גייא אין וואסער אריין, אז ס׳זאל אייביג וועגען דעם קיין האן קיין
קריי ניט טיהן! . . . וואס נאך האב איך איהר געזאגט? אז זיא
וועט נאך, דורך דער געשיכטע, בעקוממען דאס, צו וואס איהר
הארץ גליסט שוין אפשר 2 יאהר כסדר, אונ זיא וואלט עס אייביג
ניט אויסגעפיהרט . . . מיין רבי׳צען איז שיר פון דער הויט געשפרינגען
פון שמחה, אונ האט מיר אזוי פריינדליך א זאג געטיהן: „נא, אדרבא,
איציקעל, ראטעווע מיך ארויס פון דעם בזיון, וועסטו זיך, דורך מיר,
געהעכט אונ געקריינט ווערען ביי מיין אלטען! — נישמעהר וואס
מיינסטו עס דערמיט וואס דיא זאגסט עפעס, אז איך וועלל בעקוממען
יאם וואס איך גאר שוין 2 יאהר? . ." — וואס ווייסט איהר דא
ניט

ניט, רבי'צען קרוין, וואס איך מיין? איהר גאַרט דאָך שוין לאַנג נאָך דער פּאָטשטאַרקעס אויריננ און בראָש, ... נאָ, אַצינד קענט איהר זיי בעקוממען! . . . „אזוי איציקעל! — האָט זיא אַ געשריי געטיהן אויסער זיך פֿון פֿרייד — דיא האָסט מיר פּשוט אַ נייע נשמה אַריינגעזעטצט! ... מיילא, וויא אַזוי דיא וועסט דאָס מיר בעקוממען? ווייס איך ניט! נאָר לאָז שוין זיין וויא אַזוי ס'וועט זיין — אַביא איך זאָל זיי האָבען! . . .“ — וויא הייסט, רבי'צען קרוין? — האָב איך בלומר'שט מיט אַ פּרומם פּנים'ל געזאָגט — גנבה'נען וועל איך דאָך ניט געהען ביי יענעם! איך בין דאָך ניט וויא אייערע פֿריערינע גבאים... און צווייטענס, וויא אַזוי וועט איהר טראַגען גנב'יש — ציהרינג פֿאַר מענשען . . . ? — „מאָהל דיר דאָס, איציקעל, — זאָגט זיא מיט אַ פֿערביססען שמייכעלע — איז שוין פֿון דיא קליינע זאַכען: דאָס ציהרינג גיט מען צו אונזער גאָלדשמיד איבערארבייטען — און דענצמאָל אפילו ת"ק פּייגען דער וועלט! ... און דעם גאָלדשמיד גיט מען עס אויך נאָר אין בּרעך... און פֿערפאַללען אויף היינטיגען טאָג! ... נישמעהר יאָ — האָט זיא זיך פּליצעם אַ חאַפּ געטיהן, וויא פֿערשעהמט איבער דיא אויערען — דיא מיינסט דאָך, זאָגסטי, ניט גנבה'נען! — טאַקע זעהר רעכט פֿון דיין זייט כ'לעבען . . . יאָ, נאָר וויא אַזוי זשע דען וועסטי עס אַנדערש אויספֿיהרען? . . .“ — איך וועלל עס, מיט גאָטט'ס הילף, אויספֿיהרען, האָב איך איהר געענטווערט, אַזוי, אַז דער פּאָטשטאַר אַליין וועט עס אייך בּרענגען אין דיא האַנד אַריין! נאָר איהר זאָלט מיך פֿאָלגען און נעהמען דעם פּאָטשטאַר טאַקע פֿאַר רחל'עס אַ מאַנן! ער האָט זיא ליעב צום שטאַרבען, און גאַרט זעהר נאָך אַ בּן-זכר אויך . . . און אַז מע וועט איהם נאָר אַ פּיפּס טיהן דערפֿון, וועט ער זיך אָנחאַפּען דעראיגען מיט האַנד און מיט פֿיסס, און וועט נאָך פֿאַר דעם כּבוד גיט בעצאָהלען דעם רבי'ן אין בייטעל אַריין, חוץ דאָס ציהרינג . . . און רחל'ען האָט ער אַזוי ליעב, אַז ער וועט אפילו נאָכ'דעם קיין שאלות ניט מאַכען . . . איהר פֿערשטעהט, רבי'צען קרוין, וואָס איך מיין . . . ? איהר זעהט נאָר, דער רבי זאָל גיבען זיין הסכּמה דאַרויף! ... „מיילא, זיין הסכּמה — זאָגט זיא מלא שמחה און שטוינענדיג אויף מיין פּלאַן — איז שוין וויא ביי מיר אין קעשעני! — נישמעהר וויא אַזוי זשע, איציקעל . . .“ איך האָב איהר אַרויסגעחאַפּט דיא ווערטער פֿונ'ם מויל: וויא אַזוי דאָס קענן זיין אַז ער האָט דאָך אַ ווייב . . . ? אַ יאָ דאָס מיינט איהר, רבי'צען קרוין! ? — דאָס איז שוין נישט אייער דאגה! פֿערלאָזט זיך נאָר אויף איציקלען! אם ירצה השם אויף שבּת שירה וועט דער פּאָטשטאַר מיט'ן ווייב קוממען אַ העט, און עס וועט שוין אַלסדינג

זיין רעכט, אגיל ואשמח! . . . דיא רבי'צען האט מיר געגיבען איהר ווארט, אז דיא זאך איז אפגעמאכט, אפילו אויף חמש עשר בשבט א חופה שטעללען . . . אונ איך האב באלד אנגעשריבען איין בריף צו פאטשטאר, כמדובר . . . אין נאך א בריעף צום צעפליקער סטא־רעסטע, אז ער זאל, בפקודת הצדיק, קומען מיט'ן סבארשטשיק אויף שבת-שירה בלי שום תירוץ כלל וכלל! . . . אונ כך הוה: אויף שבת-שירה איז געקומען דער פאטשטאר מיט'ן לעהרער, כמדובר . . . אנ דער סטארעסטע מיט'ן סבארשטשיק במצוה בשם הצדיק . . . אונ איך האב שוין אנגעהויבען ארבייטען מיין פלאן באופן, אז איך זאל חלילה ניט בלייבען א פארך . . .

איך האב שוין לאנג געוואוסט, אז דער סטארעסטע מיט'ן סבארשטשיק זענען להרוג ולאבד אויף דער פאטשטארקע דערפאר, וואס, אז בעת דיא פאימאניקעס, האבען זייא געחאפט דעם צעפליקער לעהרער אונ האבען ביי איהם געוואללט צונעהמען זיין פאסס אונ פארברענגען, כדי איהם אבצוגיבען פאר א פאימאניק — אזוי וויא עס האט זיך דערמעלט געפיהרט — נאר אויף דער מינוט איז גראד דורכגע־גאנגען דיא פאטשטארקע אונ וויא זיא האט דערזעהן וויא דיא שאגע
2 לייט ראנגלען זיך אזוי מיט איהם אונ ווילען ביי איהם אויסרייסען דעם פאס — האט זיא בייא איהם א חאפ געטיהן דעם פאס פון זיין האנד אונ איז גלייך געלאפען צום נאראדניטשיע אונ האט איהם געוויזען דעם פאס אונ דערצעהלט דיא גאנצע מעשה, אזוי אז דער נאראדניטשיע האט באלד בעפרייט דעם לעהרער אונ דיא ביידע חברה-לייט האט ער געהייסען איינזעטצען אויף א חודש אין טורמע, אונ האט זייא נאך שטראפירט צו 100 רובעל א יעדען. פון דעמעלט אן ברענגען זיי אויף דער פאטשטארקע א העללישע פייער, אונ זייא זאלען נאר קענען, וואללטען זיי זיא דערטרענקען אין א לעפעל וואססער . . . היינט פערשטעהט זיך, אז איך האב זיי נאר בעדארפט זאגען דאס ווארט: „נקמה אין דער פאטשטארקע מיט'ן לעהרער" . . . בין איך שוין מיט זיי פארטיג געווארען אויף כל הרעות שבעולם! . . . אונ וואס האב איך זיי, מיינט איהר, אנגעשטעללט? — גאר א קלייניגקייט, בנאמנות! ; אז ווען איך וועלל זיי נאר א ווינק טיהן — זאלען זיי געהען אבגיבען ביים רבי'ן א גביהות-עדות אויף דער פאטשטארקא, אז זייא האבען זיא אליין געזעהן עטליכע מאל מיט'ן לעהרער אליין אין דער שטאלל, ביי איהר אויפ'ן הויף, אונ איין מאל האבען זייא אונמיסטען זיך בעהאלטען אונטערען טויער ביז זיא וועט מיט איהם ארויסגעהן, האבען זיי, ערשט אין א האלבע שעה ארום, געזעהן זיא ארויסגעהן פערפלאממט דיא באקען, אונ ער צושפיליעט אונ

צעשוידערט די בייהאאר און פארפאליעט וויא א שניידער-יונג ... גאר ביז א העך האבען זייא עס אבגעשוויגען, בכדי ניט מביש זיין דעם פאטשטאר, און טאקע ניט מוציא שם רע זיין אויף א יודישער טאכטער, ביז מע האט זיא ניט געחאפט בגלופין — נאר צינד, נאך דער מעשה מיט'ן ציהרינג, קעננען זייא געהן שווערען אין טלית און אין קיטעל, אז זיא איז טאקע איין אמת'ע חצופה בריש גלי! ...

דעם פאטשטאר וויעדער האב איך אנגעזאגט, באלד וויא ער איז געקימען, אז ער זאל דעם לעהרער הייסען זיך נעהמען א בעזונדער שטיבעל אינ'ם איינפאהר-הויז איבער שבת, און אויף אויפדערנאכט בעת ער וועט אוועקגעהען צום רבי'נס טיש, זאל ער אזוי, כלאחר-יד, א זאג טיהן דעם ווייב, אז ווען זיא וועט דארט געהען עססען זאל זיא, אויס רחמנות, אריינבעטטען דעם לעהרער אויך אויף וועטשערע צו זיך ... דער רבי האט שוין ביי זיך געוויססט, וואס ער האט צו טיהן מיט דער פאטשטארקע, בעת זיי וועלען נאך ערב שבת ביי טאג קימען איהם מקבל פנים זיין ... און וואס מיינט איהר חלילה? גאר ניט כ'לעבען! אז דער פאטשטאר מיט'ן ווייב זענען אריינגעקימען צום רבי'ן, האט איהם דער רבי באלד שלום געגיבען בסבר פנים יפות, און מניה וביה האט ער אויף איהר א שרעקליכען מרה-שחורה'דיגען קיק געטיהן און, פאר-גלאנצענדיג די אויגען, האט ער, וויא צווישען די ציין, א זאג געטיהן: „דינים, דינים! שרעקליכע דינים!" ... אויפדערנאכט אין דער פאטשטאר נאכ'ן דאווענען געבליבען אין קלויז ווארטען אויפ'ן רבי'ן, נאר וויא מיין אונטערגעשיקטער שלוח איז געקימען און האט מיר איינגעראמט, אז, נאר וואס, האט זיך די פאטשטארקע געזעצט עססען מיט'ן לעהרער — האב איך א חאפ געטיהן דעם פאטשטאר: קיממט צו איך אויף דער אכסניא! און וויא איהר וועט גאר אריינקימען אין שטיב, זאלט איהר באלד זעהען נעהמען צו זיך בסתר דאס ציהרינג, ס'הייסט די אוירינג מיט'ן בראש און נאך א פינגערעל דערציא, און זאלט עס מיר אונטערוויילעכס איבערגיבען ...

דער פאטשטאר האט אויף מיר דעם מינדעסטען חשד ניט געהאט מכוח: טאמער וויל איך עס גאר צינעהמען זיך? ... ווייל די רבי'צען מיט רחל'ען האבען איהם שוין דורכ'ן טאג עטליכע מאל געמאכט איינגליך און חנ'דלעך אזוי, אז ער האט זיך איבערצייגט, אז די זאך איז אבגעבעטט לטובתו ארום און ארום ... איך מיט'ן פאטשטאר און נאך אקעגען א מנין חסידים, אללע אבגעבעטע פון פריער ... זענען מיר אריין אין זיין שטיבעל מיט א ברייטען גיט שבת דער פאטשטארקע, און אללע וויא מיט א שטוינענדיגען בליקק

אויפ'ן לעהרער און אויפ'ן פּאַטשטאַר, וויא איינער רעדט: וואס אידאס? וויא קיממט אהער דער בערלינער צום רבּי'ס מקורב, און נאך ביחידות מיט איין אשת-איש . . . ? און דער פּאַטשטאַר האט באלד געהייסען גיבען וויין, מיר האבען אללע קדוש געמאכט און אביסעלע פריילינג געווארען, און אז דער פּאַטשטאַר האט מיר שוין אריינגעריקט דאס ציהרינג . . . האב איך אונטערוויילעכס אריינגעשטופּט דאס פינגערעל אין דער ביזעם-קעשעניע פינ'ם לעדערנעם פּאַלטאָ, וואס איז געהאנגען אויף א צוויאק לייבען דער טיהר . . . און מיר האבען זיך גאַנץ היבש צוהילייעט און צעווערטעלט זיך אויפ'ן לעהרער'ס סמשאט בכון, כדי ער זאל גיכער אוועקגעהען . . . און כך הוה: ער האט אנגעטיהן דעם פּאַלטאָ און איז אוועקגעגאַנגען אין זיין שטיבעל אריין און אין א האלבע שעה ארום האט זיך דער פּאַטשטאַר, כלומר'שט וויא דערמאהנט, (דאס איז אלץ געוועהן אזוי אבגעגעבעט מיט מיר). אז ער האט געבראכט דעם רבּי'ן זעהר א טהייער פּישקעלע א מתּנה, און מיר האבען איהם כלומר'שט געבעטען, ער זאל עס אונז ווייזען . . . ער האט כלומר'שט וויא תּחלת ניט געוואלט, נאר ענדליך האט ער אונז צוליעב געטיהן און האט א זאג געטיהן דעם ווייב: „נעהם מיין ווייב ארויס פינ'ם שקאטולקעלע דאס פּישקעלע, וואס איך פיהר דעם רבּי'ן . . .“ נאר וויא זיא האט געעפענט דיא שקאטולקע, איז זיא פּליצעם געווארען געהל און גרין, האט זיא נאך א 2 מינוט געבאברעט, און האט ענדליך אויסגעשריגען מיט א ווילד קול: „קלמן, דאס ציהרינג איז ניטא!“ — „וויא הייסט?“ — האט דער פּאַטשטאַר, מיט א כלומר'שט ערענסטער און פערווינדערטער מינע געזאגט — פאר מיין אוועקגאנג צום רבּי'ן צו קבּלת שבּת איז דאך עס נאך געוועהן! וויא זשע האט עס געקענט הינקיממען? . . . חלילה! מן הסתם האסטי עס אפשר ערגעץ איבערגעלעגט און האסט פּארגעססען . . . זיעך נאר גיט און שרעקק זיך ניט . . .“ זיא האט אנגעהייבען זיכען, מיר אללע האבען ציגעהאלפען זיכען, א כלל מע האט איבערגעקעהרט דיא שטיב — ניטא דאס ציהרינג! — איך האב באלד, כלומר'שט וויא סטראַגע, א געשריי געטיהן: ר' קלמן לעב, באלד זאלט איהר אונז אללע בעזיכען! אונזער הייליגע גמרא זאגט „כבּדהו וחשדהו . . .“ ער האט ניט געוואלט אפילו הערען דערפון, נאר איך האב איהם געצווינגען דערציא, און ער האט אונז אללע איבערבעזיכט . . . ניטא דאס ציהרינג! . . . מע האט אריינגעריהפען דעם בעל אכסניא מיט דעם משרת; זיי האבען געשוואָרען, אז מע האט געמאגט גלעבען א מ . . . און האבען זיך אויך געלאזט בעזיכען, — ניטא! ענדליך טהט א געשריי דער משרת. „דא האט דאך מיט איך

געגעכטען דער דייטש, וואס איז מיט אייך געקוממען . . . ? זייט מיר הונדערט מאל מוחל, איך קענן דאך איהם ניט! אפשר . . . ? לאז מען איהם אויך געהען בעזיכען! וועה איז מיר, אז ס'וועט אויף מיר פאלען א חשד גניבה, בין איך דאך געקוילעט פון ברויט! ווער וועט מיך שוין צינעהמען פאר א משרת צו זיך? . . ." דער פאטשטאר האט כלומר'שט פארווארפען מיט האנד אונ פיסס „חס ושלום! ס'איז איין ארענטליכער מענש! מיר קעננען איהם שוין יאהרען לאנג! וויא זאל איך פליצעם אזוי מבייש זיין א מענשען . . . ?" נאר דער בעל-אכסניא מיט'ן משרת האבען ניט געוואלט אבטרעטען, ביז מע זאל געהען צו אידם אין שטיבעל, איהם אויך בעזיכען, כדי פון זיי דעם חשד אראבנעהמען, אונ דער פאטשטאר מיט'ן ווייב אונ מיר אללע האבען געמוזט אריינגעהען צום לעהרער אין שטיבעל אונ מאכען איין אביסקע! מיילא, וואס זאל איך אייך א סך בריען? . . . מע האט פריער איבערגעקעהרט דיא שטיב, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מע האט געפינען דאס פינגערעל אין דער ביזעם-קעשעניע פון זיין פאלטא. . . דער פאטשטאר האט כלומר'שט געבעטען, מע זאל ניט אנמאכען קיין ליארעם אונ ניט אויסגיבען דעם לעהרער, . . . נאר דער בעל אכסניא האט תיכף געשיקט נאך דער פאליציא אונ מע האט דעם בארלינער מחילה אהן כלי-זמר, אוועקגעפיהרט אין פאליציא אריין, אונ מיר האבען דערווייל געווארפען שטעכווארטליך אויף דער פאטשטארקא, אין וועלכע מיר האבען אזוי . . . נאר ברמז . . . געגיבען אנצוהארען דעם פאטשטאר, א סברא, אויב זיא האט עס איהם אליין ניט אוועקגעגיבען ברצון הטוב . . . וכדומה אזעלכע ווארטליך . . . אונ מיר זענען אללע אוועקגעגאנגען צוריקק אין קלויז אריין . . .

ציגד דארפט איהר שוין, רבותים, פערשטעהן דעם סוף פון דער שפיעל: אויף מארגען האט שוין דיא גאנצע שטאדט געקלינגען מיט דער מעשה, אונ אללע חסידים זענען געוועהן ביי דער מיינונג, אז דאס האט איהם דיא כלב'טע, דיא פאטשטארקא אליין געמוזט אוועקגיבען דאס ציהרינג, אדער, לפחות, דורך איהרע הילטייסקע פיהרעכצען מיט איהם, האט ער עס גענומען כמעט מיט איהר רשות דארויף . . . שבת-צונאכטס איז דער פאטשטאר מיט'ן ווייב געלאדען געוועהן צום רבין אין זיין יחידות-שטיבעל, אונ דער רבי האט גע-מאכט זיינע ווילדע הויות אונ אלין געקרעכצט, אז ער זעהט אין הימעל א שרעקליכען קטרוג אויף דעם פאטשטאר'ס פלונית, אונ אינמיטטענדעראינען זענען אריין אין שטיבעל דער סטארעסטע מיט'ן

ספארשטשיק אונ האבען אבגעגיבען זייער גביהות-עדות... אונ די פאטשטארקע איז חלשות געבליבען...

נא מיילא? מע האט זיא דערמינטערט אונ אוועקגעפיהרט אויף דער אכסניא. וואס דארט האט זיך איבערגעטיהן צווישען דעם פאאר פאלק? פערשפאר איך אייך זאגען, נאר זאנטאג אין דער פריא האבען זייא זיך בײם רבי'ן אין שטיבעל גע'ג'ט... זיא איז בחרפה ובבושה א היים געפאהרען אונ מאנטאג ביינאכט זענען געוועהן תנאים צווישען פאטשטאר מיט רחל'ען... דער רבי האט גענומען 500 קארבען, די רבי'צין — דאס צירונג, איך א מנה-יפה אויף א-נ-אנדער אופן.. אונ מיטוואך חמשה עשר בשבט, איז געוועהן די חופה למזל!.. הייסט פערשטעהט זיא יתגדל ויתקדש איך בין געווארען בײם רבי'ן!...

# 11.

## מען דארף פאלגען דעם רבי'ן ביז אין פינטעלע אריין, דער דין מיט'ן יושר מאג אפילו ניט אזוי זיין!

---

איך בעטט איבער אייער כבוד, מיינע ליעבע לעזער, וויא אזוי דערמאהנט זיך עס ניט חאטש איינער פון אייך אין דער גאנצער צייט, א פרעג צוטיהן: וואס הערט זיך מיט מיין פלונית'טע?... האלטען אייך פאר א'עלכע צדיקים וויא בועז, אויף וועלכען די גמרא חדוש'ט זיך, וויא ער קומט צו פרעגען אויף א-נ-אשה? — ווייס איך, אז ס'איז א ליגען! מע דארף ניט מעהר צדיק וויא אונזער רבי-פריטאה פרעגט ער אויך אפט זיינע רייכע מקורבים „וואס מאכט אייער פלונית'טע?" — זאגען, אז איהר שייט זיך צו מישען צווישען א פאאר פאלק? — איז אודאי א ליגען! ביי וועלכען נאך פאלק אין דער וועלט קוקט אזוי איינס דאס אנדערע אין טאפ אריין... וויא ביי יודען?... אפשר פרעגט איהר ניט דערפאר, וואס איהר זענט אין כעס אויף מיר, פאר וואס איך האב זיא פערגעססען מכל וכל — ? דאראף וועלל איך אייך אין קערצען זאגען, אז איך האב דייקע אין איהר ניט פערגעססען, והא ראיה, אז זיא האט שוין איז דער צייט 5 קינדערליך... ווארען אללע יאהר האט איך מיך אלין ארוים, איין מאל אין יאהר, אויף א טאג-צוויי, אונ פערשטיפ איהר דאס מויל מיט עטליכע גילדען

אויך . . . נא, וואס נאך ווילט איהר . . . ? נאר טאמער פרעגט איהר מיך ניט אויף מיין פלונית'טע דערפאר, וואס איהר האט זיך אזוי שטארק פערטיעפט אין מיינע מעשות — ? דאס, זעהט איהר, חדוש'ט מיך שוין אויף אייך, ווי איך פערשטעה אייך שוין גאר ניט ! — נאך א מאל : דיא אללע מעשות זענען דען א נייעס ביי אייך ? — מיר דאכט זיך, אז איהר ווייסט זיי נאך א סך מעהר פון מיר, וואָרען ווער מאכט דען אן א דעם גאנצען ענין, און ווער ברענגט דען צו דיא אללע מעשות, מעהר וויא איהר אליין . . . ? און ווען ניט איהר, וואָלט איך דאך גאר בסך הכל ניט געהאט פון וואס צושרייבען ! — נישמעהר איך ווייס זעהר גיט, אז ווען מיין פלונית'טע זאל זיין א שאן ווייבעל — וואָלט איהר זיך געוויס אינטערעסירט, א פרעג צו טיהן וועגען איהר . . . און אז ס'איז יא אזוי — וועלל איך אייך, אויף צולהכעיס, דייקע אליין דערצעהלען, וואס מיט איהר האט זיך פאסירט ביז אהער, און וויא אזוי איך האב זיא בעהאנדעלט צו לעטצט — און ווייסט, אז א חסיד איז א סך מעהר עדעלמיאנן פון אללע אייערע דייטשען און ישובה'ניקעס אקעגען זיין ווייב און קינדער ! . . .

אין א האלב יאהר הארום נאך דעם פאטשטארס מעשה, איז צום רבי'ן געקומען וואגען זיין שוועסטערס א טאכטער, א יונג אלמנה'כען פון א יאהר 28, א געזונד מבוער ווייבעל, לויטער, דיקלעך, שווארצע אויגען מיט פארביגע באקקליך, און זיא איז מיר שטארק געפאלען, דער רבי מיט דער רבי'צין האבען מיר עטליכע מאל געניבען אנצוהערען מכוח חתונה האבען מיט איהר, האטשע דאס ווייבעל גופא האט עפיס ניט אזוי גיט געקוקט אויף מיר . . . נאר עס וואלט דאך איהר ניט געהאלפען . . . נאר געה טיה עפעס, אז איך האב אזא פעקיל אויף דיא פלייצעס . . . ? איהר קענגט אייך פארשטעללען מיין דאסאדע, אז מע זעהט דאס גליק פאר דיא אויגען ; נאך וואסער א גליק ? ווערען, ס'הייסט, כמעט דעם רבי'נס איין איידעם ! איהר פערשטעהט, וואס דאס הייסט . . . ? נא, און טאקע אזא געזונד לויטער ווייבעל . . . ס'הייסט דאך ממש : דעם גן-עדן אויף דער וועלט ! . . . און איבער אזא זלידניע, אזא מאוס'ניצע, אזא חראנדיע — קענן איך עס ניט דערלאנגען ! . .

און צו מיינע צרות, בעפעלט זיא מיר נאך אלץ גריסען, דורך קראקאדילעווקער חסידים, אז באשר, זיא געהט דארט ארום מיט דיא קינדערליך פון קעלט און הינגער — זאל איך איהר שיקקען כאטש א צעהנט-חלק פון מיינע פערדיענסטען ; נא, וואס זאגט איהר צו אזא עזות פנים ? . . . מאהלט אייך ראשית קלויב איך גאר, מיינע

שכירות מיט אללע מיינע הכנסות, ביים רבי'ן אזוי, אז איך וועל
דערפין ניט רירען א גראשען אפילו פין מיינעט וועגען! והשגית
מאג דאך, דאכט זיך, אזא יפהפיה דיישקעס קנייטען און האדעווען
איהרע קינדער! הא, וויא זאגט איהר?... אז איך קען זיא
פארט ניט אנקיקען פין דער חתונה אן... און פין זינט איך זעה
דאס מכוער'ע ווייבעל! אודאי ניט!... און קיין גט וויל זיא ניט
נעהמען אהן כתובה — נא, וויא קען מען אויסהאלטען, הא?...
פריטאה וועט איהר, א דא ווייטער, אליין זעהען מיין עדעלקייט
וויא אזוי איך האב שוין, א דער זיססער יפהפיה, גערעכענט צו
גיבען איהר כתובה דאוריתא — און זיא האט נאך ארויסגעוויזען איהר
עזות און חוצפית מיט איהר רשעות נעגען מיר, אז א מלאך אפילו
וואללט עס שוין אויך ניט געקענט איבערטראגען פין אזא מאוס'ניצע
א מרשעת!... אט הארט איגמיסטען, און קיממט מיר צוגלעבען:
א מאל אין א פרייטאג-צונאכטס פאר'ן קדוש, האט דער רבי צו
זיך אין שטיבעל אריינגעריהפען דיא רבי'צען מיט זיין פלימעניצע און
מיך אויך, און ער האט געמאכט איין אפפענעס שמים מבוח משדך
זיין זיין פלימעניצע מיט מיר, און האט מיר ריין געזאגט בזה הלשון:
„זאלסט וויססען איציקעל, אז מע לאזט מיך מן השמים ניט רוהען
מכוח דעם זווג, און מע ווייזט מיר שטענדיג אין חלום דיא ווארטער
„יצחק-ורבקה“! (דאס ווייבעל האט געהייסען „רבקה“) על כן איז בי
מיר מיט דער רבי'צען געבליעבען, אז דוא מוזט שוין טאקע פאהרען
לק"ק קראקאדילעווקע און אבגעט'ן דיין פלונית'טע! איי זיא וויל דאך
אבער דיא כתובה, און דיא האסט דאך נעביך ניט איהר צוגיבען —
און פין דעם מעות, וואס דיא האסט ביי מיר, איז דאך פשוט
א-נ-עבירה צראָצונעהמען, דארפסט דאך ערשט אנהייבען לעבען מיט
מיין קרובה, האטש וויא לייבען לייט ... לכן געפין איך, אז דוא
דארפסט איהר גיבען א בעל-כרחו-גט און ס'זאל דאך מעהר ניט
קאסטען וויא דיא הוצאות קיין קראקאדילעווקע מיט 2 עדות... און
דאס קלייניקייט האסטי נאך מן הכתם ביי זיך... ובכן דארף
מען נאך צווארטען א פאאר וואכען ביז שבת-חנוכה, דעמעלט
פאהרט דיין חסיד-שוטה, דער ווערעמדיגער נסתר דיינער, צום
זאדקיווער אויף שבת מיט דער שוויגער מיט דיינער — זאלסטי טאקע
מוצאי-שבת-חנוכה בין השמשות, חאפען א גיטע פאאר סוסים מיט
מיינע 2 תיש-נבאים; קיין קראקאדילעווקע איז פין דאנעט סך הכל
דריטהאלבען מייל, וועסטי געוויסס קאנענען אבטיהן דיין זאך, און
נאך אויספיען צוריק אויף מלוה-מלכה... ציגד מאך איך דערווייל
צוויי'ען איך א ווארט, לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה.

און א״ה, אז דיא וועסט קימען א גע׳גט׳ר פֿון קראקאדילעווקע. וועללען מיר זאת חנוכה שטעללען א חופה" . . . (און ביי דיא ווארטער האט ער ארויסגענעהמען זיין זיידענע פאטשיילע פֿון דער זשיפעצע, און האט געגיבען מיר מיט׳ן ווייבעל מקבל קנין זיין . . .) און ער מיט זיין הייליג מויל האט דער ערשטער געזאגט „מזל טוב!“ . . . דעם ווייבעל האט זיך אפילו געשטעללט טרעהרען אין דיא אויגען . . . נישמעהר, אקעגען רבי׳נס רצון וועט זיא דאך ניט געהען! . . . איהר קענגט פערשטעהן, וויא אזוי איך בין געוועהן אין זיבעטטען הימעל . . . און מיט וואס פאר א נאארען איך האב גענאארט, שוין צודערציהען דיא 2 וואכען!? . . . איך האב יאקאם דערלעבט דעם שבת־חנוכה, און האב נאך געהאט א ידיעה פֿון קראקאדילעווקע, אז מיינע 2 זיססע שוואגערליך זענען אויך גראד ניטא צינד אין דער היים; און תיכף נאך מעריב האב איך געכאפט דיא עגלה מיט דיא פאאר סוסים, וואס איך האב נאך פֿרייטאג בעשטעללט און וואלי מיט דיא 2 טיש־גבאים קיין קראקאדילעווקע! דער רבי האט מיר גאר געזאגט „יברכך“ און מיר מבטיח געוועהן בפה מלא: „השם יצליח דרכך ולא יחרץ כלב לשונו“ . . . און חאטש דער רבי זאל מאריך ימים זיין, האט מיר קיין כתובה איהר ניט געהייסען גיבען — האט מיך דאך מיין גיט הארץ ניט דערלאזט דערציא, און איך האב מיט זיך גענעהמען מיינע לעטצטע 100 רובעל, איהר כתובה־דאורייתא איהר צוגיבען! זעהט איהר שוין, דייטשונעס, מיט וועהמען איהר האט פֿיר, הא? . . . בעדיי אויף דעם רבי׳נס פקודה עובר זיין — און טיהן על פי היושר . . . (און אפשר האט מיך טאקע א דיא עבירה בעגראבען! . . . א קאטאוועס דעם רבי׳נס בעפעהל! . . .) א כלל, דער בעל־כרחו־גט ליגט שוין גרייט אין קעשעניע, וועלכען דעם רבי׳נס סופר האט נאך ערב שבת אנגעשריבען . . . און מיר פאהרען לק״ק קראקאדילעווקע! — אנקימען זענען מיר קיין קראקאדילעווקע ארום 8 א זייגער ביינאכט, דיא עגלה האבען מיר אינמיטען אבגעשטעללט ווייטער פֿין דער חורבה, וויא מיין יפהפיה האט געוואינט . . . און מיר זענען אין דרייען שטיללערהייט צוגעגאנגען צו דער חורבה און זיך אבגעשטעללט אביססעל אונטערען פענסטערעל פֿין איהר אלקערעל, קיין לעבעדיג נפש איז ניט געוועהן אין גאססעל און קיין הונד האט טאקע באמת קיין האווקע ניט געטיהן, חאטשע א פיהר. אין דער פיסטקע קראקאדילעווקע פלעג תמיד, פאר א־נ־אוועע, אויפהייבען גאנצע טיטשקעס הינד, אז זיי האבען פֿערהילעכט דאס גאנצע שטאדטעל מיט דער סביבה הערום! . . . דא האבען מיר באשאנפֿערליך געוועהן דעם רבי׳נס ווארטער אות באות, און מיר זענען שוין פעסט

פערזעכערט געוועהן, אז דיא גאנצע מעשה וועט וויא אין וואססער אריין, אז קיין האן וועט אפילו קיין קרייא ניט טיהן . . . געה זייא א נביא אונ ווייסס, אז דיא פיהר האבען מיר אבגעשטעללט גראד לייבען א שטיב, וויא עס האט געוואינט איינער פין דיא בערלינער. וואס איז ניט לאנג אנגעקיממען קיין קראקאדילעווקע פאר איין אקציזניק? אודאי בעת מיר זענען זיך דא אזוי ריהיג אונ פריילין געשטאנען, האט ער דארט בעמערקט דורך זיין פענסטער דיא עגלה, אונ נאר פין זייער נייציגקייט, איז ער א בהלן געוועהן ארויסגעהען אונ זיך דערפראגען ביים שמייסער, א יונגעל פין א יאהר 15, ווער דא איז געקיממען אונ פין וואנעט? אונ דער שוטה האט איהם געזאגט, אז דאס זענען געקיממען דעם רבי'נס דריי גבאים פין סירקעוו, אללע מיט דיא נאמען, אונ ער האט זיך עס גיט אין קאפ אריין גענעהמען . . . דער שוטה זאל נאך געוועהן וויססען, וואס מיר זענען געקיממען? — וואללט ער איהם דאס אויך געוועהן געזאגט! — נאך א גליק, וואס דער אפיקורס האט נאך, א פנים, ניט געוויסט, אז איציקעל דעם רבי'נס לייב-גבאי איז דעם נסתר'ס איין איידעם אין קראקאדילעווקע — וואללט ער נאך געוויס א בהלן געוועהן צו וועללען וויססען, וואס אין דער חורבה טיהט זיך? אונ ער וואללט אונז שוין טאקע אויפ'ן ארט געוועהן געפאקט . . . נא, מיילא! זעהט איהר דאך, וויא איבער מיין כוונה, צו טיהן על פי דעם דייטשונעשען יושר, נגד דעם רבי'נס רצון — האט עס מיר, אומשטיינסגעזאגט, דעם שכל אבגענעהמען, איך זאל בעצייטענס אנזאגען דעם יונגעל, אז ער זאל האלטען אין איין שווייגען! — דא זעהט מען בעשאנפערליך דעם „משיב חכמים אחור" . . . אז אזא חוואט וויא איך, וואס קענן אבארבייטען אזא שטיקעלע, וויא דעם פאטשטארם גט מיט דער התונה . . . האט קיין שכל ניט, צובע־וואהרענען זיך אליין מיט אזא קלייניקייט! . . . נישמעהר פערפאללען! הארט שוין אוים דיא מעשה פין מיין בעל-כרחו-גט ביז אין סוף אריין:

## 12.

# פינסטערע קארטינא דארף ריהרען פינ'ם זינן דעם רבינ'ס כבוד איז דאך בילעכער דערפין!

---

אין וואס פאר א לאנגע איך מיט מיינע 2 גבאים האבען דערזעהן מיין פלונית'טע, וויל איך אייך גאר ניט דערצעהלען! איך ווייסס אייערע ווייכע הערצעליך, אז א מינדסטע זאך ריהערט אייך באלד צו טרהערען! ובפרט נאך געגען א פרויענצימער — וויא איהר ריהפט עס אויף אייער לשון — נאר פינ'ם כבוד-החסידות וועגען מוז איך אייך דאך דערצעהלען חאטש א מן המעשר פין דער מין קארטינא, כדי דיא וועלט זאל זיך לערהנען פין אונז, חסידים, וויא אזוי א תלמיד-חכם איז מחויב צו זיין איין אכזר, דארט וויא עס געהט אין זיין כבוד! אזוי וויא אונזער הייליגע גמרא זאגט אן „כל תלמיד-חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש, אינו תלמיד-חכם" . . . עס מאג זיין, ניט אזוי א ווייב, נאר אפילו איינענע טאטע-מאמע — קאם זענען זיי אונז ניט נוהג כבוד, וויא א תלמיד-חכם שטעהט אן, דארפען מיר זיך שוין נוקם זיין אין זייא וויא א שלאנג! . . . ' ובכן דערצעהל איך אייך בקצור, וואס מיינע אויגען האבען געזעהן, קיקענדיג אונטערען פענס-טערעל אין מיין פלונית'טעס שטיבעל אריין! אינ'ם אייוועלע פין דער הריבע האט געצאנקט א חלב'דיג קאנעצעל, וואס האט זיך אלס גע-לאשען פינ'ם ווינד, וואס האט געבלאזען דורך דיא אפענע ברייטע שפארינעס פין דער טיהר און דורך דיא אויסגעשלאגענע טאפליעס פינ'ם פענסטערעל; מיין פלונית'טע איז געליגען אויף דר-ערד, אויף א ביססעל פוילער שטרוי, מיט א פיטצעל נאקעט זייג-קינד ביי דער בריסט; ביי דער רעכטער זייט איז איהר געליגען איין אבגעשליסען מאדעלע פין 3 יאהר, מיט א ריפטיך, און צופיססענס א יונגעל פין א יאהר 2 אין דער דאר; אביססעלע ווייטער פין א דעם געלעגער, צו פין א דעם קליינעם לאזארעט, אין א ווינקעלע זענען געליגען 2 עלטערע יונגלעך, פין 5 און 7 יאהר, אויף דער הוילער ערד,ביידע מיט פארכעס איבער דיא אויגען, האלב נאקעטע, און האבען זיך געניארעט, און געדראזשעט מיט אללע אברים'לעך פאר קעלט, אז מע האט אזש געהארט אין דרויסען זייער קלאפען מיט דיא צאנדליך, מיטן געוויססען ציטטערענדיגען, היקעוואטע טאהן דערביי .... דורכן פענסטערעל האבען

זיך געהארט ווארטער אויף א פער'חלושט, פערביטערט קול: „נאר
נעהם מיך שוין צו, גאטט'ניו, פון דער וועלט. לאם איך שוין
פטור ווערען אזא געמיטשעטע לעבען! (א פיששש, וויא פון א 3 טאגיג
קאצעלע, פערלוירענע פון דער קאץ) וואזשע זאל איך דיר טיהן, מיין
אומגליקליך פיסקליאטקעלע? אז איך האב דאך פארט ניט מיט וואס
צו זייגען . . . ? נא, ציהע מיין לעטצטע ביסעל מארך פון דיא
ביינער! (א לאנג, שוואך, אומענדיג קרעכטצעלע, וויא פון אונטער
ד-ר-ערד ארוים) אוי, דיין וויסטער רופטיך האט מיך שוין אויסגע=
מארכעוועט ביז לעטצט! וועה איז דיין מאגען, ציזעהענדיג, וויא דיא
מיטשעסט זיך שוין 3 יאהר, וויא אויפ'ן טויט, אונ איך האב דיר
ניט מיט וואס צוהעלפען! .... (עטליכע קערצע, געהאקטע, זיפענדיגע
זיפטצעלעך, אהן א קול) א מכה דער מאמע דיינער, א גרויסע,
ציצוהארען דיינער ביטטערער זיפטצען שוין באלד 2 יאהר! קארג,
וואס דיא געהט איין פון הונגער אונ דארשט — דארף דיך נאך א דיא
וויסטע דאר פערמיטשען צום איבעריגען! — וועה אונ ווינד איז מיר,
ציצוזעהן אייער ביטטער רחמנות! אוי, דערבארעמדיגער גאטט אין
הימעל, טיה שוין א קיק אויף מיינע לעבעדיגע יתומים'ליך, וויא
זיי מיטשען זיך נעביך אויפ'ן טויט פאר זייערע עלטערענס חטאים!
(א ציטטערענדיג ציין-קלאפערייא) אוי, איך ריהער מיך נאר פינ'ם
זינגען! וועה איז מיר פאר אייערע אברים'ליך! נאט אייך, מוט=
שעניקליך מיינע, דאס לעטצטע קליידעל מיינס! נאט, קינדערליך,
דעקקט אייך איין אביססעל! מיר איז בלויז ניט קאלט . . . מיך
ווארעמען מיינע צרות . . . מיינע ברעננענדיגע שמערצען! מיין הארץ
צוגעהט אין מיר וויא האקס, מיין גאלל צוגיעסט זיך אין אללע
מיינע גלידער, אונ איך רעכער אלין וויא דיא האלאוועשקע אין
אויווען, אונ רעכער ניט אוים! . . . אוי, גרויסער גאטט, שטארקער,
פאר וואס האסטו מיך אזוי ביטטער געשטראפט! ? אונ אויב איך בין
טאקע אזוי זינדיג, וואזשע זענען נעביך א דיא דיינע יונגע נשמה'ליך
שולדיג? וואס מוטשעסטו, גאטט'אניו, א דיא אומשולדיגע שאאפעליך
אומזוסט? געוואלד, וואס האט ער געוואללט האבען פון מיין לעבען,
א דער עכבריש מיינער! — וואס האט ער מיר פעראיממערט מיין
בידנע שטיקעל וועלט? . . . בידנע? !" — פאר וואס „בידנע?" וואס
איז מיר דען אבגעגאנגען מאדעל-וויים ביי מאטע מאמע אפילו אינ'ם
ערגסטען דלות? — האט דיא מאמע געבאקקען ברויט, איז דאך מיר
שוין אודאי ניט געוועהן! אלא ניט — האב איך ביי א חברתה אוים=
געבעטטען א שטיקעל ברויט, אונ ווייטער פריי, אהן זארגען אהן
שרעקקען, וויא דאס פייגעלע אין וואלד . . . וואזשע הייסט עם „בידנע?" —

בידנע בין איך פון מיין פינסטערער חופה אן ביז אויף היינטיגען טאג, און גאטט דער הארר ווייסט נאך, ביז וויא לאנג וועללען זיך נאך ציהען מיינע צרות!?"... „צרות?" הם.. צרות, צו צרות איז ניט גלייך! אט האט דאך מיין מאמע אויך קיין האניג ניט געלעקקט אין איהר לעבען — אבער וויא קוממט עס אפילו א טויזענד־חלק צו מיינע צרות, צו מיינע טיעפע ברעננענדיגע וועהטיגען און שמערצען, אהן א־נ־עק, אהן א־ברעג און אהן א גרונד, וויא דער חוואלינדיגער ים!... און אלץ דורך וועמען? — דורך אזא נכפה׳ניק, איין עכבריש, וואס האט מיך, צוליעב זיין חסידא׳רניא, געלאזט מיט 5 קליינע קראנקע קינדערליך אויפ׳ן וואססער, חאטש איינס דאס אנדערע זיך אויפעססען לעבעדיגערהייט!... אוי, א דאס וויסטע חסידות טרייבט אונז יודישע מאכטער, יונגערהייט אין ד־ר־ערד אריין! דורך דיא רבי׳ס מיט דיא נבאים מיט דער גאנצער חסידא׳רניא, פערפליעט אונזער וועלט וויא א כמארע!... וואס ניט געלעגענט פאר גאטט, איז ניט געלעגענט פאר לייט: איך וועלל שרייען געוואלד אין אללע גאססען: דער רבי האט מיך געקיילעט, און זיי קיילען אללע יודישע קינדער אהן א מעססער!... איבער א טענצעל דארט ביוא דער מלוה־מלכה, מוז איך מיך דא וואלגערען מיט 5 קראנקע נפשות׳ליך אויף דער הוילער קאלטער ערד, און זיך מיטשען מיט זיי, נאקעט און באָרפיסס, אהן א שטיקעל ברויט נאר וויא אויפ׳ן טויט!... אפשר זונדיג איך מיט דיא דאזיגע רעד...? נאר סיי וויא סיי בין איך פערפאללען!... נעהם מיך ציא, גאטט׳אניו, נעהם אונז אללע ציא פון א דעם פינסטערען לעבעדיגען קבר, פון א דעם שווארץ פארכמארעטען וועלטעל אונזערם, און לאמיר שוין גיכער פטור ווערען פון אזא פינסטער, וויסט גוסס׳דיג לעבען!... נא, בידנע פייגעלע מיינס, נא, ציהע דיא ליידיגע ברוסט! ציהען זאל עס נאר דעם טאטען דיינעם אויף דערדינען, איך זאל שוין זיינער פטור ווערען חאטש מיט׳ן טויט!..."

וויא איך האב דערהארט איהר העזה געגען מיר און, ועל כלם, איהר מחלל זיין דעם רבי׳נס כבוד, איז ביי מיר געבליעבען, איך זאל איהר ניט גיבען א גראשען... און באלד האב איך א ווינק געטיהן צו איינעם פון מיינע לייט, האט ער אנגעקלאפט אין דער טיהר, און אז מיין יפהפיה האט אין שרעק א פרעג געטיהן: „ווער איז?" האט ער איהר געענטווארט: „שרעקט אייך ניט, צייטעלע; עפענט אויף דיא טיהר זייט מוחל, איך האב צו אייך א בריעוועל פון אייער מאנן מיט עטליכע קערבליך!"... וויא זיא האט נאר געעפענט דיא טיהר, האב איך איהר שוין אריינגעריקט דעם גט פאר

דיא 2 עדות, אונ אין 2 מינוט הארום זענען מיר שוין געזעססען אויף דער עגלה, אונ ניברח!... ניט קיקענדיג אויף דיא ביטטערע קולות, וואס האבען זיך געהארט, פון דער חרבה ארויס... אונ פינקט צו דער מלוה־מלכה זענען מיר שוין געוועהן אין סירקעס ביים רבי׳נס טיש! שמחה וששון פון אללע זייטען! דיא רבי׳צען פאראנדעוועט מכוח דער חופה־וועטשערע אויף זאת־חנוכה... דיא משרתים לויפען הערום וויא פערסמ׳טע מייז מיט פערשיעדענע שליחות׳ן, דיא קעכין מיט דיענסטען מיט א סך סארווערענעם האלטען אין איין באקקען אונ פרעגלען, ווארען מאנטאג איז שוין טאקע זאת חנוכה... דער ווינשיינקער פראוועט דיא וויינען אונ צוגיעסט אין בוטעלקעס; רייכע אורחים פון דער סביבה קוממען אן אללע מאל נייע, מיט פערשיעדענע מתנות דעם רבי׳ן אונ דעם נייעם פאאר־פאלק.... קורץ גוט אונ גוט, ס׳איז שוין זאת־חנוכה פארנאכט: דער גאנצער עולם קלויבט זיך שוין אין קלויז אריין צו דער חופה, דיא כלה האלט אפילו אין איין וויינען... נאר אזוי איז דאך דער שטייגער... אויף דער נאכט איז דעם רבי׳נס קלויז בעלייכטעט געווארען מיט הונדערטער ליכט אונ הבדלות; אללע אורחים יום־טוב׳דיג אנגעטיהן, אונ ענדליך איז דער רבי מיט זיין גאנץ בני־בית אויך געקוממען; ער מיט דיא זיהן אונ איידעמס אין דיא יום־טוב׳דיגע זשיפּעצעס אונ שטריימלען; דיא רבי׳צען אין דעם געוויססען ברוזש אונ אוירינג... אונ איהר איבריג ציהרינג, אונ דיא טאכטער אין שניער, אללע וויא שמחת־תורה צו דיא הקפות... מע האט מיך מיט דער כלה שוין אויך אריינגעפיהרט אין קלויז אריין, איך אין א קיטעל מיט א שטריימעל... זיא אין׳ם גרויסען שטערן־טיכעל מיט א מארענפאסענע איפע; מע האט צוגעהמען דיא חופה אונ מע האט אונז ביידע אריינטערגעפיהרט אונטער איהר; אונטערפיהרערס זענען געוועהן דעם רבי׳נס עלטסטער זיהן מיט׳ן עלטסטען איידעם, אונ דער רבי אליין האט מסדר קדושין געוועהן מיט דיא ערשטע ברכות... אונ וויא איך האב שוין געהאלטען דאס קדושין־פינגערל אנצוטיהן דער כלה, איך האב נאך ניט אויספיעט אויסצולאזען דעם „הרי־את“ — פליצעם איז אין קלויז אריין דער קראקאדילעווקער סטאנאוואי מיט 2 דעסיאטניקעס, מיט דעם בערלינער אקציזניק, אונ מיין יפהפיה מיט א יאממער א קלאג, אונ א ווארף אויף מיר גלייך אונטער דער חופה אריינטער, נאר וויא א טיגער אויף זיין רויב!... אלע זענען אויסטאפיעט געווארען, אונ איך בין ממש פערשטיינערט געווארען אויפ׳ן ארט... דער סטאנאוואי האט אויף מיין יפהפיה א געשריי געטיהן, זיא זאל זיך בערוהיגען אונ האט עפעס א זאג

געטיהן דעם אקציזניק; יענער האט באלד ארויסגעכאפט א קליין ביכעלע פין דער קעשענע און האט עס איבערגעגעבן דעם סטאנאוואי און דער סטאנאוואי האט אריינגעקיקט אין ביכעלע און אויסגעריהפען: „איצקא יאסקעוויטש צערלינער! מארדקא מארדקעוויטש טראכטהארב! שמולקע שמייעוויטש פישטשעלקע!“ מיילא, עס ועט דאך ניט העלפען קיין חכמות . . . האבען מיר זיך אללע [3], איך מיט דיא [2] גבאים, אין איין פלאטערניש, געמוזט אנריהפען, אז מיר זענען עס, און ער האט ווייטער אנגעהייבען; אויף רישעש, עפעס גערעדען צו אונז, נאר כפי מיר האבען ניט פערשטאנען, וואס ער דבר'ט, (מרדכי'לע מרדכי'לעס האט אפילו צו גוט פערשטאנען אויף רוסיש . . . נאר ער האט זיך אויך געמאכט כלא ידע . . .) האט דער ערל געבעטען דעם אקציזניק, אז ער זאל זיין דער טאלמאטש צווישען איהם מיט אונז, און מיר זענען געוואר-געווארען, אז זיי וייסען דיא גאנצע מעשה מיט'ן בעל-כרחו-גט, כמעט פין אל"ף ביז תי"ו! . . נאר אזוי וויא מיר זענען פערגלעבט געוועהן, אז קיינער האט דאס ניט געקענט וויסען בשום ענין ואופן . . . האבען מיר זיך געפריוט לגמרי אבלעגענען פין דער גאנצער מעשה . . . נאר דיא רגע האט דער אקציזניק איינגערוימט עפעס דעם סטאנאוואי אין אויער, און דער האט באלד א ווינק געטיהן צו'ן א דעסיאטניק, וועלכער האט כהרף עין אריינגעפיהרט דאס יונגעל, וואס איז געפאהרען מיט אונז פאר א שמייסער . . . א"נ וויא מיר האבען איהם נאר דערזעהן — האבען מיר שוין באלד פערשטאנען פין וואנעט דער עבט שטינקט ··· און מיר האבען זיך באלד געמוזט מודה זיין אויף אונזער נבעה, מוצאי-שבת-חנוכה, קיין קראקאדילאווקע, נאר מיר האבען זיך נאך גע'ברה'ט אבצולעגענען דיא מעשה פונ'ם גט, נאר דער סטאנאוואי האט זיך געזעטצט צום טיש, האט אויסגעלעגט עפעס א מין מאאר ליידערנע טאזולען, אין וועלכען כ'איז געלעגן עטליכע בעשריבענע און אומבעשריבענע בויגען-פאפיער, און דער גט אויך אין דער מיטט . . . און האט אנגעהייבען פרעגען און שרייבען און פרעגען, און האט שוין פאוואליגקע אריינגעשלעפט אינ'ם עסק אריין; אי דעם סופר, אי דיא כלה, אי דעם בעל-עגלה און האט זיך שוין אנגעהייבען וויא צו טשעפען צום רבי'ן אויך . . . דיא חופה איז נאך אלץ געשטאנען, און דעם רבי'נס בני-בית מיט'ן גאנצען עולם זענען נאך אלץ ניט אוועקגעגאנגען, ראשית מחמת אללע זענען אויף דער הייסער מינוט וויא פריטשמעליעט געווארען און האבען זיך גאר ניט געקענט רידהרען; שנית איז איטלעכען ציקאווע געוועהן צו זעהען דעם סוף; והשלישית האבען דעם רבי'נס בני בית נאך געהאפט,

אַז דאָס אַללעס וועט זיך געוויסס אין גיכען אויסלאָזען מיט גאָר ניט... און מע וועט נאָך הילליען אויף דער חופּה-וועטשערע ···· וואָרען ניט איין מאָל האָט זיך שוין ביים רבי'ן געמאַכט עפּעס אַביססעל וואַזשי-נערע בלבולים פֿון אַ קראָקאָדילעווקער הקדש'ניצע מיט איהר בעל-ברחו-גט . . . און אינ'ם רבי'נס זכות. . . איז אַללעס תּמיד נהפּך געוואָרען מאֵבל ליום טוב . . . און והא ראיה: וויא דער סטאַנאָוואָי האָט זיך נאָר זאַהיקעט וועגען רבי'ן, איז באַלד געוואָרען איין אויפרידהר צווישען גאַנצען עולם; און טאַקע דער קראָקאָדילעווקער בעל-טקסא, וואָס איז אויך דאָ געוועהן אויף דער חתונה, האָט זיך באַלד, וויא אומגעהערין, צוגעשאַרט צום סטאַנאָוואָי'ס ביינקעל, אונטער זיינע פּלייצעס: האָט זיך, כּלומר'שט, וויא איינגעקוקט אינ'ם גט . . . און האָט שוין אויספּיעט איהם אַ טאַרקע טיהן אין אויער, און באַלד האָט דער סטאַנאָוואָי אָנגעהייבען וויא ·דרייען מיט'ן צינג ···· אַזוי לאַנג אַזוי בריים, ביז ער האָט פֿאַרמאַכט דיא טאָוולען, זיך אויפגעהייבען פֿינ'ם באַנקעל און אַ מאַך געטיהן וויא צו זיך אַליין: „נאַ, טעפּער אוזש פּאָזדנאָ, אַטלאַזשים דיעלאָ נאַ זאַווטראַ . . .„און אויפהייבענדיג דיא אויגען אויף אונז 3, האָט ער פֿריבּאַוועט אַזוי . . . מיט געמאַכטען סטראַגאָסט . . . „אַ וואַו גאַדייאַוס, ניע אָנקראַיעטעם דאַ זאַ[illegible]אַ! . . .“ און מיט דיא ווערטער האָט ער זיך מיט דיא דעס[illegible]ים שוין געלאָזט צו דער טיהר. אונזער אַקציזניק האָט זיך איהם [illegible]עט אבל-וחפוי ראש . . . און דער עולם איז שוין איבער[illegible]ם פּערטיג געוואָרען צו דער חופּה . . . נאָר דער סטאַנאָוואָי האָט נאָר אַ עפּעס געטיהן דיא טיהר, ער אַזוי וויא אָבאַלייעט געוואָרען אויפ'ן אָרט . . . און אין קלויז האָט זיך אַ שיטס געטיהן . . . אוי אַך קענן עס אייך, נאָך איצט, פֿאַר שרעק ניט דערצעהלען! לאָזט מיך עטליכע מינוט איבערחאַפּען דעם אָטהעם! . . .

## 13.

## איין בלבול אוועק — איז דער אנדערער דא; ניט באשערט דיא צדיקים קיין חיי־שעה!

---

איידער איך דערצעהל אייך, וואס ס'איז דא פארגעקוממען אין קלויז נאך דעם סטאנאוואי'ס סליחה ומחילה... מוזען מיר זיך אויף א ווייל אומקעהרען צו דיא פריערינע חטאים: דיא מעשה מיט'ן פאטשטאר איז במשך דאס ערשטע האלבע יאהר אזוי ענטשוויגען געווארען, אז ס'איז, דאכט זיך, גאר וויא אין וואסער אריין... במשך דאס צווייטע האלבע יאהר האט זיך עס עפעס געהאט וויא אנגעריהפען, אבער אזוי נאר מיט א פיפס, א שארך... אלץ נאר בדרך העברה בעלמא; היינו עס האט זיך א מאל דורכגעווארפען א לייכט דאפראסעל אין קלויז, פינ'ם היימישען ספראווניק: א קליין גביהות-עדות'ל דורך א בריוועלע פינ'ם צעפליקער גאראדניטשיע; איין אטשעגע-סטאווקע ביים סליעדאוואטעל אויף 10—15 מינוט אינגאנצען... אונ עפעס א פאאר מאל, דאכט זיך, האט מען דעם רבי'ן אליין עפעס אויך א פרעג געטיהן גאר א שבוש... אונ א מעשה מיט א-נ-עק... דיא גאנצע 2 חדשים, פון נאך סוכות ביז חנוכה, איז שוין גאר לא יזכר ולא יפקד פון דער גאנצער מעשה, אונ ווייטער שלום ושלוה השקט ובטח!... חוץ נאר, וואס דער פאטשטאר, דורכפאהרענדיג דורך סירקעוו אין דער גובערניע אריין, איין מאל בכך הכל אינ'ם גאנצען יאהר, (פון נאך דער מעשה אן איז שוין זיין פיסס ניט געוועהן ביים רבי'ן, א חוץ דאס איינע מאל, אי דאס נאר פאר יוצא זיין, אהן א פדיון, אהן מתנות... נאר אריינגעגאנגען, מקבל שלום געוועהן אונ זיך שוין טאקע געזעגענט — ער האט זעהר קיין צייט ניט!... פון רחל'ען איז אפילו קיין גריסס ניט געוועהן צו דער רבי'צען דיא גאנצע צייט...) האט עפעס יא א זאג געטיהן, אז איהם דאכט זיך, אז ס'קאכט זיך עפעס אין דער גובערניע מכוח דער מעשה, נאר ער ווייסט ניט וואס... ? נא מיילא מאלע וואס איהם ווייזט זיך פאק אויס... ? היינט האט דאך עפעס דער רבי א שטענדיגען תאדאטיי אין דער גובערניע — אונ ער שרייבט אונז ניט א רמז דרמיזא דערפון... פארקעהרט; ארום ראש-חודש כסליו (הכ״א)

האט

האט ער אונז דייקא דורכגעװאָרפען אין א בריעף, אז דער לעהרערושקע װעט שוין כח האבען אביססעל צו זיטצען אין אסטראג... נמצא אז ס'איז כלל ניט געװעהן, װאס איבערצוטראכטען דערפין! און עס װאללט טאקע בפירוש גאר ניט געװעהן דערפין, װען טאקע אונזערע לייט מחילה שטעקען דא ניט אריין זייער לאפּקעלע! — װאס דען? פינ'ם לעהרערושקעס זייט איז געװעהן װאס מורא צו האבען, הא? װארען ער זאל אפילו 18 יאהר אבפוילען אין אסטראג, װאללט דען אפילו איימעצער פין זיינע לייט א האנד אין קאלט װאססער געטיהן פין זיינעט װעגען? קיין צער! װיא לאנג קריינקען זיי, אללע בארלינער איגאיינעם װיא לאנג זיי געהט עפּעס אן זייערער א חברה-מאן ביי איין אומגליקק!... זייא װעללען דיר נאר ארומגעהן מיט דיא פוילע תנועות זייערע: „אך װיא נידערטרעכטיג דאס איז!... אך, אזא בראװער מענש זאל נעביך אזוי אונשולדיגער-װייזע אזוי אומגליקליך װערען!... אך, דיא בילדונג פאללט איין אפּפער דעם פאנאטיזמוס!...“ וכדומה אזעלכע פּיסטע פראזען — און אויף עפּעס צוטיהען פינ'ם אומגליקליכען חברה מאנ'ס װעגען, װעט קיינער אפילו קיין פינגער ניט אויפהייבען!... און װאס איז דאס חידוש? ס'איז דען דא צװישען זיי אפילו אויף א גראשען אחדות? אז אינגאנצען זייער שטה אומשטיינסגעזאגט איז געגרינדעט נאר אויפ'ן שלייפעריגען, פּיסנע יושר, אזוי װיא דיא שטה פין דיא מתנגדים — אויפ'ן קאלטען דין... דיא ביידע זענען ניט מעהר װיא גולמ'ס אהן נשמות, און יעדער מיינט נאר זיך ממלא תאוה זיין, דער — מיט חקירה און השכלה און יענער מיט ש"ס און פוסקים... ביידע זענען נאר א תאוה װיא אללע תאוות-הגשמיות: אללע תאוות זענען נאר פאר זיך אליין און, מכי תיתי, אז מע קענן דיא תאוה טיהן עטליכע בעל-תאוה'ניקעס אינאיינעם, איז אודאי געשמאקקער! אבער אלץ נאר פאר יעדען בעזונדער... אזוי איז זייער תאוה אויך דאס אייגענע: ס'װיל זיך טיהן דיא תאוה מיט נאך בעל-תאוה'ניקעס צוזאממען... אבער אלץ נאר פאר זיך אליין... און דאריבער, אז איינער פין זיי פעהלט — אהרט עס קיינעם ניט, װארען ער קענן זיך דאך אהן איהם אויך ממלא תאותו זיין, װיפיעל ער װילל... מכי-תיתי, מע בעדויערט איהם מיט א קרעכטץ, װארען מיט נאך איין בעל-תאוה'ניק מעהר איז אודאי פריילי כער, געשמאקער און אנגענעהמער... נאר אהן איהם קענן מען זיך אויך בעגעהען... נאפשיקלאד אונזערע לייט, דאס איז גאר עפּעס אנדערש! : דאס איז א שטה, װאס איז געגרינדעט נאר אויף התפעלות, התלהבות און התפשטות... און דאס קענן גאר אהן חברה ניט זיין! און װאס מעהר חברה — איז אלץ בעסער און נוטצליכער צום אויספיהרען דיא

זאך, און לכן שטרעבט זיך יעדער בכל מאמצי כח, אלץ צו פערוועלבעווען, וואס מעהר חברה-לייט, מע זאל איינאיינעם ארבייטען לטובת החברה... און אז איינעם טרעפט חלילה עפעס איין אומגליק, טיהט עס א ברענן דער גאנצער חברה, און אללע זענען זיך מוסר נפש פין זיינעט וועגען, ווארען יעדער פין אונזער חברה לעבט נאר פין דער חברה וועגען—ניט פין זיך וועגען... דאריבער, וואס מע זאל ניט איבערטיהן פאר פארברעכען געגען דער תורה און געגען דעם יושר פין אחברה-מאנן׳ס טובה וועגען, ווער שמיסט לטובת כל החברה—רעכענט זיך עס ביי אונז לויטער מצות, אדער עבירות לשמה... ווארען מע מיינט דאך ניט זיך, רק דעם כלל, צו מחזק זיין און מזכה זיין אללע חברה לייט, אום צו ווערבעווען אלץ נאך און נאך חברה-לייט עד אין קצה... נא? איז עפעס געוועהן וואס איבערצוטראכטען מצד עפעס א פעולה פין יענע לייט...? א ס׳איז לויטער גופות אהן נשמות!... קאלטע פהילאזאפען וויא אייז, אהן א מינדסטען חסידי׳שען ברענן!... נאר דאס אומגליק אונזערס איז געוועהן, וואס א אונזעריגער האט זיך דא אריינגעחאפט אין דער מיטט, און קאם איינער—זענען דאך שוין אללע געווארען פאר איהם... און זיי האבען שוין פערשטאנען, וויא אזוי דיא זאך צופיהרען בהדרגה און שטילערהייט, דורך טויזענטער אינטריגעס און אונטערשיססעלעך—אזוי וויא מיר חסידים קעננען—און האבען עס אלץ געטייעט אין זיך, פערבארגען פין א מינדסטער עין הרע מצדנו... ביז זייא האבען עס פארטיג געמאכט מיט אללע פיטשטשעווקעס, און האבען עס אנגעשיקט אויף אונז נאר וויא א פליצעמדיגער שטורעם-ווינד אין אשיינעם שטיללען ווארעמען זוממערטאג, אז מיר האבען זיך אפילו ניט אוספיעט רעכט ארומצוקיקען!... וואס נאך? קאם איז איינער פין אונזערע לייט ארוים פאר א מעורר אין דער זאך-האבען זיך שוין יענע לייט אויך צודרעכעט אביססעל, און זענען אויך געקוממען אונזערע צו הילף, אי מיט געלט, אי מיט זייערע אפיקורס׳ישע מיטטלען... דיא מעשה דערפין איז אזוי געוועהן: דיא פאטשטארקע האט דאך בעקוממען פינ׳ם פאטשטאר א קאפיטאל פין אריבער 20,000 רובעל, און קיין נארישע בעסטיע איז זיא דאך ניט געוועהן... פארט א שטיקעלע ברענן פין אונזערע לייט... האט זיא דאך פערשטאנען דיא גאנצע מאכינאציא פין אל״ף ביז תי״ו... און האט גאנץ גיט געוויססט, אז מיט אונז, חסידים, וועט זיא אליין געוויסס גאר ניט מאכען, און אפילו מיט׳ן התקרבות צו יענע לייט וועט זיא אויך גאר ניט פועל׳ען... לכן האט זיא א צייט גאר אבגעשוויגען מכל וכל איהר גאנצע אבידע, און האט נאר

מיט אללע איהרע מאנליבקייטען געשטרעבט, צו געפינען עפעס א רעכטען חברה-מאנן פון אונזערע לייט פאר א מאנן ... פיז זיא האט יאקאס, צום האלבען יאהר, געקריגען דאס וואס זיא האט געמיינט... אונ האט מיט איהם חתונה געהאט, דאס איז געוועהן א חסיד'שער פאד־ראטשיק, איין אלמן פון חיטרעוועקע, א ווילדער מעורב עם הבריות, אונ א גרויסער חשוב ביי אללערליי נאטשאלסטוועס, אונ א פייעריגער אנטעלער חסיד — אונ דאס דארף איך אייך דאך ניט דערצעהלען, וויא אזוי חסידים פון איין רבי'ן רודפ'ען עד לחיים דיא חסידים פון אללע איבעריגע רביים ?... אונ וואס פאר א קנאה-שנאה ס'איז צווישען דיא גיטע-יודען בכלל אונ בפרט נאך צווישען דעם סירקעווער מיט'ן אנטעלער רבי'ן... אייך, רבותים, וועט דאך אודאי ווילד קשה זיין, סטייטש, וויא אזוי האבען עס אונזערע סירקעווער חסידים גאר ניט געוויסט דערפון, אונ הויב מיר האבען יא געוויסט — וויא אזוי האט עס דער רבי מיט אונז אללע ניט פערשטאנען דעם גאנצען ענין דערפון, אונ זיך ניט געזעהן בעוואהרענען בעצייטענס...? זאג איך אייך, אז מיר האבען עס בפרוש געוויסט אונ בפרוש פערשטאנען, אונ דער רבי האט אפילו דעם שבת, נאך דער כלב'טעס חתונה, געזאגט א שרעקליכע תורה ביים טיש, אונ האט בייניתים גע'דרש'ט דעם פסוק: „וסכסכתי מצרים במצרים ונלחמו איש באחיו ואיש ברעהו“... נאר ראשית האבען מיר גערעכענט, אז א חסיד — וועהמעס ער זאל ניט זיין — האט ער אלץ פיינד דיא בעלינער וויא חזיר!.. אונ אפילו פון נקמה וועגען אין אנדערע חסידים, וועט ער עס אויך ניט טיהן, אהן א מעורר דערציא — אונ מיר האבען געהערט, אז דיא כלב'טע איז ווילד צופריעדען פון דעם מאנן אונ רעכענט זיך גאר א סך גליקקליכער אונ בכבוד'ר מיט איהם וויא מיט'ן פאטשטאר — היינט געה וייס, אז דאס איז אזא זאזיענטע מרשעת, אונ מיינט דאס גאר אללעס נאר בכוון, בכדי גאר צופערבלאנדען דיא אויגען... אונ בסתר, ברענט זיא נאך נקמה, וויא איין אמת'ר תלמיד-חכם... אונ איז נאך גאר א פיינע-בריה'טע אויך דערציא, אז ס'רייסט איהר דאס הארץ גאר אויף דעם בידנעם לעהרער!?... והשנית, האבען מיר דאך טאקע בעצייטענס געשריבען דערפון אונזער גובערנסקי חאדאטיי, אונ ער האט בפרוש געקוקט דארויף מיט טויזענט אויגען — נאר דער אנטעלער חאדאטיי האט איהם א פנים איבערגעהיטרעוועט, אז ער האט גאר ניט בעמערקט... איין צד אין א מלחמה מוז דאך מנצח זיין! נא? איז, א פנים דאס מאל בעשערט געוועהן, דער אנטעלער נביא-השקר זאל מנצח זיין — אונ דער רבי האט עס גאנץ ניט געזעהן מן השמים, אונ איבער זיין זינדיגע דור, א פנים, האט

ער עס מקבל באהבה געוועזן ער זאל בעססער זיין א קרבן פאר'ן דור . . . א כלל, וויא עס איז שוין געוועהן דארט — נאר דערווייל האט דיא כלב'טע ווילד מעורר געוועהן דעם מאנן, אונ ער דיא אנטעלער חסידים, אונ צו זיי האבען זיך דיא בארלינער אויך א ריהר געטיהן . . . געלט איז געוועהן לרוב: דיא כלב'טע אליין האט געטראצעט דארויף איהר האלב קאפיטאל פינ'ם גט, (דעם פאדראטשיק האט זיא מעהר פין 10000 רו״כ ניט ציגעזאגט, אונ ער האט דאס אויך געדארפט, וויא אין לעבען . . .) א חוץ איהר קניפעל, וואס זיא האט אנגעקליבען ביים פ׳ שטאר . . . אודאי אויך געוויססע 10000 רו״כ . . . דיא גביר'שע דייטשען האבען זיך אויך צענארטעלט. דיא אנטעלער רייכע חסידים, אויך . . . אונ א חוץ געלט, האבען זיך נאך ארויסגעשטעלט 2 וואזשנע אדוואקאטען פין זייערע לייט, שלא על מנת לקבל פרס . . . אונ מע האט א ארבייט געטיהן דאס געשעפט בחדרי חדרים, קיין פויגעל זאל ניט וויססען (שוטים שבעולם! זייא מיינען, זיי האבען פערבלענדט דעם רבי'ן אויך! . . .) אונ פינקט אויף חנוכה איז פארטיג געווארען דיא דילא אויפ'ן רבי'ן מיט אללע, וואס זענען פערמישט געוועהן אין דער מעשה, א חוץ נאר דיא נקבות . . . כ'לעבען פארט דייטשונעס! . . . דעם לעהרער האט מען בעפרייט; דעם פאטשטאר מיט'ן סטאראסטע אונ מיט'ן סבארשטשיק, האט מען שוין אין צעפליק פערקאוועט אין קייטען מיט א נאכט פאר זאת-חנוכה, אונ אבגעשיקט אין גובערניע, אין אסטראג, אזוי אז זייא האבען אפילו ניט אוסגעפייעט צו גיבען א ידיעה דעם רבי'ן . . . אונ פינקט צו מיין חופה מיט'ן רבי'נס פלימעניצע, וויא דער סטאנאוואי האט נאר געאפענט דיא טיהר, האבען זיך א שיטט געטיהן א חאפטע פין א שטיק 18 פארשוין גלייך אין קלויז אריין, גאר וויא איין אנשיקינעש מן השמים. פינקט ווען מיר האבען זיך שוין איבערנייעס ארונטער געקליבען אונטער דער חופה! . . . צווישען דער חברה איז געוועהן: דער פראקאראר, דער סלעדעוואטעל, דער זשאנדארמענכקע, דער גאראדניטשיע, דער ספראווניק, 2 זשאנדארען, (חוץ 20 זשאנדארען ארום דער קלויז, וועלכעס מיר האבען באלד געוואר-געווארען, ווען עטליכע פין אונז האבען זיך געפריווט אנטלויפען . . .) 2 קווארטאלניעס מיט 5 דיסיאטניקעס, א חוץ דער שאנער לעהרער מיט דיא 2 אדוואקאטען אונ רחל'ע אויך אין דער מיטט, פאר א אטשנע סטאווקע . . . איך האב באלד פערשטאנען, וואס מע מיינט? . . . אונ בין שוין ביי זיך פארטיג געווארען צו אללעם . . . דאס האב איך אינ'ם ערשטען אויגענבליקק אוספייעט צו בעמערקען, אז וויא נאר דער לעהרער מיט מיין כלה האבען זיך בעגעגנט מיט דיא אויגען, האבען זיי זיך ביידע אנגעהייבען מונגען, אונ זענען וויא פערמישט



געווארען

גֶעוואָרֶען . . קורְץ, וָואס וָועל אִיךְ מִיךְ דָא צוּשְׁפְּרַייטֶען מִכּוֹחַ דִיא מַעֲנוֹת-וּמַעֲנוֹת, שְׁאֵלוֹת אוּנ תְּשׁוּבוֹת, וָואס זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען צְווִישֶׁען אוּנְז מִיט דִיא אֲדוֹנִים . . . ? אִיךְ וָועלל אַייךְ בֶּעסֶער זָאגֶען דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע שׁוּרָה, סְ'הֵייסְט דֶעם פְּרָאטָאקָאל, וָואס מֶע הָאט עֶרְשְׁט פָאסְטַאוֶועט הָארוֹם 2 אַ זֵייגֶער בַּיינַאכְט, שׁוֹין נָאךְ דִיא אָבִּים-קֶעס, אוּנ נָאכ'ן אָרָאפְּנֶעהמֶען דֶער פָּאטְשְׁטַארְקֶעס צִיהרִינְג פוּן דֶער רֶבִּי'צֶען, אוּנ נָאכ'ן פָארְפֶּעטְשַׁאטֶעוֶוען אַללְסְדִינְג, וָואס בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטִיבּ אוּנ אוֹיפ'ן הוֹיף, אוּנ נָאךְ דֶער אָטְשְׁנֶע סְטַאוְוקֶע צְווִישֶׁען רָחֵל'עֶן מִיט מוּחְנִצְיָא דֶעם רֶבִּי'נְס זִיהן, אוּנ צְווִישֶׁען מִיר מִיט'ן לֶעהְרֶער אוּנ מִיט'ן רֶבִּי'ן . . . אוּנ שׁוֹין נָאךְ אַללֶע הַיּוֹם'ס . . . וֶועט אִיהר זֶעהֶען דִיא עֲוֹנוֹת אוּמְשְׁטֵיינְסְגֶעזָאגְט, וֶוענֶען וֶועלְכֶע מֶע לֶעגְט אַ'זוֹי אַיין דִיא וֶועלְט, וֶוער וֵוייסְט וָואס ! ? . . . נִישְׁמֶעהר, גֶעה גִיבּ אַ גוֹי'שֶׁען קָאפּ צוּפֶערְשְׁטֶעהן דִיא חֲסִידִי'שֶׁע קַאטָאוֶועסְלֶעךְ, אוּנְטֶער-שִׁיכְטֶעלִיךְ, שְׁפִּיצְלֶעךְ אוּנ אִיבֶּער-הַסְבָּרָה'לֶעךְ .... בְּלַייבְּט עֶר אַלְץ בַּיי זַיינֶעם, אַז דָאס אִיז, גָאטְט דֶער הָארר וֵוייסְט וָואס ! . . . אָט נָאט אַייךְ דָאס גַאנְצֶע צֶעטֶעל-חֲטָאִים פוּנ'ם פְּרָאטָאקָאל :

14

# דֶער פְּרָאטָאקָאל פוּן אַללֶע בִּלְבּוּלִים
# וָואס הָאבֶּען סָאסְטַאוֶועט דִיא גוֹי'שֶׁע פְּלִילִים :

## א) דֶעם רֶבִּי'נְס חֲטָאִים :

„דֶער סִירְקֶעוֶוער צַדִּיק בֶּעשׁוּלְדִיגְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ כְּלָל דֶעראִינֶען-אַז עֶר פֶּערְפִיהרְט אַ וֶועלְט מִיט שְׁווִינְדֶעל אוּנ אָבְּמַאן, אַז עֶר אִיז בּוּדְטָא גָאטְט'ס מֵייקְלֶער אִין הִימֶעל . . . אוּנ בֶּערַייסְסְט דֶערמִיט דִיא וֶועלְט, אוּנ אִין זַיין נָאמֶען טִיהֶען זַיינֶע אַגֶענְטֶען אוּנ זַיינֶע חֲסִידִים כָּל הָעֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אוּנ מַאכֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מֶענְשֶׁען אוּנ זֶענֶען זֶעהר שֶׁאדְלִין דֶער רֶעגִיעְרוּנְג . . . אוּנ בְּדֶרֶךְ-פְּרָט, בְּנִדּוֹן דִידָן, לוֹיט נָאךְ דָאָ פָּאקְאזַאנְיֶעס פוּנ'ם צֶעפְּלִיקֶער פָּאטְשְׁטַאר מִיט דֶעם דָארְטִיגֶען מָ[...]רֶעסְטֶע אוּנ סְבָּארְשְׁטְשִׁיק, אוּנ לוֹיט דֶער אָטְשְׁנָא-סְטַאוְוקֶע

צווישען דיא זעלבע דריי מיט דער געוועזענער פאטשטארקא אונ מיט׳ן צעפליקער לעהרער, אונ, ענדליך, לויט דער סליעדסטווא אויפ׳ן ארט, ביים סירקעווער צדיק אין קלויז. הן בנדון דידן והן בנידון הדילא מקראקאדילעווקע, אקאזשעט זיך, אז דער צדיק גופא בעשילדעגט זיך אין דעם:

1.) אז ער האט דורך אבמאן אונ פערשיעדענע פאקוסען אויס־געמאנטיעט ביים צעפליקער פאטשטאר, במשך 5 יאהר, העכער 3000 רובעל בארים, חוץ מתנות, אונ אונאשמשעניעס אויף א רובעל 1000, פאר זיין פאלשער הבטחה, אז ער וועט איהם פועל׳ן ביי גאטט א בן־זכר מיט זיין פרוי.

2.) אז, אום צו פערדעקקען זיינעם א פאמיליען־פלעק, וואס איז פארגעקוממען צווישען זיין עלטסטען זיהן, מחותנ׳טע, מיט זיין ווייבס פלימעניצא, אונ אום נאך פין געלט־אינטערעס וועגען, האט ער, נגד דעם יודישען דין: אז אללע רעליגיאזע משפטים בכלל אונ גביהת־עדות אבנעהמען בפרט, געהערען נאר צו א רב, אדער א דיין — אבגענעהמען א גביהת־עדות, אונ נאך וויסענדיג, אז ס׳איז פאלשע עדות, אקעגען דער צעפליקער פאטשטארקא, אונ האט דורך דעם געמאכט א צווישענשייד צווישען איין אלט, פריעדליך פאאר־פאלק, אונ אפאראטשעט איין עהרליכע טרייע פרויא, אונ א מאמע פין קינדער.

3.) אז ער האט אבמאנעוועט דעם צעפליקער פאטשטאר, גיבענ־דיג איהם זיין ווייב׳ס א פלימעניצא פאר א פרויא, בתורת בתולה, וועהרענד ער האט געוויסט, אז זיא איז שוואנגער טאקע פין זיין זיהן... אונ האט נאך ביא איהם אויסגענארט דערפאר 5000 רובעל מזומן אונ א פאאר בריליאנטענע אוירינג מיט א בראש אויף ערך 7—8 טויזענד רובעל.

4.) אז, אום אויסצוגיבען זיינע א פלימעניצא, א גרושה — אהן נדן, פאר זיינעם א אינטריגאנט אין זיינע פערבארגענע שווינדלען — האט ער דעם אינטריגאנט געהיימען גיבען זיינער פרויא, אין קראַ־קאדילעווקע, א בעל־פרחו גט, אונ דעם סופר זיינעם מיט נאך 2 חסידים געהייסען שרייבען אונ חתמה׳נען א־א גט, אונ זיינע 2 טיש־גבאים געהייסען זיין עדות ביים גיבען א דעם גט.

5.) אז ער האט דיא זעלבע פלימעניצא זיינע געצווינגען חתונה האבען פאר זיין ניעדערטרעכטיגען אינטריגאנט, הנ״ל, המכונה לייב־גבאי, געגען איהר ווילען, אונ דעם אינטריגאנט האט ער זיא גע שדכנ׳ט בתורת אלמנה, וועהרענד ער האט זיא גיט געוויסט פאר א גרושה, וויארען מאכע ער אליין האט זיא, צוריק מיט 8 יאהר געצוואונגען

זיך צו גט'ן מיט איהרען א געליעבטען מאנן דערפאר וואס יענער איז
א משכיל געווארען . . .

## ב.) מחונציא, דעם צדיקים עלטסטער זיהן.

בעשילדיגט זיך אין דעם :

1.) אז ער האט מאנים געוועהן זיינע א געשוועסטער-קינד, רחל'ע,
אין דער נאכט פון זכור-ברית שנת תר"י . . . ביים פאטער אין זיין
יחידות שטיבעל.

2.) אז ער האט איהר איינגעגעבען טייערע רפואות צום אבטרייבען
דאס קינד.

## ג.) דער לייב-גבאי.

בעשילדיגט זיך אין דעם :

1.) אז פון אינטריגע — און פון געלט וועגען, האט ער אונטער-
געהיצט דעם צעפליקער פאטשטאר, צו גט'ן זיין פרוי און נעהמען
רחל'ען, דער רבי'צענס פלימעניצא, וויססענדיג איהר שוואנגערשאפט.

2.) אז ער האט, דורך שווינדעל און חנופה, אויסגעמאנט'עט
ביים צעפליקער פאטשטאר דער פאטשטארקעס א פאאר אוירינג מיט
א בראש און א פינגערעל פון דער רבי'צענס וועגען, און דורך א
פאקים מיט'ן אונטערווארפען בסתר דאס פינגערעל צום צעפליקער
לעהרער אין א קעשענע, האט ער דעם אונשילדיגען לעהרער געמאכט
פאר'ן גנב פון דעם צירינג.

3.) אז ער האט אנגעשטעללט דעם צעפליקער סטאראסטא מיט'ן
סבארשטשיק, זייא זאלען פאלש עדות זאגען אויף דער פאטשטארקא
דעם מאנן איהרען אין דיא אויגען, בודטא זיא זינדעגט מיט'ן
דארטיגען לעהרער.

4.) אז ער האט במזיד געגיבען דעם ווייב זיינעם, אין קראקא-
דילעווקע, א בעל-ברחו-גט.

ד.) ווייטער האט דאס פראטאקאל בעשילדיגט דעם רבי'נס
סופר מיט דיא 2 עדות אויפ'ן בעל-ברחו-גט, פאר'ן שרייבען און
חתמה'נען אזא גט; דיא 2 טיש-גבאים — פאר זייער זיין עדות,
בעת מיין גיבען דעם בעל-ברחו-גט; דעם קראקאדילעווקער בעל-
טקסא — פאר זיין גיבען חאבאר, און דעם מחילה אליין וואס נעמט
חאבאר, אויסער דעם האט דער פראקוראר אבעזאיעוועט דיא רבי'צען
(כפי זיא בלייבט פרייא צו הויז) אז זיא זאל פון מיין חוב, וואס
מיר קימט ביים רבי'ן, גיבען דער קראקאדילעווקער פלוניתטע

מיינער 20 רובל מאנאטליך אויף צו לעבען מיט די קינדער, ביז דאס פראצעס וועט זיך ענדיגען לגמרי.

נא, וואס זאגט איהר, רבותים, צו די מינים חטאים...? איך זאג אייך דעם אמת: איך פערשטעה עס גאר ניט, וויא נעהמען זיך אזעלכע פארשטאפטע קאפ אויף דער וועלט, וואס ווייסען אפילו ניט דאס, וואס ביי אונז, חסידים און פוילישע יודען, ווייסט אפילו א תנוק בן-יומו! — אט לאמיר, אויף ציקאוועסט, געהען כסדר מיט די מינים וואזשנע חטאים פון זייער פראטאקאל, און באטראכטען, וויא מענשען, דאכט זיך, מיט אללע 5 חושים וויא מיר, הייבען ניט אן צו פערשטעהען דעם חלוק פון איין אמת'ן חטא, איין אמת'ע עבירה, ביז א נישטיג תאוה'לע, א קאטועסעל, א שפיטצעל, א ווארטעל און טאקע א פשוט'ר שטות...! און נעהמען און מאכען פון א מייזעל א הייזעל און פון א נפוח-א מישקעט-קויל... למשל; דער ביטטערער חטא זייערער: סטייטש; היתכן, הישמע כזאת, דער רבי געהמט געלט פאר פאלשע הבטחות!?... מאהלט אייך, זיי זאלען זיך האטש נאר דערמאהנען אין זייער אייגענעם גוי'עשען ווארטעל „דורענן דאיע א ראזומנע בערע" דארפען זייא זיך דאך שוין אליין צולאזען אויף אזא מין טפשות!... נאר לאמיר טאקע בעקלעהרען דיזע זאך אזוי, טיעפער אין ענין אריין אהן ווארטליך — איז דאך עס באמת טאקע נאר א חוכא וטלולא! — איך וועלל שוין ניט רעדען דערפון, אז ביי אונז, חסידים, זענען דעם רבי'נס הבטחות תורת משה ממש, און אז דער רבי איז א כל יכול! — מיילא דאס וועללען די פארשטאפטע קאפ אייביג ניט משיג זיין... ווארען די משכילים און מתנגדים, וואס זענען דאך עפעס פארט גמרא-קאפליך — פערשטעהען דאך אויך דעראינגען פינקט וויא דער האן אין בני-אדם!... נאר לאמיר שוין זאגען אפילו לדידהו, אז ס'איז פאלש — נא? מיילא, איז וואס? א פנים דער רבי שלעפט דען ביי די פאללעס: קומט נא דיר קינדער, נא דיר פרנסה, נא דיר ראטע, נא דיר א פאלשע קוויט, נא דיר א פעטטען פגר... וכדומה? יענע קריכען, שלאגען זיך דורך מאווערען, טשעפען זיך, לאזען ניט לעבען, ניט אטהעמען: גיב קינדער! גיב רעגען, שנעה, מלחמות! גיב רבנים, שוחטים, דיינים, סופרים און מלמדים! טרייב אונז ארויס דבוק'עס, מחשבות זרות! פערדריי אונז דעם פריץ, שיק אן דעם מלאך-המות! פאק דעם שטן! ראטעווע די מקשה לילד! וכדומה... נא, לאמיר שוין זאגען איבערען הונדערטען פאלל, וויא זיי זאגען, אז דער צדיק קען דאס ניט ממלא זיין — נא? אבער יודען בני רחמנים גלעבען דאך אבער יא, און לאזען איהם ניט ריהען א מינוט! — קוממט דאך איהם, על

כל

כל פנים, חאטש שכר-בטלה, חאטש שכר-טרחא פאר אזא קאפדילע-ניש, פאר אזא עבודת-פרך יומם ולילה, אהן א חיי שעה!?... הא? — יודעליך מוזען דאך נעביך ערגעץ לויפען נאך נסים, מופתים אונ נפלאות, וואס חוץ מדרך הטבע!... ווארען דעם יודענס גאנץ לעבען אונ שטרעבען איז דאך לויטער נסים, לויטער זאכען למעלה מהטבע... נא? מוז דאך איינער נעהמען אויף זיך, אויסצושטעהען זייערע התפעלות אונ התלהבות צו הימעל-זאכען.. . אונ אז ניט דער — איז יענער! וואס מע מוז — העלפט דאך ניט קיין חכמות!... נא? איז ער דער איינער!... זאלען איהם ניט גיבען אויף צולעבען, זויא פאר אזא הויך, עדעל התמנות פאססט...? הא?... — צו דער חטא למשל, וואס דער רבי האט, אהן א רב, אבגענעהמען א גביהת-עדות אונ נאך א פאלשעס, אונ האט געמאכט א צווישענשייד צווישען א פאאר פאלק; קענן מען ניט חלש'ן הארענדיג אזוינע שטותים!? — געה גיב זיי צופערשטעהען, אז דער צדיק-הדור איז אליין א ספר-תורה, וויא דער זהר הקדוש זאגט „אורייתא וקוב״ה וישראל חד אינון" אונ „ישראל" מיינט מען דאך נאר דעם צדיק, בחינת יעקב אבינו, פון ישר-אל — בייגעקוממען כביכול דיא שכינה — ווארען הקדוש ברוך הוא גוזר גזרה וצדיק מבטל... נמצא אז דער רבי איז הוא הדין, הוא הדין והוא העד... אונ אללע גדולי-הרבנים והפוסקים זעען געגען רבי'ן כקליפות השום!... נא, אידאס עפעס א שאלה פון א בר-דעת: פאר וואס דער רבי נעהמט אב גביהת-עדות?... איי וואס זיי זאגען: א פאלש גביהות-עדות? — איז דאך ווייטער דיא איינעגע מעשה, אז מע האט צוטיהן מיט טפשים! נאך זייערע פלאט-שיגע מוח'לעך קוממט זיי אוים, אז כפי מע דארף אהן תרוץ מאקע גאר ממש חאפען בעת עבירה — לכן הייסט עס דא פאלשע עדות! — אז דא געהט דאך אבער גאר ניט אינ'ם חטא נאיף! ס'איז גאר לא זו הדרך!.. . געה זיי זיי מטעים אזא טיעפען ענין וויא „אין ארור מתדבק בברוך"? — אז א חסיד, ווער שמיסט חלילה א חסידה, איז זיך, גאר מיט א דבור, מיט א קיק, אפילו מיט א גמילות-חסד, מקרב צו א מתנגד, אדער א בערלינער — איז מען שוין פוגם אינ'ם עולם-הנשמות, אונ עס ווערט שוין גערעכענט וויא יחוד ממש.. . נא? דיא פאטשטארקע, דיא מרשעת, האט דאך געטיהן א חסד מיט'ן לעהרער; וואסזשע דארפמען נאך מעהר יחוד דערפין?... אונ קוים איז זיא געווארען א מתדבק בארור — טאר זיא דאך שוין ניט לעבען מיט'ן מאנן, ווייל ער איז „ברוך".. . וואזשע איז דא ניטא צופער-שטעהן...? דעסט גלייבען דער חטא, וואס דער רבי האט געטיהן מיט זיין אויסגיבען רחל'ען בתורת בתולה — ביין וואס דען...? ער

זאָל גײַהען אויסשרייען אין אַללע גאַססען, אַז זיין זיהן האָט מאַגיס געוועהן רחל'ען און אַז רחל'ע איז אויף דער צייט! האַ? וויא מיינט איהר? דאָס איז דאָך שוין טאַקע אַ תנועה פון וואַהרע משוגעים, בנאמנות!... און דאָס זעלבע איז מיט זייערע חטאים, וואָס דער רבי האָט חוטא געוועהן מיט מיין בעל-כרחו-גט און מיט'ן נאָמהען זיין כּלימעניצא חתונה האָבען מיט מיר. כ'לעבען, קאָננען אַזוינע מגושם'ע זאַכען פערשטעהען דעם רבינ'ס קיק אין זוג מן השמים...? מאָהלט אייך, אַז מע ווייזט איהם פאָרט פינ'ס עולם-הזוג דיא נאָמען „יצחק ורבקה" זאָל ער קיקען אָדער שטיא אין מויל אַריין, וואָס זיא ווייסט ניט מאי דקאָמרי רבי'צען.... ? וואָזשע הייסט „זכין לאָדם שלא בפניו" און דער „כופין אותו עד שיאמר רוצה אני"...? היינט זשע וואָס זגאַטשיט אַקעגען אַזאַ הויכען ענין, וויא הזדווגות הנשמות בשרשן — עפּעס אַ קראַקאָדילעוועקער שפלה מיט איהר יא גט, צי ניט גט, צי בעל-כרחו-גט...? נאָר געה רעד מיט פּראָים, וואָס פערשטעהן ניט דאָס מינדסטע קנייטשעל, דאָס מינדסטע קוועטשעל אפילו פון אַ גאַנץ פּשוט'ן יודען.... מכּל שכּן פון אַ חסיד און מכּל-שכּן דכּל-שכּן פון אַ צדיק!... און נאָך אין אַזעלכע דברים העומדים ברומו של עולם!... דאָס זעלבע איז מיט ר' מחונצי'ס חטאים! מאָהלט אייך, אַ צדיק, קיין עין-הרע, אַזאַ בעל-בשר פון תענוג זיו-השכינה, וואָס האַלט שטענדיג אין אַזאַ ווילדען התערותא-דלתתא בגין התערותא-דלעילא... נאַ? פערשטעהען עס גאָר אָ דיא מגושם'ע — זאַכען, אַז פון אַזאַ ברענענדיג התלהבות בעקוממט מען פּשוט הייסע געבליטען, בחינת „בדמיך חיי!"... מן הסתם מוז אַזאַ אש-להבה פאַרשטאָפּען דעם שטן דאָס מויל מיט עפּעס אַ מין געגועים'ל, בחינת „ודגלו עלי אהבה"... נאָר אַז דער ס'ם וויל זיך שוין טאַקע אַ שפּיעל טוהן, און וויל פון דעם „אש-דת" נאָר מאַכען „אש-זרה", אַז ס'זאָל חלילה בעשאַפּען ווערען דערפון אַ נפש-הנדחת, מהניך כּלבין דחצופין... אודאי מוז עס דער צדיק בעצייטענס פערהאַפּען! עס זאָל חלילה ניט אָנקוממען צו דיא רוחין דאָזלין ערטולאין... נישמעדר מיט וועהמען רעדט מען דאָ פון אַזוינע טיעפע ענינים?...

נאַ, און פון מיינע חטאים איז דאָך אודאי נאָר אַ חוכא-וטלולא צו רעדען!... אַ קאַטוּעס אַביססעל איך האָב „אונטערגעהיצט" דעם פּאָטשטאַר!?... געביך אַ ילד פּעטרוסיא, וואָס קענן געביך קיין צוויי ניט צאַהלען... און איך האָב איהם אונטערגעהיצט!?... צי דעסגלייכען: איך האָב בייא איהם דאָס ציהרינג אויסגעמאַנטיעט פון דער רבי'צענס וועגען! איהר פערשטעהט אַ חטא אין באַד!? אָבער ניט זיך?... און ווען מע וויל ביי איהם דיא לעטצטע

קאפאטע — וואלט ער זיא ניט געוועהן אוועקגעניבען — א דער תם געביך ···· פאר רחל'ען ? . . . אונ פאר וואס טאקע ניט ? — עפעס א קארגע זכיה פאר אזא יונגאטש, דער רבי'צענס איין איידעם צו זיין ! ? . . . גבירים אדירים אונ גיטע יודען שטראבען זיך משדך צו זיין מיט'ן רבי'ן — נא, אונ אשת חבר כחבר . . . ובפרט, אז זיא איז אליין גאר איינגעטינקט אין יחוס ! איהר שפיעלט זיך מיט'ן גרויס'ן ר' שימצים איין איניקעל ! . . . אונ ווען טאקע ניט רחל'עס פעקעל — וויא לאנג קריינקט ער, א דער טרעלבויך, וויא ער וואלט אייביג אפילו דיא זכיה געהאט רחל'ען דיא טופליעך צו פיטצען . . . אונ דיא שוטים האלטען עם פאר א חטא, פאר וואס איך האב איהם געבייעט איין אומעהרליך מאדעל ! ? . . . נאך איין עהרליכע פלימעניצע דער רבי'צענס וואלטען זיי א בהלן געוועהן איך זאל רייען דעם צעפליקער פאטשטאר . . . א קליינקייט אזא טהייערע מעציאצא ! ? ···· נא, אונ מיינע איבריגע חטאים זענען דאך אוודאי בוקע רקיעים . . . כ'לעבען איז ניט א לאך אין הימעל, אז דער אפיקורוס, דער ארעמער בעל-עבירה'ניק, דער צעפליקער לעהרער, וועט זיטצען אין אסטראג ? ציא אז מיין יפהפיה האט בעקימען א בעל-כרחו-גט ? . . . באראש נאך אומשטיינסגעזאגט אזוינע שוטים : איהר זעהט דאך גאר דא דיא גילדענע פארשוין מיט איערע אויגען — נא ? מאכט איהר נאך שאלות וועגען אזא טנופת . . . ? אונ צוליעב אזא כשר'ער מציאה, נאך מחייב זיין דעם סופר מיט דיא עדות מיט'ן בעל-טקסא אונ אפילו אייערען א סטאנאוואי אויך ! ? . . . נא, איז שוין דא, וואס צו רעדען מיט אזעלכע טפשום . . . ? אקוראט אשטייגער, וויא גלייך זיי האבען גע'פסק'עט דעם ספוק איהר . . . נאך 20 רו"כ א חודש ! . . . מאהלט אייך, אז דער רבי, וואס ער איז דאך דער מדת-הרחמים אליין, הייסט איהר אפילו קיין כתובה-דאורייתא ניט גיבען . . . זענען זיי דיא בעל-רחמנא'קעס אויף א יודישער טאכטער ! . . . א יא קליג וויא דער טאג . . ? זעהט איהר דאך, אז ס'איז דא נאר געוועהן מעשה שטן . . האט זיך זייא פארגעשטעלט א קוצע קיא פאר א ווינדמיהל, אונ, מיר יאק מיר — נאר דער רבי מיט ר' מחוג'צין מוזען נעביך בחנם בלא דבר, אבקימען בעוו-הדור אונ איך מיט דיא איבריגע זאלען גלאטט זיין כפרה-הינדלעך פאר פיסטע וואלדער . . .

קורץ, מע האט אבגעלייענט דאס פראטאקאל אונ דער פראקוראר האט א בעפעהל געגיבען, אז דעם רבי'ן מיט'ן זיהן זאל מען באלד אטפראווען אין גובערניע אין קרעפאסט אריין ; דעם סופר מיט דיא עדי-הגט מיט'ן קראקאדילעווקער בעל טקסא זאל מען נעהמען אין סירקעווער אסטראג ; דעם סטאנאוואי זאל מען ארלאזען א היים פריי,

נאר מיט א פאדפיסקע, אז ער טאר, מעהר וויא פין זיין סטאן, זיך ניט אטלוטשען, אונ מיך מיט דיא 2 טיש-נבאים, אזוי וויא מיר זענען אללע 3 גראד געוועהן וצונג'ר נכתבים, אונ אזוי וויא קראקא-דילעווקע איז וציונ'ר אויעזד — זאל מען אונז שיקען אין וציונ'ר טערמע ארייון — אונ באלד האט מען געבראכט אין קלויז אריין 2 וועג-טיליבעס, מיט 2 סויבעלגע לאר׳ננמיטצליך, מיט 2 פאאר וואריטע, זאמשענע פויסטען, פאר'ן רג"ן מיט ר׳ מחונצי'ן; זיי האבען זיך עס׳ אנגעטיהן בפני כל עם ועדה, אז ס׳איז ממש געוועהן אין קלויז „וימש חושך“ . . . א סך ערגער וויא דאס חורבן-בית-המקדש! אוי לעינים שככה רואות, וויא דיא לוחות פאללען צעבראכען פינ׳ם הימעל אונ הקב"ה איז מוריד דמעות! . . . „אוי לנו כי נפלה עטרת ראשינו!“ מיר האבען זיך וויא עס איז אנגעטיהן אין וואַרעמס . . . דער זשאנדארעמסקי האט א ווינק געטיהן, אונ אללע זשאנדארען זענען אריין אין קלויז, האבען אונז אללע ארימגערינגעלט, אונ דער פראקוראר האט שוין געזאגט דאס ווארט „מארש!“ . . . נאר פליצעם איז דער לעהרער צו איהם ציגעגאנגען, האט איהם עפעס אויף א מין לשון, געזאגט עטליכע ווארטער, אונ דער פראקוראר האט איהם געענטווערט „טריי ביען!“ (וויא עס האט זיך אקאזשעט טאקע באלד, האט ער, א פנים, געבעטען דעם פראקוראר, ער זאל איהם ערלויבען זאגען, דיא ארעסטאנטען בכלל אונ דעם גאנצען עולם בפרט, א מוסר אויף פראסט יודעש לטובת הממשלה ולטובה דעם יודישען המון-עם . . . אונ ער האט עס איהם ערלויבט . . .) אט וויא דער חלול-השם איז שוין גאר געקוממען אין זיין לעטצטער מדרגה! . . . . אונ דיא שכינה שרייט: „גזרה היא מלפני!“ — דער לעהרער איז ארויף אויפ'ן בעלעמער אונ האט אנגעהייבען:

# וועה! אז דיא בארלינער ווערען מגידים אונ זאגען מוסר דעם רבי׳ן מיט דיא חסידים!

---

## דעם לעהרערס רעדע צום עולם:

---

„אומגליקקליכע, פערפיהרטע ברידער מיינע! איך ווייסס אונ זעה, אז נאך דעם אללעמען, וואס אייערע אויגען זעהען מיין גערעכטיגקייט פאר גאטט אונ פאר לייט, אונ דאס שרעקקליכע אומרעכט פון דיא אללע, וואס האבען מיך, אונ נאך פיעל ארענטליכע מענשען, אינ׳ם גרעססטען אומגליקק געבראכט אומזוסט אונ אומנישט — קיקט איהר דאך אויף מיר מיט שטערבליכע שנאה אונ פעראכטונג, אונ וואלט מיך געהערען איינגעשלינגען . . . אונ אויף דיא חיבים קיקט איהר מיט לייד אונ רחמנות, אונ רעכענט זייא פאר מוסר-נפש׳ניקעם אויף קדוש השם . . . גישמעהר „השם לי לא אירא מה יעשה לי אדם“? מיט מיר איז דער אמת — דארף איך קיינעמס לאסקע ניט! אונ פאלגליך, אז ניט מיין כבוד, ניט מיין קריוודע בין איך דא אויסען, זאנדערען אייער כבוד, א י י ע ר אומגליק! איך מיין דעם כבוד אונ דיא טובה פון מיין בידנע יודישען פאלק! . . . קיקט אייך הארום, ברודערליך, אין וואס פאר א ביטטערער לאגע מיר יודען געפינען זיך צווישען דיא פעלקער, איבער אונזערע שלעכטע מעשים, פערדארבענע זיטטען אונ הנהגות, אונ איבער אונזערען פערפרעמדען זיך פון אללעם וועלטליכעם, בילדונג אונ דרך-ארץ, אונ גיט זיך אליין אב חשבון: מיט וואס סטארעט איהר זיך דיא דאזיגע ביטטערע לאגע צופערבעסערען, אז יודען זאלען שוין ניט זיין לחרפה ולשנינה, ללעג ולקלס בין הגוים אונ, אדרבא, מע זאל שוין אויף זיי אויך א מאל א קיק טיהן וויא אויף ארענטליכע, נוטצליכע מענשען דער מענשהייט אונ בירגער דעם לאנד, וויא זיי געפינען זיך דארט? — איך רעד שוין ניט דערפון, אז מיר יודען, מיט דעם טיטעל, וואס גאטט האט אונז געגיבען „עם חכם ונבון“, וואללטען מיר נאך גאר

בעדארפט זיין א מוסטער, א שיינדלינג פאר אללע פעלקער אין דער וועלט! — נאר לפחות, חאטשע ניט זיין א שאנדע, איין איבריגער אין דער וועלט . . . יעדער גוף לעבט אונ עקסיסטירט נאר דורך דעם, וואס אללע זיינע גליעדער ארבייטען צוזאממען, איטלעכס נאך זיין בעשטיממונג, אהן איין אויפהער, בכדי דעם גוף וואס לאנגער צו ערהאלטען אונ וויא בעקוועהמער איהם דאס לעבען צו מאכען, אונ קאם ווערט איין אבר שוואך, ווער שמיסט, עס ווערט גאר געלעהמט — אזוי שטערט עס נאך דער גאנצער מאכינאציא פינ'ם קערפער איהר ארבייט, ביז מע מוז עס אבשניידען . . . נא, איהר פערשטעהט עס, אונ ווייסט עס טאקע פין דיא קבלה-ספרים, אז דיא וועלט איז איין קערפער, אונ יעדער מענש איז א קליין וועלטעל — „העולם קומה והאדם עולם קטן" נמצא, אז יעדער יחיד איז א גליעד, איין אבר פינ'ם וועלט-קערפער — פין דער מענשהייט — אונ אום דער דאזיגער קערפער זאל לעבען אונ עקסיסטירען, מוז יעדעם גליעד ארבייטען אונ ציברענגען זיין חלק נוטצען דעם קערפער . . . קאם איז אבער א מענש, ווער שמיסט נאך א גאנץ פאלק, איין עצל אין זיין ארבייט צי גאר א בטלן, א ליידיגגעהער — אזוי פאללט ער שוין איין איבריגע משא אויפ'ן גאנצען קערפער, אונ לא די, ער אליין טיהט גאר ניט, שטערט ער נאך אללע איבריגע גליעדער זייער ארבייט, ווייל זיי מוזען זיך נאך גאר ניאנטשען אונ וואזגען מיט איהם אויך . . . נאר דאך איז נאך אזא-אבר צודערליידען: מע טרייבט עס אונטער צו דער ארבייט וויא ווייט מע קאנן, אונ אז ס'העלפט ניט גאר ניט, לאזט מען איהם גאר לויפען; אונ מע גיט איהם ניט קיין חלק געגוס פין דער אבשטשע ארבייט . . . אבער וואס טיהט מען מיט אזא — אבר, וואס ס'ווערט גאר שעדליך דעם גאנצען קערפער? דהיינו אז א פיסס, למשל, הייבט גאר אן פוילען אונ גנויען, וואס לא די ער טיהט וועה אונ מאכט אן העפטיגע שמערצען דעם קערפער — איז ער נאך גאר פעיג צו זאראזען איהם אויך! . . . גוואלד, ברידערליך! וואללט איהר חאטש מעהר ניט געוועהן וויא א לא-יצלח'דיק אבר אינ'ם וועלט קערפער — איז דאך שוין אויך געניג וועה אונ ווינד, אז א גאנצע נאציאן ווערט א בטלן, א טונעיאץ, אונ דארף פאללען למשא, פאר א קעסט-קינד אויף דער מענשהייט. . נאר דאך אידאס נאך פיפ-ס'בידאיוא! „ווער ס'איז פויל, האט ניט אין מויל . . ." אונ דער קערפער — חאטשע טאקע שווערער — טיהט זיך טאקע ווייטער זיין ארבייט . . . וואס זאגט אבער דיא מענשהייט, אז לא די איהר זענט א לא-יצלח'דיג אבר, וואס גיט זיך נאר אב מיט פוסטע פאנטאזיעס, שטותים אונ הבלים — זענט איהר נאך גאר א שעדליך אבר, וואס קענן זאראזען דעם גאנצען

קערפער . . . ? אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה! לא די איהר באגעניגט זיך ניט אינ׳ם גייסטליכען לעבען, וויא אללע פאלקער, מיט א גאטט, א תורה, שיהלען אונ בתי-מדרשים, רבנים דינים, שוחטים אונ אנדערע כלי קודש, מיט א ר׳ מאיר-בעל-נס-פישקע, אונ נאך אזעלכע רוחניות — זאכען צום בעגייסטערען דיא נשמה מיט מזון הנפש — אונ מוזט נאך גאר האבען הימעל-מאקלערס, גאטט׳ס סטראפטשעס, תורה-זאגער, מלאכים-חאפער אונ פמליא-של-מעלה-אדוואקאטען ... מאכט איהר נאך אן דאריבער מחלוקת׳ן, קנאה-שנאה׳ס, אינטריגעס, אומגליקען, נידערטרעכטיקייטען אונ מעשים אשר לא יעשו, וועלכע שאדען דער גאנצער מענשהייט בכלל אונ דעם יודענ-טהום בפרט! . . . אונ דיא רעגיערונג, וועלכע האלט אייך אונטער איהר שוץ אונ גיאנטשעט זיך מיט אייך, וויא מיט א ליידינגעהער, א פיסטעפאסניק, מוז נאך טראטען העכער האלב צייט, מיהע אונ שווייזען פין דיא אבשטשע נוטצען, אויף אייערע שאנדליכע אונ געמיינע אינטריגעס; חוץ וואס הונדערטער יחידים אונ פאמיליען אונ גאנצע געמיינדען מוזען נאך אומגליקקליך זיין דורך אייך, אונ סטרא-דייען דאס גאנצע לעבען, וואס זענען גערבין גאטט דיא נשמה שולדיג, וויא איך אשטייגער! . . . ניט גענוג, וואס איהר טראטיעט אויף אייערע הימעל-מאקלערס קאפיטאלען, פאר וועלכע מע וואללט גע-קאנט אויסהאלטען אין אללע שטאדט גאנצע תלמוד-תורה׳ס, בקור-חולים׳ס, בית-יתומים׳ס, מושב זקנים׳ס, רעמעסליענע שוהלען, אונ בכלל בעוואהרען אללע ארימע אונ קראנקע, קאליקעס אונ בידנע אלמנות, פין הונגער אונ קעלט, אנשטאט וואס דיא הימעל מענשען שאסטען דאס בליטיגע געלט אויף פערעל, ברילליאנטען, סערוויזען, טהייערע פיטערוואריען, קארעטעס, גאלד, זילבער, סאמעט אונ זייד — איז אייך דאס אללעס קארג, אונ איהר ברענגט נאך אוים דאס לעטצטע אויף פראצעסען, אגענטען, חאדאטייעס, חאבארען קערמעשליך אונ פראזענטען, אום אייער נארישען נצחון אויסצופיהרען, אייערע געמיינע נידערטרעכטיגע פלאנעס אבצומאכען, אז דער רבי זאל אלין א גרעססערער בעל-מופת אויסקימען, א העכערער הימעל-מענטש הייסען . . . אונ צוליעב אזא נארישען, אוננוטצליכען אונ משוגע׳נעם נצחון, זאלען נאך הונדערטער אונשילדיגע מענשען אומ-קימען דורך אללערליי אומגליקען! ? . . . קיקט אייך אום, ברידערליך, וויא אזוי איהר אליין אונ דאס גאנצע יודענטהום ווערען, דורך א דיא מינים מחלוקת׳ן, אינטריגעס אונ נצחון׳ס פאר דיא הימעל-מאקטערס — געשמוטצט אונ געפיינדעט ביי דיא לאנדעס-ברידער אונ אונ ביי דער רעגיערונג אין דיא אויגען, אונ וויא פיעל דאס יודענטהום

סטראַדייעט אויס דערפֿאַר, אי בגשמיות אי ברוחניות!... וויפֿיעל געלט, מיהע, צייט, כּוח און מוח לעגט איהר אַוועק אויף דערוויזען פֿינ'ם רבּינ'ס אַ פֿעהלער — אַ מופֿת; פֿון זיין עבֿירה — אַ נס; פֿון זיינער אַ תּאוה-עבֿודות הבּורא; פֿון זיין שרעקק פֿאַר'ן סטאַנאָוואָי — אַ קטרוג אין דיא עולמות עליונים; פֿון זיין זיטצען אין אָסטראָג — שכינתּא בּגלותא; פֿון זיין ערנידריגען זיך און חנפֿה'נען דעם גוי... המשכת נצוצות הקדושים; פֿון זיין חמדת-כּסף-המתקת-הדינים און פֿון אַללע זיינע טעות'ן, גרייזען, שטותים און שיחות-חולין — לויטער געטליכקייט, סודות, נסתּרות, כּוונות, רמזים און הימעל-יאָגען — פֿון וועלכע ניט איך, ניט דעם יודענטהום, ניט דער וועלט, ניט קיין אייבציגען קיממט גאָר ניט אַרויס... איהר זאָלט עס בּעססער אַוועקלעגען אויף טובֿת-הכּלל, אויף צרכי-ציבּור, אויף צדקה וחסד, ענדליך פּשוט אויף זיך אַליין, אויף אייער שטיבּ, אויף אייער ווייבּ און קינדער — וואָללט איהר דאָך דערמיט גרויסע נוטצען געבּראַכט דער וועלט, דעם לאַנד, דעם יודענטהום, דער געמיינדע, דער פֿאַמיליע און זיך אַליין! איהר וואָללט זיך דאָך צייט געהאַט צופֿיהרען אַ שטילל, רוהיג פֿאַמיליען-לעבּען — וויא גאָטט וואָללט אייך געגעבּען — אינאיינעם מיט ווייבּ און קינדער, וויא דיא טויבּען; ערציהען דיא קינדערליך צו גאָטט, צו לייט און צו דער וועלט, וויא דיא יעטצטיגע צייט פֿאָדערט פֿינ'ם מענשען; אייערע ווייבּער וואָללטען גאָר אַנדערש אויסגעזעהען אי בּגשמיות אי בּרוחניות, און איהר וואָללט אייך טאַקע זעהר שיין, בּכּבֿוד, געקעננט געהען ערבֿ ובֿוקר אין שיהל אַריין דאַווענען און לערנען אַ פּרק משניות און אַ בּלאַטט גמרא אויך, און אַפֿילו אַריינקוקען אין אַ רעכט מוסר-ספֿר אויך — און עס וואָללט אייך נאָך כּמעט דער גאַנצער טאָג פֿריי געבּליבּען, אויף צו פֿערדיענען ערליך און בּכּבֿוד אייער לעבּענסמיטטעל... ניט אַזוי וויא איהר לעבּט אין אייער ווילדען חסידות, וויא דיא ווילדע ציגען, וויא טאַבּונסקי לאָשעקעס, נאַקיט און בּאָרפֿיס, הינגעריג און שלאָפֿעריג, הפֿקר און ווילד; אין שטיבּ דלות, חשכות, קללות און זידלעריי, דיא ווייבּער פֿינסטער, וויסט, קויטיג און פֿעראימטערט, און דיא קינדער אָבּגעריססען, אָבּגעשליסען, פֿערמאַרעט, פֿערוואָגעלט, וויא אַ הונד און געוואַקסען וויא אין אַ וואַלד... ווייל אייער גאַנצע צייט, כּוח און מיהע געהט אַוועק אין קלייזעל, אין מרחץ, אין מקוה, אין ספּורי מעשיות פֿון אייערע הימעל-מענשען; און אינ'ם שאַנטטעס שבּת, אינ'ם בּעסטען יום-טובֿ לאָזט איהר גאָר דיא היים אויף הפֿקר און לויפֿט צום רבּי'ן, און קיממט אַהיים מיט שפּאָגעל נייע מופֿתים, נסים ונפֿלאות און דערבּיי שפּאָג'ל נייע אינטריגעס, מחלוקת, הריגות און אַפֿילו שפֿיכות-דמים

אויך

אויך .... איך אליין בין א בן-קדושים און בין ביז 20 יאהר געוועזען דער אייגענער ווילדער חסיד — ס'הייסט פיסטעפאסניק און הפקר-יונג — וואס איהר — און דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט און האט מיר מיינע אויגען געאפפענט, איך זאל מיך הארומקוקען: וויא ליג איך? וויא בין איך אין דער וועלט ...? אלזא, ווייס איך צי ניט, וואס אין אייער חסידות טוהט זיך איבער, און וואס דער וועלט קאסט נעביך אב ממון און דמים דעם רבי'נס א מינדסט געקינצעלט מופת'ל! ... ס'איז דעם פראסטען, בלינדען, בידנע המון-עם וועט איהר איינרעדען אויפ'ן הימעל א יאריד... אבער ניט מיר, ברידערליך! א! איך ווייס צי גיט אללע מופתים דעם רבי'נס!; מיילא פין זיינע נבואות איז דאך קיין רעדע ניט, אז ער ווייסט אללעס פריער דורך זיינע נארראטשנע שפיאנען, אגענטען און שנארערס, וואס זענען אימעדום פילל, פין דיא גרעססטע לייט'ס-קאבינעטען, ביז דער קלענסטער ארעמסטער ספאלניא פין ד' על ד'... חוץ וואס יעדער חסיד איז א פרייוויליגער שפיאן פינ'ם רבי'נס וועגען... און ווען דער קליענט, צי דיא קליענטקא קיממט צו איהם מיט'ן קוויטעל און מיט'ן פדיון — ווייסט ער שוין אללעס פריער... און זאגט איהם שוין אויסענווענינג וויא א וואססער... און הייסט „נביא, מלאך-אלהים!“... נאר דיא מופתים זיינע! אוי לאותה בושה ולאותה כלימה! אשטייגער וויא דיא מופתים פין דעם יעטצטיגען פראצעס...: א מופת, דער רבי האט דעם צעפליקער לעהרער, דעם אפיקורוס, פארטראכט, אז ער וועט שוין קיין תקומה ניט האבען! ... דיא כלב'טע, דיא פאטשטארקא, וואס האט זיך אנגענעהמען פאר א לעהרער... האט ער געשטראפט מיט א בזיון פאר דער גאנצער וועלט און דער מאנן האט זיא פליצעם... גע'גט... דיא אוירינג מיט'ן בראש האט דער פאטשטאר פליצעם פין דער העללער הויט... געבראכט דער רבי'צען, און נאך געבעטען רחמים, זיא זאל עס ביי איהם צינעהמען... און דיא איבריגע מופתים אין דעם פראצעס שעהם איך מיך פשוט פאר'ן מויל צוברענגען... אזוי זענען אללע מופתים זייערע תמיד פאראוס אבגעבעטטע, אבגעשטעללטע, אבגעפלאנעוועטע און אויסגערעכענטע צום פונקט, צו דער מינוט און געוויסע 90% פין זיי ווערען אבגעמאכט דורך חאבארען, רכילות'ן, מסירות, שרפות, בזיונות, אסטראגען, גנבות, גילות, רציחות, מאשענסטוועס און שפיכות-דמים אויך, ווען מע מוז!.. נא, און דיא מינים מופתים, וואס בגעהען זיך שוין אהן דיא אללע מאשענסטוועס — זענען גלאטט לויטער שווינדעל און אחיזת-עינים: דער פריץ פין 90 יאהר ליגט שוין באלד 3 יאהר געלעהמט,

אַפילו אָהן לָשון — הַיינט מָארגען צום קֶבר . . . נָאר זַיין יונגע קַאבַּאנקע שיקט, גְראד אַ טָאג פַאר זַיין טויט, 10 רַיקים צום רֶענדַאר נָאך רַאטֶע בְּשֵם הַפָּריץ — דֶער רֶענדַאר לויפט צום רֶבּי'ן, גיט איהם אַ פִּדיון דיא לֶעטְצטֶע חַיי רו"כ, אונ דֶער רֶבּי גְלַאנְצט אונ קְרֶעכְצְט (עֶר וֵויסט גיט וָואס מיט דֶעם פָּריץ טִיהט זיך . . .) אונ לָאזט אוים: „פָאהר בְּשָלום, דַיין פָּריץ וֶועט בְּקָרוב אָהנלֶעגֶען מיט'ן קָאפ!" . . . אונ כַּך הֲוָה! . . . איי דָאס וָואס דיא מַרְשַעַת, דיא פְּריצָה שיקט, טַאקֶע תֵּיכֶף נָאכ'ן בְּעֶגְראַבֶּענִיש, שוין 15 רַיקים אונ מֶע קֶעהרט איבֶּער דֶעם רֶענְדַאר'ס אֶרֶע-קָאשְעֶנ . . . ? דָאס איז מֶען דָאך גיט מְחוּיָב צודֶערצֶעהלֶען . . . אונ מיט דֶעם פָּריץ'ס טויט קְלינגט דיא וֶועלט . . . דֶער רֶבּי וֵוייסט, דורך אַ דיפֶּעשֶע פוּנ'ם גובֶּערֶענסקי חָאדַאטַיי, אַז אין דֶער סְטָאליצֶא איז שוין אָבְּיַאוֶועט אַ מַאניפֶעסט אונ וָואס אינ'ם מַאניפֶעסט שְטֵעהט, בְּקִיצוּר, אונ אַז נָאך אין אַ פָּאאַר טָאג אַרום וֶועט עֶר שוין אָבְּיַאוֶועט זַיין אין דֶער גובֶּערְנִיע אויך, אונ מיט אַ פָּאאַר טָאג שְפֶּעטֶער וֶועט מֶען איהם שוין אָבְּיַאוֶוען אין דֶער גַאנְצֶער אימְפֶּערְיָא . . . אונ דָא קימְט אַ דֶערשְלָאגֶענֶע, פוילישֶע יודֶענֶע מיט אַ פִּדיון: איהר מַאנן זיטְצט שוין 3 יָאהר אין אָסְטְרָאג אונ זיא מיט דיא קינְדֶער גֶעהֶען אוים פַאר הינְגֶער; אַ גְלַאנְץ אונ אַ קְרֶעכְץ . . . אונ לָאזְט אוים „פָאהר בְּשָלום, דַיין מַאנן וֶועט איפֶּדֶע-וָואך בֶּעפְרַייט וֶוערֶען . . . אונ כַּך הֲוָה! . . . דֶער מַאניפֶעסט וֶוערט אַ זַייט-זַאך . . . אונ דֶעם רֶבּי'נְס מוֹפֵת איז מַרְעִיש עוֹלָמוֹת . . ." דֶער גַבָּאי מַאכְט אָפּ מיט אַ בַּיידֶעל-שְלֶעפֶּער עֶר זָאל גֶעהֶען קֵיין בויבֶּעריג אויף שַבָּת-תְּשוּבָה, אונ יָאל פְרַייטָאג אין מֶרְחָץ דָאס-אונ-דָאס טִיהן — וֶועט צו איהם צִיגֶעהֶען דֶער-אונ-דֶער . . . זָאל עֶר איהם זָאגֶען ווידֶער דָאס-אונ-דָאס. אונ עֶנְדְלִיך זָאל עֶר דֶעם אונ דֶעם'ס טָאכְטֶער גֶעהמֶען פַאר אַ ווַייבּ . . . אונ דָא קימְט דֶער „דֶער-אונ-דֶער" מיט אַ פִּדיון: דֶער רֶבּי זָאל איהם בֶּעשֶערֶען אַ זוּג פַאר זַיין מְאוּס-גֶעשְטִיפֶּעלְטֶער מויד, אָהן נָדן: — אַ גְלַאנְץ אונ אַ קְרֶעכְץ ... אונ לָאזְט אוים: „פָאהר בְּשָלום, פְרַייטָאג אין מֶרְחָץ וֶועסְטוּ שוין גֶעפִינֶען דַיין טָאכְטֶערְס זוּג, אַ סִימָן: דָאס-אונ-דָאס . . ." אונ כַּך הֲוָה! . . . דֶערטָאפְּט נָאך אַ נִסְתָּר פַאר זַיין פַאכְקִידֶענֶע מויד! . . . „אָט אַ מוֹפֵת, וויא אַ מֶענְש קוּקְט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ!" . . . הַיינְט דיא ווילְדֶע מוֹפְתִים, וָואס דֶער רֶבּי קינְצֶעלְט אוים דורך אַ צְוֵוייְדַייטִיגֶער תְּנוּעָה, אַ וָוארְט, אַ שְמֵייכֶעלֶע, אַ לֵיצָנוּת'ל וְכַדוֹמֶה: מיט דיא וָוארְטֶער: „אַ-נ-עֲבֵירָה אַ נֶפֶש", אויפ'ן פִּדיון פוּן דֶער מַקְשָה לֵילֵד, וֶועט שוין אַרוים אַ מוֹפֵת אין אַלֶע אוֹפַנִים . . . וֶועט זיא לֶעבֶּען אונ הָאבֶּען אַ טויט קינְד — גֶעהט זַיין „אַ-נ-עֲבֵירָה אַ נֶפֶש" אויפ'ן טויטֶען קינְד . . . וֶועט זיא הָאבֶּען אַ לֶעבֶּעדיג קינְד אונ

אליין וועט זיא שטארבען — געהט עס אויף איהר . . . וועללען זיי ביידע שטארבען — געהט עס נאר אויף איהר, אונ דאס טויטע נפל רעכענט ער פאר קיין נפש ניט . . . וועללען זיי ביידע לעבען — הייסט עס: ער האט אפילו דאס קינד אויך געראטעוועט פינ'ם טויט . . . אונ נאך אזעלכע הונדערטער פאקוסען, וואס דער פראסטאק נעביך פאללט דארויף ניט, אונ חברה צופויקען עס פאר א מופת . . . איין עק, ברידערליך, לאז געהמען מיט דיא הימעל-חאדאטייעס! זייא לעבען אב א עולם הזה וויא גאטט אין פראנקרייך מיט כל התענוגים שבעולם, נאר אויף אייער שטשאט אונ זיי האבען אייך בנאמנות אפילו אין דער לינקער פיאטע ניט אין זינגען — אפילו בעת אייער שמחה — ובפרט בעת צרה, מאגט איהר, פרא זיי, אפילו הונד צו טהייל קימען! . . . איהר ווייסט דאס אונ זעהט דאס טאג טאגליך! . . . איהר זעהט דאס אין דער איינציגער מינוט אויך, וויפיעל דעם רבי'ן אארט דער פאמשטשאר, נאך אזוי פיעל אויסזויגען זיין בליטט . . . אונ נאך פאר שווינדעל, אבמאן אונ פאדלאסט . . . אונ פין דיא איבריגע מחיבים איז דאך אוודאי קיין רעדע ניט, אז ער הארט זיי וויא פאר-א-יאהריגען שנעה! . . . איהר פערזונדעגט זיך נאר דיא נשמות דורך זייערע גרויסע אויגען אונ וואלפעשע אפטיטען! . . . זיי זויגען אונ מעלקען אונ שעערען אייך, אומגליקליכע שאאף, אונ טיהען פין אייערט וועגען קיין האנד אין קאלט וואסער ניט אריין! . . . קיקט ניט דארויף, וואס גבירים, פיינע-בריות, וועלטליכע מענשען, אפילו איינינע משכילים, אפילו אפיקורסים גלוחים אונ הילטייעס פאהרען אויך א מאל צו זיי אונ גיבען זיי פדיונות! . . . איהר ווייסט עס פאר וואס . . . ? אונ טאמער ווייסט איהר עס ניט — ווייסען זיי נאנץ גיט!: ס'איז פשוט, ווייל א סך האבען מורא, אין דער מין טיינע יעזואיטסטווא, פאר זייער פערמאגען, פאר חרפות בושות, פאר אסטראג אונ פאר'ן לעבען! . . . א סך געפינען אין א דער יעזואיטסטווא זייערע געמיינע ווינאדעס אונ אינטערעסען . . . א סך נעהמען עס פאר א בייטש, צו שמייסען אונ סטראשען, וועהמען זיי דארפען . . . אונ א סך חאפען גלאטט פיש אין מיטנע וואססער! . . . אונ איהר, בלינדע, קיקט נאר אויף דער דרויסענדיגער וויוועסקע . . . אונ קוועללט . . . אונ שלאגט כפרות מיט'ן יודענטהום, מיט וייב אונ קינדער אונ מיט זיך פאר א גלאטט דעם רבי'נס שטריימעל . . . איך שווער אייך ביי מיין לעבען, אז איך האב מיך ניט אנגעהייבען סטארען פאר מיין בעפרייאונג, ווייל איך האב זעהר גיט געוויסט, אז דורך דעם וועט דאך דער רבי בע-שילדיגט ווערען פאר אללע זיינע חטאים, אונ מע וועט איהם געוויסס צערעסטירען — אונ דאס וועט געוויסס ווייטער אבקאסטען צעהנער-מאל ענטער

יודעש-בליט, מע זאל איהם בעפרייען . . . האב איך עס באין אופן ניט געוואללט ! נאר איך בין דאך ניט שולדיג, וואס ארענטליכע מענשען האבען דאקאזעוועט מיין אונשולד מיט מיין אומזיסטיגע סטראדייען . . . גענוג זשע שוין זיך מוסר-נפש זיין פאר דיא גילדענע עגל׳ס! ליידען דלות, צרות, בזיונות, געוויססענסביסטע און א הונדישען עולם הזה מיט שבעה מדורי גהנם לעולם הבא ! . . . און לאז שוין געביך דאס יודענטהום אויפהערען אבקומען פאר אייערע חטאים ! . . .

# דעם לעהרערס רעדע צום רבי׳ן:

און אייך, רבי, דאנק איך זעהר פאר מיין אבמיטשען זיך א יאהר אין אסטראג, צוליב אייער א פוילש כבוד׳ל און א קאראנטע קערבעל ! . . . א דאנק אייך מיט אללע רביים פאר דער עהרע און גדולה, וואס איהר מאכט דעם יודענטהום מיט אייערע מופתים און מעשים טובים . . . א דאנק זיי פאר זייער באהראבעווען דאס ארץ-ישראל-געלד, בעת זיין גבאית-הכוללות . . . א דאנק דעם איבערגעקעהרטען בער, וואס אין איין וואך ארום נאך זיין געאפפערטען גיטעידעשאכט, איז ער שוין טאקע געווארען א רועה-זונות און אוכל-טרפות בפרהסיא ! . . . א דאנק דעם באזושער צדיק פאר דעם כבוד, וואס ער האט אנגעטאן דומענער יודען מיט זיין קלינגענדיגען פראצעס מיט דער גויי בבלל און מיט זיין נאכשיקען איהר 2 גבאים, זיי זאללען ראבעווען ביי איהר אויפ׳ן וועג, דאס צאהרינג פאר 10000 רו״ב, וועלכעס ער האט עס איהר, על פי פסק דין, ערשט נעכטען אבגעטרייטען, אלס איהר כתובה ! . . . א דאנק דעם באיאנער הימעל-מענטש, וואס, נאכ׳ן אבעקען פארמאלנע מיט׳ן ברידער, אז ער טרייט יענעם אב דאס גאנץ פעדארער גיטעיודשאפט פאר 40,000 רו״כ באופן, אז ער טאר איהם אייביג דעראינען קיין פאדריוו ניט מאכען . . . האט ער נאכ׳ן נעהמען דיא סומא, טאקע תיכף זיך איהם אנידערגעזעטצט ביי דער זייט, אנדערהאלבען מייל פין נאסעדארע, און נאך פינקט אין א שטאדטעל, וואס ליגט פין דער רוססישער גרענעץ פאר נאסעדארע, אזוי אז ער חאפט דארט איבער אללע רוססישע חסידים, וואס פאהרען צום ברידער, און ער פראוועט גיטעיודשאפט ביד רמה ! . . . (א יא, רבי, ס׳איז שאן און וואיל, אז איין שווינדעל דעם אנדערען פערקויפט און פערזעטצט

און גיט אב אין אַרענדע טויזענטער יודען צום שערען און זויגע ווי דיא קרעפּאסטנויע ביי דיא פּריצים . . . און דער שווינדעל אבמאנעוועט נאך יענעם שווינדעל ! ? . . .) א דאנק דעם אנטעלער צדיק פאר זיינע עניוות'דיגע וויזיטען — צוליעב א קערבעל — צו אללע מוסרים , גנבים , ראסטאוושטשיקעם , קאבאטשניקעס און בתי-זונות , וכדומה . . . א דאנק דעם קאמארעווער רבי'ן פאר דער שיינער בכבוד'ר איסטאריא מיט דער טאכטער , דיא יפהפיה . . . און פאר מאנפויק'ס זיטצען 15 יאהר אין אסטראג איבער דער רבי'צענס א קאפּריזעל . . . א דאנק דעם כמארעסטריקעווער קדוש-עליון פאר זיין אנמאכען געשלאגען , ביי נאכט אויפ'ן הויף , מיט דיא בנים , איבער דער חלוקה דאס יודישע בליטש . . . און דאס גאנצע שטאדטעל , יודען און קריסטען , לויפען קוקען אויפ'ן באז ווינדער , וויא דער אלטער הימעל-מענטש מיט זיינע הימעל-בנים , מיט דיא שניר און טאכטער און איידעמס , שלאגען זיך מיט קאטשערעס און לאפּעטעס , און שעלטען און זידלען זיך ערגער וויא מארק-סטעדעכעס , און אללע אין איינע תחתונים מיט אונטער'שטע קליידלעך ! . . . און אויף מארגען טראגט דער עולם טאקע ווייטער פּדיונות . . . און דיא נעכטיגע נאסען-יונגאטשעס גלאנצען שוין ווידער און קרעכטצען ווידער און זענען ווידער מבטיח בנא , חיי , מזונא ! א דאנק דיא 2 סאווילאטער קדושים פאר זייער וועלטען-פיהרען , נאך פאר דיא שמיטץ . . . און פאר דעם באר"ג פּדיונות-קוויטלעך , וואס טויזענדער יודען האבען זיי געגיבען אין ווציוני — און מע האט זיי אללע געפינען אין זייערע יחידות-אבטרייט בפני כל עם ועדה ! . . א דאנק דעם סראקעטשער קדוש-עליון פאר זיין רייסען געלט פון טויט און פון לעבעדיג אויפ'ן תוקף פינ'ם אלטענס צוואה , וואס ער האט איהם געזאגט פאר'ן טויט : „יעקעל אשר'יל , מיין זוהן , זאלסט נאר נעהמען און נעהמען און ווייטער נעהמען ! ווארען וויפיעל דיא וועסט נעהמען — וועט אלץ מיינס איבערגעהען ! . . .“ און יעקעל אשר'יל האט עס מקיים געוועהן ככתוב . . און האט יודען געמאכט עהרע מיט זיין האלטען דעם אקציז אין עקיווער גובערניע , מיט'ן אפּיקורוס , נאריצקין , בשותפות . . . און זיינע 2 דריישטאקיגע מויערען אין אטיזמיר — פון יודעש-בליט — זענען ביי נאריצקין פערפאללען געווארען אין זאלאג . . . און נאריצקין האט איהם בפני כל עם ועדה געזאגט דעם געוויססען משל מיט'ן סאלדאט און דעם מלמד'ס טלית-ותפילין . . . און ער מיט'ן טרפה'נעם גלות נאריצקין'ען האבען זיך טאקע ווייטער געקישט אין דיא פּיסקלעך ! . . . און יודען בני רחמנים האבען דעם גיטע-יודעשען-אקציזניק ממלא געוועהן זיין הזיק כפל כפלים . . א דאנק דעם 12=יאהריגען צדיק'ל ,

ר' חונם-בעריקעל, פאר דעם נחת און כבוד, וואס ער האט געמאכט דעם יודענטהום, ארימפאהרענדיג מיט דער מוטטער אין פוילען, מיט זיין זידלען און שעלטען זקנים מופלגי תורה!... מיט זיין מעביר זיין רבנים, דינים און שוחטים פין זייערע התמנות'ן, מיט זיין ברעכען הונדערטער מענשען פין ברויט און מיט זיין נבואה, בעת אריינקימען צו איינעם מיט א וויזיט . . . און האט נאך אויף דער שוועל אויסגעשריגען: „פע, א סרחה! א טומאה! א סטרא אחרא!" — און ס'האט זיך [illegible]אזעוועט אין שטיב (טאקע אונטערגעווארפען פין זיינעם א-נ-אטידאנט.) א בלאטטעל ישעיה מיט'ן באור... און שפעטער מיט א יאהר 10, האט ער מיר אליין נעהייסען צי'גנבה'נען ביי מיין טאטען א ספר, וואס איז גיט בנמצא, און עס איהם צו שיקען מיט דער ערשטער פאסט... אז פאר וואהר זאל איך אזוי נצל ווערען אויף ווייטער פין דיא גיטעיודישע האנד!... און איך, רבי, א גרויסען דאנק בשם כל ישראל, פאר אייערע קינצלעכע פאקוסען און דראטארבייטיגע מאשען-שפיעלען מיט אייערע זיידענע חפציתלעך און אבגעבעטע מופתים, וואס קאסטען אב יודען זייער גאנצער כבוד, סאוועסט ממון און דמים... און פאר אייערע זיידענע בנים'ליך, וואס זשירעווען און בריקעווען און ווארפען שטריימלען פין דיא קאפ, און טהיילען פעטש פאר ארומע לייט, און רייסען גרייז-גרויע בארד און פאות ... און וואס מעהר זיי זענען זיך ממלא תאוה, וואס מעהר זיי זינדיגען און וואס מעהר עזות, חוצפית און נבול-פה — זענען זיי אלץ מעהר נתגדל ונתקדש ביי אייערע חסיד'ישע פאדאנעם... און מע רייסט איין פאר זיי דיא וועלט!... נישמעהר, הארט מיך אויס, רבי לעב, אויף א רגע און ענטווערט מיר, באמונה, אויף מיינער א לעטצטער שאלה! — לאזט אייך אויף א רגע אראב פין דיא עולמות עליונים צו אזא מגושם'ען בשר ודם וויא איך... און פערגעסט אויף א ווייל דיא לינג-און-לעבער, וואס חסידים האבען אייך איינגערעדט אויף דער נאז: אז אייער קלויז איז אבית-המקדש און איהר — דער כהן גדול, דיא קינדער — דיא פרחי-כהונה, דער טיש — דער מזבח, דיא פדיונות — קרבנות און אייער לילקע-ציבעך דיא מחתה מיט דיא קטורת; און אז דער רויעך געהט גלייך ארויף — איז א סמן, אז איהר זענט דעמעלט משפיע שפע ברכה והצלחה דער וועלט ... און אז חלילה קרים — איז א ווילדער קטרוג אויף יודען ... ווען ער וויגעט זיך אין שלאנגעליך — איז דעמעלט: מיכאל והשטן מתאבקין זה עם זה ... און ווען עס קאטשעט זיך פינ'ם רויעך באגעליך — דעמעלט איז יחוד אבא-ואימא ... און דער רבי מיט דער פמליא של מעלה זענען דיא שושבינין ... אט א דיא לינג-און-לעבער פערגעסט א מינוט, און זאגט מיר דעם ריינעם

אמת: (עס מאג אייך, רבי'ניו, אנשטעהען, ווארען אזא בנן של קדושים
וויא איהר, בין איך אודאי? . . . אויב דאס קענן מען ריהפען
קדושים?" . . .) איך האב ניט קיין טעות דערמיט, וואס איך דענק
אפט ביי מיר אין הארצען א למוד-זכות אויף אייך . . . ? כ'לעבען!
איך טראכט מיר אפט: גוואלד, איהר זענט דאך עפעס שטיקלעך
איידעלע מענשען, טאטענס קינדער, אונ איהר האט דאך געוויסס
עפעס עדעלע געפיהלען אונ געוויססען אין הארץ, אונ עפעס ריינע
געהירען אין מוח — נא? איז דאס מאגליך אין דער וועלט, אז חאטש
א מאל אין א יאהר, אין א שמיטה, זאל אייך ניט ארויפקימען אויף
דיא מחשבות דער געדאנק: „וואס הייסט עס? 30,000 יודען לויפען
מיר נאך, וויא דיא פער'סמ'טע מייז; ווארפען מיר געלט אין דער
קארעטע כחול הים; זענען זיך מוסר נפש פאר מיינעם א מינדסט נאגעל,
אפילו פאר מיינעם א הפץ . . . אונ נאר אין מיר הענגט זייער האפפנונג,
זייער השתוקקות, זייער אמונה אונ זייער לעבען! . . . וואזשע גיב
איך זיי אב דערפאר פון מיין זייט? וואס טיה איך עפעס דערפאר
פין זייערעט וועגען? מיט וואס צאהל איך זיי אב פאר דיא אללע
ראספקאשען אונ תענוגי עולם-הזה, וואס זיי שטעללען מיר ציא מיט
זייער ממון אונ דמים? . . . הא? . . . דעם טעות, וואס זיי האבען
אין מיינע תפלות פאר זיי צו גאט אונ אין מיינע מופתים — ווייס איך
דאך ביי זיך, אז ס'איז א ליגען! בעת פדיון טיה איך טאקע א גלאנץ
אונ א קרעכץ צום רבונו של עולם, אונ אויך נאר פין יוצא וועגען . . .
ווארען ס'איז דאך נאריש צו זאגען, אז אפילו דער שני-למלך אליין
זאל, במשך 5—6 שעה כסדר, אלץ קימען פאר'ן מלך, יעדער מינוט
מיט איין אנדער דאקלאד, איין אנדער בקשה! . . . נא, אונ נאכ'ן
קוויטעל פארגעסס איך איהם וויא א באזען חלום . . . ווארען ראשית:
ווער קענן זיך עס אנגעדענקען טויזענטער פערשיעדענע בקשות?
והשנית: איז דאך אויף מארגען ווידער דאס אייגענע, אז דער קאפ
געהט אזש חאדאראם. והשלישית: ווייסס איך דאך ביי זיך, אז קאם
אוועק פינ'ם טיש, פינ'ם פראווען — בין איך דאך דער אייגענער בשר
ודם, וואס אללע מענשען . . . אונ זיעך מיר פערשיעדענע געניעסען אונ
תענוגים צום לעבען: איך עסס, איך טרינק, איך שלאף, איך האב
מיר נחת מיט מיין בני-בית, איך שפאציער, איך טיה מיך אן, טיה
מיך אויס, אונ טיה א קיק אין א ספר אריין אויך א מאל! וויפיעל האב
איך דען, אומשטיינסגעזאגט, פרייע צייט אינ'ם מעת-לעת, אז מע לאזט
דאך מיך כמעט נישט אטהעמען? . . . איי וואס מיינע פאדאנעס מיינען,
אז אין דער פרייע צייט בין איך אין עולמות-עליונים, אונ קיין עססען
קוממט כמעט ניט אין מיין מויל אריין, אונ קיין שלאף כמעט ניט אויף

מיינע אויגען, און אז מיין שפאציער מיט כדומה א פערגעניגען — איז לויטער עבודות-הבורא און תיקון-נשמות...? אבער איך ווייס דאך, אז ס'איז א טעות, און קיין צדיק — אפילו דער אמת'ר — איז דאס טאקע גאר ניט מחויב... נא, און וואס זיי האפען זיך אן אין מיינע מופתים? — דאס ווייסס איך דאך אודאי, אז ס'איז שקר וכזב!... איך ווייסס דאך יא דיא אללע אומעהרליכע און שווינדלערישע מיטטעל, וואס מיינע חסידים, — בידיעתי ושלא בידיעתי — און א מאל טאקע איך אליין מחילה, געבריכען פין א מינדסט מופת'ל, וואס ס'מאכט זיך שוין יא, אהן מלאכות... איז דאך עס איין מקרה אונטער 100,000 הבטחות, וואס איך טרעף ניט... און וועלכער ילוד-אשה, עס מעג אפילו זיין משה רבינו אליין, האט דען, צי וועט דען בעוויינען אזוי פיעל און אזעלכע גאטטליכע מופתים, וואס מיינע חסידים שרייבען מיר צי — בשוגג, צי במזיד? בתמימות, צי בערמה...? ווכן, בלייבט דאך דיא קשיא: וואס טיה איך עפעס אב מיינע בלינדע לייט פאר זייער מילך און וואאל, וואס זיי גיבען מיר אב פון זייער זיבעטער הויט! ? — טרייסטען זיך דערמיט, וואס דורך זייער פעסטער אמונה אין מיר ווערען זיי, אדער עס ווייזט זיך זיי אויס, אז זיי ווערען שוין געהאלפען אויף אללע זייערע בקשות...? קיממט דאך מיר דערפאר ניט מעהר וויא א דאנק און אפשר איין אנבייסען, מיט א זייערקליינעם קאפעלע, מיט א פאאר פאנטאפעל און נאך מיט איין אלקעריל אויך — אבער ניט אזא עולם-הזה מעשה מלכות!... רבנים און אללע מינים כלי קודש, וואס טיהען דאך עפעס יא פין יודען וועגען, האבען אפילו יענץ אויך בצמצום גדול! און פין אללע אונזערע אלטע: שופטים, נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים, מפרשים, פוסקים און צדיקים באמת, וואס האבען זייער לעבען געאפפערט פין יודען וועגען, און וואס יודען האבען טאקע באמת נאר געלעבט פין דער אמונה אין זיי — האבען דען חלילה נהנה געוועהן פין יודען אפילו באצבע קטנה? דיא וואס האבען פארמאגט אייגענם — האבען געלעבט פין זייער פארמאגען, און דיא, וואס האבען ניט געהאט — האבען נעביך געליטען דאס גאנצע לעבען אין עניות אין דחקות — און צו יענעמס א גראשען ניט אנגערימען! וויפיעל פין אונזערע גרויסע תנאים זענען נעביך געוועהן ארימע בעל-מלאכות און הארעפאשניקעם? —: הלל הזקן איז געוועהן א פשוט'ר שבר-יום, ר' יהושע — א קוילען-ברענער, ר' יוחנן — א שוסטער, ר' יצחק — א קאוואל, רב כהנא — א פשוט'ר שניידער... און נאך הונדערטער אזויגע! אט איז רש"י געוועהן א גאלדשמיד וכדומה, היינט נאך אזוי לעבען וויא איך אויף א פרעמדען זייטעל, נאר דערפאר, וואס זיי קוויקען זיך מיט דער אמונה אין מיר...

דאס איז דאך ממש גזלה, ממש רציחה! . . . היינט, אז מיהן, טיה איך פין זייערט וועגען גאר ניט, און איבער מיינע חפצית מיט מיינע חסידים'ס מעשים אשר לא יעשו ווערט נאך דאס יודענטהום נמאס ומאוס בעין כל העמים, און זיי ליגען בתכלית-השפלות הן בגשמית והן ברוחניות — וויא אזוי זשע פיהר איך עס נאך אלץ אזא זונדיג לעבען, אזא מאגנאטישע ראללע, אזא ראסקאש כיד המלך, און פיהר נאך מיינע פיסטעפאסנע קינדער אויך אויף דעם סטריא — און אלץ אויף דעם חשבון פין מיינע 30000 בידנע אויסגעמארכעוועטע בלינדע שאאף! ? . . . און איך הייב גאר ניט אן ציקלעהרען עפעס א פלאן, וויא אזוי א מאל זיך ארויסקראטשקען פין אזא לעבען, וואס ס'דארף אללע מינוט אויספאללען באקאם דעם אמת ארענטליכען מענשען, און יעדער ביססען דארף איהם דערווארגען אויף דער שטעלל! ? . . ."

אזוי, רבי, דענק איך אפט איבער אייך און מיין, אז איך בין ניט גענארט אין אייך, און בעת איך טראכט דאס, ווייסט השם יתברך, אז איך האב שרעקליכען מיטלייד מיט אייך, אז פשוט מיין הארץ ייסט מיר אויס! . . . יא, איך האב געוויסס קיין טעות ניט! אזוי מוזט איהר אייך א מאל אבגיבען חשבון מיט אייערע אינגערליכע געוויססען: אנדערש קענן גאר ניט זיין! . . . איי, פאר וואזשע ווארפט איהר ניט אוועק אזא פאלש אומעהרליך לעבען? — דארויף געפין איך אייך אויך תמיד, ביי מיר אין הארצען, א למוד-זכות! — איך קלעהר מיר אזוי: דער רבי בערעכענט טאקע זעהר גוט זיין אונאיבערטראגליכע לאגע, און וואללט עס געוויסס געהערען פטור ווערען! נאר ער איז דאך פארט ניט מעהר וויא א בשר ודם: עס גליסט זיך פארט ניט, און ס'איז טאקע שווערליך, אוועקצולאזען אזא גרינג קערבעל און איבערגעהען פין אזא ראסקאשנע לעבען אין א פשוט בעלי-הבית'יש פיהרעכטס, מיט'ן אויסגעצעהלטע גראשען! ווער שמיסט נאך גאר אין א לעבען פין עניות און דחקות, לויט זיינע אייגענע פערדיענסטען וועללען טראגען! . . . און ווען דער רבי זאל שוין אפילו האלטען דערביי, צולעבען ארעם, פראסט — אביא עהרליך און ריהיג, קענן ער עס שוין פשוט ניט אויספיהרען איבער זיין רבי'צען מיט דיא קינדער: ער האט זיי שוין געוואינט אויף אללערליי לוקסוס און קאמפארט זיי האבען שוין צי פיעל צעשטאפט דיא האלזער, אודאי ווילל זיך זיי באין אופן ניט אראבגעהן פין אזא גדולה, און זיי וועללען איהם שוין בפרוש דעם קאפ אבדרייען, ער זאל זיי צושטעללען כל התענוגים שבעולם, עס מאגען איהם זיינע געוויססען אפילו איפטאטשען ביז גאר . . . ארג האט זיך ר' בער'עניו לעוויר געראנגעלט מיט זיין רבי'צען יאהרען לאנג, מע זאל אוועקווארפען דאס נידערטרעכטיגע גיטעיודישע פיהרעכטס, און לעבען

פראסט בעל-הבית'עש, וויא אנדערע ערליכע בכבוד'ע יודען ? אונ ער האט עס ביי איהר אין קיינען פאלל ניט געקענט אויספיהרען, ווייל זיא האט שוין באין ענין ואופן ניט געוואלט אראפ פין דער גדולה — ביז ער האט געמוזט גאר ווערען א יוצא לתרבות רעה ! . . . צווייטענס קענן מען דאך אזא איבערגאנג ניט אבמאכען אין איין טאג, ציא אפילו אין איין חודש, דאס מוז זיך אבטיהן פאוואלי, שטופענווייזע — אונ דא ווערט דער שארוועריק אללע טאג גרעטער אונ פערטעררמטער : דער עולם לויפט פין ארבע פנות עולם, דער מכח א פאלשען קוויט, דיא נאך שנעה אונ רעגען; רענדארעס נאך ראטעס : פיינע-בריות נאך שדוכים ; עגונות נאך מאנגען ; פאאר-פאלקען נאך קינדער ; קהל'ס-לייט מכח רבנים אונ שוחטים — אונ רבנים, שוחטים מכוח קהל . . . שותפים נאך בוררות'ן ; חסידים נאך תקון'ס, תשובות אונ ניי התלהבות ; סוחרים נאך קרעדיטען, היינט חולים, דבוק'ס, שלאף-שדים, משוגעים . גלגולים אונ מקשה לילד'ס . . . אונ יעדער וויל דאך א שמירה, א סגולה, א קמיע, א י"ב-חלות-פייגעלע, צי בייגעלע . . . אונ איינינע גליסט זיך גאר דעם רבי'נס אלטע חפצים קויפען, צי גלאטט טארגעווען זיינעם א פערציגער לזכרון ולהצלחה . . . אונ נאך הונדערטער בקשות אונ סכסוכים, וואס ס'איז גאר אין לשער ואין לערוך ! . . . אונ דערווייל לאזט מען איהם ניט א מינוט ריהע, דער קאפ איז וויא א ראטהויז אונ ער ווייסט גאר ניט, וויא ער איז אין דער וועלט ! נא, עפעס האטש ענטווערען מוז מען דאך א יעדען — מען נעהמט דאך עפעס געלט דערפאר ; אונ דא איז ער איז גאר ניט אומשטאנד אליין צו אופארען, ער זאל אפילו זיין מיט טויזענט קאפ ! — אודאי מוז ער נעביך אנקיממעו צו גבאים, אגענטען, משולחים, חאדאטייעס אונ שפיאנען, וועלכע מוזען וויססען פין אללע זיינע סודות אונ פלאנעס, אונ דיא לייט טרייבען שוין דיא זאך אלץ אין ווייטערע דרכים אריין, כדי אלץ מעהר וויגאדעס פאר זיך צושאפפען . . . אונ אזוי פאללט ער נעביך אונטער זייער אפעקא .... איז שטענדיג ביי זיי אויף דער ארענדא .... אונ קענן זיך קיין מאל ניט אויספלאנטען פין זייער פאוועטיניען-געוועב ! . . . דערווייל מיינען דיא קינדער, אז דער טאטע איז א פאמעשטשיק אונ דיא חסידים אונ חסידות — זיינע קרעפאסטנויעס, אונ זיי לעבען אין טאג ארין . . . איידער זיי קענען זיך נאך רעכט דיא נאז אבווישען — קריינט מען זיי שוין פאר גיטע-יודען, הימעל-מענטשען ; אין דער יוגענד מיינען זיי, אז א מלאך שפיעלט זיך מיט זיי . . . אונ צו דער עלטער, אז זיי בערעכנען זיך שוין יא, וויא דער פאטער אשטייגער — איז שוין צו שפייט . . . אונ דאס יודענטהום געהט דורך זיי אלץ מטה, מטה ! . . . — איך מעג עס שווערען ביי גאטט, אז אזוי איז דאס ! : אזוי טראכט

איהר, אללע רביים, אונ עס קריינקט אייך אין דער זיבעטער רוב — אונ איהר קעננט גאר ניט מאכען! . . .

נאר אבער א סוף מוז דאך עס נעהמען! דיא שווארצע קונץ וועט דאך, סוף כל סוף, א מאל מוזען אונטערגעהן — דעמעלט וועט פון אייערע צעשטאפטע, לא-יצלח'דיגע קינדער מוזען ווערען בעטלערס מיט דיא טארבעס אין דיא הייזער! . . . נעהמט זשע אייך, רבי, מיט הארץ אונ מיט העלדען-מוטה אונ ווארפט אוועק מיט א מאל א דיא גאנצע שווינדלערישע מאכינאציא, אונ הייבט אליין אן לעבען צופריעדען מיט'ן סאוועסט, אונ לאזט דיא וועלט לעבען! . . . אט וועט איהר יעטצט געוויסס בעפרייט ווערען! עס וועט שוין אבקאסטען יודען זייער לעטצט ביססעל מארעך אונ בליטט! — טא לאז זשע שוין דאס זיין זייער לעטצטער כפרת-עון פאר פרעמדע חטאים, אונ אייער לעטצטער סך-הכל נאך אזא שאנדליכעס לעבען! . . . געניעג אומגליקליך געמאכט מענשען ביז אהער — אונ אז איהר וועט נאך ווייטער חלילה פארטזעטצען דעם אייגענעם גאנג, גאטט אין הימעל! וויפיעל נאך מענשען וועלען נעביך ווייטער אומגליקליך ווערען, אונ מוזען פערברענגען אזא פינסטער גע-מיטשעט לעבען וויא איך! — איך מיין דא ניט, רבי, דאס יאהר אסטראג; דאס איז א ביסס פון א פליעג געגען דיא שלאנגענדיגע גיפטען, מיט וועלכע איהר, רבי, דורך אייערע אגענטען, האט מיין גאנץ לעבען פערגיפטעט! . . . איהר האט צושיידעט 2 אומשולדיגע נשמות, וועלכע גאטט האט פערבינדען, אונ פאר וועלכע דאס שיידען איז געוועהן זייער אייביגער טויט . . . שוין 8 יאהר אז דיא 2 נשמות סטראדייען אונ שטרעבען איינס צום אנדערען, ממש כלות הנפש, אונ איבער אייך מוזען זיי נעביך ביידע פערשפיעלען זייער וועלט אין העפטיגע שמערצען אונ ליידען! . . . אט ביי דער יעטצטיגער לאגע, וויא איהר שטעהט, רבי! לאז דאס זיין אייער ערשטער נסיון צו א ניי ערליך לעבען . . . אונ דערפרייט 2 ריינע נשמות מיט אייער הסכמה אויף בעניען צוריק זייער אמאלעדיג גליקליך-ליעבענדעם פאמיליען לעבען! אונ דאן וועלל איך אייך, רבי, זאגען דעם ערשטען הארצליכען „ספאסיבאה!“ אונ נאך דעם געוויססענהאפטיגען שריטט, וועט איהר געוויסס שוין שפאנען מדרגא לדרגא, ביז איהר וועט הערען דעם דאנק פון דעם גאנצען יודענטהום! זאגט, רבי, אייער איין גיט ווארט אונ שיינקט 2 נשמות זייער אייביגעס גליק! . . .“ נא, וואס זאגט איהר, רבותים, אויף אזא רשע מרושע, אזא כלב שבכלבים, אזא חצוף שבחצופים! הא? . . . אונ דער רבי מיט דיא קינדער מיט אונז אללע, מוזען דאס הערען — אונ שווייגען! איז דאס ניט עוקבתא-דמשיחא? . . . נאר דער רבי האט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראגען אזא חלול-השם

בפרהסיא, און האט, מיט אַ קול מרעיש עולמות, אויסגעשריגען:
„רשע!.. ווי לשכינתא בגלותא!..." און האט אַראבגעלאָזט דעם
קאָפּ צווישען ביידע האנד... צווישען גאַנצען עולם איז געוואָרען
אַ חליפעריי מיט אַ שטיקקענדיגער בכיה, גאר ווי אויף אַ טויטען...
און אין מיטטען דעראינען איז רבקה'לע דעם רבי'נס פלימעניצא,
פליצעם, מיט אַ ווילדען טיעפען אויסגעשריי, ציגעלאָפען צום לעהרער:
„טהייערער סאָלאָמאָן מיינער!" און ער „ליעבע רעוועקא מיינע!" און
זענען זיך ביידע, אין אַ טיעף-שמערצליך געוויין, געפאלען אויף דיא
האלזער... דער זשאנדארעמסקי האט אַ ווינק געטיהן-און מע האט
אונז אַללע אַרויסגעפיהרט פון דער קלויז, און דער עולם נאך אונז,
לאָזענדיג דאס שאנע פּאַאריל אַליין אין קלויז — ציינד האב איך ערשט
פערשטאַנען זייער ביידענס ערשטער קיק... און דעם אויסלאז פינ'ם
5-טען חטא, דעם רבי'נס, אינ'ם פּראָטאָקאָל... און אויפ'ן דריטטען
טאג בין איך שוין געוועהן אין וציונג'ר אַסטראָג.

## 16.

## דעם רבי'ן האט שוין געהאָלפען דיא יודישע מטבע אָבער מיר זיינע תפלות... אָ, מי יודע...?

אין אַ טאג אַכט אַרום האט מען צו מיר ציגעלאָזט דעם טאַטען
מיינעם אין אַסטראָג אַריין, און חאַטשע עס האט איהם געקרייעקט
מיין אומגליק, דאך האט ער זיך און מיך געטרייסט דערמיט, וואס
איך קימם אָב פאַר'ן רבי'ן, זאל מאריך ימים זיין און אינ'ם זכות פון
מיין אמונת-חכמים, וועט מיך דער אייבערשטער אויספיהרען. דערביי
האט ער מיר דערצעהלט, אַז ער האט געהאט אַ ידיעה פון סירקעוו,
אַז דיא עקיוועער גבירים האבען געגיבען נ' אלף קערבליך זאלאג פאר'ן
רבי'ן מיט ר' מחונציא, באופן, אַז דאס געלט זאל מען במשך אַ האלב
יאהר צונויפמאכען ביי דער וועלט, און זיי עס אָבגיבען, און דער רבי
מיט ר' מוחנציא'ן זענען בעפרייט אויף פּאָרוקא.... אין 2 וואכען האַרום
איז ווידער געוועהן ביי מיר דער טאַטע מיט'ן רב און מיט נאך 2
שאנע יודען, נגידים, און האבען מיר איבערגעגיבען, בפקודת הרבי,
אַז איך זאל זיך ניט דערוואגען, בעת סלעדסטוואַ, אַריינצומישען דעם
רבי'נס און מחונציא'ס נאָמען, ובאם לאו, וועל איך חלילה שלעכט

אבשניידען . . . אונ דערפאר אבער, וועט דער רבי שטענדיג מתפלל זיין פאר מיר אונ וועט ניט לאזען ריהען דעם רבונו של עולם ביז איך וועלל בעפרייט ווערען . . . דערביי האט מיר דער טאטע געזאגט דיא ווארטער: „דיא ביסט עס מחויב, איציקעל, אויסצופאלגען פינ'ם רבי'נס ווענען, אונ חוץ לזה וועט עס דיר אליין אויך צו דיא אויגען קיממען; איך בין שוין אלט אונ קראנק אונ וועלל שוין מן הסתם לאנג ניששט שלעפען . . . נא, אז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבען, דיא וועסט ארויס פינ'ם אסטראג, דארפסטי דאך האבען פון עפעס צולעבען — אונ טויגסט דאך ניט צו דער היינטיגער וועלט, אזוי וויא איך אונ אזוי וויא אללע עהרליכע יודען; גיט אז דער רבי וועט דיך איבערנייעס צינעהמען פאר גבאי, טאמער אבער ניט — וועסטי חאטש האבען א שטיקעל ברוידט פינ'ם צונויפנעהמען דעם רבי'נס מעמדות היע מיט דער סביבה! א כתב פון אללע היעגע חסידים אונ בעלי-בתים האסטי דאך שוין דארויף, אונ אז דיא וועסט נאך איטצטער פאלגען דעם רבי'נס פקודה, וועסטי, אי"ה, איבער הונדערט יאהר, געוויסס איבערנעהמען מיין התמנות בתוקף עוז, אונ וועסט האבען פון וואנעט צו לעבען — חאטש אין עניות — אבי ניט קיין מקבל" . . — דיא ערשטע צייט אין אסטראג איז מיר זעהר שווער אונ ביטטער געוועהן איבערצוטראגען, ווארען איך בין דאך שוין געוואינט געוועהן אין אללדעם גיטץ מיט הפקרות אונ א צעשטאפטען האלז . . . נאר מיט דער צייט האב איך מיך, וויא עס איז, צוגעוואינט צו דיא צרות, בפרט נאך, אז מיר האבען גע'פועל'ט, מע זאל אונז משבת לשבת צולאזען אביססעל בראנפען אויף קדוש — אונ דאס ביססעל איז בנגבה געווארען א קארט בראנפען אויף אונז [3], וועלכער ער האט אונז געסטייעט ביז מיטוואך, צו קאפעליך יעדען טאג — א דאס האט אונז אביססעלע מחזק געוועהן אין אונזער נויט, אונ נאכ'ן ערשטען יאהר איז אונז שוין כמעט וויא היימליך געוועהן דער ענין . . גאנצענע טאג פלעגען מיר זיך דערצעהלען ספורי מעשיות פינ'ם רבי'ן אונ פון אללע אלטע צדיקים ביז אין בעל-שם הקדוש, אונ איבערחזורען דיא אללע מופתים, נסים ונפלאות פינ'ם רבי'ן, מיט אללע זיינע תורות אונ גלייכע ווארטליך . . . א כלל ס'איז געוועהן — וויא זאגט מען — וויא דעם ווארעם אין חריין . . . וואס ביי יעדען פון אונז דריי האט זיך געטיהן אין הארצען מכוח דעם גאנצען ענין חסידים אונ גיטער-יוד ? . . . דאס איז פאר דיא איבריגע געבליבען א סוד ··· לפנים אבער האט זיך יעדער פון אונז געפלייסט, וויא הייסער אונ וויא ערנסטער ארויסצווייזען זיין אמונת-חכמים על צד היותר טוב . . . דערגלייכען ווען מע פלעג אונז א מאל אין וואך ארויסלאזען אביססעל אויפ'ן הויף מיט אללע אנדערע יודישע ארעסטאנטען, פלעגען מיר פאר זיי האלטען שטאהל אונ אייזען פאר

דיא גיטע-יודען אונ ניט געלאזט אויף זיי קיין קרומם ווארט זאגען . . . ווארען אללע יודישע ארעסטאנטען זענען כמעט חסידים געוועהן אונ זענען אויך געזעססען כמעט פאר אזעלכע וואוישנע חטאים וויא מיר . . . לאם איך דיא גיטע יאהר האבען, וויפיעל אזעלכע, אונ א סך ערגערע, מעשים טיהען זיך אב ביי פוילישע יודען בכל יום ויום עפפענטליך, בפומבי, אונ ניט נאר קיין האן טיהט אויף זיי קיין קריי ניט — נאר זיי הייסען נאך שאנע-יודען, רעדעל-פיהרער, האבען דעם גרעססטען כבוד אונ טיהען דיא שאנסטע שדוכים מיט קינדער, אונ לעבען אב זייער וועלט אין כבוד, נחת אונ פריידען . . . אונ וועהמען ס'איז נעביך באשערט דאס אומגליק — מאג ער זיך נאר צוריהרען צו'ן אזא מין געשעפטעל, וואס איז ניט ווערט איין אויסגעבלאזען איי, האט ער שוין א בלבול אויף זיך, אונ מע מאכט דערפין א טאראראם אונ פוילט אב איבער אזא שטות 2—3 יאהר אין אסטראג אונ געהט נאך, א מאל, אויפ'ן סאמביר אויך! . . . אט זענען, למשל, 2 חסידים געזעססען פאר א פאלשען קוויט אונ א פאלשען קאנטראקט אויף 2 גע'פגר'טע פריצים: א יא, א חטא אין באד, הא? . . . אזעלכע זאכען זענען דאך א וואכעדיגער גאנג אין פוילען, אונ ווער רעדט נאר פין אזעלכע שטותים . . . ? מאהלט אייך, אז דיא אויסגעלאזטע פאניטשעס, דיא הולפאקעס, וועללען נאר ירשה'נען 2 מיללי'אן פערמאגען פין דיא פאטערעס, חוץ גיטער — וועט אודאי זיין א לאך אין הימעל! . . . . וועללען זיי חלילה, אנשטאט 10000, נאר פארשפיעלען 50 רובעל א נאכט אין קארטען, אונ פערהילליען אויך ווייניגער מיט 10 רובעל א נאכט, אונ דיא 2 יודען וועללען אויף דיא בידנע 10000 רובעל חתונה מאכען קינדער, קויפען שאנע עליות, גיבען דעם רבי'ן אללע האלבע יאהר א שאנעם פדיון אונ זיך שטעללען לייטיש ביים וויין צום רבי'נס טיש וכדומה .... דאכט זיך אביססעל א שאנערער תכלית, וויא דיא פריצי'שע צאפעס וואלטען געמאכט דערפין . . . ? דארף זיך אביזיכען א בערלינער, צי א מתנגד, צי טאקע א חסיד פין א-נ-אנדער רבי'ן, אונ איבער עפעס א מחלוקת'ל, א נצחון'דעל, צי א נבול-פה אויף דער לעהרערקע . . . זאל ער — אויך א קאטועסעל — זיי א מסור טיהן, אזוי, נאר פאר א שפיטצעל . . . אונ ס'לאזט זיך אוים מיט אסטראג! . . . צי איינער איז געזעססען פאר אבקויפען א גנבה'לע . . . איהר פערשטעהט א חטא? אז איהם קיממט אשטייגער עטליכע גילען פין איין ערל פאר בראנפען אין שיינקעל, אונ דער ערל ברענגט איהם א גנבה'שע פאאר הינדיקעס, צי א קיפערנע פאן, אונ גיט עם איהם אב פאר האלב אומזוסט . אונ דיא האלב רעכענט איהם דער יוד אב א טהייל אויפ'ן חוב אונ אויפ'ן איבריגען שטעללט ער איהם ווייטער איין הקפה

אויף בראנפען — קענן שוין, דאכט זיך, גאר עהרליכער זיין? — און אז ניט ער — וועט עס א-נ-אנדערער קויפען ... ס'איז פארט א מציאה פין א גנב! . . . נא, נא, געפינט זיך עפעס א „זאגט-ער“ און מאכט דעם יודען א בלבול אזוי, נאר פאר א ווארטעל... און מע מאכט פין דעם נישטיגען-געשעפטעל א גאנצען ענין און ער ווערט נעביך אומ-גליקליך! . . . איינער איז נעבעך געזעסען פאר א פעקעל, איינער — פאר איין אנזעטין, 2-פאר א געשלאג אין קלויז, איינער — פאר א פאדריוונע שיינקעל, 3-פאר גיבען חופה-קדושין אהן א קוויטעל, און נאך אזעלכע וואזשנע חטאים... וואס זענען, בנאמנות, ניט ווערטה דיא רעד!... א יא, איין אומגליקק, אז דיא קאזנא וועט חלילה אנווערען דיא 1 גילדען פאשלינא פאר זיין פעקעל — און עטליכע ארמע מתים וועלען דערפאר האבען וועלוולער מיט א פיטאקעל אויפ'ן ארשין שווייביש אויף תכריכים. .. ? הא? נא, און דאס פעקעל האט מען דאך אויך ביי איהם ציגענעהמען, וואס איז ווערטה 2 מאל פאשלינא; און אריינגעלעגט האט מען איהם אין זיינע דארע יודישע ביינער פאר 18 מאל פאשלינא — נא ...? ניין! נאך קארג! פאר אזא שרעקליכען חטא . . . קיממט איהם אסטראג! ... און אז דער אטקופשטשיק וועט פערדיענען וועניגער מיט ר' זהובים א יאהר — וועט ער אודאי בדלות ווערען, א יא? ... ער גיט זיך עס אוועק פאר איין בוקעט דער אקטריסא. . . און דער יוד נעביך לעבט דארויף א קיילעכדיג יאהר מיט ווייב און קינדער, און דער רבי האט נאך אויך עפעס דערפין ... אט פאר אזעלכע און כדומה חטאים, וואס געהען אין פוילען 12 מאל 12 אויפ'ן טיץ, און פערקויפען זיך א גראשען דאס שאאק . . . און על פי רוב זעהט מען זיי כמעט נאר ביי חסידים, עהרליכע יודען, וועלכע האבען יונג חתונה כדבעי... און זיטצענדיג, ביים טאטען און ביי שווער-און-שוויגער, אויף קעסט, פערברענגען זיי נעביך עהרליך דיא צייט אין קלייזעל, אין מקוה, אין מרחץ . . . און פינ'ם ביסעלע עיסקא ביים שליש, וויא דאס ביסעל גדן ליגט, פאהרען זיי זיך גאנץ בתמימות צום רבי'ן אללע יאהר אויף ימים נוראים, וויא עס געער צו זיין... און קינדלען נעביך גאנץ ארענטליך, וויא גאטט האט געבאטען . . . און אז דיא קעסט געהען אויס, און דער שליש זעטצט גאר אן, צי אז ער בעקיממט אפילו דיא ר' זהובים נדן און עסט זיי אויף אינ'ם ערשטען יאהר, אדער ער מאכט א קראמעל און זעטצט אריין דאס ווייב, א מאמע פין 5 קינדערליך... (אליין מוז מען דאך עפעס קלעהרען ארום רוחנית.) און מע עססט דאס קראמעל אויף — וואס זאל ער נעביך דעמעלט טיהן? פין א מלאכה איז דאך קיין רעדע ניט! איהר אליין, רבותים, וועט עס ניט זאגען! . . . אויף מסחר טויג ער ניט און האט ניט א קאפיקע ביים פיפעק! פאר א מלמד

הָאט עֶר גֶעבִּיךְ זֶעהר אַ שְׁוַואכֶע בְּרִיסְט, ווִיא אַיין עֶדְלֶען חֲסִידִ׳ישֶׁען יוּנְגֶענְזַאנְן שְׁטֶעהט אָן . . . פַאר אַ מוֹרֶה-הוֹרָאָה — אִיז עֶר אַיין עַם-הָאָרֶץ . . . פַאר אַ מְקַבֵּל – נָאךְ צוּ יוּנְג ··· חוּץ, וָואס ס׳זֶענֶען שׁוֹין דָא גֶענִיעג אָהן אִיהם . . . נָא, מֵיילָא ? חַאפְּט עֶר זִיךְ אָן אִין אַזַא מִין פַּרְנָסָה׳לֶע, וָואס מֶע קָאנן עֶם אוֹיסְפִיהרֶען אָהן גֶעלְט, אָהן חָכְמָה, אָהן תּוֹרָה אוּנ אָהן אִיבְּרִיגֶען כּוֹחַ: אִיז עֶר לְמָשָׁל פוּן גֶעבּוֹירֶען אַ לִיגְנֶער – וָוערְט עֶר אַ שַׁדְכָן . . . אִיז עֶר אַ פְּלוֹידֶערְזַאק, וָוערְט עֶר אַ בַּדְחָן; דֶער וָואס אִיז בַּיים טָאטֶען גֶעוַואקְסֶען אִין אַ וַויינְשֶׁיינְק, ווִיא פְּרִיצִים לִיגֶען דָארְט אִיבֶּער, אוּנ עֶר קָען אַבִּיסֶעל פּוֹילִישׁ, וָוערְט עֶר אַ פַאקְטָאר . . . אַז עֶר הָאט פוּן גֶעבּוֹירֶען אַ שֵׁיין הַאנְדֶעל אוּנ הָאט זִיךְ עֶפִּיס יוּנְגֶעל-וַוייס, סְלוּטְשֵׁיינֶע, אוֹיסְגֶעלֶעהרֶענְט דֶעם רִישֶׁעשֶׁען אַז-בּוּק, צִי אַפִילוּ אָהן דֶעם, מַאכְט עֶר נָאךְ קְוִויטֶעס, קָאנְטְרַאקְטֶען, פַּרַאשְׁפָּארְטֶען וְכַדוֹמֶה . . . ס׳אִיז דָאךְ אַ קוּנְץ, ווִיא אִיךְ בִּין אַ יוּד! . . . וָואיְנְט עֶר נִיט וַוייט פוּן דֶער גְרֶענֶעץ – פֶּעקְעלְט עֶר אִיבֶּער דֶעם סוֹחֵר עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלִיךְ סְחוֹרָה, וִויפִיעל זַיין כּוֹחַ טְרָאגְט אִיהם גֶעבִּיךְ . . . אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע פַּרְנָסָה׳לִיךְ, אַ כְּלָל, מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיהם מְזַכֶּה גֶעוֶועהן פוּן גֶעבּוֹירֶען, מִיט דֶעם גֶעבִּיךְ שְׁלָאגְט עֶר זִיךְ דֶערֶעךְ . . . ס׳אִיז אַוַדַאי נִיט פַאר זַיין כּוֹחַ אוּנ פַאר זַיין יִחוּס . . . נָא מֵיילָא, אַז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וַוייסְט עֶר נִיט אוּנ קֶען נִיט גָאר נִיט — אִיז גִיט דָאס אוֹיךְ! מוּז זִיךְ אַזַא-נ-עֶדְלֶער יוּנְגֶערְמַאנְן, דֶעם רֶבִּי׳נְס אַ מְקוֹרָב אוּנ אַ בֵּן שֶׁל קְדוֹשִׁים מְטַפֵּל זַיין דֶערְמִיט אוֹיךְ! . . . אִיז נִיט גֶענִיג, וָואס עֶר אִיז מוֹחֵל זַיין כָּבוֹד אוּנ גִיט זִיךְ אָב מִיט אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקַייטֶען — הֵייסְט עֶר נָאךְ בַּיי זֵיי אַ חוֹטֵא דֶערְפַאר . . . אוּנ מֶע רִיקְט אִיהם אַרַיין אִין אָסְטְרָאג! . . . קוּרְץ אִיךְ זִיטְץ שׁוֹין בַּאלְד 5 יָאהר אוּנ הָאבּ שׁוֹין כִּמְעַט ווִיא פַארְגֶעסֶען, ווִיא אִיךְ בִּין ? . . . מֶע פְלֶעג אוּנְז שׁוֹין צִיבְּרֶענְגֶען פָּאטְשְׁטֶען אִין אָסְטְרָאג: מִיר זֶענֶען גֶעוָואר-גֶעוָוארֶען פוּן אַ סַךְ חֲסִידִ׳ישֶׁע עִנְיָנִים, מַחֲלוֹקֶת׳ן, אִינְטְרִיגֶעס סוֹדוֹת אוּנ שְׁפָּאגֶעל נַייֶע מוֹפְתִים, נִסִּים וְנִפְלָאוֹת! . . . אִיךְ בִּין אַפִילוּ גֶעוָואר-גֶעוָוארֶען אַז דֶער אַפִּיקוֹרוֹס יִמַּח שְׁמוֹ, דֶער צֶעפְלִיקֶער לֶעהרֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג חֲתוּנָה גֶעהָאט אִיבֶּערְנַייעֶס מִיט רִבְקָה׳עֶן . . . אוּנ אִיז שׁוֹין 2 יָאהר אִין וְצִיוָּנִי קַאזְיָאנֶע רָב, אוּנ ס׳אִיז אִיהם גַאנְץ גִיט! אִיךְ בִּין אַפִילוּ גֶעוָואר-גֶעוָוארֶען, אַז דֶער רֶבִּי מִיט ר׳ מְחוּנְצִיָא׳ן זֶענֶען שׁוֹין לְגַמְרֵי פְרַיי פוּנ׳ם פְּרָאצֶעס, אוּנ אַז מֶעהר, ווִיא נָאר דָאס עֶרְשְׁטֶע יָאהר, גִיט דֶער רֶבִּי מַיין קְרָאקָאדִילֶעוְוקֶער פְּלוֹנִית׳טֶע אַפִילוּ קַיין צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁילִינְגֶער נִיט! . . . אוּנ עֶר אִיז טַאקֶע אֶפְשַׁר זֶעהר גֶערֶעכְט! . . . כְּ׳לֶעבֶּען קָארְג הָאט אִיהם נֶעבִּיךְ אָבְּגֶעקָאסְט אַ דֶער בִּלְבּוּל — זָאל עֶר נָאךְ צָאהלֶען חוֹבוֹת, אוּנ נָאךְ מִיר אוֹיךְ . . . ? — דֶערְוַוייל אִיז בַּיי

מיר נאָך אײן מאָל דער טאַטע געװעהן, (שוין דאָס לעצטע מאָל פאַר׳ן טױט.) מיט מײן עלטער יונגעל, װעלכען ער האָט אַראָבגעבראַכט פון קראָקאָדילעװקע צו זיך, ער זאָל איהם בעהילפיג זײן מיט אַ גאַנג אינ׳ם מעמדות-געלט, װײל ער איז שוין טױט קראַנק אונ הײנט-מאָרגען צום סמיך . . . אונ ער איז טאַקע דאָס יאָהר געשטאָרבען. ת״נ׳צ׳ב״ה! מײן יונגעל איז מיר עפּעס װיא געפאַללען, נאָר מיט װאָס, אונ פאַר װאָס? האָב איך מיר קײן חשבון ניט געקענט אָבגעבען! — דערצעהלט האָט ער מיר, אַז װען ניט דער קראָקאָדילעװקער אַקציזניק — װאָלט זיך שוין לאַנג געקימערט דער מאַמען מיט דיא קינדער אין װאַססער אַרײן װאַרפען . . .

מכוח אונזער בלבול הײבען מיר נאָך אַלץ ניט אָן צו װיססען אײן אות! — דאָס האָב איך יא פערשטאַנען, אַז דיא גאַנצע שולד האָט מען אַרױפגעלעגט אױף מיר. . . אונ אַז דער רבי א׳ מן הסתם מרע׳יש אַללע עולמות עליונים פון מײנעט װעגען . . . נאַ מי׳לא — אַז מיר װעלען לעבען — װעללען מיר זעהען! —

## 17

## נאָט אײַך גאָר פְּלִיצֶעם אַזאַ מין שְׁאֵלָה:
## עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה?

עס איז אַװעקגעגאַנגען נאָך אַ יאָהר, דער טאַטע מײנער איז געשטאָרבען, מײן יונגעל, האָר איך, איז עפּעס אַ שטיקעל אײנגעהער צום ראַבינער, נאָר בסוד . . . װאָס, װען? — װײס איך ניט! חוב׳לעך פינ׳ם רבי׳נס מעמדות מאָהנט ער שלײגיש אױף אונ טראָגט עס דערװײל אַרײן צום רב, איך זיטץ שוין, ברוך השם, קײלעכדיגע 6 יאָהר אין אסטראָג, אונ װאָס מיט מײן בלבול טוהט זיך? — װײס איך ניט אַ רמז דרמיזא! אַ פּנים, אַז דער רבי האַלט עס אַלץ אױף מיט זײנע תפלות פון מײנעט װעגען . . . פון דיא 2 טיש-גבאים, װאָס זיטצען מיט מיר, האָט אײנער שמואל׳יקעל צו לעטצט אָנגעהײבען אַרױסװײזען אַביסעל תרעומות אױפ׳ן רבי׳נס שװײגען מכח אונז. . אונ האָט װיא מבצבץ געװעהן געגען דעם חסידות . . . אונ דער אַנדערער, מרדכי׳לע בן מרדכי׳לע טראַנגהאָרב, האָט דײקע אַרױסגעװיזען מסירת נפש פאַר׳ן

בין מיט'ן חסידות, אונ האט אללעס מקבל באהבה געוועהן, וויא איין אמת'ר חסיד... אונ איך בין געוועהן וויא א ממוצע צווישען זיי ביידע, אונ האב מעהר געשוויגען זויא גערעדט... עפעס א מאל, אין א טאג, האבען מיר געוואר-געווארען אין אסטראג, אז מע מימעלט, אז דער גרויסער הסיד'שער מיללאנער, פערילהיין פין דראביטשעוו, האלט ביי אנזעטצען אונ ער וועט בלייבען איין עני ואביון... אונ אז דאס דיענט איהם אזוי צי דאס רייכע דייטשעל, הוי-ארץ, אונ ווידער א פאטשט, אז דער געוויססער יודישער אפיקורוס, איציע-בער לעווענזאהן, האט א מיתה-משונה איינגענעהמען... איך האב אויף דיא ביידע פאטשטען גאר ציגעשאקעלט מיט'ן קאפ אונ געקרימט מיט'ן פיסק... שמואל'קעל האט פינ'ם לעטצטען פזמון גאר ווילד הנאה געהאט אונ פינ'ם ערשטען – זיך ניט זעהר צוקראצט... נאר מרדכי'לע האט אויפ'ן לעטצטען אזש געטאנצט אונ אויפ'ן ערשטען האט ער זיך געריסען ביים קאפ אונ כמעט וויא געוויינט... אויפ'ן אנדערען טאג אין-דער-פריא, נאך דיא 2 פאטשטען, בעמערק איך, וויא מיין מרדכי'לע מאכט עפעס שרעקליך זאווערע מונעס אונ דאס פנים איז שטארק פער'מרה-שחורה'ט, איך פרעג איהם: וואס איהם איז אזוינס? ענטווערט ער מיר וויא מיט פערצבטונג: „עט!... ס'איז גאר ניט כדאי דערפין צו רעדען! עפעס אזא נארישען חלום האב איך דיא נאכט געהאט, אז ממש דיא גאלל געהט איבער!...“ „נא? – האב איך איהם געזאגט – זיי דיר פותר-חלום ביי אונז“ – „איך זאג דאך דיר, איציקעל, – האט ער מיר געענטווערט – אז ס'איז גאר ניט כדאי צורעדען דערפין! ממש עס שלאגט מיר צום הארצען!...“ – „נא, מיילא! – האבען מיר איהם ביידע ציגערעדט – אבער מיר זעהען דאך, אז דיא האסט עפעס יסורים דערפין, איז דאך אלץ גלייכער זאלסט זיך פותר-חלום זיין!“ – „נא מיילא, – האט ער געענטווערט, וויא ניט-וועללענדיג – אפשר זענט איהר גערעכט!“ אונ אזוי האבען מיר זיך אללע דריי געזעטצט ביי דער גראטע אונ ער האט אונז אנגעהייבען דערצעהלען:

„אזא נאריש-פיסטער חלום – זאגט ער – האט זיך מיר טאקע באמת אפילו אין חלום קיין מאל ניט געדאכט! – אין שלאף ווייזט זיך מיר אויס, אז ס'איז אזא שאנע לעכטיגע לבנה-נאכט, וואס איך האב נאך אין מיין לעבען אזעלכעס ניט געזעהן, אונ איך בודטא ליג עפעס אויף א הייליג-ארט, אונ בודטא איך ווייס, אז דאס איז אין קרעמעניץ... פליצעם האר איך וויא א שרעקקליך געריעדער אונ זעה, וויא הונדערטער מתים אין דיא קיטטלען אונ טלתים שטעללען זיך אויס וויא אין א עגול; איך קיק מיך איין – זעה איך אין דער מיטט עגול וויא א גין-גאלדענע מטה, מיט א פינקעלדיגע חופה איבער איהר, 4 מלאכים

האלטען דיא 4 עקען, אונ צוקאפּענס — א מין העל-פּלאמענדיגע זייל, וואס אין חלום האב איך וויא געטראכט: דאס קעהר נאר זיין דיא שכינה אליין! . . . אונ פּליצעם געהט פון דער זייל ארויס א מין קלינגענדיגעס, האניג-זיס קול „צדק לפניו יהלוך וישם לדרך פּעמיו!“ . . אונ אזוי וויא איך ליג אזוי אין איין פלאטערניש, לויפט צי צו מיר א מת אין א פערשמוטצטען טלית אונ קיטטעל, מיט א שקעלעטיש פּנים, אונ טיהט מיך א טארע מיט כעס „וואס ליגסטי, רשע!? שטעה אויף אונ געה מלוה זיין קיין ירושלים דעם גרויסען צדיק, דעם אוהב-ישראל, ר' יצחק בער לעווענזאהן זצ"ל! . . .“ הערענדיג דיא דאזיגע שטימע, בין איך אזש אונטערגעשפּרינגען; איך האב אין איהר דערקענט דעם אלטען מגיד'ס שטימע, וועלכען איך האב יונגעל-וויס ניט איין מאל גאר געהארט רעדען, אונ האב א געשריי געטיהן אויסער זיך: איהר זאגט אזוי אויף דעם אפּיקורוס!? אונ וויא קיממט איהר פון אטאנאוועקע אהער!? . . . „ציט, דיא חסיד שוטה! — האט מיר דער מת געענטווערט מיט שרעק — אז דיא האסט מיך יא דערקענט, שווייג זשע! דא אי מיין נאמען א חרפּה! ס'איז אויף אייער וועלט, אויפ'ן עולם השקר, האט מיין נאמען געגילט — דא, אויפ'ן עולם האמת, איז דער נאמען לחרפּה ולשנינה! . . . לאז אוועקגעהן דיא לויה, וועלל איך דיר שוין אין קערצען דערצעהלען מיין סוף, כדי דיא זאלסט עס תיכף איבערגיבען דיין רבי'ן אונ דיא איבריגע זיהן מיינע, אויפ'ן עולם השקר! . . .“ דיא לויה איז אבגעגאנגען אינגאנצען אקעגען א האלבע שעה, (אללע מתים האבען זיך באלד פינ'ם אהל אומגעקעהרט.) האט עפּעס א מין שרעקליך פערדומפּען קול אויסגעשריגען „רשע, עד פה תבוא! דא איז שוין דער גבול פון ארץ-ישראל, חזור לעולם התועה! אזא געלד-פרעססער טאר ניט טרייטען אויף דער אדמת-קודש! . . .“ איך האב ניט געזעהן, פון וואנעט דיא שטימע געהט, אונ וועהמען זאגט מען דאס? נאר דער אלטער מגיד האט מיך א חאפּ געטיהן ביים ארבעל: „קימם צוריקק! — זאגט ער מיר — דאס איז א קול פון דעם מלאך-חבלה, וואס געהט מיר נאך אויף מיין עולם התועה אונ הייסט זיך מיר אצינד אומקעהרען“. אונ געהענדיג צוריקק, האט ער מיר דערצעהלט בזה הלשון: „מיילא, וואס פאר א ראליע איך האב געשפּיעלט אויפ'ן עולם השקר — זאגט ער מיר — ווייסטי דאך אביססעל דערפון, וואס דיא האסט מיך יונגעל-וויס געזעהן אויף א שבת אין וציוני . . . אונ דאס איבריגע האסטי דאך געהארט פון דער וועלט! איך, פאר זיך — חאטשע אין דער יוגענד האב איך ניט געוויסט ביי זיך, מיט וואס, אונ וויא אזוי איך בין אזא מפורסם געווארען פאר א צדיק יסוד עולם, א נביא, א בעל-מופת, א הימעל-מענטש? . . . אונ פלעג אפט לאבען ביי זיך אין

הארצען פון דעם „עם חכם ונבון"... וויא אזוי עס לאזט זיך אזוי גרינג פערפיהרען פון אזא כלי־ריק, א מאנקאליניעק, וויא איך — נאר וואס ווייטער, ווייטער, אז איך האב אנגעהייבען, זעהען וויא א וועלט לויפט מיר נאך און זענען זיך מוסר נפש פאר מיין מינדסט נאגעל מיט גוף און נשמה, און וואס מעהר עולות און שטותים און משוגע'נע תנועות איך מאך — מעהר בין איך ביי זיי נתגדל ונתקדש, און מע ווארפט מיר נאך טויזענטער — האב איך מיך אנגעהייבען נארען ביי זיך אליין, אז איך בין עפעס א יש... און האב שוין כלל ניט געלאכט פון דעם „עם חכם ונבון"... ווער שמיסט אויף דער אלטער, אז די וועלט האט מיך געקרוינט מיט'ן טיטעל: „אלטער מגיד" — האב איך שויז לחלוטין פערגעססען: ווער און וואס איך בין? און האב מיך שוין אליין געהאלטען פאר א הימעל־מענש, און האב שוין געטראכט: „הלא עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה!?..." און האב שוין אבגעלעבט א וועלט ממש מעשה־מלכות, און מיינע קינדער געפיהרט אויף דעם אייגענעם דרך... און בין בטוח געוועהן, אז איך וועל געוויסס ניט האבען קיין ערגערען עולם־הבא וויא מיין עולם־הזה... און תיכף נאך מיין טויט, וויא דער מלאך־דומה האט נאר געאפפענט מיין קבר און האט מיך א פרעג געטיהן „מה שמך?" האב איך איהם, מיט גאוה און רוגז, געענטווערט: דיא ווייסט דען ניט מיין נאמען „דער אלטער מגיד?" נאר וויא ער האט דאס דערהארט, האט ער מיר א טרענן געטיהן דעם בויך און ארויסגעריססען דיא קישקעס און מיר געווארפען אין פנים אריין... און האט א געשריי געטיהן: „דאס ביסטו דער בחור, וואס האסט אויסגעזויגען יודעש בליטט וויא וואססער, פאר לויטער רמאות, פאקוס און שווינדעל, און האסט גע'רודף'ט אללע משכילים מיט דער השכלה בכלל און דעם גרויסען יודען־פריינד, ר' יצחק בער לעווינזאהן, בפרט!?" און האט מיך, אויף א פייער שפיז, א חאפ געטיהן ביי דער נאז, און א שמיטץ געטיהן אין דער ליפט, און איך בין אריין מיט'ן קאפ אין א רויט פייעריגער טיהר פון א כבנות'דיג גרויסער ווייס־פייעריגער זאאל, וויא ס'איז געזעסען דאס בית־דין־של־מעלה און מיכאל מיט'ן שטן זענען געשטאנען פון ביידע זייטען טיש, אויף וועלכען ס'איז געליגען — א פנים — דער ספר־הזכרונות, גרויס וויא רוים, מיט שווארץ פייעריג בליטט געשריבען אויף רויט־פייעריגע בלאטטער... באלד האט דאס בית־דין געאפפענט דאס ספר און דער שטן האט מיט זיין פינגער אלץ אנגעטייט אויף מיינע חטאים אין ביך... מיילא, וואס זאל איך דיר דערצעהלען, דיא חסיד שוטה.: ס'איז ניט געוועהן דער חטא, דיא עבירה, דיא עולה, דער דבור, דיא מחשבה און דיא מעשה פון מיין גאנץ לעבען: פינ'ם גראססטען פערברעך ביז אין מינסטען שטות, וואס

איז דארט, מיט מיין האנד אליין, ניט פערשריעבען געוועהן! אפילו מיין איבערשפולליען דעם ווייבעלס שלייער מיט מיינע ווארטער דערביי: „איי ביסטי טאקע זעהר מאוס געשלייערט!“ אפילו מיין אויפשטעללען דעם פאדעלעק אין מיטטען שמונה-עשרה נאכ'ן רענדארם זילבער-געלד און מינץ, מיט מיין הירקען דערביי „נא! נא!“. . . ס'הייסט: ווארף אריין גיכער אין פאדעלעק! . . . וואס טויג דיר מעהר? — אפילו דער פאקום מיינער, פרייטאג-צו-נאכטס, אין וצונו ביים טיש, ווען איך האב פליצעם פארווארפען דעם קאפ אריבער דער פארענטשע פון מיין שטיהל, אז ס'איז מיר אזש אראבגעפאללען דאס שטריימעל פונ'ם קאפ, און בין געבליעבען וויא אין הינער-פלעט. . . און האב פליצעם א הייב געטיהן דעם קאפ און זיך צושריגען אויף א ווילד קול „לאז מען גיבען ראזשענקעס-צימעס, ראזשענקעס-צימעס, ראזשינקעס-צימעס!“ און וויא מע האט דערלאנגט דעם ראזשינקעס-צימעס האב איך, מיט משוגע'נע, ווילדע הויות, זיך אבגעבאברעט א פערטיל שעה אין טעללער. . . און געחאפט א ראזשינקע, און צעריססען אויף צווייען, און אויף פיערען, און אויף אכטען. . . און האב איין אכמעל אריינגעלעגט אין מויל אריין און טאקע תוך-כדי-דבור, האב איך ווידער פארווארפען דעם קאפ וויא פריער. . . און האב. . . דא — זאגט ער מיר — ווייסס איך שוין ניט, וואס ווייטער איז געוועהן? נאר דער גבאי האט מיר נאכדעם געזאגט, אז איך האב אבגעחראפעט א שעה כסדר וויא אין אקס נאך דער שחיטה. . . און דער עולם איז געזעסען באימה, ביראה ובפחד, ממש דא לדא נקשן, מיינענדיג, אז איך בין משוטט אין אללע עולמות-עליונים, און רייסס איין דעם זיבעטען הימעל גלייך צום כסא-הכבוד! . . . מיכאל נעביך האט בעשלאגען א פייעריגער שוויים, זיכענדיג אין ביך חאטש עפעס איין זכות פאר מיר — און האט ניט געפינען. . . און נאך, וויא אויף איהם צו-להכעיס, האט דער שטן א שרעקליכען לאך געטיהן, און האט אנגעטייט אויף א לעטצטען דף, וויא ס'איז פערשריבען געוועהן מיינע לעטצטע ווארטער צו מיין צווייטען זיהן פאר'ן טויט: „יעקעל-אשריל, סערדצע, זאלסט נעהמען געלט, און נעהמען און ווייטער נעהמען! וויפיעל דיא וועסט ניט נעהמען — וועט נאך אלץ מיינס איבערגעהן!. . .“ און דערביי איז ארויס דער פסק בית-דין-של-מעלה אזוי: „זיינע 3 הויפט-חטאים בעשטעהן: [1] אין זיין שרעקליכען לורקייט נאך געלט, [2] אין זיין מרמה זיין מענשען מיט פאלשע הבטחות בשם השם, און [3] אין זיין רודף'ן און מבזה זיין דיא משכילי הדור. פאר דיא 3 חטאים זאל ער, בכלל, זיין אין עולם התועה אזוי פיעל יאהרען, וויפיעל ער האט געשווינדעלט אין זיין גיטע-יודישער ראללע, און זאל דיא גאנצע צייט בלייבען אין דעם טעות,

מִיט דֶער תַּאֲוַת-הַמָּמוֹן, וָואס בַּיים לֶעבֶּען . . . וּבְכֵן נֶעהם אִיהם, שָׂטָן, אוּנ פִיהר אוּיס אִיבֶּער אִיהם אוּנְזֶער מִשְׁפָּט בְּאוֹפֶן הַזֶה: גַאנְצֶענֶע טָאג זָאל עֶר זִיטְצֶען אִין גֵיהֶנִים, אִין דֶעם סְקְלֶעפּ פִינ'ם אוֹצַר כֶּסֶף-מְדוּמֶה . . . אוּנ יֶעדֶער מִינוּט זָאל זִיךְ אִין אִיהם צוּבְּרֶענֶען דִיא תַּאֲוָה צוּ גֶעלְט, אוּנ זָאל הָאלְטֶען אִין אֵיין גַאאַרֶען אוּנ חָאפֶּען אוּנ וַוייטֶער גַאאַרֶען, חָאטְשֶׁע בַּיי יֶעדֶען חָאפּ וֶועלֶען זִיךְ דִיא אוּיסְגֶעוִוינֶענֶע שְׂנֵיעָה-קֶערְבְּלִיךְ צוּגֶעהֶען בַּיי אִיהם אִין דִיא הֶאנְד . . . אוּנ דִיא אִיבֶּערְגֶעבְּרֶענְטֶע אַש-דֶעפָּאזִיטֶען וֶועלֶען בַּיי אִיהם וֶוערֶען פוּלל! . . . אוּנ בַּיי יֶעדֶען אָבְּגֶענַארְטֶען חָאפּ זָאל אַרוּיס זַיינֶער אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער חָסִיד, אֵלֶע מָאל אַ-נַ-אַנְדֶערֶער, אוּנ אִיהם גִיבֶּען אַ לַאךְ אִין פָּנִים . . . גַאנְצֶענֶע נָאכְט זָאל עֶר בְּלָאנְקֶען אוּיף אַלֶע בֵּית-הַקְבָרוֹת'ן, אוּיפְ'ן עוֹלָם הַשָּׁפָל, בְּתוֹרַת גִיטֶער יוּד צְווִישֶׁען דִיא מֵתִים, וֶועלְכֶע זָאלֶען אִיהם בּוּדְטָא לֶעבֶּעדִיגֶע, אַלְץ גִיבֶּען קְוִויטְלֶעךְ אוּנ עֶר זָאל זֵיי מַבְטִיחַ זַיין בָּנֵי חַיֵי מְזוֹנָא . . . אוּנ נָאךְ יֶעדֶער הַבְטָחָה, זָאל יֶעדֶער זִיךְ אִיהם אַרוּיסְוַוייזֶען פַאר'ן וִוירְקְלִיכֶען מֵת, אוּנ זָאל אִיהם אַרוּיסְשְׁטֶעלֶען דִיא צִינְג אוּנ גִיבֶּען אַ פַּייג . . . אוּנ עֶר זָאל טַאקֶע וַוייטֶער מֵיינֶען אוּנ פְּרָאוֶוען דִיא קְוִויטְלֶעךְ . . . חוּץ לָזֶה זָאל מֶען אִיהם אַלֶע מוֹצָא-שַׁבָּת אַרַיינְפִיהרֶען, אִין זַיינֶע גִיטֶע-יוּדִישֶׁע בִּגְדֵי יוֹם-טוֹב, אִין דֶער גַן-עֵדֶן זַאאַל, וִויא עֶס זִיטְצֶען אַלֶע חַכְמֵי-יִשְׂרָאֵל, אוּיף חוּכָא-וּטְלוּלָא . . ."

דֶער בֶּעפֶעהל אִיז בַּאלְד אִיסְפֶּעלְנֶעט גֶעוָוארֶען, אוּנ אַזוֹי מִיטְשֶׁע אִיךְ מִיךְ שׁוֹין אַ יָאהר 30 גַאנְצֶענֶע טָאג אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶער, שֶׁאנְדְלִיכֶער תַּאֲוָה צוּ כֶּסֶף-מְדוּמֶה; גַאנְצֶענֶע נָאכְט אִין אַ פַאלְשֶׁער, אוּיסְגֶעלַאכְטֶער גִיטֶע-יוּדִישֶׁער רָאלֶע צְווִישֶׁען מֵתִים, אוּנ אַלֶע שַׁבָּת-צוּנַאכְטְס לְחֶרְפָּה וְלִשְׁנִינָה בְּעֵין כָּל חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִויא מָאנְדְרִישׁ מִיט דִיא גְלָאקְלִיךְ . . . אוּנ וֶועהמֶען, מֵיינְסְטוּ, זֶעה אִיךְ צְווִישֶׁען דִיא חַכְמֵי-יִשְׂרָאֵל? — וֶועה אִיז מִיר, אוּיף מַיין וִויסְטֶען טָעוּת בַּיים לֶעבֶּען! . . . צְווִישֶׁען אַלֶע אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע גְדוֹלֵי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, וִויא אַ רַמְבַּ"ם, אַ אֶבֶּן-עֶזְרָא, אַ רַמְבַּ"ן, אַ ר' יְהוּדָה הַלֵוִי, אַ אַבְּרַבַּנְאֵל וְכִדוֹמֶה, זִיטְצֶען פָּארִיטְשׁ מִיט זֵיי: ר' מֹשֶׁה מֶענְדֶעלְזָאהן, ר' בָּרוּךְ שְׁפִּינָאזַא, ר' נַפְתָּלִי-הֶערְץ וַוייזֶעל, ר' מֶענְדֶעל שְׁטֶערֶען וְכִדוֹמֶה, אַלֶע אִין גָאלְדֶענֶע קְרוֹינֶען, אוּנ מַלְאֲכֵי-הַשָּׁרֵת בֶּעדִיעֶנֶען זֵיי . . . נֶעכְטֶען בַּיינַאכְט, בְּעֵת מַיין שְׁטֵיעהן, אִין שַׁאנְדֶע אוּנ שְׁפָּאט, אִין דֶער חַכְמֵי-יִשְׂרָאֵל זַאלל, פְּלִיצֶעם וֶוערְט אַ רַעשׁ, אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ אוּיפְגֶעחָאפְּט פִין זֵייעֶרֶע אָרְטֶער, אוּנ אִין זַאלל הָאט דֶער מַלְאָךְ מִיכָאֵל אַרַיינְגֶעפִיהרְט דִיא נְשָׁמָה פִין ר' יִצְחָק בֶּער לֶעוֶוענְזָאהן ז"ל, גָאר וִויא אַ לְבָנָה אִין אַ לוּיטֶערֶער נַאכְט . . . אַלֶע הָאבֶּען זִיא מִיט יִרְאַת-הַכָּבוֹד מְקַבֵּל-פָּנִים גֶעוֶועהן, זִיא אַנִידֶערְגֶעזָאטְצְט אוּיוֶוענָאן אוּנ בַּאלְד זֶענֶען אַרַיין אַ כִּתָּה מַלְאָכִים שְׂרָפִים אוּנ הָאבֶּען אִיהם

געזינגען א ברכת-הבא . . . און איינער פון זיי האט געלעגט אויפ'ן טיש זיין ספר „אפס-דמים“ מיט אללע זיינע העתקות אויף פערשיעדענע שפראכען, און א בת-קול איז ארויס פון אונטערען כסא-הכבוד: פאר זיין מיטשען זיך דאס גאנצע לעבען אין צרות, דחקות, יסורים און בזיונות פון דיא צבוע'קעס און חנופה'ניקעס, וויא דער באלאנטערעשער מגיד וסיעתו . . . און זיך דאך געאפפערט מיט מסירת-נפש לכבוד ולתפארת ולטובת עמו ודתו בעין כל העמים — זאל מען מארגען, תיכף נאך זיין קבורה, נעהמען זיין פערמיטשעטען, היילינגען גוף פונ'ם קבר אין חוץ-לארץ, און מקבר זיין בכבוד והוד-מלכות אין ירושלים עיר הקדושה!“ אט דעם ספור מיינעם, לויף גיכער און גיב איבער אללע מיינע בנים און דיין רבי'ן בכלל, לאזען זיי זיך ארומקיקען, וויא זיי זיינען אין דער וועלט? . . . און לאזען זיי, בתשובה שלמה, אוועקווארפען זייער פאלשע גיטע-יודישע ראלליע — וועללען זיי נאך אפשר האבען א כפרה לעולם הבא, און דורך זייער תשובה וועט אפשר מיין ביטטערער עונש אויך אביסעל פערגרינגערט ווערען! . . . לויף, למען השם, און לאזען זיי זיך באצייטענס ראטעוועו פון אייביגער שאנד און כל ענויים קשים!“ און ביי דיא ווארטער האב איך מיך אויפגעחאפט אין מיינע צרות און אנקסטען פון אזא מאוס'ן חלום . . .“

18.

## געה ווייס וועלעכס איז ברכה און וועלעכס קללה: צי חסידות, צי מתנגדות, צי השכלה? . . .

דעם חלום האט מרדכי'לע דערציעהלט מיט א שרעקקליכער פער־אכטונג, אללע מינוט נאר וויא אויף צו ברעכען . . . און שמואל'קעל האט עס מיט דער זעלבער מונגע אויסגעהערט, אוןביידע האבען צום סוף אויסגעשפיגען, גלייך דיא גרינגע גאלל קעהרט זיך זיי איבער . . . און האבען מיט ווילד יראת-שמים אויסגעשריגען „רחמנא יצילנו!“ — היינט אז איך האב גיט געקענט שמואל'קלען, נאך פון זיין יוגענד ביז ער איז אלט געווארען א יאהר 35, פאר א מתנגד, א למדן מופלג בתורה, וואס האט שוין געהאט 2 קאנסענסען אויף רבנות, און מרדכי'לען — פאר'ן ערשטען משכיל זיין גאנץ לעבען, וועלכער האט געקענט 4—5 שפראכען און האט שוין הערויסגעגיבען א העברייעש

זערקק פין עפעס זייערען א גרויסען מענשען, איינער „גהעטע“, איבערזעטצט, וועלכעס זייער גאנצע השכלה — וועלט האט געלויבט גאר ביז אין זיבעטען הימעל, אונ חוץ לזה איז ער כמעט ביז 45 יאהר געוועהן איין אפיקור-אפיקורוס, וואס האט עובר געוועהן אויף כל התורה כלה, אונ האט שוין א קערבליך 10000 אויך פערמאגט... אונ א דיא ביידע חברה-לייט האבען, ערשט צוריקק מיט א יאהר 5—6, פליצעם געווארפען מיט זייערע אלטע דרכים, אונ האבען עס ממאס געוועהן וויא א נבלה... אונ זענען מיט אמאל געווארען אזעלכע הייסע חסידים, וואס ס'איז ווייט צווישען צווישען דעם רבי'נס ערשטע, אלטע מקורבים! א כלל, חסידים מיט מסירת-נפש פאר'ן רבי'נס א פאנטאפעל אזוי, אז איך האב ניט איין מאל פין שמואל'קלען געהארט דיא ווארטער א כפרה ש"ס אונ פוסקים פאר'ן רבי'נס שיחות חולין...!“ אונ פין מרדכי'לען דיא ווארטער „גלעבט מיר ביי מיין לעבען, אז מענדעלזאהנס מויל איז ניט ווערטה צו זיין... ביים בעל-שם זצ"ל!...“ היינט האבען זיי דאך גלייך מיט מיר געזעהן דיא גאנצע חתונה אין קלויז מיט'ן פראקוראר, מיט'ן פראטאקאל .... א חוץ, וואס זיי האבען ביידע געוויסט נאך פין א סך סודות... גלייך מיט מיר, אונ פוילען דאך שוין, איבער'ן רבי'ן, קיילעכדיגע 6 יאהר אין אסטראג גלייך מיט מיר, חאטשע זיי זענען א סך וועניגער שולדיג פין מיר, אונ נאך אללעמען ווייזען זיי ארויס אזא ברענענדיג התלהבות צום רבי'ן מיט'ן חסידות ממש אויף מסירת-נפש .... פרעג איך אייך, רבותים: אחרי כל אלה, וואס האב איך געהאט צו דענקען וועגען דעם גאנצען ענין חסידות, אונ וואס האט זיך געוואלט איבערקאכען ביי מיר אין הארצען וועגען דעם...? פערשטעהט זיך, אז איך האב נאך בעדארפט וויסען אקוראט, צי מיינען זיי עס טאקע בלב תמים, צי מאכען זיי נאר פאר מיר אזוי דעם אנשטעלל מחמת איינס פאר'ס אנדערע האט מורא... אונ פאר מיר אודאי!... ווארען זיי וויססען דאך מיך ביידע פאר א געבוירענעם חסיד מבטן ועד היום הזה... אונ מיין ראליע, וואס איך האב געשפיעלט אין אסטראג מיט מיין שווייגען, האט זיי נאך, אדרבא, מעהר חשד געגיבען אויף מורא האבען פאר מיר... ווייל זיי האבען געקענט רעכנען, אז מיין שווייגען איז נאר א פארטעל זיי אויסצופריווען... ובכן האב איך מיר מישב געוועהן: סיי וויא סיי בין איך תקיף'ער אונ בעגלעבטער פין זיי אינ'ם ענין חסידות; כ'לעבען פארט איין אלטער זעלנער!... לאם איך מיט זיי מאכען א האלב-אפפענעם שמיכ וועגען חסידות, אונ לאם איך וויססען מיט וואס שמעקען זיי...? דאכט זיך, אז לגמרי מיך אבנארען וועט זיי געוויסס ניט געראטהען... אונ מיט דער מחשבה האב איך צום ערשטען א זאג געטיהן מרדכי'לען, אזוי, מיט א מוננע

פין האלב-ערענסט, האלב-לצנות: — אפשר איז דיא גמרא גערעכט:
„אין מראין לו לאדם בחלומו אלא הרהורי דליביא ביום“ . . . ? (עס
חלום'ט יעדען דאס וואס ער טראכט בייטאג.) מרדכי'לע האט זיך ווילד
בעליידיגט אויף מיר, אונ האט מיר געענטווערט: „פע, איציקעל! איך
האב מיך פין דיר גאר אזא טפשות ניט גערעכט, בנאמנות! מיר
האבען עס דאך ערשט נעכטען געהארט פין דעם אפיקורוס'ס טויט!
אונ טאמער האב איך אפילו עפעס יא א טראכט געטיהן פין איהם —
האב איך איהם דאך אליין געקענט, דעם מהייערען צדיק אין פעלץ . . .
נא, וואזשע קעהר זיך דאס אן מיט אזא פאסקידנע נארישען חלום
וועגען אזא כלב שבכלבים, אונ וואס פאר א שייכות אידאס מיט'ן
אלטען מגיד זכר צדיק לברכה . . . ?“

— איך ווייס . . . ? האב איך א קנייטש געטיהן מיט דיא פלייצעס,
אהן א שום באדייטינג . . . פערקעהרט, זאג דיא שמואל'קעל, וואס
הייסט דאס ? . . .

„איך מיין — זאגט שמואל'קעל — ס'איז גאנץ פשוט: ווייל מרדכי'לע
האט געקענט דעם אפיקורוס, איז קיין חדוש ניט, וואס ער האט
אפשר א טראכט געטיהן אין איהם א פאאר מינוט אונ דער טראכט
האט דאך איהם אודאי דערמאהנט יענע יאהרען, מיט יענעם דרך
זיינעם, מיט דיא דעמעלדיגע זינדיגע מחשבות זיינע . . . נא האט זיך
איהם גע'חלום'ט א דמיון פין דיא אמאלידיגע געדאנקען . . . וואזשע
איז דערפין געדרינגען ? — אז מרדכי'לע האט אפשר נאך נעכטען בהקיץ
חלילה געהאט אזא מחשבה זרה ? . . . הא ?! גיעה שוין, גיעה איציקעל!
ביסט גאר מחילה א ווילדער טפוט, א פנים! מאהל דיר, אז איך
אשטייגער זאל היינט גראד הארען, אז ר' חיים וואלאזשינער איז
געשטארבען אונ כפי איך האב איהם אליין געקענט, וועלל איך מן
הסתם א טראכט טיהן פין איהם נאך יענער צייט, ווען איך האב איהם
געזעהען אונ מיט איהם גערעדט, אונ וויא אזוי איך האב דעמעלט
געדענקט ארום איהם מיט'ן ווילנער גאון — אקעגען דיא גיטע יודען
מיט'ן חסידות . . . אונ אז דאס וועט זיך מיר חלום'ען דיא נאכט — וועט
וואס געדרינגען זיין דערפין ? — אז איך האלט חלילה איטצט ביי דיא
טרפה'נע געדאנקען וואס א מאל . . . ? נא, וואס פארשטעהסטי דא
גיט, איציקעל ?“

— איך ווייס — האב איך, וויא מיט גדלות, געזאגט — אז מיר
וועט זיך, ווייל איך וועלל לעבען, אודאי אזוינס ניט חלום'ן! „חדושים,
ב'לעבען! — האט שמואל'קעל, וויא אין לצנות, א זאג געטיהן — וואזשע
זאל זיך דיר חלום'ן איציקעל? — א נעכטיגער טאג . . . ? דיא האסט
געקענט עפעס איינעם פין יענע לייט ? — אונ זאלסט אפילו יא איימעציך


קענגען

קענגען — האסטו עפעס א פיטשעל שייכות מיט איהם... ? היינט וואס זאל זיך דיר חלום׳ן פון אזעלכע ענינים... ?

— אונ געלויבט דער אייבערשטער, וואס איך האב זיי ניט געקענט אונ וויל זיי ניט קענען! — האב איך שוין וויא איינמיסטען געזאגט....

„אמת טאקע — האט זיך מרדכי׳לע אנגעריהפען וויא קאנפוזיט — א געבוירענער חסיד, וויא דיא, איז אוודאי גלייכער .... פערגעסס זשע אבער ניט, איציקעל, וואס דיא גמרא זאגט „במקום שבעלי-תשובה עומדים..." (אין דער הויכער מדרגה, וויהין א בעל-תשובה קוממט — אהין קענן קיין געבוירענער צדיק ניט דערגרייכען.) לעת עתה זענען מיר ביידע שוין עומד-בנסיון געוועהן... אונ דיא וואס... ? פינ׳ם קלייזעל אינ׳ם רבי׳נס קלויז אריין!... אוודאי ביסטו א בריה א יונג!..."

מיר האט דערוויייל ווילד הנאה געטיהן, וואס מיך האלטען זיי ביידע געוויסס פאר א-נ-אמת׳ן חסיד, בלתי שום ספק אויף א האאר... אונ דערמיט האב איך מיך בענוטצט אלץ מעהר אויפצוברעכען איין אפענעם שמים מיט זיי מכוח ארום-אונ-ארום... אונ האב דערווייל געמאכט וויא איין התחלה צום ענין:

— איך פערשטעה בכלל ניט, אין וואס פאר א נסיון זענט איהר דא געשטאנען... ? וואס איז דען דאס גאנצע מתנגדות מיט דער גאנצער השכלה פאר אזא כשר׳ע מציאה, מע זאל דאס אבזאגען-זיך דערפון אנריהפען „נסיון"?... איך האב געמיינט דערמיט ארויסריהפען זייער אמביציא... אונ כך הוה:

„האר נאר אויס, איציקעל — האט זיך אנגעריהפען שמואל׳קעל, וויא אויפגעטראגען — אוודאי קענן מען מיט קיין געבוירענעם טויבען ניט רעדען מכוח נגינה... נאר דאריבער זאל זיך דער טויבער איבערנעהמען אקעגען הארענדיגע, דערמיט, וואס ער האט קיין מאל קיין קול-נקבה ניט געהארט, אונ זיי יא...? זאלסטו זיין א הארענדיגער וויא מיר, אונ זיך אנהארען א צייט יאהרען מיט דעם מתיקות פון א ג׳ע׳ הממער פרוי׳ען-שטימע וויא מיר — יעדער פון אונז אין זיין פאך — וואלסטו דעמעלט ניט געפראגט: וואס איז פאר אזא נסיון, זיך ברצון השוב צושיידען דערפון?... אוודאי איז פאר׳ן פערזיכען דעם עץ-הדעת זעזר גרינג צו זיין איין ערהליכער יוד!... אבער נאך דעם, איציקעל. וויא מיינסטו...?" אט דיא משלים האב איך טאקע בעדארפט צום עסק, אונ בין באלד ארוים מיט זיי גאנץ אפענטליך: — רעכענט איהר. הייסט עס — זאג איך זיי — יענע דרכים אייערע פאר עץ-הדעת, פאר א דבר גדול?... מבי-תיתי!... „וויא אזוי מיר רעכנען צינד? איז

דאך קיין רעדע ניט; נאר דעמעלט זענען זיי געוויסם פערדעכענט געווען
ביי אונז פאר א דבר גדול!..." האבען זיי כמעט ביידע אין איינע
ווארטער געענטוועדט. — אז ס'איז יא אזוי — האב איך זיי מיט איין
אמת חסיד'עש שמייכעלע אונ גוטברידערשאפט, געזאגט — לאמיר זשע
טאקע אביסעל אריינשמיסען טיעפער אין דעם ענין אריין!...
כ'לעבען, מכי-תיתי איך וואלט טאקע אויך געוואלט א שטיקעל
תפיסה האבען אין דעם! — וואס האבען מיר זיך דא צוטשוואניעו איינם
פאר'ם אנדערע וויא דיא ציגיינער? הכל יודעים, אז מיר זענען ברוך
השם אללע דריי אמת'ע הייסע חסידים, געקאוועטע יודען, אונ מ'ר
ועללען שוין ניט אראבגעפיהרט פין אזא מין שמים!... זאגט זשע
מיר, ברידער, איך בעטט אייך, וואס זענען טאקע באמת אזוינם דיא
בריערינע 2 שטות אייערע, אונ וויא אזוי געפינט איהר זיי אצינד
אקעגען דעם דרך החסידות? ס'הייסט, איך מיין: ציא האט איהר
זיי בכלל דערקענט פאר שטותים, צי אפשר נאר פאר סטרא-אחרא,
צי האט איהר זיי געווארפען נאר דערפאר, ווייל איהר האט דאס חסידות
געפינען בעססער פין יענע 2 דרכים — אבער פאר זיך אליין האבען זיי
עפעס יא א ממש?..

איך וועלל אייך דא לאנג ניט איינמיהדען מיט אונזער שמים,
ווארען ער האט געדיערט איין ערך פין גיטע 3 שעה אויפ'ן זייגער! —
איך וועלל אייך בעססער אין קורצען איבערגיבען דעם סך-הכל, וואס
איך האב ארויסגעפיהרט פין זייערע ביידע דעות איבער דאס ענין,
ווענט איהר שוין אליין פערשטעהן וואס צווישען אונז איז איבערגערעדט
געווארען.

פין זייערע רעד בין איך אין זיי דעם דאזיגען אמת דערגאנגען:
אז דאס מתנגדות מיט דער השכלה פאר זיך זענען זעהר גיטע 2 שטות, מיט
וועלכע מע קענן: מיט דער ערשטער זיין איין עהרליכער יוד אונ א
פיינער מענטש, אונ מיט דער צווייטער — איין עהרליכער מענטש אונ
אונ א פיינער יוד.. נאר וואס דען? דיא ביידע שטות זענען נאר
מסוגל פאר קאלטבליטיגע מענטשען (מרדכי'לע האט עס אנגערופען
„פאר קאנסערוואטען") ס'הייסט מענשען, וואס האלטען זיך נאר דעם
דרך-הפשוט.. אונ קיקען נאר אויף דעם חיצונית פין יעדער
זאך, אהן א שום בערעכנונג וועגען דעם פנימית, (פערשטעהט זיך,
אז יעדער פין דיא ביידע שטות נאך איהרע השגות נאך...) למשל:
דאס מתנגדות הייסט דאווענען, לערנען, טיהן דיא תרי"ג מצות וכדומה
איטלעכם אין זיין געוויססער צייט, בעשטיממט ארט, א געוויססען שיעור
אונ אויף געוויססע אופנים — ניט אנדערש! אונ דיא השכלה פטור'ט
כמעט פין אללע מצות-מעשיות אונ הייסט נאר אללעם טיהן על פי

סאוועסט, נאר אויך אלץ חיצוניות מיט געוויסע כללים און שעורים, נישט צוברעכנען, אז נאכ'ן פנימיות דארפמען דייקע דיא און דיא מצוה טיהן בפועל, און דאס און דאס ישרנות — דייקע ניט טיהן ... בכלל הייסען דיא אנהענגער פון דיא ביידע שטות „מצות אנשים מלמדים“ . . . ס'הייסט: נאכגעהען דער מאמעס סדור'ל . . . קאלט, פיסט, גענאטה — נאר עהרליך, ערענסט און, וויא ריהפען זיי עס: איינשטעהנדיג . . . נאר דער, וואס האט אין זיך התפעלות, התלהבות און — בכלל, א נשמה יתרה — דער איז באין אופן ניט מסוגל צו דיא ביידע שטות, ווייל אזויגע מזג'ן קענען זיך ראשית ניט פיהרען פינקטליך, קענען ניט משועבד זיין צו אויסגעשטעלטע כללים און תנאים; זיי ווייסען ניט דאס ווארט „סלוזשבא“: זיי זענען נאר וויא האנען: אז ס'טיהט זיי א בריה אונטער דיא פליגעל — קרייען זיי . . . והשגית מוזען אזעלכע מענשען שטענדיג נאר לעבען מיט חברה, זיי זאלען האבען מיט וועהמען צוטהיילען זייער התפעלות און אויסלאזען זייער ברענן . . . דאריבער האבען זיי ביידע געפינען דאס חסידות פאר'ן בעסטען דרך, ווייל — זאגען זיי — חסידות בעשטעהט נאר אין דעם ברענן . . . זיי זענען ניט אויסען דארויף, וואס דער דרך איז פאר זיך זעלבסט? פערקעהרט, זיי געפינען דייקע, אז דאס חסידות פאר זיך אליין, איז א פיטשעווע מיהל, א דבר שאין בו ממש אקעגען יענע 2 שטות פאר זיך זעלבסט. זיי געהט נאר דעראינגען, וואס דער דרך לאזט דעם גייסט א פרייען וועג אין יודעשקייט און דאריבער זענען דיא אנהענגער דערפון שטענדיג פריילך, לעבעדיג און אויפגעלעגט, וועלכעס ס'מאכט א שטארק אחדות צווישען אללע חברה-לייט, אזוי אז איינם דאס אנדערע איז מעורר און ווערט מעורר; מאכט א פעולה און ווערט נתפעל, אז כמעט אללע פיהלען מיט איין הארץ און אטהעמען מיט איין נשמה! . . . און דערפון קוממט ארויס דאס העלפען און טרייסטען און שטיטצען ביי דיא חסידים איינם דאס אנדערע מיט מסירות נפש, וועלכעס ביי יענע 2 איז דאס א זעלטענהייט, און דאס זעלטענהייט איז אויך נאר על פי דין, אדער על פי יושר .... ווארען יענע זענען קאלטע מלאכים, ספראווגע לאקייען, ערענסטע סאלדאטען . . . אהן א שום פינק, א ברענן, א שטיקעל התפעלות, (דיא השכלה — זאגט מרדכי'לע — האט אפילו יא אין זיך א שטיקעל התלהבות, אשטייגער, ביי לעזען א גוט ביך, שרייבען א גיטען שיר, וכדומה, נאר אבער אויך קערץ, אומעגדיג און נאר אין זיך . . .) און קענען זיך דאריבער בעגעהען יעדער פאר זיך, אהן א פיטשעל אחדות אויף א האאר . . . ביי א מתנגד און ביי א משכיל קריגסטו ניט איין אנבייסען אפעסען, היינט ווער שמיסט פין אגעלעגער, פין א גמילות-חסד, פין א טובה ביי א פרייד, ובפרט ביי א לייד! . . .

נאפשיקלאד (חס"א)

נאָפּשׁיקלאָד בײַ דיא חסידים לאָזט זיך אײנס פּאַר'ס אַנדערע אַ פינגער אָבשׁנײַדען אונ בײַ יעדענס יחיד'ס אַ נויטה שׁטעהט דער גאַנצער כּלל צו הילף מיט ממון, דמים אונ מסירת-נפש!... כּללו של דבר: זײַ געפינען יענע בײַדע שׁבות טויטע, מיט אַללע זײערע מעלות אונ מדות טובות... אונ דאָס חסידות לעבעדיג מיט אַללע זײַנע פאַללער אונ שׁווינדעל!... לאָז זײַן וואָס ס'וויל זיך — אָבער אַ „חי" מיט אַ „ברענן" — מעהר דאַרפמען ניט!... הײנט אַז איך האָב יענע בײַדע גאָר כּלל ניט פערזיכט — מאָג איך דאָך אַוודאַי פאַרגאָטטערען דעם רבּי'ן מיט דיא חסידים! אַ יאַ?... אונ דאָך וואַרגט מיך עפּעס אַ בײַן אין האַלז... דאָס אַללעס, וואָס מײַנע אויגען האָבען איבער־געזעהן בײַם רבּי'ן אונ בײַ דיא חסידים לאָזט מיך פּאַרט ניט רוהען, אונ איך קענן עס בשום אופן ניט פערדײַען!... אונ אפשר איז דאָס אַללעס כּשר וישר, אונ דער רבּי — אַ הימעל-מענטש, נאָר איך פער־שׁטעה ניט דיא אמת'ע כּוונה, דעם ריכטיגען סוד פון אָ דעם דרך...? אַ כּלל, איך בין אין אַ שׁרעקליכען ספקות אונ איך ווײס ניט, אויף וואָס זיך צו ענטשׁליסען באופן, אַז איך וועלל אפשר יאָ אַרויס פינ'ם אָפּטראָג?... ס'ווײסט פון יענע בײַדע דרכים רעדט מען דאָך ניט — וואָרען איך קען דאָך ניט, ניט דאָס, ניט יענץ! — נאָר דיא שׁאלה איז: צי זאָל איך מיך דעמעלט אַלץ האַלטען אין מײַן אַלטען דרך, בײַ אַללע זײַנע חסרונות, צי זאָל איך עס וואַרפען מכּל וכל אונ לעבען פּראָסט אין עניות אונ דחקות — אַבּיא יוצא זײַן פאַר מײַנע געוויסען?... אונ מיט אָ דיא טאָטשׁענדיגע געדאַנקען בין איך אַנטשׁלאָפען געוואָרען אויף מײַן נאַרע אונ ס'האָבען זיך מיר געחלום'ט 2 חלומות אין אײן חלום:

## 19

# מײַן ערשׁטער חלום:

דיא אַלטע פעטטע, גראָבע שׁפּון געהט קאַפּוט.
דאָס יונגע פליגעל בעקוממט קוראַזש אונ מוטה!

אין שׁלאָף דאַכט זיך מיר, אַז איך בין טויט קראַנק אונ האַלט שׁוין בײַם עק, אונ פליצעם שׁטעהט פאַר מיר דער מלאך-המות מיט דיא

טויזענט אויגען, מיט אַ פלעשעלע סם אין איין האַנד און אין דער אַנדערער אַ שעכט-מעססער, און הייסט מיר מתודה זיין פאַר׳ן טויט.. עס האָבען זיך אָנגעהייבען פערמישען די געדאַנקען אין קאָפּ, און איך קען בשום אופן ניט קומען אויף דעם ריכטיגען אמת: אויף וואָס האָב איך מתודה צו זיין?: ציא אויף די אַללע מעשים, וואָס איך האָב אָבגעטיהן אין מיין חסיד׳שען לעבען לכבוד דעם רבי׳ן מיט׳ן חסידות... צי דאַרויף, וואָס איך האָב אין דער לעצטער צייט אָנגעהייבען ספק׳ן אינ׳ם דרך החסידות און וואַרפען אַ חשד אויפ׳ן רבי׳ן אַליין... אין אַ דער מין מבוכה, אין אַ דעם פינסטערען בלבול-מחשבות האָט זיך פערפּלאָנטעט אַזאַ מין מחשבה-זרה: אפשר איז דער גאַנצער ענין-הבריאה נאָר פאַלש און אחיזת-עינים! אַז איך זעה דאָך, אַז אַ וועלט יודען פערגאָטטערן דעם רבי׳ן מעהר ווי משה רבינו און זיינס אַ וואָרטעלע שטעהט ביי זיי העכער פון תורת-משה ···· ווייל דער צדיק — זאָגען זיי — איז בחינת קודשא-בריך-הוא אַליין, און זיין וואָרט איז אַ תורה מן השמים... היינט, אַז איך האָב אַזוי פיעל יאָהרען בעת אַל׳ן געזעהן מיט מיינע אויגען און געהאָרט מיט מיינע אויערען אלפי אלפים ורבבות מעשים פונ׳ם רבי׳ן מיט די קינדער פונקט נגד התורה ונגד רצון הבורא-ברוך-הוא... מוז דאָך, אַ פּנים, זיין איינס פון די צוויי: אָדער קודשא-בריך-הוא ואורייתא מייגען טאַקע נאָר די אַללע מעשים אשר לא יעשו, וואָס דער רבי מיט די חסידים טהוען אָב אויף דער וועלט... אָדער ס׳איז גאָר חלילה לית דין ולית דין וכל איש הישר בעיניו יעשה!..." און אין דער מחשבה-זרה האָט מיר דער מלאך המות אַ שניט געטהאָן איבער׳ן האַלז און מיין נשמה איז מיר פונ׳ם גוף אַרויס... איז געפלויגען, געפלויגען איבער בהמערעס, שטערען, גלגלים און מזלות, דורך אַללע 7 הימלען, און איז אַריין אין אַ זאַאַל, גרויס ווי די וועלט, און איז געבליבען שטעהן דאָרט אין אַ ווינקעלע ווי אַ קיינער, דאַכט זיך, זעהט זיא ניט... באַלד בעמערקט זיא, ווי עס קלויבט זיך, הערום אַ טיש, דאָס גאַנצע בית-דין-של-מעלה, און דער וואָס זיטצט אויווענאָן טהוט אַ געשריי „פיהרט אַריין דעם אַלטען רמאי, דעם צורר השכלה, דעם גוזל אלמנות און יתומים, פערליהיין פון דראַביטשעשוו, צום דין וחשבון!"... הערענדיג דעם גרויסען געאַכפּערטען נאָמען פון דעם חסיד׳שען מיללייאָנער, אַז מע ריהפט איהם צום משפט, בין איך נבהל ומשתומם געוואָרען! „שטייטש, לאַ די ער האַלט געביך, ווי מע רעדט, ביי איין אומגליקק און וועט חלילה, פון אַזאַ גדולה, דאַרפען קוממען אויף כבר — לחם — וואָזשע וויל נאָך פון איהם דאָס בית-דין-של-מעלה האָבען...?" נאָר אין דער מינוט איז אַריין אין זאַל אַ שאַנער יונגער-מאַנן, דייטשעריש

געקליידעט, און דער משמש ביים טיש האט אויסגעריהפען: „ברוך הבא ר' שמחה-קצי הווי-ארץ!" און נאך דעם יונגענמאנן האבען מלאכים נאכגעטראגען פאק ביכער מיט וועקסלען, סטשאטעס און פאפירען און איינער האט אנידערגעלעגט אויפ'ן טיש דעם ספר הזכרונות. — באלד האט מען אריינגעפיהרט אונטער א קאנאוואי דעם חיב, פערילהיין, אליין, לייבען איהם א באטאנטע חצופה, בעהאנגען אין גאלד, ברילליאנטען, סאמעט און זייד . . . און אונטער איהר א פרווי בליטט-יוגענד, שאן וויא דער מארגענשטערען, מיט הימעל-בלויע אויגען און גאלדענע האאר, נאר דאס פנים טרויעריג, אין דיא אויגען טרעהרען און דיא הלבשה איהרע ארעם, איינפאך — נאר צעכטיג, זויבער און זעהער געשייט . . . און מע זעהט, אז זיא איז דער רייכער — חצופה'ס א פאקאיאווע . . . פין ווייטענס, אין א זייט, שטעהט איין אלטע, ערענסטע, בכבוד'ע זקנה, און מיט איהר צו'חנפה'נען דער רייכער חצופה, ווייזט אוים, אז זיא איז איהרע א פאטאטשקע פאר'ן שטיקעל ברויט מיט א מלבוש . . . דאס דייטשעל האט אנגעהייבען בלאטטערען דיא ביכער, אונטערצייכענען דיא וועקסלען, און אלץ דערוויזען דעם בית-דין, אז פערילהיין איז מעיקרא נאך א רמאי, א שווינדלער און א באנקראט-במזיד! אללע האבען דעם דייטשעלס עדות און ראיות פאווערייעט און זיך אין אללעמען איבערצייגט און פערילהיין האט זיך מודה געוועהן אויף אללע זיינע אונטערשריפטען און באלאנצען און דער ראש-בית-דין האט א געשריי געטיהן: „פערילהיין איז א באנקראט בערמה וזדון-לב און זיין פסק, על פי דינא מלכותא דארעא, איז ער זאל זיטצען תפוס עד יום מותו אינ'ם דראביטשעווער בית-האסורים! און דאס וואס איהם קוממט פאר זיינע שווערע חטאים נגד התורה און נגד היושר, מיט זיין גזלנ'ען אלמנות און יתומים, קהל'ש, חברה'ש און עולמית-געלטען; מיט זיין רודף'ען עד לחיים דיא השכלה מיט איהרע סופרים און משכילים; מיט זיין שטיטצען, עהרען און שאטצען דאס חסידות מיט איהרע רעדעל-פיהרער, בכדי דורך זיי צו פערגרעססערען זיינע קרעדיטען און מחרים זיין אללעס וואס שטעהט איהם אין זיין פאלשען מערדערישען וועג, און נאך בלייבען ביי דער וועלט א פרוממער, שאנער, עהרליכער יוד . . . און פאר נאך שווערע, חטאים, עונות ופשעים, וועלכע ער האט מיט זיין זינדיגער האנד אליין פערשריבען אין א דעם ספר הזכרונות — פאר דעם אללעמען וועט מען איהם אין גיכען משפט'ן, נאך זיין טויט, על פי דינא דרקיעא! . . ." פערילהיין, מיט זיין אכזריות און אבירת-לב, האט נאר אראבגעלאזט דעם קאפ און פערכמורעט דיא ברייען און דיא באטאנטע חצופה האט אויסגעפלאצט מיט א איסטערישען קוויטש און איז געפאללען חלשות . . . דאס יונגע ווייבעלע האט מיט א הימעל-

חן'עוודיג, געשייטעם שמייכעלע, אויפגעהויבען פריי דעם קאפּ... און די בכבוד'ע זקנה האט א פרייען אטהעם געטיהן, וויא נאך אראפּוואַרפען פון זיך א שווערע משא... דאס יונגע דייטשעל, הוי-אָרץ, איז צוגע-גאַנגען צום יונגען ווייבעלע, האט איהר געגעבען די האנד און האט זיא בעגריססט מיט די הארצליכע ווארטער אין גראַמם: „ווילקאממען, ליעבע פרוי השכלה!

יעטצט נעהם זיך רייניגען דעם יודישען שמוטץ;
דיין פערפאָלגער האט זיין מפּלה,
מיט מיטעל, נעהם איך דיך דערווייל, אין מיין שוטץ:
זעה, דיין ווירטהין, דאס פרעכע חסידות
חלוש'ט, געהט אונטער גלייך מיט איהרען פאטראָן!
דאס פּראָפעציייעט דיר גרויסע עתידות:
גיך וועלען אויך יודען קניען פאר דיין טראָהן!..."

„וואַרט, הוי-אָרץ! — האט א געשריי געטיהן דער ראש-בית-דין — דא שטעהט עפּעס עלטערס פון דער יונגער השכלה, וועלכע האט הגם ניט אזוי געליטען וויא זיא — אויך געמוזט בייגען איהר גרויסען קאפּ פאר א דער פארשייטער חסידות, נאך שטיפען איהר די קאַרעטע מיט חנופה און בטלות.... דא שטעהט פאר אונז די אלטע רבנות וועלכע די פארשייטע פרוי ריהפט היינט אן מיט'ן נאמען „מתנגדות"... און מיר שווייגען! זיי זשע ניט-קיין דוחק את השעה!...

מיר שווייגען דערפאר, ווייל זיא אליין האט נאך ביז אצינד ניט פּראָ-טעסטירט עפענטליך געגען דעם חסידות, אזוי וויא די ענערגישע השכלה... און דאס נעהמט זיך דערפאר, וואס זיא האט נעביך ניט איהרע פארשטעהער אויפ'ן עולם השפל; „התורה מונחת בקרן זוית" (די תורה איז נעביך פערשטיפּט אין א ווינקעלע). זייט איהר פאר-שטעהער — הגאון ר' אליהו ווילנער — איז נפטר געוואָרען, איז זיא נעביך כצאן בלא רועה, און מיז זיך לאזען פיהרען פון די חסידישע רביים, וואס זענען מקים ומעביר רבנים, דינים, שוחטים און כלי קודש, נאך זייער פאלשער כונה נאך... נאר טאקע דערפאר ווידער, וואס די זקנה איז זיך אזוי משפיל געגען דעם חסידות, און זיכט זיך גאר קיינע מיטעל ניט, צום בעפרייען, חאטשע זיא זעהט דאך פאר זיך א גיטען ביישפּיעל אין דער השכלה... מוז נאך מעכב ווערען די גאולה שלמה אויף א צייט!... יבוא היום, כי קרוב הוא, ווען דאס בית-דין-של-מעלה וועט צוטרייטען צום משפּט, וועגען די דעות ואמונות פון דיעזע 3 שטות, בכלל, בזמן הזה... לויט נאך די כונות פון זייערע לעטצטע 3 מיסדים: מענדעלזאָהן, הגאון והבעל-שם. ערשט

רעמעלט וועט דער עולם השפל דערוויסען מה לקרב ומה לרחק ...?

לעת עתה זענען מיר מודיע דעם עולם-השפל, אז פון היינט אן שוואכען מיר דיא מאכט מיט'ן חוצפית פינ'ם חסידות, ווייל זיא איז שוין גאר פון דיא האלאבליעס ארוים ! ... אבער וועגען דער עקסיסטענץ אונ ממשלה פון דיעזע 3 שטות איז נאך ניט דיא רעכטע צייט געקוממען ! ... געניעג דערווייל, וואס מיר האבען דער חצופה פארמאכט דאס גרויסע מויל ! אונ צינגעגעהמען ביי איהר איהרען געפאהרליכען פאטראן, פעריל'היין, הרמאי ! — דאס איז שוין איין התחלתא דגאולה ! ... אויף דיא ווארטער האבען דיא מלאכים געזינגען דאס ליעד:

דאס חוצפית אונ דעספאט
פון חסידות — פאלש קאפיטאל
האט שוין דער ליעבער גאטט
פארטראכט מכל וכל ! ...
ציינד, נאך דער מפלה
בעקוממט שוין אויך מגידות
דיא תורה אונ השכלה
גלייך מיט דעם חסידות ! ...
איהר קעננט שוין אייער פאהן,
מתנגדים אונ משכילים,
אויך שטעללען אויוועגאן,
אהן מורא פאר בלבולים ! ...
אין פראנט שטעללט אייער פאלק —
ס'איז יעצט דער שעת הכושר —
אונ ארבייט פאר דעם פאלק;
דיא הויפט נאר: א מ ת, י ו ש ר ! ...
נעהמט טינט, פעדער, פאפיער
נוטצליכע ספרים דרוקקט !
וויא ווייט מעגליך פריער
ציווישען פאלק צושיקקט ! ...
אונ אום, ליעבע קינדער,
ניט צו פירכטען פאר קיינעם —
ארבייט נישט בעזונדער ...
האלט אייך נאר אינאיינעם ! .
דאס חסידות אויך ניט ווייכען;
מאכט זיא נישט אוועק !
זיא נוטצט צום ערדרייכען
דעם אמת ריכטיגען צוועק ! ...

(חי"א) זעהענדיג

זעהענדיג דיא גאנצע קארטינא, אונ הערענדיג דאס דאזיגע ליעד, בין איך גאר וויא עפעס פער'שכור'ט געווארען, אונ בין, טאקע אין חלום, ווייטער אנטשלאפען געווארען, אונ, איך ווייס ניט אין וויפיעל צייט הארום? — האט זיך מיר שוין פארגעשטעלט אין חלום גאר א נייע קארטינא.

## 20.

## מיין צווייטער חלום:

דיא גאנצע צרה אונ אומגליק איז נאר דאס,
וואס ביי יודען איז קיין זאך נישט אין דער מאאס!

שטעלט זיך מיר פאר, אז איך מיט מיינע [2] טיש גבאים שטעהען מיר ערגעץ אין א מדבר, אונטער א הויכען שפיטציגען בארג אונ עט אויווען, אויפ'ן שפיטץ, זעהן מיר, וויא א טאוועל ציגעשלאגען צו'ן א הויכען סטאלב, אונ אויף דעם טאוועל ברענגען פייערינע אותיות דיא ווארטער: „החיים והמות-ובחרת בחיים“ .... מיר האבען זיך אללע [3], שטוינענדיג, אנגעקיקט איינס דאס אנדערע, אונ געבליבען שטעהן אין א שרעקקליכער מבוכה .... אין איינינע מינוט שפעטער האב איך זיי אויסדערצעהלט מיין ערשטען חלום; אללע האבען מיר געצויגען מיט דיא אקסלען, געקניטשט מיט דיא שטערענס, אונ עפעס וויא געשעהמט זיך איינער פאר'ן אנדערען, אונ טאקע אין חלום, דאכט זיך, טראכט איך מיר אזוי: אא, צינד האבען זיי זיך ביידע אליין אויסגעגיבען פאר מיר!... זיי ספק'ען גלייך מיט מיר אין דעם גאנצען ענין, אונ ווייסען אויך ניט, אויף וואס זיך צו בעשליעסען...? אונ אזוי וויא מיר שטעהען אזוי פערטיעפט — פליצעם וויא עס האט זיך אונטער אונז געאפענט דיא ערד, אונ מיר זינקען אלץ טיעפער טיעפער .... אונ מיר זענען געבליבען שטעהן אין א שרעקקליכען פינסטערען תהום, וועלכעס, אין חלום טאקע, האט זיך מיר נאר געדאכט, אז דאס איז אוודאי דער שאול-תחתיה!... אונ וויא מיר שטעהען אזוי אין איין פלאטערניש — שיכט פליצעם אויס א ווילד געלעכטער פין אפשר ששים-רבוא מיילער, אז ס'האט ממש פערהילעכט אללע וועלטען — אונ וויא מיר

קוקען זיך אום, זעהן מיר: דאס איז א מחנה מלאכי חבלה שדים און
רוחות, אללע טייטען אויף אונז מיט דיא פינגער: „אט זענען זיי דיא
3 חברה-לייט, וואס 2. האבען צו דער עלטער אויסגעביטען א שמאטע
אויף א שמאטע . . . און איינער איז, פון ספק, גאר געשטארבען אהן
ודוי, כמעט א כופר בעיקר!״ . . . מיר האבען געמיינט: אט ווערט פון
אונז תל און פראך, נאר אין מיטען דעם ליארעם האט זיך עפיס א
מין פאכין מיט פליגעל; דיא מחנה האט זיך אנגעהייבען שטיקען
צווישען זיך: „א א! ער פליהט שוין, דער מלאך מיכאל א הער, מלמד
זכות צו זיין אויף דיא 3 האלעפוזניקעס אויך״ — און דיא רגע איז דער
גאנצער תהום בעלייכטעט געווארען וויא מיט 18 תמוזדיגע זוננען, און
מיכאל מיט זיינע 6 גאלד-פייעריגע פליגעל האט זיך אזוי טרייסטליך-
זים און ליעב, אראבגעלאזט איבער אונז 3, וויא דיא שטילע ווייסע
טויב איבער איהר טייבעל-גייסט, און האט, מיט א זים, האניג-גיכסענ-
דיגער שטימע, וואס האט געקוואלען, וויא א פריש-קיהלער וואסער-
קוואלל אין א רויזען-גארטען, און געצווינגען דיא נשמה עפעס א היין,
א היין ... אין א אייביגער זיסער שטיללער מנוחה תחת כנפי השכינה ....
אויסגעריהפען: „שטילל! לאכט ניט, ליארעמט ניט! דיא 3 פערזאנען
לעבען נאך און זענען נאך אונטער זייער אייגענער בחירה, האבען
מיר נאך גאר ניט דאס רעכט זיי צו משפט'ן!... איהר זעהט דאך,
וויא זיי האלטען נעביך אליין אין אזא שרעקליכער פערצווייפלונג!...
קענען מיר נאך גאר ניט וויסען, מיט וואס זיי וועלען ענדיגען זייער
לעבען... ? מיר זענען מלאכים, און דאך ווייסען מיר ניט, וועהמעס
מארגען פון אונז איז? .... „הן בקדושיו לא יאמין ובמלאכיו ישים תהלה!״
ובפרט מענשען! . . . דערווייל זעהען מיר, אז זיי זיעבען נעביך דעם
וועג — נאר מיר האבען דאס רעכט ניט, זיי אנצוווייזען אויף איהם
כל זמן זיי לעבען אין זייער בחירה . . . און הלואי וואללטען זיי זיך
געקעננט בענוטצען מיט זייער בחירה פון זייער קינדהייט אן — וואללטען
זיי שוין אפשר לאנג געוועהן אויף א וועג .... דאס אומגליק איז
אבער, וואס פוילישע יודען טייטען דיא פרייע בחירה אין זייערע קינדער
מיום הולדם ביז זיי ווערען אליין טאטעס פון קינדער — און דערנאך,
אז זיי בעקוממען זיא שוין, איז זיא שוין אבגעשוואכט, פארשטימעקט
און אונפראקטיש; און דערציא נאך דיא דאגות-פרנסה, דער שוואכער
גוף פון א געמיטשעטע לעבען און אנדערע צרות — ווייסען זיי שוין
נעביך ניט, וויא זיך צו בענוטצען מיט איהר? און קאניטשען אב א
לעבען אין חרטה, ספקות, פערצווייפלונג, כעס און מכאובים!...
נא, קענן מען זיי בעשילדיגען אין זייער איטצטיגער לאגע?... ווייטער
דיא פאטער זייערע זענען אויך ניט שולדיג דערינען, ווייל זיי האבען

ערצויגען דיא קינדער אויף דעם זעלבען אופן, וואס זייערע עלטערען האבען זיי ערצויגען, יעדער נאך דער אלטער שטה, נאך דעם אויסגעריבענעם דרך, וואס זיי האבען פון אבות אבותים, ביז דיא ערשטע מיסדים פון דיא שטות, אונ וואלטען דיא ערשטע דורות, וואס נאך יענע מיסדים, געוועהן ריכטיג פערשטעהן דיא פרינציפען, וואס דיא מיסדים האבען געמיינט ביים גרינדען זייער שטות, אונ אויף וועלכע דיא שטות זענען געגרינדעט — וואלטען דיא יעצטיגע דורות, בפרט דער היינטיגער דור, געוויסס ניט געקוממען צו דער וויסטער לאגע, וואס דיא 3 דא, אונ טויזענטער נאך אזעלכע וויא זיי דארט, אינ׳ם עולם השפל; ווארען יעדער מיסד א נייע שטה, האט געוויסס ניט געמיינט אונ ניט אויסגעארבייט זיין פלאן, צור נוטצען אונ גליק פון זיין פאלק — געוועהנליך מיין איך דיא ארענטליכע מענטשען אונ הייסע יודישע פאטריאטען מיט לייב אונ זעלע — ניט קיין שווינדלער אונ אפעריסטען חלילה — אונ ווען דיא נאכקאמען, נאך יעדען מיסד, זאלען טאקע נאכפאלגען זיינע פרינציפען אונ כונה, וואס ער האט געמיינט מיט זיין שטה אונ, אדרבא דיא פרינציפען נאך מעהר ענטוויקעלען אונ פערפאלקאמענען נאך דער צייט פון יעדען שפעטערען דור — וואלטען, יעדער כת, געוויסס גליקליך געוועהן בגשמיות אונ ברוחניות, אונ מיט דער צייט וואלטען זיך נאך דיא אללע פערשיידענע שטות גאר אויסגעארבייט אין איין אללגעמיינער שטה, אלס איינע פאלקאממענע לעהרע אינ׳ם גייסטליכען לעבען, על פי התורה-והחיים, הדעת והדת, פאר אללע יודען!... צום ביישפיעל לאמיר טאקע נעהמען אט חאטש א דיא 3 שטות פון דיא 3 מענשען: דאס מתנגדות, השכלה אונ חסידות!: נא, דיא 3 מיסדים פון דיא 3 שטות: דער ווילנער גאון, ר׳ משה מענדעלזאהן אונ דער בעל-שם, זענען געוויסס אללע 3 געוועהן פיינע ארענטליכע מענשען אונ אמת׳ע יודישע פאטריאטען, אונ יעדער האט זיין שטה געוויסס געגרינדעט אויף פעסטע, גיטע פרינציפען, לטובת כלל-ישראל אויף דור דורות — דער בעל-שם איז חלילה קיין שווינדלער, קיין שווערמער געוועהן, וויא א סך מיינען, חס ושלום! זיין שטת-החסידות איז בדורו געוועהן א נאטהיגע, נוטצליכע רעפארמע אינ׳ם רעליגיאזען לעבען, אקעגען דעם קאלטען שטרענגען ראבביניזמוס מקדמות דנא ביז אין זיין צייט, וועלכעס ס׳האט שוין געהאט געבראכט דיא גאטטעס-דיענסט מיט אללע מצות דאוריתא ודרבנן אין אזא מדרגה „מצות אנשים מלמדים“, אז דער יוד האט שוין גאר לחלוטין ניט געפיהלט אין זיי קיין שום טעם וריח, קיין שום אינגערליכע כונה אונ תכלית!... ער האט גאר געטיהן דיא זאך וויא איין אוטאמאט אלס התחיבות, וויא דער סאלדאט — טלוזשבא

(זעהט מיין מאמר: „מענדעלזאהן און דער בעל-שם“ אין מיין חבור „כל-בו'ניק“) אודאי האט דאס דער בעל-שם פערהאפט מיט זיין נייער שטה „חסידות“, וואס דער תכלית המכון זיינער איז געוועהן: „עבודה מאהבה“, ס'הייסט, טיהן דיא זאך אוים אייגענעם ווילען און פיהלען דעם הויכען ערהאבענען זינן פין דער מצוה מיט איהרע ווירקליכע נוטצען אינ'ם לעבען, ס'הייסט: זיין אין דער עבודת-הבורא א פריי-וויליגער סאלדאט — אודאי דיא 3 מיסדים זאלען זיך בעססער געוועהן צוזאממענגעהמען אינאיינעם, און אינאיינעם אויסארבייטען א רעפארמא פיר דעם יודעש רעליגיאזען און גייסטיגען לעבען, יעדער נאך זיינע מיינונגען און פרינציפען — וואלטען זיי געוויס געוועהן געגרינדעט איינע אללגעמיינע פאללקאמענע שטה אויף דור דורות, און עס וואלט גאר פערשפארט שאפפען סעקטען אונטער יודען... נישמעדר אפילו אזוי — יעדע שטה פאר זיך — איז הלואי וואלט מען זיא, נאך זיי, געוועהן פינקטליך נאכ-געפאלגט אין זייער ערשטען זינען, וואלט אויך דאס יודענטהום גליקזעליג געוועהן עד היום און ווייטער! — דאס אומגליקק איז אבער, וואס דיא נאכ-קאמען, נאך יענע 3 מיסדים, זענען טאקע באלד, און וואס ווייטער ערגער, אראפ פינ'ם ערשטען תכלית-המכון, א סך אויס אונוויססענהייט, א סך אוים איבריגע הוספות, תקונים און שנויים אין דער שטה און א סך אוים אייגענעם אינטערעס און שווינדעל; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז דיא אללע 3 שטות זענען לחלוטין אראפ פין דיא אלטע קאליעס, און זענען גאר ניט איינליך געווארען אויף יענע, אפילו מיט א רמז דרמיזא! לאזען יעטצט דיא 3 מיסדים אינמיטטען א קיק טיהן. אט אויף א דיא 3 עקזעמפליארען — וועלען זיי געוויסס ניט דערקענען אין זיי אפילו א בצוץ דערפין, וואס זיי האבען געמיינט און בעהויפטעט!... היינט וויא קענן מען זיי אין עמוואס בעשילדיגען? אדרבא! זיי האבען נאך גאר בישט-קשה געהאנדעלט גענען צעהנער טויזענטער פוילישע יודען, וואס בלייבען איביג פערפאללען אין זייער איינגעוואינטעטען שמוטץ... און דיא האבען זיך חאטש געבארעט מיט אייגענער בחירה אקעגען זייער פערדארבענער ערציהינג: דער עלטערער פין דיא 3, נאכ'ן אנזינדיגען זיך איבער'ן מויל אין זיין פערגרייזטער שטה, וועלכע איז שוין אין זיין צייט לחלוטין ארוים מחוץ לגדר, וואס קיין זכר פין „השכלה“ איז שוין אין איהר ניט געוועהן צודערקענגען.. האט ער זיך א חאפ געטיהן אין זיין פעהלער און האט אנגעהייבען זיעבען עפעס א בעססער מזון — הנפש אין זיין גייסטליכען לעבען און, כפי אינ'ם לחלוטין פערשלאסענעם שטייגעל אריין — אינ'ם רבניזמוס, אין דיא הענגע דישנע ד' אמות של הלכה — קענן שוין אזוינער געוויסס ניט וועללען ארייננפליהען... איז ער אריינ-געפליגען אין א שטייגעל חאטש מיט ווינטעלאטערס, טיהרלעך און

פענסטערליך — דאס לופטיגע חסידות — דער צווייטער, וואס האט זיך גענייגט אנגעליטען אין זיין פערגרייזטער שטה, טראגענדיג אויף זיך א משא פון תרי"ג מאל תרי"ג חומרות, גזרות, תקנות, סיגים און מנהגים... און אלעס אווטאמאטיש און אונטער'ן שטרענגסטען דעספאטיזם... האט זיך נעביך אויך בעציימטענס ארומגעקוקט, און אנגעהייבען מיט פרייער בחירה, צוזיכען עפעס א פרישע זערגע צום ערנאהרען זיין דורשטיגען גייסט, און כמעט אין אזא לחלוטין אפענער שטייג — דיא פערגרייזטע השכלה אין פריקת-עול לגמרי — וועט אזא פויגעל געוויסס ניט אריין פליהען... ווארען אויסשפאנען זיך פון עול תורה ומצות מיינט ער גאר ניט... איז ער אויך אריינגעפלויגען אין'ם חסידות — האטש א האלב-צוגעמאכט שטייגעל... נא, און דער יונגסטע פון א דיא 3, וויקענדיג זיין גאנצע יוגענד אין זיין פערגרייזטער שטת-החסידות, און דערזעהענדיג דאך דיא מעשים אשר לא יעשו וואס אין דעם מין שטייגעל געהט פאר... האט ער זיך אויך נעביך א חאפ געטיהן אום אייגענע געוויססענביסע, און גאארט ערגעץ איבערצופליהען אין א פיינער שטייגעל... ער איז אבער, ראשית, אומגליקליכער פון זיינע חברים: זיי האבען געהאט מיט עפעס צו פליהען און מיט עפעס צוקוממען אין א נייער דירה: דער ערשטער בעזיטצט שפראכען, וויססענשאפט און דרך ארץ; דער צווייטער בעזיטצט ש"ס ופוסקים און עול-מלכות-שמים — ער נעביך איז א כלי-ריק מכל וכל: לעהרנען אויפ'ן שפיטץ מעססער, יראת-שמים אויף א שמעק-טאבאק און דרך-ארץ אביססעל מעהר פון א ווילדער חיה... נא, וויהין זאל ער אריינפליהען...? והשנית, הארט ער דאך שוין פון זיינע חברים, אז יענע 2 שטות טויגען אויך אויף כפרות... היינט וואס קוממט איהם צוטיהן אין אזא קריטישער וויסטער לאגע, ביי אזא פינסטערער ערציהינג וויא זיינע, ביי אזא נידריגען מצב המוסרי והשכלי, ביי אזויגע אויסגעמארכעוועטע ביינער און ביי אזא עניות, דחקות און שפלות — אז ניט אריינפאללען אין יאוש און פערליערען בטחון און אמונה אין אלעס...?

אט זעהט איהר, דיא עלטערע צוויי זענען זיך נאך אומשטאנד ארויסצורייסען פון זייער נייעם טעות, פון דעם פאלשען חסידות און זיך נאך עפעס אויסארבייטען א מין דרך-הממוצע צווישען דיא אלטע 3 שטות, ווייל זיי האבען עפעס מאטריאל מיט וואס צו ארבייטען; און הויב זיי וועלען, ביז אין זייער טויט, ניט קוממען אויף א דרך-הישר — זיי קעננען מיר אפשר יא בעשילדיגען נאכ'ן טויט — אי דאס איז אויף זיי אויך, דיא ערציהינג זייערע, א גענוגער למוד-זכות אויף אלעס... דער יונגערמאנן אבער קען אפילו נאכ'ן טויט אין גאר ניט בעשילדיגט ווערען! זיין בחירה האט מען שוין לאנג געטייט אין איהם און געטייט אויף אייביג!...

אִיךְ זָאג אַייךְ בְּפֵרוּשׁ פָּארָאוֹיס , אַז עֶר אוּנ נָאךְ טוֹיזֶענְטֶער אַזֶעלְכֶע „פּוֹילִישֶׁע יוּנְגְלֶעךְ“ וִויא עֶר וֶועלֶען שׁוֹין אַזוֹי אָבְּקָאנִיוּטְשֶׁען זֵייעֶר קוֹיטִיג שְׁטִיקְעל וֶועלְט אוּנ וֶועלֶען אַלֶע שְׁטַארְבֶּען אָהן וִדּוּי . . . אוּנ אִיךְ וֶועלל זַיי מִיט אַלֶע מַיינֶע מֶעגְלִיכְקַייטֶען פֶערְטַיידִיגֶען נָאכ׳ן טוֹיט אוּנ זִיךְ אוֹיסְטַארֶען פַאר זַיי אַ וִוינְקֶעלֶע אִין גַּן-עֵדֶן וִויא אַ קָאפּ אָנְצוּשְׁפַּארֶען ! . . . יָא , זֵייעֶר וִויסְטֶע-פַאנַאטִישֶׁע עֶרְצִיהִינְג , אִיז אַ גֶענִיגֶע כַּפָּרָה אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע מַעֲשִׂים , אוּנ זֵייעֶר בִּידְעֶוועֶן אִין דַלוּת , שִׁפְלוּת , קְרַיינְק , יִסוּרִים אוּנ אוּנ כָּל עִנּוּיִם קָשִׁים , אִיז אַ גֶענִיג אָבְּקֶעמֶענִישׁ אוֹיף זֵייעֶר פִּיסְטֶע זוּנְדִיג לֶעבֶּען ! . . . פַאר אֵיין זַאךְ וֶועלל אִיךְ אִיהם אַלֵיין מְחַיֵב זַיין אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאהר , אוֹיב עֶר וֶועט זַיינֶע קִינְדֶער מְגַדֵל זַיין אוֹיף זַיין דֶּרֶךְ ! . . . אַיי עֶר וֵוייסְט נִיט אוּנ קֶענְן נִיט אוֹיסְפִיהְרֶען קֵיין אַנְדֶער דֶּרֶךְ ? — לָאז עֶר זִיךְ מִיט זַיי פֶערְלָאזֶען אוֹיף אֶרֶענְטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען , אָדֶער לָאזֶען זַיי זִיךְ אַלֵיין גֵעהן זֵייעֶר וֶועג . . . אַבִּיא נִיט דִיא פִינְסְטֶער , וִויסְטֶע עֶרְצִיהִינְג , פִון דִיא „פּוֹילִישֶׁע יוּנְגְלֶעךְ“ ! . . .“

בַּיי דִיא רֵעד הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיפְגֶעחָאפְּט אִין אֵיינֶע אַנְקְסְטֶען אוּנ וִויא אִיךְ מִיט מַיינֶע 2 חֲבֵרִים הָאבֶּען נָאר דִיא אוֹיגֶען גֶעעֶפֶענְט , הָאבֶּען מִיר דֶערְזֵעהן פַאר זִיךְ דֶעם סְמָאטְרִיטֶעל פִינ׳ם אָסְטְרָאג מִיט אַ פַּאפִּיעֶר אִין דֶער הַאנְד , אוּנ הָאט אוּנְז אָבְּיַאוֶועט , אַז מִיר זֶענֶען בֶּעפְרַייט ! — אוּנ דָאס פַּאפִּיעֶר אִיז גֶעוֵועהן אֵיין קֵייזֶערְלִיכֶער מַאנִיפֶעסְט אוֹיף טוֹיזֶענְטֶער אַרֶעסְטַאנְטֶען . . . אוּנ דָאךְ הָאט מָרְדְכַי׳לֶע זִיךְ גָאר אַוֶועקְגֶעלֶעגְט צוּ בֶּעוֵוייזֶען אִין דֶעם רֶבִּי׳נְס אַ מוֹפֵת ···· שְׁמוּאֵל׳קֶעל הָאט צִיגֶעשָׁאקֶעלְט מִיט אַ בָּאם . . . אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעצוֹיגֶען מִיט דִיא פְלֵייצֶעס . . .

# 21.

## אַזוֹי וִויא דִיא טְקַאטְשִׁילְנֶע , אַזוֹי אִיז דָאס וֵועבֶּען , אַזוֹי וִויא דִיא עֶרְצִיהִינְג , אַזוֹי אִיז דָאס לֶעבֶּען !

קִימְמֶענְדִיג , נָאךְ 6 יָאהר אָסְטְרָאג , אוֹיף דֶער לֶעכְטִיגֶער וֶועלְט בִּין אִיךְ גָאר וִויא פֶערְשִׁכּוֹר׳ט גֶעוָוארֶען , אוּנ הָאבּ זִיךְ קֵיין חֶשְׁבּוֹן נִיט גֶעקֶענְט אָבְּגִיבֶּען וֵועגֶען מַיין לַאגֶע . . . וּבִפְרָט נָאךְ דִיא עֶרְשְׁטֶע פַּאאר טָאג , אִין וֶועלְכֶע דִיא וְצִיוֹנִי׳ר סִירֶעוֶוקֶער חֲסִידִים הָאבֶּען דָא גֶעהַאט אַזַא גִילְדֶענֶע גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ חַאפֶּען אַ בִּיסֶעל מַשְׁקֶה לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם רֶבִּי׳נְס מוֹפֵת ···· אוּנ טַאקֶע פָּשׁוּט , וָואס מֶע הָאט זִיךְ נָאךְ אַזַא לַאנְגֶער צַייט , וִוידֶער דֶערְזֵעהן מִיט 3 אַלְטֶע חֶבְרָה-לַייט , גִיטֶע בְּרִידֶער ; אַ כְּלָל מֶע



האט

האט געמאכט קערמעשליך מיט נגונים אונ מיט ריקוד'ליך אזוי אז איך בין פערטערעראמעט געוועהן פין אללע זייטען, ביז דיא גאראטשקע איז אביססעל איבערגעגאנגען אונ אויפ'ן דריטטען-פערטען טאג האב איך מיך ערשט ארומגעקוקט אויף מיין לעבען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען .... א מענטש אריבער שלושים, אויסגעדארט, אויסגעמארכעוועט, אהן א טראפפען בלוט, אהן א גאנץ ביינדעל, אהן א ווינקעל וויא א קאפ אנידערלעגען, אהן א מראה מקום אויף א טריקען שטיקעל ברויט — א חוץ אפשר דאס מעמדות קלויבען, וועלכעס ס'וואללט מיר ליעבער געוועהן דער טויט . . . — אהן א שום מיטטעל צום פערדיענען א שטיקעל ברויט! ווייב אונ קינדער מיטשען זיך ערגעץ אויפ'ן טויט, אונ דא טאטשען נאך דיא געוויססען .... אונ דאס ספקות מאכט מיר א טשעבאטקע! עס פלאנטען זיך אין קאפ מיינע חסיד'ישע מעשים, דעם רבי'נס פלא-ידע . . . מרדכי'לעס חלום, פערילהיין'ס מפלה, דאס מלאכים-ליעד אונ דעם מלאך מיכאל'ס נבואה וועגען מיין עתיד . . . אונ, ועל כלם, ס'איז שוין טאקע ניטא קיין שטיקעל ברויט! . . . גוואלד! — האב איך מיר מיט ביידע הענד א קלאפ געטיהן אין קאפ אריין, אונ האב זיך, דאס ערשטע מאל אין מיין יונגערמאנן-לעבען, זעהר ביטטער צוויינט — גוואלד, וואס בין איך? ווער בין איך? וועהמעס בין איך? וואס, ווער איז מיינם . . . ? וואס טויג איך בגשמית אונ וואס בין איך ברוחנית?! . . . איך בין אזוי א פאאר שעה אבגעזעסען כמעט וויא פערשטיינט אונ טייכען טרעהרען האבען זיך געגאססען פין מיינע אויגען ביז איך האב הענדליך אויסגעשריען אין א ווילד פערצווייפלינג: געערכט דער מלאך מיכאל! . . . איך בין א פערפאלענער אויף אייביג! איך האב מיך ניט מיט וואס צו בארען אונ קענן מיך ניט בארען! . . . געשטארבען מיין בחירה מיט מיין ערשטער מינוט לעבען אונ איך מוז בלייבען ביז אין טויט דאס, וואס דער טאטע האט געמאכט פין מיר, וואס דיא יודישע ערציהינג האט געמאכט פין אונז אללע! . . . אונ באלד איז געבליבען ביי מיר א הסכם, אז איך זאל מיך, לפנים, האלטען אינ'ם חסידות ביז ס'וועט זיך האלטען . . . פיעל-וועניג האב איך שוין א שטיקעל ברויט, אביססעל בראנפען אונ א קבוץ חסידים, מיט וועהמען איך קענן חאטש א ווארט אויסרעדען . . . אונ אזוי בין איך דאך גאר עלענד וויא א שטיין: פאר מתנגדים איין עם-הארץ, פאר משכילים א פרא-אדם, פאר בעלי בתים א פיסטעפאסניק אונ פאר'ן המון העם — איין אסטראזשניק . . . דארף איך דאך מיר נאר בעגראבען לעבעדיגערהייט! . . . ובכן בלייב איך ביים אלטען דרך! ס'הייסט: ניט איך בלייב — נאר איך קענן מיך ניט ארויסרייסען פין איהם . . . איך האב ניט וויהין? סיידען א שטיין אויפ'ן האלז אונ אין וואססער אריין! . . . איך בלייב צווישען

דיא

דיא חֲסִידִים, נָאר נִיט בַּיים חֲסִידוּת אוּנ נִיט קֵיין חָסִיד... דָאס אֵיין־אוּנ אֵיינְצִיגֶע שְׁטִיקֶעל גְעוָואהר מַיינְס אִיז בַּיי מִיר גֶעבְּלִיבֶּען „שְׁוַויגֶען"...

אַז ווִיעֶדער לֶעבֶּען פִּינְ'ס מַעֲמָדוֹת — קְלוֹיבֶּען — מוּז מָען דָאךְ דֶעם רֶבִּי'נְס הַסְכָּמָה דַארוֹיף! — אוּנ אוֹיף מָארְגֶען בִּין אִיךְ מִיט מַיינֶע 2 טִישׁ־גַבָּאִים אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת. (גֶע'חָלוֹמ'ט הָאט זִיךְ מִיר נָאךְ, אִיבֶּער'ן הוּנְדֶערְטֶען פַאלל, אוּלַי טָאמָער ווֶעט מִיר דֶער רֶבִּי חָאטְשׁ עֶפֶּעס אָבְּגִיבֶּען פוּן מַיינֶע 3000 קֶערְבְּלִיךְ, ווָאס אִיךְ הָאבּ מִיר אָנְגֶעקְלוֹיבֶּען בַּיי אִיהם?...) דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַלֶע 3 זֶעהר קָאלְט אוֹיפְגֶענֶעהְמֶען אוּנ מִיךְ נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַלֶע . . . מָאהלְט אַייךְ בַּייא מִיר אִיז דָאס קֵיין נַייעֶס אוּנ קֵיין חִדּוּשׁ נִיט גֶעוֶועהן: אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּג אִיבֶּערְגֶעזֶעהֶען פוּן אִיהם אַזֶעלְכֶע פֶערְפֶערְעמְדֶעכְצֶען פוּן מֶענְשֶׁען, ווָאס הָאבֶּען אִיהם זַייעֶר מָמוֹן אוּנ דָמִים אַוֶועקְגֶעגִיבֶּען אוּנ בַּיי זַייעֶר דַלוּת הָאט עֶר זַיי נִיט דֶערְקֶענְט, אוּנ אָפְּט מָאל גָאר נִיט גֶעהֵייסֶען אַרַיינְלָאזֶען צוּ זִיךְ... אוּנ דָאס פְלֶעג אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען בַּיי דִיא חֲסִידִים אַ מוֹפֵת .... הַיינְט, ווָאס אִיז דָאס חִדּוּשׁ אַז עֶר דֶערְקֶענְט נִיט מַיינֶע 2 חֲבֵרִים נָאכ'ן אָבְּשְׁלָאגֶען כַּפָּרוֹת מִיט זַיי...? וּבִפְרָט מִיךְ, דַלְפָן, אָסְטְרָאזְשְׁנִיק, אוּנ עֶר אִיז נָאךְ מַיינֶער אַ בַּעַל־חוֹב דֶערְצוּא! ... ווֶער ווָאלְט'ס בֶּעסֶער גֶעוֶועהן?... עֶר ווָאלְט אוּנְז גָאר בְּפֵרוּשׁ נִיט גֶעוֶועהן אַרַיינְגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ; כְּ'לֶעבֶּען, ווָאס דַארְף עֶר בְּסַךְ הַכֹּל דִיא 3 אָבְּגֶעשְׁלָאגֶענֶע הוֹשַׁעְנוֹת צוּ זַיין מוֹחִין דְגַדְלוּת. . . אוּנ צוּ ווָאס טוֹיג זִיךְ אִיהם בֶּעגֶעגֶענֶען אוּנ אוֹיף אוֹיבּ מִיט אַרֶעסְטַאנְטֶען פוּן אֵיין דִילָא מִיט אִיהם...? נָאר דָאס הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט טִיהֶען אַקֶעגֶען דֶער ווֶעלְט. . . הַיינְט שְׁוֶועלְט אַייךְ פָאר זַיין הֵיילִיגֶע מוֹנֶע, בֶּעת אִיךְ הָאבּ אִיהם, צְווִישֶׁען דִיא צֵיין נָאר, גֶעבֶּעטֶען עֶפֶּעס אוֹיף מַיין חוֹב! ?... עֶר אִיז מַמָּשׁ אָנְגֶעצִינְדֶען גֶעוָוארֶען, נָאר אוֹיף צוּ פֶערְבְּרֶענְגֶען מִיךְ בְּהֶבֶל פִּיו הַקָּדוֹשׁ... נָאר בַּאלְד הָאט עֶר פֶערְגְלָאנְצְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ הָאט, מִיט אַ הֵיילִיג, חֵן'עוּודִיג שְׁמֵיי־כֶעלֶע אַ זָאג גֶעטְהוּן: „דַיין חוֹב...? ווָאס אִיז שַׁייךְ...? כֻּלָּנוּ חַיָּבִים, כֻּלָּנוּ מְשׁוּעְבָּדִים צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ! ה' נָתַן וה' לָקַח יְהִי שְׁמוֹ מְבוֹרָךְ! .... אַ בָּשָׂר וָדָם ווָאס אִיז בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען דִיא נְשָׁמָה שׁוּלְדִיג — אִיז ווָאס שַׁייךְ צוּזָאגֶען „חוֹב?"... חוּץ לָזֶה הָאבּ אִיךְ דָאךְ דַיין פְּלוֹנִית'טֶע גֶעגִיבֶּען אַ יָאהר אוֹיף צוּ לֶעבֶּען. דָאס קוּמְט דָאךְ אִיהר פוּן דִיר עַל פִּי דִין... הַיינְט ווִיפִיעל הָאט מִיךְ אָבְּגֶעקָאסְט דִיא הֲכָנוֹת צוּ דַיין חוּפָּה מִיט מַיין פְּלִימֶענִיצָא יִמַּח שְׁמָהּ זָאל זִיא ווֶערֶען... נָא, אוּנ ווִיפִיעל הָאבּ אִיךְ גֶעגִיבֶּען פַאר דַיין דִילָא, מֶע זָאל זִיא אַלְץ אָבְּלֶעגֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ'ס הִילְף אַרוֹיסְגֶענֶעהְמֶען פוּן גוֹיִשֶׁע הָאנְד...? מָאהְנְסְטִי מִיךְ נָאךְ חוֹבוֹת...?" אִיז עֶר זְשֶׁע דֶען נִיט פָאלְלְקָאמֶען גֶערֶעכְט?... מַיין פְּלוֹנִית'טֶע

קימט דאך „על פי דין“... (ניט על פי הפראקוראר... און א בעל-ברחו-גט אהן כתובה איז איהר, א פנים, געקימען על פי יושר...! „מיין דילא“... האט איהם געקאסט... און נאך פון גוי'עשע האנד האט „ער“ מיך אויך ארויסגענעהמען... נא, און טאקע דיא הכנות צו דער חופה געהן דאך אויך ניט צו פיס! קארג האבען געביך רענדארעס אנגעבראכט דארויף זייער בלוט?... מאהן איך נאך חובות ביי אזא צדיק יסוד עולם!?... מיילא, איך האב דאך א קיק געטהן, אז דיא שפיעל איז פאר'ן טייוועל, האב איך מיר מיישב געוועהן: לאם איך חאטש ניט אנוועהרען דאס התמנות אויפ'ן מעמדות-קלויבען... אז בכדי ער זאל מיר שוין טאקע ניט אבזאגען (איהר שפיעלט זיך מיט „הוי זהיר בנחלתן?“...) האב איך איהם קודם כל געוויזען דאס כתב פון אללע וציוני'ר חסידים, און דערנאך איהם געבעטטען זיין הסכמה דארויף, ער האט זיך אפילו געקוויינקעלט... נאר זיין גרויס רחמנות אויף א מענשען האט דאך גובר געוועהן אויף דעם פחיתת הכבוד, וואס ער האט ערשט געהאט פון מיר... און האט, מיט א פערביססען שמייכעלע געזאגט: „נא?... „מעשה אבות ירשו בנים“ — מכי-תיתי, מכי תיתי! מן הסתם וועסטי טיהן דיין חוב בשלמות, און וויא מע דארף — טאקע אביססעלע מסירת נפש אויך... נאר דיא ווייסט דאך, איציקעל, אז דיין דילא האט מיך אויסגעבראכט... און דער מעמד מיינער איז, בעונותינו הרבים, אויך פערקלענערט געווארען, איי, איי, איי! פסו אמונים, אפס חסיד, עוקבתא דמשיחא! עוקבתא דמשיחא!... מיין יאסקי עליו השלום, דער טאטע דיינער, האט, אין דיא גיטע יאהרען, גענעהמען ביי מיר צעהן גילדען א וואך; דיא ביסט דאך אהן בני בית... וועלל איך דיר גיבען 7 גילדען א וואך. (צינד אהרט איהם שוין דייקע ניט „על פי דין“...) פאהר לחיים ולשלום ולך בדרכי אבותיך!“... (צום לייב-גבאי) „שרייב איהם אן א בריעף, בפקודתי, צו וציוני'ר קהל מכוח זיין התמנות במקום אבותיו“. — איך האב גיך געחאפט דיא בריעף און שוין געמאכט א פלטה! כ'לעבען א קשיא אויף א מעשה: אט נאך א מינוט קענן ער חלילה דערזעהן, וואס ביי מיר אין הארצען טיהט זיך מכוח דעם גאנצען חסידות מיט איהם אינאיינעם... ער קיקט דאך פארט מסוף עולם ועד סופו... און דעמעלט איז פערפאלען 7 גילדען א וואך, און פון מיר קענן דאך שוין טאקע ווערען א גל של עצמות...

קימענדיג א היים, האט מען ווייטער געחאפט אביסעל בראנפען אויף חשבון פון מיינע שבירות און איך בין געווארען דעם רבי'נס מעמדות-קלויבער, איך האב מיר געדינגען איין אלקערעל אין שכנות פאר 20 גילדען א יאהר און האב גענעהמען מיין יונגעל צו זיך, וויפיעל

איך האב אויסגעפיעט דעם ערשטען חודש מיט איהם איינצוטענה'ען מכוח עפעס יודעשקייט, בין איך מעהר ניט דערגאנגען פין איהם נאר דאס: אז ער ווייסט ניט, אונ וויל ניט וויסען פין קיין שום שטות, ער איז א יודעש קינד אהן חכמות, אונ וויל זיין א פשוט'ער יוד צו גאטט אונ א שטיקעלע מענטש צווישען לייטען . . . ביים ראבינער האט ער זיך צינעלעהרענט אביססעל תנ"ך אונ אביססעלע לעזען אונ שרייבען רישעש אונ דער ראבבינער זאגט איהם ניט קיין דעות איז יודעשקייט כי הוא זה! — איך האב מיך דערמאהנט אינ'ם מלאך מיכאל'ס ווארטער: „לאזען זיי זיך אליין געהן זייער וועג — אביא ניט דיא פינסטער, וויסטע ערציהינג פין דיא פוילישע „פוילישע יונגלעך" !" . . . אונ האב איהם אויף אללע זיינע רעד קיין איינציג ווארט ניט דערווידערט . . . בר מצוה איז ער נאך צוריק מיט א פאאר חדשים געווארען, אונ טאקע דער ראבבינער האט איהם געקויפט א פאאר תפלין אונ האט זיי איהם אליין אנגעטהן. איך קענן אייך נאר דאס זאגען, אז מיין יונגעל איז מיר עפעס איינגעזאקען געווארען אין הארצען, אונ דאס התקשרות צו איהם האט אין מיר ערוועקקט א רחמנות צו מיין ווייב אונ קינדער . . . איך האב מיך גיט בערעכענט ביי זיך: וואס, דיא לא יצלח, דיא נאר-נישט-מיט-נישט, דיא איבריגער אויף גאטט'ס וועלט! דיא דארפסט פערבענדיגען מיט דיין פלונית'טע! ? דיא סמייעסט צו דענקען אפילו מכח עפעס א נישט-קשה'דיק פנים'ל . . . ? דיא! ? — דיא „פויליש יונגעל" קעננסט דען, צי טארסט דען פרעטענדירען מעהר וויא אויף א „פויליש מאדעל"! ? דיא צערבראכענער שארבען, אויסגעמארכעוועטער יונגער זקן אונ עובר-בטול'דיג יונגעל! . . . דיר ליגט נאך אין זיננען אזעלכע מעשה נערות ? . . . איז דען דיין פלונית'טע ניט אומגליקקליכער מיט דיר, וויא דיא מיט איהר ? . . . נאר וויל זיא איז א „פויליש מאדעל" . . . טאר זיא ניט וויסען פין בעססערס וויא א „פויליש יונגעל" — דאס איז איהר דאליע, איהר זוג מששת ימי בראשית! . . . וויא זשע דערוועגסטו זיך עס יא צו וועללען וויסען פין בעססערס ? . . . — אונ באלד האב איך אראפגעהאפט פינ'ם מעמדות-געלט 10 גילדען אריבער דיא שכירות, אונ האב געניבען מיין יונגעל אויף הוצאות הדרך קיין קראקאדאליווקע אונ צוריקק, ער זאל ברענגען דיא מאמע מיט דיא קינדער צו מיר קיין וציוני . . . פינקט אויף שבת פרשה כי תבוא — דעם שבת פין דער תוכחה — איז מיין אומגליקליכע מאוס'ניצע געקיממען קיין וציוני; איך האב שוין געדינגען א היבש חדר מיט א קעכעל פאר 40 גילדען א יאהר אונ שבת-צונאכטס האבען מיר איבערנייעס חופה געהאט אונ בין געווארען א וציוני'ר בעל-הבית מיט א ווייב אונ 5 קינדער אויף 7 גילדען א וואך, חוץ אביסעל תקוו אין קלייזעל! . . .

מיילא מיין נחת-רוח אונ הרחבת-הדעת אין מיין פאמיליען-לעבען

ברוחניות... פֿערשטעהט איהר דאך מן הסתם... איך האב דאך ניט קיין שפּיגעל אין מיין שטיב, איך זאל זיך אויך קענען א מאל זעהען... — וואָרען דאס איינציגע צופּאהרענע טישעל מיט א פּירבאנק אין שטיב האט דאך מיר אויך דער בעל-הבית פֿין דער דירה אנטליגען פֿאר מצוה — אָבער אויגען האב איך דאך יא, צו זעהן פֿאר זיך אויפשטעהענדיג אונ לעגענדיג איין אלטע, האָרבאטע קראנקע, קויטיגע, זאווערע הקדיש׳ניצע... נא, אונ מיין ראסקאש פֿין 7 גילדען א וואך פֿערשטעהט איהר דאך אודאי! — היינט פֿערשטעהט, וואס פֿאר א זיססען שלום-בית איך האב געהאט פֿין אזעלכע 2 תענוגים שבעולם! ?... נישמעהר אללע פּוילישע יונגליך האבען דען געססערס פֿין מיר? — דאנקען אונ לויבען דעם וואס לעבט אייביג, וואס איך האב חאטש געהאט א שטיקעלע טרייסט אין מיין עלטער יונגעל זאל לעבען! אנדערע אין מיין גלייכען האבען דאך דאס אויך ניט געהאט, וואָרעו זיי האבען דאך דיא זכיה ניט געהאט, צו האָרען דעם כלאָד מיבעל׳ס דרשה, אונ האבען אליין מגדל געוועהן זייערע קינדער... איי מכוח לעבען 7 קראנקע נפשות מיט דירה-געלט, פֿאדאטש, שכר-למוד, א שיך אונ — חאטש איין מאל אין חודש — א ווייס העמד אויף 7 גילדען א וואך?... נא, וואס טיהען דיא איבריגע, אז זיי דארפֿען נאך געבּיך, פֿין אזא מיין הכנסה, ציהען אויף א פֿאהר צום רבי׳ן מיט א פּדיון׳דעל, אונ חאטש עפּעס צישטייער אויף דעם זילבערנעם פּאלימעפּעק, א מתנה דעם רבי׳ן...? אונ ווייטער וועל איך אייך זאגען דעם גאנצען זמת: ווי איך מאך טאקע ניט א שטיקעל מחק אינ׳ם חשבון פֿינ׳ם כימדות-געלט — וואָלט איך טאקע אויף קיין שטיקעל פּיסנע ברויט מיט ציבעלע׳ס אויך ניט געהאט! — נישמעהר ביז וואנען קענן מען אלץ שווינדלען אין א חשבון, ובפֿרט פֿאר׳ן רבי׳נס לעכטיגע אויגען...? איך האב אבי געשווינדעלט א יאהר דריי מיט כל מיני פּסלנות ביז דער רבי האט זיך פֿארט געחאפּט, אז ס׳פֿעהלט איהם פֿאר דיא 3 יאהר צום חשבון קארגע מאה זהובים פּויליש — נא, א קלייניקייט, גנבה׳נען פֿין אזא הקדש-געלט 15 קארבען מיט א מאל! אונ נאך ביי וועהמען? ביים רבי׳ן! ?... דאס איז דאך שוין טאקע עק וועלט!... קענן זשע נעביך דער רבי צאהלען אזעלכע קאטערזשנע פּראצענטען פֿאר 3000 קערבליך?... נא, נא, מן הסתם האט ער מיר באלד געגיבען א העברה פֿין מיין התמנות, אונ איך מיט מיין בני בית זענען מיר, פֿינקט אויף ראש השנה, געבליבען אהן א שטיקעל ברויט!... ערשט ערב ראש השנה פֿארנאכט האט מיין עלטער יונגעל געבראכט אין שטיב אריין 2 היבשע קוילטשען, א טעלער מיט פֿיש, (נאך רויע) 2 פֿינט רוי פֿלייש, א האלבע אקע וויין מיט א פֿינעפֿגילדענשטיק מזומן. איך האב עס ניט פֿערשטאנען, אז דאס איז פֿינ׳ם ראבינער, אונ האב איהם אפֿילו ניט געוואָלט איבערפֿרעגען.... יום טוב אין קלייזעל האב

איך ניט געזעהן, וויא אזוי מיינע חסידים קוקען אויף מיר פאר מיין גנבה ביים רבי'ן . . . אונ מוצאי יום טוב קוממט מיין יונגעל, אונ זאגט מיר, אז דער ראבינער מיט'ן ווייב בעטטען מיך זעהר צו זיך אויף א שעה; מיין יונגעל האט דאס אויסגערעדט מיט אזא הארצרייסענדיגער מונגע, אז איך האב איהם שוין גאר ניט געהאט, וואס צו ענטווערען, אונ בין אוועקגעגאנגען צום ראבינער . . .

מיילא, זאגט אייך שוין, וואס איהר ווילט: איך בין א גאר נישט, א נישט, א ניט ווערט, וואס דיא ערד טראגט מיך! אמת! איך בין עס אייך אליין מודה — נאר, אז איך האב דערזעהן דיא גיטע, לעבעדיגע רבקה'לע, איז מיר עפעס אזא טעהע אויפ'ן הארץ געווארען, אזא נאגען, אזא טיעף ציהען — אז איך בין שיר אויפ'ן ארט צוגאנגען אין עלענד אונ שמערץ! . . . .
וואזשע זאל איך טיהן, אז מיין ביטטער הארץ ווילל ניט וויססען ווער ס'איז . . . אונ שטיפט זיך אויך מיט פרעטענציעס אויף פיין אונ עדעל? . . . מיילא בקצור: דער ראבינער האט מיך זעהר פיין אויפגענעהמען, רבקה'לע האט מיר אליין דערלאנגט א גלאז טעה: זיי האבען מיט מיר גערעדט וויא מיט עפעס א לייטישען מענשען אונ האבען מיר דערצעהלט, אז זיי וויסען מיין לאנגע פין אל"ף ביז ת"ו, אונ פערשטעהן אפילו, וואס איך ל[illegible] אוים [illegible] פין מיינע טיעפע געוויססען . . . אונ האבען מיך זעהר הארצליך געט[illegible]ט, אונ דער ראבינער האט מיר פארגעלעגט, אז, הויב איך וויל, וועט ער מיך מיט פערגניגען צונעהמען פאר א שמש אין אללע שטאדט-שליחות'ן פין זיין קאנצעליאריא, אונ ער וועט מיר צאהלען 10 גילדען א וואך, א חוץ, וואס ס'קענן מיר נאך איינטראגען געוויססע 10 גילדען א חודש אין דער זייט. „א כלל, ר' איציקעל — האט ער מיר מיט אויפגעלעגטקייט געזאגט — זייט ביי אונז א בן בית, וויא ביי זיך אין דער היים, יאקאס וועט זיך גאטט ארימקוקען אויף אייער ביטטערער לאגע! . . .“ איך אליין, פין אייגענער בחירה, ווייסט דער אייבערשטער דעם אמת, אז איך וואללט געליטטען הינגער אונ קעלט אונ כל עגויים קשים, אונ וואללט מיך ניט געווארפען צו קיין צד נאך ראטיניק — נאר, אז איך האב געזעהן אזא מין מקרה, וואס איך וואללט עס מיך אין לעבען ניט גערעכט, נאך אזא האנדלען, וויא איך האב געגען איהם געהאנדעלט — האב איך א קלעהר געטיהן ביי זיך „אצבע אלהים הוא!“ אונ בין געבליבען שמש ביים ראבינער! — אבער! פין מיין אלטער קאליע טרייט איך אלץ ניט ארוים: איך טראג מיך וויא אללע חסידים, איך דאווען אין קלייזעל, איך חאפ א מאל א ביסעל תיקון, אונ בין בכלל א פשוט ערהרליכער יוד אונ לפנים א חסיד; ס'הייסט איך מיין ניט: א צבוע'ק, חלילה! פשוט, איך בין א חסיד אהן דיא אללע חסיד'שע מעשים . . . איך האר אונ זעה אונ שווייג! אפילו מיין יונגעל פיהרט זיך אויך אזוי וויא איך, אז מע קענן זיך באמת צו אונז גאר ניט געפינען . . . מיין

לאנגע אינ'ם שמשית האט זיך אויף אזוי פיעל פערבעסערט אויף וויפיעל דער מאגען האט זיך אונז פערבעסערט פון ברויט מיט ציבעלעס אויף ברויט מיט קאליש . . . ווייטער דער אייגענער דלות אין שטיב, דער הקדש, דאס שפלות דיא קללות אונ חרמות אונ דאס זעלבע נידריגע, קויטיגע, פינסטערע לעבען וויא תמיד, נאר דאנקען דעם אייבערשטען פאר'ן שטיקעל ברויט ! אזוי האב איך אבגע'שמש'ט א יאהר 3. מיין יונגעל האט שוין חתונה געהאט מיט א שאנער בתולה פון עהרליכע בעל-הבית'שען גראד אונ האט זיך געלעבט פון הויז-מלמדות, דאס צווייטע יונגעל האט דער ראבינער מיט מיין עלטערען זיהן אריינגעגעבען עפעס אין א מין רעמעסליענע שולע, — אינמיטטען איז מיין פלונית'טע געשטארבען — בין איך מיט 2 קליינע קינדער (דער פון דער דאריגע איז נאך פאר 2 יאהרען געשטארבען) געבליבען אליינע אינאיינעם מיט'ן זיהן, אונ וואלט מיר שוין אזוי געוועהן אבגעקאטשעט דאס פינס־טער שטיקעל וועלטעל ! — נאר דיא חברה חסידים האבען דאס אללעס . . . ניט געקענט פערדייען . . . אונ מע האט זיך אלץ געזוכט וויא זיך מיט מיר אבררעכנען ! — איך האב בעמערקט זייער קאלטקייט אונ כמעט וויא שנאה צו מיר — נאר אויף אזוי ווייט האב איך ניט אנגעהייבען רעכטען ! — אונ ויהי היום, אדער פינקטליכער געזאגט, ויהי בחצי הלילה, אום [illegible] בייטאכט וויא איך מיט דיא חסידים האבען מיר אביסעל אונטערגעשטיצעט בייא רב אין שטיב, האבען זיי מיך גיט פער'שכור'ט . . . אונ געהעריג א חיים האבען זיי מיך גע'הרגה'ט גע'ממית'ט אונ אונטערגעשלאגען דיא זייטען אונ האבען מיך אריינגעווארפען אין יאהר אריין ! — ערשט צום טאג האט איך מיין זיהן געפינען אונ אהיים געפיהרט אונ איך בין אבגעלעגען א חודש בין החיים והמות . . . אונ ערשט, אז איך בין עטוואס צו זיך געקוממען האבען דיא דאקטוירים פריזנייעט, אז איך האב דיא אמת'ע טשאכאטקע . . . . זייא גאנצע צייט פון מיין קראנק האט זיך דער ראבינער מיט רבקה'לען גאר אוועקגעלעגט מיט לייב אונ לעבען . . . אונ נאך ציינד ליג איך אונ טשאכנע אויף זייערע הוצאות אונ דערווארט פון טאג אויף טאג דעם מלאך הגואל, וואס זאל שוין גיכער אויסלעזען מיין בידנע, קליינע נשמה פון מיין פער'פגר'־טען גוף ארויס . . . מעהר, רבותים, האב איך שוין קיין כוח ניט צורעדען, ווער שמיעסט צו שרייבען ! — אפשר נאך מיין טויט וועט מיין זיהן אייך דאס איב־ריגע דערציילען. — דערווייל זייט געזונד אונ ווייסט תמיד בייא זיך, אז חאטשע איך האב דאך מיין וועלט פערשפיעלט נאר דורך אייער פוילישער זיססער קינדער-ערציעהונג — דאך גאה איך פרייליך פון דער וועלט, האפפענדיג, אז אפשר וועט איהר שוין, נאך דעם „פוילישען יונגעל" שוין מעהר ניט מגדל זיין נאך אזא „פויליש יונגעל" וויא איך, אייער קרבן,

יצחק יואל ליניעצקי.

# אינטערעסאנט און בעציהענד.

| | קאפ. רו"ב |
|---|---|
| אנטלאפענער קאססיר, שייקעוויטש | 60 — |
| אידישער פאריז (א דראמא), שייקעוויטש | 20 — |
| באראן און מארקיזה, שייקעוויטש | 20 — |
| בלוטיגע אינקוויזיציע, בובבינדער | 30 — |
| גאלד הענדלער, שייקעוויטש | 15 — |
| געבוירענער אסטראושניק, בעקערמאן | 15 — |
| וואהרע ליעבע, בובבינדער | 10 — |
| חסידיש יונגעל, לינעצקי | — 1 |
| חרם, שייקעוויטש | 40 — |
| טריפניאק, שייקעוויטש (2 טהייל) | 55 — |
| לידער און קופלעטען, פון א[illegible] | 20 — |
| ניט מיט ניט לעבעדיג, א[illegible] פוילישען יונגעלס א זוהן, לינעצקי | 35 — |
| עגונה, שייקעוויטש (2 טהייל) | 55 — |
| פערפלעקטער יחוס, שייקעוויטש | 35 — |
| פאלשער הערצאג, שייקעוויטש | 20 — |
| פערשטעלטער פרינץ, בובבינדער | 10 — |

## קארטע פאלעסטינא

אנייע פיעל פערבעסערטע און פערמעהרטע אויסגאבע קארטע פאלעסטינא, אין דיזער קארטע קומט אריין אללע שטעדט, שטעדטליך, קאלאניעס, מיט די אללע נייעסטע קאלאניען בארץ הקדושה, געצייכענט איפיל יעדער קאלאניע האט מענשען, און וויפיעל ערד יעדער קאלאניע פערמאגט, די קארטע איז פראכטפאל שעהן געדרוקט אין 8 שעהנע פארבען, און האלט 1 ארשין די לענג און 3 פערטיל ארשין די ברייט. פרייז 40 קאפ.

---

**עיט צבוע** ספור נפלא מהסופר הנודע לשם ולתהלה **אברהם מאפו** ז"ל חמשה חלקים, מחירו 1. 50 רובל.

---

אדרעססע

Книжный магазинъ Бр. Блетницкихъ, Одесса.

улица Скобелева № 37 (бывш. Еврейская).

Buchhandlung Gebrüder Bletnizky in Odessa (Russia).